STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02079

DI SREYFE IN LONDONER TURME

Charles Dickens

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טשאַרלז דיקענס

די שרפה אין לאָנדאָנער טורמע

ראָמאַן

1924
ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין

געדרוקט פון מאטריצן

K. Dikens. Pożar w więzieniu londyńskiem.

Drukarnia „Wydawnictwo Wileńskie“ B. Kleckina Wilno
M.-Stefańska 23.

1. די קרעטשמע.

אין יאָהר 1775 איז בּיים ברעג פון עפּינגער וואַלד, צוועלף ענגלישע מייל פון לאָנדאָן, געשטאַנען אַ קרעטשמע מיט'ן נאָמען די „מייפּאָול" *).

אונזער געשיכטע פאַנגט זיך אָן אין דער קרעטשמע, פאַרנאַכט אין מאָנאַט מערץ. דער ווינד האָט געפּייפט צווישען די צווייגען פון די בּוימער און אין די קוימענס פונ'ם הויז, דער רעגען האָט געשמיסען אין די פענסטער פון דער מייפּאָול, און דאָס איז געווען אַ גענוגענדער טעם פאַר די געסט, וואָס האָבּען זיך דאָרט געפונען, צו בּלייבּען אין שיינק ווי מעגליך לענגער, ווער שמועסט, אַז דער שיינקער האָט נביאות געזאָגט, אַז אויסלייטערן וועט זיך פּונקט עלף אַ זייגער; דורך אַ מערקווירדיגען צופאַל איז עס געווען גראָדע די שטונדע, ווען ער שליסט געוועהנליך דעם שיינק.

דער מאַן, אויף וועמען די נבואה האָט גערעדט, האָט געהייסען דזשאָן ווילעט, — אַ מאָס'ווער פאַרשוין מיט אַ גרויסען

---

*) אַ סאָרט אָליווען-בּוים.

קאָפּ אין אַ פעסטען פּנים, אויף וועלכען עס איז דייטליך געווען אָנגעצייכענט טיפע קשיות און אַ שווערע, לאַנגזאַמע תּפיסה, פערפלאָנטערט מיט אַ פעסטער זכרהייט אין זיין אייגענעם פערשטאַנד.

מיסטער ווילעט איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, האָט צוגעדריקט זיין פעסטע נאָז צו דער קאַלטער שויב, האָט זיך פערשטעלט מיט דער האַגה פון דער רויטער שיין, וואָס האָט געפלאַמען פון אויווען, און געוואָרפען אַ בליק דרויסען. דערנאָך איז ער געקומען צוריק אין זיין ווינקעל נעבען אויווען, האָט זיך אַ קנייטש געטהון ווי פון קעלט און אַרויסגעזאָגט, קוקענדיג אַרום אויף זיינע געסט:

— עס וועט זיך אויסלייטערן עלף אַ זייגער. נישט פריהער און נישט שפּעטער. נישט פאַרדעם און נישט נאָכדעם.

— פון וואַנען נעמט איהר עס? — האָט געפרעגט אַ קליין מענשעלע פון צווייטען ווינקעל. — די לבנה איז שוין היינט נישט גאַנץ און געהט-אויף ניין אַ זייגער.

דזשאָן האָט שטרענג בעקוקט דעם פרעגער; דאָס האָט געדויערט אַ היבשע ווײלע, ביז ער האָט גוט צוקייט יענעמ'ס בעמערקונג, און דאַן האָט ער געענטפערט אין אַ טאָן, וואָס האָט דייטליך געגעבען צו פערשטעהן, אַז די לבנה איז ספּעציעל זיינער אַנ'ענין, נישט קיינעמס:

— זאָל אייך נישט אַרען פאַר די לבנה, זאָל אייך דער קאָפּ פאַר איהר נישט דאַרען. איהר לאָזט די לבנה געמאַך, וועל איך אייך לאָזען געמאַך.

ער האָט פאַרריכערט זיין ליולקע און האָט שווייגענדיג גע-עמען פּיפּקען, וואַרפענדיג פון צייט צו צייט זייטיגע בליקען אויף איינעם פון זיינע געסט. דאָס איז געווען אַ מענש, אין אַ ברייטען רייזע-מאַנטעל, בעפוצט מיט אָפּגעראָכענע זילבער-שפּיצען און גרויסע מעטאַלענע קנעפּ. ער האָט געטראָגען אַ ברייטען הוט אָנגערוקט אויף די אויגען און איז דערצו געזעסען אָנגעשפּאַרט מיט זיין קאָפּ אויף אַ האַנד, אַזוי אַז זיין געזיכט

איז געווען כמעט אינגאַנצען פערבאָרגען, און האָט זיך געהאַלטען וויט פון דער גאַנצער קאָמפּאַניע.

אין צימער האָט זיך געפונען נאָך אַנ׳אַנדער גאַסט, אין שטיוועל מיט שפּאָרען, וועלכער האָט, קענטיג, געטראַכט פון ענינים, וואָס האָבען קיין שום שייכות ניט געהאַט צו דעם געשפּרעך; דאָס איז געווען אַ יונגער־מאַן פון אַ יאָהר אַכט און צוואַנציג, הויך, שלאַנק און פעסט געבויט. זיינע קליידער, הגם פערשלומפּערט און פערבלאָטיגט פון וועג, האָבען געצייגט אויף אַ רייכען עלעגאַנטען דזשענטעלמען. אויפ׳ן טיש נעבען איהם איז געלעגען זיין הוט, אַ בייטש און צוויי פּיסטאָלטען.

מיסטער ווילעט׳ס אויגן האָבען בלויז איין מאָל אַ וואַנדער געטהון צום דאָזיגען יונגען מענשען, און אין זיי איז געווען די פראַגע, אויב ער האָט בעמערקט זיין שווייגענדיגען שכן.

דער מאַטוועי שיינקער האָט פערמאַכט אַ פּאָר בלייערנע אויגען, אויסגעגלאָצטע ווי ביי אַ פיש; דאָס קליינע מענשעלע, וואָס האָט געמאַכט די בעמערקונג וועגען דער לבנה און וועלכער איז געווען דער שרייבער און גלאָקענצי׳הער אין נאָהענטען דערפעל טשיגוועל, האָט געהאַט, פערקעהרט, צוויי קליינע בליצענדע אויגעלעך; דערפאַר אָבער איז זיין גאַנצער קאָסטיום געווען בענייהט מיט עפּעס מאָדנע גלאַנציגע קנעפּלעך, וואָס האָבען אויסגעזעהן, פּונקט ווי זיינע אויגען, אַזוי אַז דער מענש האָט ווי געקוקט מיט צעהנדליגער אויגען, און זיי אַלע זענען געווען אָנגעשטעלט אויפ׳ן אונבעקאַנטען גאַסט.

עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס דער פרעמדער אינ׳ם אָנגערוקטען הוט איז סוף כל סוף געוואָרען אונרוהיג, האָט אומגעדרעהט זיין קאָפּ, און בעמערקענדיג, ווי מ׳בעטראַכט איהם אַזוי אויפמערקזאַם, האָט ער געוואָרפען אַ בייזען, פערדעכטליכען בליק צו דער גרופּע ביים אייוען. אַלע האָבען מאָמענטאַל אומגעווענדט זייערע אויגען צום אייוען, אויסער דזשאָן ווילעט, וועלכער, דערזעהענדיג, אַז מ׳האָט איהם געכאַפּט, און נישט וועלענ־

דיג, ווי מיר ווייסען שוין, קיין צו־פלינקע בריאה, איז ער געבליבען אין דערזעלבער פּאָזע, גלאָצענדיג די אויגען אויף זיין גאַסט אַ היבש ביסעל צודולט.

— נו? האָט דער פרעמדער געזאָגט.

נו. אין „נו" האָט מען פיעל נישט געקאָנט געפינען, אַ גאַנץ קורצע רעדע געווען.

— איך האָב געמיינט, איהר האָט עפּיס בעשטעלט, — האָט דער שיינקער געענטפערט נישט שפּעטער, ווי נאָך צוויי־דריי מינוט ישוב־הדעת.

דער פרעמדער האָט אַראָפּגענומען זיין הוט און האָט אנטפּלעקט אַ געזיכט פון אַ מענשען פון אַ יאָהר זעכציג, מיט האַרטע שטריכען, מיט אַ הויט ווי אָנגעבלאַקירט פון צייט און אונגעוויטער. ארום זיין קאָפּ איז געווען שטייף אַרומגעבונדען אַ טונקעלע פאַטשיילע, וועלכע האָט איהם קיין חן נישט צוגעגעבען, נישט מעהר, די האָט פערשאָטענט זיין שטערן. אויב ער האָט געמיינט מיט דער פאַטשיילע פערדעקען אַ פּע־צויגענעם שניט פון אַ וואונד, האָט ער זיין ציעל נישט דערגרייכט, דען דעם דאָזיגען שניט איז לייכט געווען צו בעמערקען ביים ערשטען בליק אויף איהם. צו דעם אַלעם איז ער געווען בלאַס און געלבליך, ווי אַ מת.

ער איז אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט און איז צוגעגאַנגען צום אויווען, וואו דער קליינער דאָרפישער שרייבער האָט פאַר איהם שנעל געמאַכט אַן אָרט, אויס העפלעכקייט אָדער אויס מורא.

— אַ רייבער! — האָט טאַם קאָב אַ מורמעל געטהון צום וואַלד־וועכטער.

— דענקט איהר, אַז רייבער קליידען זיך נישט שענער פון דעם נפש? — האָט פאַרקס שטיל געענטפערט. — רייבעריי איז אַ בעסערע פרנסה, ווי איהר שטעלט זיך פאָר, טאַם, און רייבער זענען נישט געוועהנט אויסצוזעהן אַזוי אָבגעריסען, איהר מעגט זיך פערלאָזען אויף מיינע רייד.

דער פרעמדער האָט דערוויל בעשטעלט עפּיס צו טרינקען. דעם דאָזיגען פערלאַנג האָט גלייך צופריעדענגעשטעלט דעם שיינקערס זוהן דזשאָו, אַ יונג פון אַ יאָהר צוואַנציג מיט ברייטע אַקסלען, וועמען זיין פאָטער האָט נאָך אַלץ געהאַלטען פאַר אַ קינד, און זיך מיט איהם בעגאַנגען ווי מיט אַ קינד.

דער פרעמדער האָט אַ וואַרים געטהון זיינע הענד ביים פייער און דאַן האָט ער שאַרף בעקוקט די אַרומיגע און האָט געפרעגט מיט אַ האַרטער שטים, וואָס האָט זיך גוט געפּאַסט צו זיין אויסזעהן:

— וואָס איז עס פאַר אַ הויז, אָט דאָס, וואָס שטעהט אונגעפעהר אַ מייל ווייט פון דאַנען?

— אַ קרעטשמע? — האָט דער ווירטה איבערגעפרעגט נאָך זיין געוועהנליכער פּויזע.

— אַ קרעטשמע, טאַטע! — האָט דזשאָו אויסגערופען. — וואו האָסטו קרעטשמעס אַ מייל ווייט פון דער מייפּאָול? ער מיינט דאָס גרויסע הויז — דאָס וואָרען-הויז, נאַטירליך. אַנאַלטען רויטען מיער מיינט איהר, סער*)?

— יאָ, האָט דער פרעמדער געענטפערט.

— מיט פופצעהן-צוואַנציג יאָר צוריק, — האָט דער יונגערמאַן ווייטער גערעדט, — איז ער געשטאַנען אין אַ פּאַרק, וואָס איז געווען פינף מאָל אַזוי די גרויס, נאָר פון דאַן אָן האָט מען פון איהם געריסען שטיקערווייז, ביז עס איז געבליבען דאָס, וואָס ס'איז פאַרהאַן.

— זעהר מעגליך, — האָט דער פרעמדער געזאָגט. — אָבער מיין פראַגע בעציהט זיך אויפ'ן איינגענטימער. וואָס עס איז געווען — אינטערעסירט מיך נישט, און וואָס עס איז איצט — זעה איך אַליין.

— דעם איינגענטימערס נאָמען איז דערוויל מיסטער

---

*) מיין העררר.

דזשאָפרי הערדייל; דאָס איז אַ ווירדיגער דזשענטעלמען — הם...
האָט דזשאָו געענטפערט.

און דערביי האָט דזשאָו ווידער אַ קוק געטהאָן אויף אַ יונגען-
מאַן מיט אַ בעדייטענדער מינע. אָבער דער פרעמדער האָט נישט
געאַכטעט אויף זיינע מינעס און האָט פאָרטגעזעצט זיינע פראַגען:

— איך בין אַראָב פון הויפּט-וועג, געהענדיג אַהער, און בין
געגאַנגען מיט'ן שטעגעל פאַרביי דעם הויז. ווער איז געווען די
יונגע ליידי, וואָס איך האָב געזעהן זיך זעצען אין אַ קאַרעטע? זיין
טאָכטער?

— ווי קען איך עס וויסען? — האָט דזשאָו געענטפערט,
רוקענדיג זיך נעהנטער צום פרעמדען. — איך האָב די ליידי
נישט געזעהן, פערשטעהט איהר מיך. ווי! אָט דאָס הייסט אַ
ווינד און אַ רעגען — נו, אַ נאַכט!

— יאָ, דאָס וועטער איז ווירקליך שלעכט, — האָט דער
פרעמדער בעמערקט.

— איהר זענט געוועהנט צו אַזאַ וועטער? — האָט דזשאָו
געפרעגט, וועלענדיג ווי-עס-איז אָבפיהרען דעם שמועס אַן אַ זייט.

— נישקשהדיג, — האָט יענער געענטפערט. — נאַר, וואָס
איהר זאָגט די יונגע ליידי! — האָט מיסטער הערדייל אַ טאָכטער?

— ניין, ניין, — האָט דער יונג האַסטיג געענטפערט, —
ער איז אַ בחור — ער איז — ווערט שוין אַנטשוויגען אַמאָל,
מענש! איהר זעהט דען נישט, אַז אונזער שמועס געפעלט נישט
אָנ'דאָרטען?

אָבער דער פרעמדער האָט זיך געמאַכט נישט הערענדיג די
לעצטע ווערטער, וואָס זענען געזאָגט געוואָרען אין דער שטיל,
און האָט זיך גערעדט זיינס:

— בחורים האָבען אויך אַמאָל קינדער.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ ווערטער? — האָט דזשאָו גע-
זאָגט, און צוגעהענדיג נעהנטער, האָט ער צוגעגעבען אין דער
שטיל: — איהר וועט דאָ איינרייסען מיט עמיצען סוף כל סוף.

— איך בין דאָ נישט אימען קיין שלעכטס, — האָט יענער

דרייסט געענטפערט, — און האָב נישט בעדױפטעט קײן זאַך. איך שטעל אַ פּאָר פראַגען װעגען אַ דױז, װאָס איז מיר אונבעקאַנט. דאַכט זיך, אַ גאַנץ נאַטירליכע זאַך פּאַר אַ פרעמדן מענשען, און איהר קוקט אױף מיר אַזױ, װי איך װאָלט דאָ געפּלאַנעװעט פּערראַטה געגען דעם קעניג. אפשר קאָנט איהר, סער, מיך קלאָהר מאַכען אין די זאַכען, װײל איך בין, װי געזאָגט, אַ פרעמדער, און דאָס אַלץ איז פאַר מיר טערקיש.

די לעצטע פראַגע איז געװען געװענדט צום יונגען־מאַן, װעלכער האָט זיך אױפגעהױבען פון אָרט און זיך פּאַרבערײטעט אַװעקצופאָהרען. דער יונגער־מאַן האָט קורץ געענטפערט, אַז ער קאָן איהם קײנע אױסקינפטע נישט געבען, האָט בעצאָהלט דזשאָ'ן זײן רעכנונג און איז אַרױס פון צימער, בעגלײט פון'ם שײנקער'ס זוהן, װעלכער האָט מיטגענומען אַ ליכט צו בעלײכטען איהם דעם װעג.

די גאַנצע צײט, װאָס דזשאָ איז געװען דרױסען, זענען דער שײנקער מיט זײנע חברים געזעסען שטום און האָבען חמורנע געדרײכערט זײערע ליולקעס, מיט זײערע אױגען געריכטעט אױפ'ן קופּערנעם קאָכקעסעל, װאָס איז געהאַנגען איבער'ן פײער. אין אַ קורצער צײט אַרום האָט דזשאָן װילעט לאַנגזאַם אַ שאָקעל געטהון מיטן קאָפּ, גלײך דערױף האָבען זײנע פרײנד אױך אַ שאָקעל געטהון מיט זײערע קעפּ, אָבער קײנער פון זײ האָט נישט אַראָבגענומען קײן אױג פון'ם קעסעל, װי אױך אױף אַ האָהר נישט געענדערט דעם שטרענגען און פײערליכען אױסדרוק פון געזיכט.

2. די טױטען־גלאָק.

ענדליך איז דזשאָ געקומען צוריק, — זעהר בערײדעװדיג און אַזױ װי ער װאָלט עפּיס אַזױנס פערגלעטען.

— װאָס ליעבע איז! — האָט ער געזאָגט, צורוקענדיג אַ שטוהל צום פײער, זיכענדיג מיטגעפיהל בײ די אַרומיגע און

די אינגעל. — ער האָט אַוועקגעשפּאַנט קיין לאָנדאָן צו-פוס, — גלייך קיין לאָנדאָן. זיין פערדעל האָט פּלוצים אָנגעהויבען צו הינקען, האָט ער עס געלאָזען אין שטאַהל, געלאָזען אַ הייסע וועששערע און אַ ווייך, וואַרים בעט, און דאָס אַלץ צוליעב דעם וואָס מיס הערדייל איז געפאָהרען אין שטאָדט אויף אַ מאַסקענבאַל, און איהם ווילט זיך דווקא זי צו זעהן! איך וואָלט עס ניט געקאָנט. אָט ווי שען זי איז, — אמת, איך בין נישט פערליעבט, און דאָס מאַכט דעם גאַנצען אונטערשיעד.

— איז ער, הייסט עס, פערליעבט? — האָט דער פרעמדער געפרעגט.

— נאָך ווי אַזוי, — האָט דושאָ געענטפערט. — מעהר פערליעבט וועט ער שוין קיינמאָל נישט זיין, וועניגער — איז זעהר מעגליך.

דושאָ האָט עפּיס געוואָלט ענטפערן.

— שווייג, סער! — האָט זיין פאָטער אַרויסגעהונערט, — אַז מ'פרעגט דיך דיין מיינונג, זאָג. אַז מ'רעדט צו דיר, קאָנסטו ענטפערן. אַז מ'פרעגט ביי דיר נישט און מ'רעדט צו דיר נישט, דאַרפסטו נישט ענטפערן און נישט ריידען. אַ שענע וועלט געוואָרען היינטיגע צייטען! איך זעה איין, אַז עס זענען שוין גאָר קיין יונגלעך נישט געבליבען — נישטאָ מעהר קיין סימן פון אַ יונגעל — קיין אונטערשיעד צווישען אַ קינד אַ זכר און אַ דערוואַקסענעם מאַנספּערשוין — אַלע יונגלעך האָבען זיך אויסגעלאָזען מיט זיין געבענשטער מאַיעסטעט דעם קעניג דושאָרדוש דעם צווייטען.

און צום פרעמדען האָט ווילעט געזאָגט:

— איהר וואָלט בעסער געוועהן שטעלען אייערע פראַגען צו דערוואַקסענע מענשען, וואָלט מען אייך צופריעדענגעשטעלט אויפ'ן בעסטען אופן, און איהר וואָלט זיך פערשפּאָרט אומזיסטע מיה. מיס הערדייל איז מיסטער דושאָפרי הערדיילס אַ פּלימעניצע.

— נו, און אידר פאָטער לעבט נאָך? — האָט דער אונבע־קאַנטער גלייכגילטיג געפרעגט.

— ניין, — האָט דער ווירטה געענטפערט, — ער לעבט נישט און איז נישט געשטאָרבען....

— נישט געשטאָרבען! — האָט דער אומבעקאַנטער אויסגע־שריען.

— נישט געשטאָרבען אין געוועהנליכען זין פון וואָרט, — האָט דער שיינקער געזאָגט.

די שכנים האָבען ווידער אַ שאָקעל געטהון מיט די קעפּ, און מאַרקס האָט שטיל אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז דושאָן ווילעט האָט היינט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון זיינע פעהיגקייטען און קאָן פערריידען אַפילו אַן אַדוואָקאַט.

דער פרעמדער האָט געוואַרט אַ ביסעל, דערנאָך האָט ער שאַרף געפרעגט:

— וואָס מיינט אידר דערמיט?

— מעהר, ווי אידר דענקט, מיין פריינד, — האָט דושאָן גע־ענטפערט. — אין די דאָזיקע ווערטער שטעקט אפשר אַ טיעפערער מיין, ווי אידר קאָנט זיך פאָרשטעלען.

— אפשר יאָ, — האָט דער פרעמדער גראָב געזאָגט. — אָבער צו וועלכען שוואַרץ יאָהר רעדט אידר היינט אַלץ מיט סודות און רעטענישען? פריהער זאָגט אידר אויף אַ מענשען, אַז ער איז נישט לעבעדיג, אָבער אויך נישט געשטאָרבען — דערנאָך, אַז ער איז נישט געשטאָרבען אין געוועהנליכען זין פון וואָרט — לסוף דערצעהלט אידר מיר, אַז אידר מיינט דערמיט פיעל מעהר אידער איך קאָן מיך פאָרשטעלען. דעם אמת געזאָגט, קאָנט אידר לייכט מאַכען אָט די אַלע קונצען, ווייל ווי איך פערשטעה, מיינט אידר לחלוטין גאָרנישט. איך פרעג אייך נאָכאַמאָל, וואָס פאַרט מיינט אידר דערמיט?

דושאָן ווילעט איז אַ ביסעל אַראָב פון זיין גדולה.

— דאָס איז אַ מייפּאָלער געשיכטע, — האָט ער גע־זאָגט, — אונזערע אַנ׳איגענע. זי געהערט צום דאָזיגען הויז.

און קיינער, אויסער סאָלאָמאָן דייוי, האָט זי קיינמאָל נישט דערצעהלט און וועט זי קיינמאָל נישט דערצעהלען.

דאָס איז געווען דעם שרייבער און גלאָקען-ציהערס נאָמען. ער האָט פריהער אַראָבגעלאָזען די אויגען צו דער ערד מיט גרויסער עניוות, האָטש ער איז פלוצים געוואָרען די ערשטע און וויכטיגסטע פערזאָן אין צימער; דערנאָך האָט ער זיך אַריינגערוקט טיעפער אין זיין שטוהל, האָט אַרויסגענומען די ליולקע פון מויל און ביי דער טונקעל'ער און טאַנצענדער שיין פונ'ם אייווען האָט ער אָנגעפאַנגען זיין געשיכטע:

— מיט צוויי און צוואַנציג יאָהר צוריק איז מיסטער רובען הערדייל, מיסטער דושאָפּריס עלטער'ער ברודער...

דאָ איז ער געבליבען שטעהן און האָט געמאַכט אַזאַ לאַנגע פויזע, אַז אַפילו דושאָן ווילעט האָט פערלויר'ען די געדולד און געפרעגט, פאַרוואָס ער דערצעהלט נישט ווייטער.

— קאָב, — האָט סאָלאָמאָן דייוי שטיל געפרעגט ביים וואַלדוועכטער: וואָסער טאָג אין מאָנאַט איז היינט?

— דער ניינצעהנטער.

— מערץ, — האָט דער שרייבער געזאָגט, — דער ניינצעהנטער מערץ; דאָס איז עפּיס נישט גלאַטיג.

אַלע האָבען איינגעשטימט דערמיט, און סאָלאָמאָן האָט ווידער אָנגעהויבען:

— מיסטער רובען הערדייל, מיסטער דושאָפּרי'ס עלטערער ברודער, איז מיט צוויי און צוואַנציג יאָהר צוריק געווען דער אייגענטימער פונ'ם גוט וואָרען, וועלכעס איז דעמאָלט, ווי דושאָ האָט געזאָגט, געווען ווערטה פיעל מעהר אַלס היינט. זיין פרוי איז געשטאָרבען מיט אַ קורצער צייט פריהער און האָט איהם געלאָזען אַ קליין מיידעלע — די מיס הערדייל, וועגען וועלכער איהר האָט געפרעגט און וועלכע איז דאַן קיים אַלט געווען איין יאָהר.

דגם דייוי האָט זיך געווענדט מיט זיין ערצעהלונג אויסשליסליך צום אונבעקאַנטען, האָט יענער פונדעסטוועגען געקוקט

אָן אַ זייט מיט אַ מינע, ווי איהם אינטערעסירט די גאַנצע געשיכטע אַ האָר נישט. סאָלאָמאָן האָט דעריבער אומגעדרעהט דעם קאָפּ צו זיינע פריינד, כדי צו ווייזען, וואָס פאַר אַ פנים ביי איהם האָט אַזאַ גראָבקייט.

— מיסטער הערדייל, — האָט דער דערצעהלער פאָרטגעזעצט, — האָט פערלאָזען די געגענד נאָך זיין פרויס טויט, ווייל איהם איז דאָ געווען אומעטיג, און איז אַוועק קיין לאָנדאָן, וואו ער האָט פערבראַכט איניגע מאָנאַטען; געפינענדיג אָבער, אַז דאָרט איז איהם אומעטיג נישט ווייניגער ווי דאָ, איז ער פּלוצים צוריקגעקומען מיט זיין מיידעלע קיין וואָרדען און האָט מיטגעבראַכט מיט זיך צוויי דיענסטען און אויסגעדרעהט זיין עקאָנאָם און זיין גערטנער. די איבעריגע דיענער זענען געבליבען דערווייל אין לאָנדאָן און האָבען בעדאַרפט קומען אויפ'ן צווייטען טאָג.

„דאַרף זיך מאַכען, אַז גראָד יענע נאַכט זאָל שטאַרבען אַני אַלטער, אָרימער דזשענטעלמען, און איך בעקום אַ בעפעהל צו געהן האַלב איינס ביי-נאַכט צו קלינגען נאָך זיין נשמה.

„דער בעגראַבער איז דאַן געלעגען אַ פערקיהלטער צו-בעט, האָב איך, הייסט עס, נאָך געמוזט געהן איינער אַליין, דען עס איז געווען צו-שפּעט און אונמעגליך צו קריגען וועמען עס איז פאַר אַ בעגלייטער. איבעריגענס, די גאַנצע מעשה איז פאַר מיר נישט געווען אומגעריכט, דען דער אַלטער האָט נישט איינמאָל אויסגעדריקט זיין וואונש, אַז די גלאָק זאָל אָנזאָגען וועגען זיין טויט באַלד נאָך יציאת נשמה, און דאָס האָט מען ערוואַרטעט פון טאָג אויף טאָג. איך האָב זיך דעריבער געמאַכט הערץ, האָב זיך וואַרים אָנגעטהון, גענומען אַ לאַמטערן און דעם שליסעל פון דער קירך און זיך געלאָזען אין וועג אַריין”.

ביי דעם פונקט פון דער ערצעהלונג האָט זיך געלאָזען הערען אַ שוואַך געריש פון ווינקעל, וואו דער פרעמדער איז געזעסען, ווי ער וואָלט זיך אַ רודער געטהון און זיך אויסגעדרעהט צום דערצעהלער.

— עס איז געווען פונקט אַזאַ נאַכט ווי היינט; דער ווינד

האָט געשטורמט, אַ שטאַרקער רעגן האָט געשמיסען די ערד, און עס איז געווען זעהר פינסטער, טהיר און פענסטער אין אַלע הייזער זענען געווען פערהאַקט, מענשען האָבען זיך געהאַלטען בחדרי חדרים, און איטער מיר איז וואַהרשיינליך פאַרהאַן אויף דער וועלט בלויז נאָך אַ מענש, וואָס ווייסט, ווי פינסטער דעמאָלט איז געווען.

„איך בין אַריינגעקומען אין קירך, האָב געלאָזען די טהיר האַלב אָפען — וויל, דעם אמת געזאָגט, האָט זיך מיר נישט געגלוסט צו פערשליסען זיך דאָרט איינער אַליין — און האָב זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעלע, וואו דער גלאָקענשטריק איז געהאָנגען, אַראָבצונעהמען דעם אָבגעברענטען שנויץ פון מיין ליכט.

„אָבגעטהון די דאָזיקע אַרבייט, האָב איך געדאַרפט נעהמען קלינגען, אָבער — די הענד האָבען זיך ביי מיר נישט געהויבען, איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס. עס האָבען זיך מיר דערמאָהנט אַלע געשיכטען פון גייסטער און מתים, וואָס איך האָב אין מיין לעבען געהערט; איך האָב זיך דערמאָהנט, וואָס מ'זאָגט ביי אונז אין דאָרף, אַז אין אַ געוויסער נאַכט געהען די מתים אַרויס פון דער ערד און זיצען ביז טאָג אויף זייערע קברים. דאָ נעבען דער קירך האָבען גערוהט די גופים פון פיעל מיינע בעקאַנטע, און איך האָב געקלערט, ווי שוידערהאַפט עס איז דורכצוגעהן צווישען זיי אַלע, בעת זיי זיצען אַזוי אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט. דערנאָך האָט זיך מיר אָנגעהויבען איינוויזען, אַז איך זעה דעם נאָר-וואָס געשטאָרבענעם אַלטען, שטעהן אין אַ ווינקעל פון דער קירך און זיך וויקלען אין זיינע תכריכים, ווי ציטערנדיג פון קעלט. ענדליך האָב איך זיך געשטאַרקט, בין אויפגעשטאַנען פון פלאַץ און האָב אָנגענומען דעם שטריק פון גלאָק.

און דער מינוט האָט עס געגעבען אַ קלונג. דאָס איז נישט געווען פון מיין גלאָק — איך האָב קוים בעריהרט דעם שטריק. דאָס איז געווען אַ קלונג פון אַן'אַנדער גלאָק, און דערצו אַ טיעפער און געדיכטער. עס האָט געדויערט איין-איי-

זיינען אויגענבליק, און גלייך האָט דער ווינט פערטראָגען דעם קלאַנג, אָבער געהערט האָב איך איהם דייטליך. איך האָב גענומען זיך צוהערען, נאָר עס האָט מעהר נישט געקלונגען. איך האָב געהערט אַמאָל ריידען פון טויטען-ליכט, האָב איך איצט בעשלאָסען, אַז עס מוז זיין אויך אַ טויטען-גלאָק, וואָס קלינגט פון זיך זעלבסט פאַר די טויטע אין מיטען דער נאַכט. איך האָב אָבגעצויגען מיין גלאָק — ווי אַזוי און ווי לאַנג, ווייס איך אַליין נישט — און בין קוים לעבעדיג געקומען צולויפען אַהיים.

אין דער-פריה האָב איך דערציילט די שכנים, וואָס איך האָב געהערט בייַ-נאַכט, און וועניג ווער עס האָט מיר געגלויבט. נאָך דעמזעלבען פריה-מאָרגען האָט מען געפונען מיסטער רובען הערדייל'ן אַ דערהרג'עטען ביי איהם אין בעט; אין האַנד האָט ער געהאַלטען אַ שטיקעל פון דעם שטריק, וואָס איז געווען צוגעבונדען צו דער גרויסער אַלאַרם-גלאָק דרויסען אויפ'ן דאַך; דער שטריק איז געוועהנליך געהאַנגען ביי איהם אין צימער; דערזעהענדיג די געפאַהר, האָט ער, קענטיג, אָנגעכאַפּט דעם שטריק און בעוויזען אָנצוקלינגען בלויז איין מאָל, דען דער מערדער האָט גלייך איבערגעשניטען דעם שטריק.

„אַט דאָס איז געווען דער קלונג, וואָס איך האָב געהערט.

„דער שרייב-טיש איז געווען איינגעבראָכען און אַ קאַסע, אין וועלכער עס האָט געמוזט זיין אַ גרויסע סומע געלד, איז פערשוואונדען. פערשוואונדען זענען אויך דער עקאָנאָם און דער גערטנער, און אַ לאַנגע צייט האָט מען זיי ביידען חושד געווען אינ'ם מאָרד. ענדליך האָט מען געפונען דעם קערפּער פונ'ם אָרימען מיסטער ראָדוש — דעם עקאָנאָם — אין אַ טיעפער ציסטערנע מיט וואַסער אין פעלד. דעם קערפּער האָט מען שוין דערקענט בלויז אָן די קליידער און אָן דעם זייגער אין קעשענע. אין דער ברוסט האָט ער געהאַט אַ טיעפע מעסער-וואונד. קענטיג, מ'האָט איהם ערמאָרדעט ביי איהם אין צימער, וויל דאָרט האָט מען געפונען בלוטיגע צייכענס.

„איצט איז פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרען, אַז דעם האָפּעלטען

מאָרה האָט בעגאַנגען דער גערטנער. און תאָמש ער איז ווי אין וואַסער אַריין, ווען מען נאָך הערען פון אידם, געדענקט מיין וואָרט. געשעהן איז עס דעם 19־טען מערץ פון יאָהר 1753, פונקט מיט צוויי און צוואַנציג יאָהר צוריק. און דעם 19־טען מערץ פון אַ וועלכען עס איז יאָהר — איך בין דערין איבערצייגט, ווייל יעדעס יאָהר אין דעם טאָג קומען מיר אַרויף אין אונזער געשפרעך, איך ווייס אַליין נישט ווי אַזוי, אויף די דאָזיגע געשיכטע — אַלזאָ, דעם 19־טען מערץ פון אַ וועלכען עס איז יאָהר, פריהער אָדער שפעטער, וועט מען דעם דאָזיגען מענשען אויסגעפינען".

3. אַ בייזע בעגעגעניש.

— אַ מאָדנע געשיכטע! — האָט דער אונבעקאַנטער געזאָגט. — נאָך מאָדנער וועט זיין, אויב אייער נבואה וועט מקוים ווערען. און דאָס איז גאָר?

אַזאַ אונערוואַרטעטע פראַגע האָט דייזין אַראָבגעשלאָגען פון טראָפ. דערצעהלענדיג די געשיכטע זעהר אָפט און בעפוצענדיג זי יעדעס מאָל מיט נייע שטריכען און צאַצקעס, האָט ער זיך סוף כל סוף אויסגעלערנט צו דערצעהלען זי מיט גרויסען עפעקט און איז נישט געוועהנט געווען צו'ן אַ „דאָס איז גאָר?" נאָכן שלום.

— צי דאָס איז גאָר? — האָט ער געזאָגט. — יאָ, כּמעט, דאָס איז גאָר. און גאַנץ גענוג, דאַכט מיר.

— מיר דאַכט אויך אַזוי, — האָט דער פרעמדער געענטפערט. — עה, יונגער־מאַן, מיין פערד! עס איז אַפילו נישט מעהר ווי אַ געדונגענע קליאַטשע, פונדעסטוועגען מוז עס מיך נאָך היינט ברענגען קיין לאָנדאָן.

— היינט ביי־נאַכט! — האָט דזשאָ אויסגערופן.

— היינט ביי־נאַכט. וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן? אָט דער שיינק מוז זיין עפּיס אַ מין קהל־שטיבעל פאַר אַלע פערגאַפטע ליידיג־געהער פון דער גאַנצער סביבה!

ביי דער דאָזיגער בעמערקונג האָבען זיך די אויגען פון דזשאָן ווילעט מיט זיינע חברים מיט אַ מערקווירדיגער געשווינדקייט אַוועקגעווענדעט פונ׳ם פרעמדען צום קופּערנעם קעסעל. דזשאָן אָבער איז ביי זיך נישט אַראָפּגעפאַלען און האָט געענטפערט:

— עס איז גאָרנישט אַזאַ חוצפה צו וואַנדער׳ן זיך איבער אייער פאָדערן היינט ביי־נאַכט. מ׳האָט אייך זיכער געפרעגט די זעלבע אונשולדיגע פראַגע מיט אַ קרעטשמע פריהער אין ביי אַ בעסער וועטער. איבערדעם, מיין איך, אַז איהר ווייסט גאָר דעם וועג נישט, דען איהר זעהט אויס צו זיין אַ פרעמדער אין אונזער געגענד.

— דעם וועג? — האָט יענער צורייצט געזאָגט.

— יאָ. ווייסט איהר איהם יאָ?

— איך — הם! — איך׳ל איהם שוין געפינען, — האָט דער פרעמדער געענטפערט און זיך אומגעדרעהט צום שיינקער. — מיין רעכנונג!

אויף געלד נעהמען איז דזשאָן ווילעט געווען דווקא גענוג שנעל, אַזוי אַז אין אַ מינוט אַרום איז דער אונבעקאַנטער שוין געווען דרויסען נעבען דער שטאַדאָל, וואו דזשאָן האָט געהאַלטען גרייט דאָס פערד.

— אייער קלאַטשע איז מיט מיר איינפערשטאַנען, — האָט דער יונג געזאָגט, גלעטענדיג זי איבער׳ן נאַקען. — איך מאַך אַ וועט, אַז אייער בלייבען דאָ אויף נאַכטלעגער וואָלט איהר געפעלען בעסער, איידער מיר.

— איך מיט איהר האָבען פערשיעדענע אַנזיכטען. ווי עס האָט נישט איינמאָל געטראָפען אויף אונזער וועג אַהער, — איז געקומען אַ קורצער ענטפער.

— איך האָב שוין אַליין אַזוי געדענקט. זי האָט פערזוכט אַ היבש ביסעל פון אייערע שפּאַ׳ען, די אָרימע קלאַטשע.

דער פרעמדער האָט אויסגעשטעלט דעם קאָלנער פון זיין מאַנטעל.

— איך זעה, אַז דו ווערסט מיך דערקענען אַ צווייטעס מאָל, —

האָט ער געזאָגט, אַרויסשפרינגענדיג אויפ'ן זאָטעל און זעהענדיג, ווי דזשאָן קוקט איהם אָן.

— עס איז כדאי צו קענען, פעטער, דעם מאַן, וואָס לאָזט זיך אין אַ אונבעקאַנטען וועג, אויף אַ פערמאַטערטען פערד און פערלאָזט אַ וואַרים ווינקעל צו מאַכען נסיעות אין אַזאַ נאַכט.

— דו האָסט אַ שאַרף אויג און אַ שאַרף צינגעל, ווי איך זעה.

— איך האָף, אַז ביידע פון דער נאַטור. נישט מעהר, דאָס לעצטע ווערט אָפטמאָל פערדראָכטעט איבער זעלטענעם געברויך.

— וואָלסט די אייגען אויך געמעגט אַ ביסעל ווייניגער בענוצען, בחור, און אָנווענדען זייער שאַרפקייט אויף דיינע געליעבטע, — האָט דער פרעמדער געזאָגט.

דערביי האָט ער דזשאָן'ן דערלאַנגט אַ ברוטאַלען זעץ איבער'ן קאָפּ מיט'ן הענדטיל פון זיין בייטש און איז שנעל אַוועקגעריטען, פליהענדיג דורך די פינסטערניש מיט אַזאַ אימפעט, אויף וועלכען נישט יעדערער וואָלט זיך בעשלאָסען אין אַזאַ נאַכט, אַפילו קענענדיג דעם וועג, וואו יעדער שריט איז געווען פערבונדען מיט ריזיקע און געפאַהר.

אין יענע צייטען זיינען די וועגען אַפילו נישט ווייט פון דער הויפּט-שטאָדט געווען שלעכט געמאַכט, שוואַך ברוקירט און זעלטען רעפּאַרירט. די ערד איז געווען צושניטען און צוגראָבען פון רעדער, זעהר אָפט האָבען זיך בעגעגענט גריבער, וועלכע זענען איצט פול געווען מיט וואַסער און בלאָטע, פון צייט צו צייט האָט דער וועג גענומען שאַרף און פלוצלונג אַנ'אַנדער ווענדונג. צו די אַלע מעלות האָבען די וועגען דעמאָלט געשוויבעלט און געגריבעלט פון אַלערליי פערדעכטיגע פּאַרשוינען, שלעפּער, גנבים און רויבער. נישט קוקענדיג אויף דעם אַלעם, איז דער פרעמדער געפלויגען אַלץ ווייטער אין דעם זעלבען גאַלאָפּ, מיט אַ זיכערער האַנד האָט ער געהאַלטען די לייצעס און געקעהרעוועט דאָס פערד, ווי איינער, וואָס איז גוט בעקאַנט מיט יעדען ווינקעלע פון דער אומגעגענד, און נישט אַכטענדיג אויף שטורם און רעגען אָדער אויף די מעגליכקייט פון אַ בייזער בעגעגעניש.

עס טרעפט אַמאָל, אַז מענשען, וואָס לאָזען זיך אין ריידקירטע אונטערנעהמונגען אָדער וועלכע זענען בעוועגט פון גרויסע געדאַנקען און געפיהלען, אַלץ איינס, גוטע אָדער בייזע, סימפּאַטיזירען מיט די צוקאָכטע, אויפגעבּרויזטע נאַטור־קרעפטען און שעפּען פון זייער אויפרעגונג ענערגיע און אימפּעט. אונטער דעם טומעל פון שטורם און בליץ זענען פיעל דונערנדע מעשים אָבּגעטהון געוואָרען, און נישט איין צוריקגעהאַלטענער, בערעכענטער מענש האָט פערלאָרען זיין גלייכגעוויכט אַדאַנק דער דאָזיגער בעטויבענדער מוזיק. די שדים פון צאָרן און פערצווייפלונג שטרעבען אַריבערצושטייגען יהי' רוחות, וואָס רייטען אויפ'ן וויכער און בעוועגען דעם שטורם, און דער מענש, געטריבען צו ווילדען שגעון חורך ברומענדע ווינדען און קאָכענדע וואַסערן, ווערט אויף אַ צייט ווילד און אונערבאַרמליך, ווי די נאַטור־עלעמענטען אַליין.

איב אונזער רייטער איז אויפגעבּרויזט געוואָרען פון דער שרעקליכער נאַכט, אָדער ער האָט פשוט געדאַכט אַ וויכטיגען מאָטיוו צו דערגרייכען וואָס שנעלער דעם ענד־פונקט פון זיין רייזע — ווי די מעשה איז, נאָר געפלויגען איז ער פייל אויס'ן בויגען, אַלץ ווייטער און שנעלער, ווי משוגע אָדער געיאָגט פון בייזע גייסטער, און האָט נישט אָבּגעשטעלט זיין פערד ביז ער איז ביי אַ שייד־וועג אָנגעפלויגען אויף אַ פּוהריל, וואָס איז געגאַנגען איהם אַנטקעגען. ביי דעם פּלוצלינגען צוזאַמענשטויס האָט ער דאָס פערד געגעבען אַזאַ שאַרפען קעהר אָן אַ זייט, אַז דאָס אָרימע בעשעפעניש איז געפאַלען אויף די פאָדערשטע פיס און דער רייטער איז שיער נישט אַריבערגעפלויגען איבער זיין קאָפּ.

— אָהאָ! — האָט אַ מענשליכע שטים אויסגעשריען. — וואָס איז דאָס? ווער איז עס דאָרט?

— אַ פריינד! — האָט דער רייזענדער געענטפערט.

— אַ פריינד! — האָט די שטים ווידערהאָלט. — וואָס איז דאָס פאַר אַ פערד, וואָס רייט אַזוי משוגע'נער־וויז, שאַנעוועט נישט גאָט'ס בעשעפעניש — זיין פערד און שטעלט אין געפאַהר נישט בלויז זיין אייגענעם האַלז־און־נאַקען, וועלכער האָט אפשר נישט קיין

גרויסען חערטה, נאָר אויך די האַלו־אַין־נאַקענס פון אַנדערע מענשען ?

— איהר האָט דאָרט אַ לאַמטערן, ווי איך זעה, — האָט דער רייזענדער געזאָגט, אַראָבשטייגענדיג פון פערד, — באָרגט עס מיר אויף אַ ווײַלע. מיר דאַכט, איהר האָט פערוואונדעט מיין פערד מיט אייער דישעל אָדער מיט אַ ראָד.

— פערוואונדעט! — האָט יענער אויסגערופען. — אויב איך האָב עס נישט דערהרג'עט אויף טויט, איז עס אָסור אייער שולד. וואָס איז דאָס פאַר אַ שטייגער צו גאַלאָפּירען אַזוי־ערנאָך איבער'ן קעניג'ס שליאַך, אַ?

— גיט אַהער דאָס ליכט, — האָט דער רייזענדער געזאָגט, אַרויסרייסענדיג עס ביי יענעם פון האַנד, — און פרעגט נישט קיין פוסטע קשיות ביי אַ מענשען, וואָס איז נישט אויפגעלעגט צו פלוידערן.

— וואָלט איהר מיר פריהער געזאָגט, אַז איהר זענט נישט אויפגעלעגט צו ריידען, וואָלט איך אפשר געווען נישט אויפגעלעגט אייך צו צולייכטען, — האָט יענער געענטפערט. — נאָר מילא, אַזוי ווי פערוואונדעט זענט נישט איהר, נאָר דאָס אָרימע פערד, זאָל מיין ליכט וואויל בעקומען איינעם פון אייך — נישט דעם כעכן.

דער רייזענדער האָט נישט געענטפערט אויף די דאָזיגע רעדע און האָט שווייגענדיג בעטראַכט דעם פערד'ס אברים איינציגווייז. דער אַנדערער איז זיך דערווייל גאַנץ געמיטליך געזעסען אויף זיין פוהר'ל, אַ סאָרט ברישקע מיט אַן'אָבטיילונג צו האַלטען געצייג, און האָט אויפמערקזאַם בעטראַכט דעם פרעמדען.

דער נייער פאַרשוין איז געווען אַ קיילעכדיגער נפש מיט אַ רויט געזיכט און אַ צוויי־גאָרנדיגען גוידער און מיט אַ שטים, וואָס האָט עדות געזאָגט וועגען גוט עסען, גוט שלאָפען, אַ גוטען הומאָר און אַ גוט געזונד. ער איז געווען שוין אין די יאָהרען, נאָר דער זיידע צייט איז נישט אַלע מאָל שטרענג און האַרט, און דגם ער שאַנעוועט נישט קיינעם פון זיינע אייניקלעך, לעגט ער אָבער אַמאָל זיין האַנד פון דער לייכט אויף יענע פון זיי, וואָס האָבען פערשטאַנען, ווי זיך מיט איהם צו בעגעהן. עלטער ווערען זיי טאַקע, אָבער די נשמה בלייבט ביי זיי יונג. גרויע

האָהר בײ אַזעלכע מענשען זענען נישט מעהר װי דער אָבּהדק פון׳ם אַלטענ׳ס האַנד, בעת ער גיט זײ זײן ברכה, און יעדער קנײטש אויף זײער געזיכט איז בלויז אַ שטריך אין אַ פריעדליכען לוח פון אַ גוט־פערבּראַכטען לעבען.

דער מאַן, װעמען דער רײזענדער האָט אַזױ אונערװאַרטעט אָנגעגענט, איז געװען פון דעם סאָרט מענשען. ער האָט, קען מען, געלעבט בשלום מיט זיך אַלײן און איז געװען גענײגט צו לעבען אַזױ מיט דער גאַנצער װעלט. ער איז געװען אײנגעװיקעלט אין געפּאַקט אין טיכער, אין שאַרפעס, אין פּאַטשײלעס, צו בעשיצען זיך פון קעלט; אַ פּאָר שװאַרצע פינגער־צײכענס אויף זײן פּנים האָבען איהם צוגעגעבען בלויז אַ קאָמישען אויסדרוק און האָבען כלל נישט געשטערט צו זעהן אין זײנע אויגען זײן גוטמוטיגען כאַראַקטער.

— דאָס פערד איז נישט פערװאונדעט, — האָט דער רײזענדער ענדליך געזאָגט, אויפהײבענדיג זײן קאָפּ און די לאַמטערן אין דערזעלבער צײט.

— אַזױ, איהר האָט עס שױן קײן אַמאָל אויסגעפונען? — האָט דער אַלטער געזאָגט. — מײנע אויגען האָבען שױן געזעהן מעהר שײן אײדער אַײערע, און דאָך װאָלט איך זיך מיט אַײך נישט געביטען.

— װאָס מײנט איהר דערמיט?

— װאָס איך מײן! איך האָב געזעהן, אַז עס איז נישט פערװאונדעט, מיט גוטע פינף מינוטען צוריק. גיט מיר דאָס ליכט, פרײנד; װײטער װאָלט איהר פאָהרען אַ ביסעלע לײכטער; און — גוט־נאַכט.

בײם צוריקגעבען די לאַמטערן, האָט דער רײזענדער בעלויכטען דעם אַלטענ׳ס געזיכט. זײערע אויגען האָבען זיך בעגעגענט אויף אײן מאָמענט. פּלוצים האָט ער אַרױסגעלאָזען די לאַמטערן פון דער האַנד און האָט זי צוטראָטען מיט אַ פוס.

— װאָס איז, איהר האָט נאָך קײנמאָל קײן שלאָסער נישט געזעהן, װאָס איהר האָט זיך אַזאַ צאַפּעל געטוהן, װי איהר װאָלט

דערזעהן אַ מת? — האָט דער אַלטער אין דער ברִיטשקע אויסגע־שריען. — אָדער דאָס איז אַ פּאַרטעל אויף מיך צו בעהייבען? — האָט ער האַסטיג צוגעגעבען, אַרויסגאַפּענדיג אַ האַמער פון געצייג־קעסטיל. — איך בין גוט בעקאַנט מיט די היגע וועגען, פריינד. ווען איך רייז דאָ, פיהר איך מיט זיך נישט מעהר ווי אַ פּאָר שילינג. אין קלאָרע דבורים קאָן איך אייך זאָגען, כדי צו פערשפּאָרען אונז ביידען פּיעל טרחה, אַז ביי מיר וועט איהר קיין זאַך נישט געפינען, אויסער אַ גאַנץ נישקשה׳דיגע האַנד לויט מיינע יאָהרען און אָט דאָס שטיקעל געצייג, מיט וועלכען איך קאָן אַרבייטען גאַנץ שמיידיג, פון געוועהנהייט מסתמא. איך בין אייך מבטיח, אַז דער עסק וועט אייך נישט אַראָב גאַנץ גלאַט, אויב דאָס איז אייער מיין.

מיט די ווערטער האָט ער זיך געשטעלט אין אַ פערטיידיגונגס־פּאָזע.

— איך בין נישט דאָס, וואָס איהר מיינט, גאַבריעל וואַרדען, — האָט דער פרעמדער געענטפערט.

— וואָס דען אָדער ווער דען זענט איהר, אויב אַזוי? — האָט דער שלאָסער געזאָגט. — איהר ווייסט, זעה איך, מיין נאָמען. לאָזט מיך וויסען אייערן.

— אייער נאָמען האָב איך זיך דערוואוסט אויך נישט פון אייער אייגען מויל, נאָר פון דער אויפשריפט אויפ׳ן פודעל, וועלכע דערצעהלט עס דער גאַנצער וועלט.

— אויב אַזוי, האָט איהר דערצו געהאַט אַ בעסער אויג איידער פאַר אייער פערד, — האָט וואַרדען געזאָגט, אַרויסשפּרינגענדיג גע־שיקט פון דער ברִיטשקע. — ווער זענט איהר? לאָמיך אייך נור אַ קוק טהון אין פנים.

דער רייזענדער איז דערוויל אַרויף אויף זיין פערד און האָט פון דאָרט אַראָבגעקוקט אויפ׳ן אַלטען, וועלכער האָט זיך געשטעלט דעם פערד אין וועג.

— לאָזט מיך זעהן אייער פנים, זאָגט איך.

— טרעט־אָב!

— ניין, דאָס גערדט נישט! קיינע מאַסקעראַדען־אָנשטעלען און קיינע בבא־מעשות מאָרגען אין קלוב, ווי אַזוי גאַבריעל וואַרדען האָט זיך דערשראָקען פאַר אַ „בו־או!" אין אַ פינסטערער נאַכט. שמעדט — ווייזט מיר אייער פנים.

זעהענדיג, אַז ווייטערע עקשנות קאָן איהם בלויז אַריינציהען אין אַ קאַמפף מיט אַ געגנער, וועלכע מ'קאָן כלל נישט אַוועקמאַכען מיט דער האַנד, האָט דער רייזענדער אַראָבגעוואָרפען דעם קאַפּישאָן פון קאָפּ, האָט זיך אָנגעבויגען און פערקוקט דעם שלאָסער גלייך אין די אויגען אַריין.

שווער צו געפינען צוויי פנימער, וואָס זאָלען זיין אַזאַ היפך איינס פון'ם אַנדערן. דעם שלאָסער'ס געזיכט איז געווען רויט און רוהיג, דעם אַנדערנס — בלאַס ווי דער טויט און בעהאַנגען מיט שווערע טראָפּענס קאַלטן שווייס; וואַרדען האָט געשמייכעלט, אין דער האָפנונג, צו דערקענען אַ בעקאַנטען, אָדער אַ שכן, וואָס האָט זיך געמאַכט מיט איהם אַ קאַטאָוועס; דער פרעמדער, מיט צונויפגעדריקטע צייהן, איינגעהאַלטענעם אָטעם און אָנגעשטרענגטען בליק, האָט אויסגעזעהן ווי אַ מענש, וואָס קוקט אַ לעבענס־געפאַהר גלייך אין די אויגען; די בעוועגונג פון זיין האַנד, וועלכע ער האָט בגנבה אַריינגעשטעקט צו זיך אין בוזעם, האָט דייטליך געוויזען, אַז דאָ האַלט נישט ביי קיין שפּאַס אָדער קינדער־שפּיעל.

אַזוי האָבען זיי שווייגענדיג בעטראַכט איינער דעם צווייטען אַ געוויסע צייט.

— הם... — האָט דער שלאָסער ענדליך אַרויסגערעדט. — איך קען אייך נישט.

— און ווילט מיך נישט קענען? — האָט דער אַנדערער געזאָגט, אויסגלייכענדיג זיך אויפ'ן זאָטעל.

— טאַקע נישט. דעם אמת געזאָגט, פריינד, איז אייער פּרצוף נישט גאָר קיין גוטער רעקאָמענדאַציאָנס־בריעף.

— איך וויל עס גאָרנישט, — האָט דער רייזענדער געזאָגט. — מיין וואונש איז, מ'זאָל מיך ווייכען.

— נו, איך גלייב, — האט דער שלאָסער אָפּענהערציג געענטפערט, — אז אייער חאַנש וועט ערפילט ווערען.

— געוויס, אום יעדען פרייז. און אַלס בעווייז, פערשרייבט עס אייך אויפ'ן שטערן — אז אייער לעבען איז נאָך קיינמאָל נישט געשטאַנען אין אַזאַ געפאַהר, ווי אין די לעצטע עטליכע מעזונדען; אז איהר וועט האַלטען פינף מינוט פאַר'ן טויט, וועט איהר נישט זיין צו איהם נעהנטער איידער איהר זענט היינט געווען.

— וואָס איהר זאָגט! — האָט דער פעסטער שלאָסער זיך אָפּגערופען.

— אָט דאָס, וואָס איהר הערט! און אַ געוואַלט-טויט דערצו.

— פון וועמעס האַנד?

— פון מיינער.

מיט די ווערטער האָט דער רייזענדער אַריינגעלאָזען זיינע שפּאָרען אין דעם פערד'ס זייטען און איז אַוועקגעריטען, תחילת שטערליך און לאַנגזאַם, דערנאָך אַלץ שנעלער און שנעלער, ביז ער האָט דערגרייכט דעמזעלבען גאַלאָפּ, וואָס פריהער, בשעת ער איז אָנגעפאַהרען אויפ'ן שלאָסערס ברישקע.

וואַרדען האָט איהם נאָכגעקוקט אַ ווײַלע אַ צומישטער, דערנאָך האָט ער זיך געגעבען צוויי געזונטע זעץ אין די ברוסט, מיט'ן צוועק זיך אַ ביסעל צו דערפרישען, און האָט אויסגערופען מיט ערשטוינען:

— וואָס איז דאָס פאַר אַנשיקעניש, וואָלט איך וועלען וויסען! אַ משוגענער? אַ וואַלד-גזלן? אַ רוצח? וואָלט ער זיך אַזוי האַסטיג נישט אַוועקגעטראָגען, וואָלטען מיר געזעהן, ווער עס איז געווען מעהר אין סכנה, איך, אָדער ער. איך בין קיינמאָל נעהנטער נישט געווען צום טויט! געפעלט אייך אַזעלכעס? איך ווינש זיך צו זיין נישט ווייטער פון איהם אין אַ יאָהר צוואַנציג אַרום. אָט דאָס הייסט אַ ביסעל בערידהמעריי!

גאַבריעל האָט זיך אַריינגעזעצט אין ברישקע און געהאַפּט אַ גיריגען קוק אין די זייט, פון וואַנען דער פרעמדער איז געקומען, מורמלענדיג מיט אַ האַלבען מויל:

— די מייפּאָיל — צוויי מייל צו דער מייפּאָיל. איך בין עקסטרא געפֿאָדערט פֿון וואָרדען. נאָך אַ שווערען טאָג אַרבייט, מיט אַנ׳אַנדער וועג. כדי איך זאָל נישט פֿערבייפֿאָהרען די מיי־פּאָיל און נישט ברעכען מיין וואָרט, וואָס איך האָב מאַרטאַ׳ן גע־געבען — נישט אַריינצושמעקען אין שיינק. אָט דאָס הייסט אַ פֿעסטער כאַראַקטער! פֿאָהרען קיין לאָנדאָן אָהן אַ לאַמטערן איז אַפֿילו געפֿעהרליך; אויסערדעם, איז עס נאָך גוטע פֿיער מייל, אויב נישט פֿיער מיט אַ האַלבען, צום הויז, וואָס שטעהט אין מיטען וועג פֿון דאַגען קיין לאָנדאָן; און דאָרט ערשט איז אַ ליכט גיטיג, ווי אום לעבען. צוויי מייל צו דער מייפּאָיל! איך האָב מאַרטאַן צוגעזאָגט, אַז איך וועל נישט געהן אַהין; געזאָגט, אַז כ׳וועל נישט, בין איך נישט — אָט דאָס הייסט אַ פֿעסטער כאַראַקטער!

ווידערהאָלענדיג די לעצטע צוויי ווערטער עטליכע מאָל, ווי ער וואָלט וועלען עמיצען איבערבעטען פֿאַר די קליינע פֿעסטקייט, וואָס ער געדענקט בעוויזען, דערמיט, וואָס ער האָט תּחילה אויף די גרויסע פֿעסטקייט, וואָס ער האָט שוין בעוויזען, האָט גאַב־ריעל וואַרדען גאַנץ רוהיג איבערגעקעהרט דעם דישעל צוריק, מיט׳ן פֿעסטען בעשלוס צו נעהמען אין דער מייפּאָיל אַ ליכט — און טאַקע נישט מעהר ווי אַ ליכט.

נאָר אַז ער איז געקומען צו דער קרעטשמע, און דזשאָ איז איהם אַרויסגעלאָפֿען אַנטקעגען, לאָזענדיג אָפֿען די טהיר, און פֿון דאָרט האָט אַ זעץ געטהון אַרויס אַ שיין און אַ וואַרימקייט, און אַ ריח פֿון געבראָטענס, און אַ מוזיקאַלישער קלאַנג פֿון טע־לער — האָט גאַבריעל דערפֿיהלט, אַז זיין פֿעסטקייט צוגעהט, ווי אַ רויך. ער האָט געפּרובט מאַכען אַ שטרענגע מינע געגען שיינק, אָבער זיין פּנים האָט זיך צולאָזען אין אַנ׳אויסדרוק פֿון ליעב־שאַפֿט.

— אַ באַרמהערציגער מענש, דזשאָ, — האָט דער שלאָסער געזאָגט, — האָט רחמנות אויף זיין חיה. איך וועל אַרייםקריכען אויף אַ ווײַלע.

4. דער משוגע'נער.

אַרויסקריכען אַ ביסעל איז געווען אַ גאַנץ גלייכע זאַך. און זעדער קרום וואָלט געווען פאַר אַ פערשטאַנדיגען מענשען צו שלעפען זיך איצט ערגיץ אין דער קעלט און חשך, בעת דאָ ברענט אַזאַ פרעהליך פייערל, אויפ'ן טיש שטעהט אַ גוטע וועטשערע און אַרום טיש זיצט אַ בעקאַנטע געזעלשאַפט.

אַזוי האָט זיך גאַבריעל וואַרדען געטראַכט, אַריינקומענדיג אין שיינק, וואו מ'האָט איהם אויפגענומען ווי אַן אַלטען בעקאַנטען. די זעלבע געדאַנקען האָבען איהם נישט פערלאָזען אויך מיט אַ שטונדע שפעטער, בעת ער איז געזעסען מיט אַ פולען, בערוהיגטען מאָגען נעבען אייווען און גענומען אַנטייל אין אַ אינטערעסאַנטען שמועס וועגען דעם אונבעקאַנטען, וועלכער איז פריהער געווען דאָ אין קרעטשמע און מיט וועמען דער שלאָסער האָט געהאַט אַ משונהדיגע בעגעגעניש.

— הלוואי זאָל איך ליגען זאָגען, — האָט סאָלאָמאָן דייד פערענדיגט אַ רייה בעטראַכטונגען איבער דעם פרעמדענס אויפפיהרונג. — איך ווינש, ער זאָל זיך אַרויסצייגען פאַר אַן'אָרענטליכען מאַן.

— דאָס איז אונזער אַלעמענס וואונש, נישט וואָהר? — האָט דער שלאָסער בעמערקט.

— נישט מיינער, — האָט דזשאָו געזאָגט.

— ווי! — האָט גאַבריעל אויסגעשריען.

— ניין, נישט מיינער. ער האָט מיר דערלאַנגט מיט דער בייטש, דער פייגלינג, בשעת ער איז געווען אויפ'ן פערד און איך — צו פוס. איך וואָלט בעסער וועלען, ער זאָל זיך אַרויסצייגען פאַר דאָס פאַר וואָס איך האַלט איהם.

— און וואָס איז עס אַזוינס, דזשאָו?

— אַ בייזער מענש, מיסטער וואַרדען. איהר מעגט זיך שאָקלען מיט'ן קאָפּ, טאַטע, אָבער איך זאָג עס און וועל עס זאָגען און וואָלט עס געזאָגט הונדערט מאָל, ווען איך וואָלט וויסען, אַז

דאָס וועט איהם בריינגען צוריק אַהער, כּדי איך זאָל איהם דורכקלאַפּען די ביינער, ווי ער האָט פערדיענט.

— האַלט ס'מויל, סער, — האָט דזשאָן ווילעט געזאָגט.

— ניין, טאַטע, איך וועל נישט. דאָס איז אַלץ איבער אייך. אייך האָב איך צו פערדאַנקען, וואָס ער האָט געוואָלט מיך אַזוי צו בעהאַנדלען. זעהענדיג, אַז מ'בעגעהט זיך מיט מיר ווי מיט אַ קינד און אַ נאַר, האָט ער ביי זיך געפּועל'ט, אַז איך האָב אין זיך נישט קיין ברעקעל פערשטאַנד און שטאַרקייט. איך וועל איהם אָבער ווייזען, אַז ער האָט אַ טעות, ווי איך וועל עס בעווייזען אייך אַלעמען גאָר אין גיכען.

— נו, ווייסט דער שנעק, וואָס ער רעדט! — האָט דזשאָן ווילעט ערשטוינט אויסגערופען.

— וואָס אַרט אייך, איך ווייס שוין גוט, וואָס איך רייד, בעסער איידער איהר ווייסט עס. מילא, פון אייך מוז איך ליידען, אָבער צו וואָס זאָל איך נאָך ליידען פון אַנדערע, וואָס טהוען אייך נאָך? האָט איהר שוין געהערט, מ'זאָל זיך אַזוי בעגעהן מיט אַנדערע יונגע־לייט פון מיינע יאָהרען? האָבען זיי נישט קיין פרייהייט, קיין אייגענעם ווילען, קיין רעכט צו עפענען אַ מויל? זענען זיי מחויב צו זיצען אין שווייגען ווי די גולם'ס, און אַלע זאָלען זיך מיט זיי שאַפען ווי מיט קינדער? מ'מאַכט דאָך שוין פון מיר חוזק איבער גאַנץ טשיגוועל! און איך זאָג אייך, טאַטע — און עס איז אָרענטליכער פון מיר צו זאָגען עס איצט, איידער געדולדיג וואַרטען, ביז איהר וועט שטאַרבען און איך וועל אייך ירש'ענען, — אַז איך וויל דאָס מעהר נישט ליידען און וועל פון זיך אייער יאָך אַראָבוואַרפען, און שולדיג דערין וועט זיין איהר, נישט איך.

דזשאָן ווילעט איז אַזוי מבולבל געוואָרען פון זיין זוהנ'ס ערביטערונג און דרייסטקייט, אַז ער איז געבליבען זיצען, ווי אַ פערשטיינערטער, גלאָצענדיג צום קופּערנעם קעסעל און בעמיהענדיג זיך צונויפקלייבען זיינע געדאַנקען און געבען עפּיס אַ רעכטען ענטפער, אָבער די זאַך איז איהם נישט געלונגען. נישט וועניגער

צומישט זיינען געווען זיינע געסט, וועלכע האָבען נישט געוואוסט, וואָס צו זאָגען און וואָס צו טהון. זיי האָבען זיך דעריבער גאָר אויסגעדריבען פון זייערע ערטער און זיך גענומען קלויבען אין וועג אַריין, יעדערער צו זיך אַהיים.

בלויז דער אַרעמטליכער שלאָסער האָט פּרובירט זיך אַריינצולעגען אין אַ שלום צווישען די ביידע צדדים, דערמאָהנענדיג דעם שיינקער, אַז זיין זוהן איז שוין ווירקליך נישט קיין קינד און עס איז שוין צייט אויפצוהערען איהם צו האַלטען אין דער מורא, — און אַיינרעדענדיג דזשאָן'ען, ער זאָל בעסער זעהן אויסצוקומען מיט'ן פאָטער מיט גוטען, נישט זיך בונטעווען סתם אין דער וועלט אַריין. זיינע עצות האָט מען אָנגענומען, אַזוי ווי געוועהנליך אין אַזאַ פאַל. אויף דזשאָן ווילעטן האָבען זיי געמאַכט כמעט אַזאַ איינדרוק, ווי אויפ'ן שילד ביי דער דרייסענדיגער טהיר. דזשאָן, ווידער, האָט איהם אויפריכטיג בעדאַנקט פאַר זיין גוט־פריינדשאַפט, פונדעסטוועגען האָט ער העפליך געגעבען צו פערשטעהן, אַז ער האָט בדעה צו האַנדלען לויט זיין אייגענעם פערשטאַנד.

איהר זענט שטענדיג געווען צו מיר זעהר פריינדליך, מיסטער וואַרדען, — האָט ער געזאָגט, שטעהענדיג דרויסען נעבען שלאָסער, וועלכער האָט זיך פאַרטיג געמאַכט אין וועג אַריין, — און איך וויים, אַז איהר מיינט מיין טובה, אָבער עס איז געקומען די צייט פאַר מיר צו שיידען זיך פון דער מייפאָל.

— צו וואָס פאַר אַ תכלית קאָן מען זיך דערשלאָגען אין דער פרעמד?

— און וואָס פאַר אַ תכלית איז צו שימלען אָט דאָ און נישט האָבען קיין בעגריף פון דער וועלט?

— אָבער וואָס וועסטו טהון, דזשאָ? — האָט וואַרדען געזאָגט, האַלטענדיג זיך מיט ישוב־הדעת פאַר די באָרד. — וואָס קאָנסטו טהון און וואוהין וועסטו געהן?

— איך מוז זיך פערלאָזען אויפ'ן מזל, מיסטער וואַרדען.

— זעהר נישט קיין זיכערע זאַך, דאָס מזל, דזשאָ. דאָס איז נישט נאָך מיין גוסט. איך טענה שטענדיג מיט מיין מאַכטער,

ווען מיר ריידען וועגען אַ חתן פאַר איהר, אַז זי זאָל זיך קיינמאָל נישט פערלאָזען אויף מזל, נאָר טאַקע אַליין זיך בעוואָרענען אין פאָרדים מיט אַ גוטען, אָרענטליכען מענשען, וועט איהר דאָס מזל נישט פערדיכטען און נישט קאַליע מאַכען. וואָס באַרעסט זיך דאָרט אַזוי לאַנג, דזשאָ? כ'האָב אפשר עפּיס פערלוירען פון שפּאַן?

— ניין, ניין, — האָט דזשאָ געענטפערט, נישט אויפהערענדיג פונדעסטוועגען צו פאָרען זיך אַרום פערד. — וואָס מאַכט מיס דאָלי?...

— געזונד, איך דאַנק. זי איז שען און גוט.

— זי איז עס שטענדיג געווען, סער.

— יאָ, יאָ, דאַנקען גאָט.

דזשאָ האָט זיך אַ ביסעל ווי געשלאָגען מיט דער דעה, דער־נאָך האָט ער געזאָגט:

— איך האָף, אַז איהר וועט קיינעם נישט דערצעהלען די געשיכטע, איך מיין — אַז מ'האָט מיך אָנגעקלאַפּט, ווי אַ יונגעל — ווייניגסטענס ביז איך וועל נישט דערטאַפּען יענעם מאַן און זיך מיט איהם אָברעכענען. דעמאָלט וועט עס זיין אַ שענערע געשיכטע.

— וועמען קאָן איך עס דערצעהלען? דאָ ווייסען עס אַלע און ערגיץ אַנדערש ווייס איך נישט, ווער עס קאָן זיך דערמיט אינטערעסירען.

— דאָס איז וואָהר. — האָט דער יונגער־מאַן געענטפערט מיט אַ זיפץ. — דאָס איז מיר גאָר פון געדאַנקען אַרויס. יאָ, דאָס איז ריכטיג.

זיין פּנים איז דערביי געווען זעהר רויט, — מסתמא, האָט ער זיך אָנגעשטרענגט ביים פערריכטען דעם שפּאַן פון פערד. ער האָט נאָכאַמאָל אָבגעזיפצט און געוואונשען דעם שלאָסער אַ גוטע נאַכט.

— גוט־נאַכט! — האָט גאַבריעל געענטפערט, נעהמענדיג די לייצעס אין האַנד. — לעג זיך איבער וועגען וואָס מיר האָבען גערעדט און זיי נישט איבעראַיילט. ביזט אַ וואוילער בחור; ביזט

מיר צום הארצען, וואלט איך נישט וועלען, זאלסט מאכען פון זיך א תל. גוט-נאכט!

און גאבריעל ווארדען האט זיך געלאזען אין וועג אריין. ט־אכ־טענדיג וועגען פערשיעדענע זאכען, נאר הויפטזעכליך וועגען עפּיס א רעכטען נוסח, ווי אזוי צו דערצעהלען וואס מיט אידם האט פאסירט, כדי צו פערענטפערן פאר מיסעס ווארדען זיין בע־זוך אין שיינק, וואס דאס איז געווען געגען א געוויסען פייער־ליכען אבמאך צווישען אידם און דער דאזיגער ליידי. טראכטען פירט נישט בלויז צו געדאנקען, נאר גאנץ אפט איך, צו א דרי־מעל, און וואס מעהר דער שלאסער האט געטראכט, אלץ שלע־פעריגער איז ער געווארען.

א מענש קאן זיך זיין גאנץ ניכטער, אדער וועניגסטענס אויף דער גרעניץ צווישען ניכטערן און שכורין צושטאנד, און דאך פיה־לען א שטארקע נייגונג צו פלאנטערן איינע מיט די אנדערע אזעל־כע זאכען, וואס האבען צווישען זיך קיין שום שייכות נישט, — צונויפמישען פערזאנען, געגענשטענדען, צייטען און ערטער און שאפ־פען פון זיי קאמבינאציעס, וואס זענען פונקט אזוי אומגעריכט, ווי וועניג האפט זיי האבען. אין אזא צושטאנד האט זיך גאבריעל ווארדען געפונען, פאהרענדיג צו זיך אהיים און געבענדיג זיין פערד פולע פרייהייט אויפ'ן "גוט-בעקאנטען וועג. איינמאל, בעת דאס פערד האט זיך אבגעשטעלט ביי א שלאגבוים וואכטענדיג ביז מ'וועט עפענען דעם דורכגאנג, האט גאבריעל אפילו געזאגט דעם וועכטער פון שלאגבוים „גוט-נאכט“, אבער דאס האט ער נאר וואס ערוואכט פון א חלום וועגען דעם, ווי אזוי ער האט פערריכט א שלאס ביים גרויסען מאגאל*) אין בויך; און אפילו שוין א וואַ־כענדיגער האט ער אנגענומען דעם וועכטער פאר זיין שוויגער, וועל־כע איז שוין צוואנציג יאהר געלעגען אין קבר. באלד דערנאך איז ער ווידער איינגעשלאפען, שאקלענדיג זיך הין און הער ביי יעדען טריט, וואס דאס פערד האט געמאכט.

---

*) דער טיטעל פון די מאנגאלישע הערשער אין אינדאסטאן, אין דעם משך פונ'ם 16־טן ביז'ן 18־טען יאהרהונדערט.

ביסלעכווייז האָט ער זיך דערנעהערט צו דער ריזיגער שטאָדט וועלכע איז געלעגען פאַר איהם אויסגעשטרעקט ווי אַ טונקעלער שאָטען, און נור אין דער הויך איבער איהר האָט זיך געטראָגען אַ געדיכטע רויטע שיין, דערצעהלענדיג וועגען אַ לאַבירינט דאָרט אונטען פון עפענטליכע וועגען, גאַסען, קראָמען און מחנות פון בעשעפטיגטע מענשען. צייטענווייז האָבען זיך געוויזען אין דער ווייטקייט שוואַך־בעלויכטענע גאַסען, ערטערווייז געפלעקט העלער און ליכטיקער, דערנאָך זענען זיי פערשוואונדען און אַנדערע האָבען זיך געוויזען אויף זייער אָרט, און זענען ווידער פערשוואונדען, און ווידער ערשיענען. דאַן האָבען אָנגעהויבען גרייכען אַהער פערשיעדענע קלאַנגען: דאָס שלאָגען פון שטאָדט־זייגער'ס, דאָס ווייטע געביל פון הינד, די קלאַפּעריי פון רעדער איפ'ן ברוק. ענדליך זענען די קלאַנגען געוואָרען שאַרפער און די פאָרמען דייטליכער, און לאָנדאָן — זיכטבאַר אין דער פינסטער ביי זיין אייגענער שוואַכער שיין, נישט ביי דער שיין פון גאָט'ס הימעל — איז צוגעקומען גאָר נאָהענט.

דער שלאָסער האָט נאָך אַלץ געדרימעלט, ווען אַ שאַרף געשריי האָט פּלוצים דורכגעשניטען די לופט, און וואַרדען האָט זיך אַ צאַפּעל געטהון און געעפענט די אויגען.

ער האָט געקוקט אַ ווייל מיט ווילדע אויגען אַרום זיך ווי אַ מענש, וואָס זעהט אין חלום עפּיס אַ משונה'דיג לאַנד, נאָר באַלד האָט ער דערקענט די אומגעגענד, האָט זיך פויל אויסגעריבען די אויגען און וואָלט פיליכט ווידער איינגעשלאָפען — נאָר דאָס געשריי האָט אָבגעהילכט נאָכאַמאָל, און ניט איין מאָל אָדער צוויי מאָל, נאָר פיעל מאָל איינס נאָכ'ן אַנדער'ן, און יעדעס מאָל מיט גרעסערן וועהמוט. איצט איז שוין גאַבריעל אינגאַנצען געקומען צו זיך, און זייענדיג אַ מוטהיגער מענש, האָט ער אַ שמיץ געטהון דאָס פערד און זיך געלאָזען גלייך צו יענעם אָרט, פון וואַנען די געשרייען זענען געקומען.

דער פאַל איז ווירקליך געווען אַן ערנסטער, דען אין גיכען האָט ער דערזעהן אַ מענשליכע פיגור אויסגעשטרעקט ווי טויט

איבערן וועג, אין נעבען איהר האָט אַרומגעטאַנצט עפּיס אַן אַנדער מענש מיט אַ ברענענדען פאַקעל אין האַנד, מאַכענדיג אונגעדולדיג מיט די הענד און רופענדיג צו־הילף.

— וואָס איז דאָ פאַר אַ געשיכטע? — האָט דער אַלטער גע־וואָגט, אַראָבשפּרינגענדיג פון דער בריטשקע. — ווי — וואָס — ס'איז דו, באַרנעבי?!...

דער פאַקעל־טרעגער האָט אַראָבגעשאַרט די האָאר פון זיינע איגען און האָט פערקוקט צו גאַבריעל'ן אין געזיכט מיט אַזאַ בליק, וואָס האָט גלייך געוויזן, ווער ער איז.

— קענסט מיך, באַרנעבי? — האָט וואַרדען געפרעגט.

יענער האָט גענומען שאָקלען מיט'ן קאָפּ און נישט איין מאָל אָדער צוויי מאָל, נאָר אַ מאָל צוואַנציג נאָכאַנאַנד; קענטיג, אַז זיין קאָפּ וואָלט אַזוי געבליבען אין בעוועגונג ווער ווייסט ווי לאַנג, ווען דער שלאָסער וואָלט נישט געווען אויפגעהויבען אַ פינגער און אָנגעשטעלט אויף איהם אַ שטרענגען בליק, וואָס האָט איהם געצוואונגען אויפצוהערען; דאַן האָט וואַרדען אָנגעוויזען מיט אַ פראַגע אין זיינע איגען אויפ'ן קערפּער אויף דער ערד.

— בלוט, — האָט באַרנעבי שוידערנדיג געזאָגט. — עס אי־בעלט מיך.

— ווי קומט עס אַהין? — האָט וואַרדען געפרעגט.

— שטאָהל, שטאָהל, שטאָהל! — האָט באַרנעבי געענט־פערט מיט ווילדען צאָרן און האָט נאָכגעמאַכט מיט דער האַנד אַ שטאָך מיט אַ שווערד.

— בערויבט? — האָט דער שלאָסער געפרעגט.

— יאָ, — האָט באַרנעבי געענטפערט, אָנהאַפּענדיג איהם ביי אַ האַנד און צייגענדיג אין דער ריכטונג צו דער שטאָדט.

— דער רויבער איז אַוועק אַהין, יאָ? נו־נו, דאָס איז איצט נישט וויכטיג. האַלט דיין פאַקעל אַ ביסעל ווייטער — אָט אַזוי. איצט שטעה רוהיג און לאָז מיך זעהן, ווי וויט דער איז גע־שעדיגט.

מיט די ווערטער האָט ער גענומען בעקוקען דעם קערפּער.

ווערענד באַרנעבי איז געשטאַנען מיט'ן פּאַקעל אין האַנד און געקוקט, ווי בעצויבערט פון מיטגעפיהל אָדער נייגיעריגקייט, און צו גלייכער צייט ווי צוריקגעהאַלטן פון עפּיס אַ געהיימען, און שטאַרקן שרעק, וואָס האָט געמאַכט ציטערן יעדען נערוו זיינעם.

אין דער פּאָזע, אין וועלכער ער איז געשטאַנען, איז זיין גאַנצע פיגור געווען בעלויכטען, ווי אין מיטען העלען טאָג. ער האָט אויסגעזעהן פון אַ יאָהר דריי און צוואַנציג, הגם עטוואָס מאָגער, אָבער גענוג הויך און פעסטגעבויט. זיינע לאַנגע און געדיכטע האָאָר זענען געווען רויט און האָבען צוגעגעבען זיין אונרוהיגען פּנים אַ אונערדישען איינדרוק, וואָס איז נאָך דייטליכער אַרויסגעטראָטען צוליעב זיין שרעקליכער בלאַסקייט און גרויסע גלעזערנע אויגען, און דאָך איז געלעגען אַ געוויסע מילדקייט און ווייכקייט אויף זיין שרעקליכען געזיכט. אָבער די אַבוועזענהייט פון גייסט אין אַ לעבעדיגען מענשען איז נאָך שרעקליכער ווי אין אַ טויטען. — און ביי דער דאָזיגער אומגליקליכער בריאה האָט געפעהלט די וויכטיגסטע גייסטיגע קרעפטען.

געקליידט איז ער געווען אין טראַנטעס און שמאַטעס, ערטעווייז בעפּוצט לויט זיין אייגענער פאַנטאַזיע מיט פערבלאָטיגטע שפּיצען, צובראָכענע און צופליקטע פויגלשע פעדערן און פערשיעדענע גלאַנציגע צאַצקעס און גלעזלעך. ביי זיין זייט איז געווען אָנגעגורט דאָס הענדטיל פון אַ שווערד אָהן אַ קלינג און אָהן אַ שייד.

— באַרנעבי, — האָט דער שלאָסער געזאָגט נאָך אַ קורצען בעקוקען דעם קערפּער, — דער מענש איז נישט טויט, נאָר ער האָט אַ וואונד אין זייט און איז פערחלשט.

— איך קען איהם, איך קען איהם! — האָט באַרנעבי אויסגעשריען, פּאַטשענדיג מיט די הענד.

— קענסט איהם? — האָט דער שלאָסער ווידערהאָלט.

— ש—שאַ! — האָט באַרנעבי געזאָגט, לעגענדיג אַ פינגער צום מויל. — ער איז געגאַנגען שפּיעלען אַ ליעבע. איך וואָלט

נישט וועלען אַפּילו פאַר אַ גיני*), ער זאָל ווען ווידער געהן שפּילען אַ ליעבע, וואָרום איבּ ער וועט, וועלען טונקעל ווערען צוויי אויגען, וואָס זענען איצט אַזוי ליכטיג, ווי — זעהסט, אַז איך ריידה פון אויגען, קוקען די שטערען אַרויס. וועמעס אויגען זענען זיי? איבּ זיי זענען די אויגען פון מלאכים, פאַרוואָס קוקען זיי אַהער אַראָבּ און זעהען, ווי גוטע מענשען ווערען געשעדיגט, און זיי ווינקען בלויז און פינקלען דאָרט די גאַנצע נאַכט אַדורך?

— גאָט זאָל זיך דערבּאַרימען איבער דעם שוואַכזיניגען חברה=מאַן, — האָט דער צוטומעלטער שלאָסער אַרויסגעמורמעלט. — זאָל ער טאַקע קענען דעם דאָזיגען הערן? זיין מוטער׳ס הויז איז נישט וויט פון דאַנען; אפשר קאָן זי מיר זאָגען, ווער ער איז. בּאַרנעבּי, מיין יונג, העלף מיר איהם אַריינלעגען אין בּריטשקע, וועלען מיר פאָהרען צוזאַמען אַהיים.

— איך קאָן איהם נישט אָנרירען! — האָט דער משוגע׳נער אויסגעשריען, ציטערענדיג פון קאָפּ ביז די פיס. — ער איז פערבּלוטיגט.

— אַזאַ טבע האָט ער שוין, — האָט דער שלאָסער צו זיך געזאָגט, — און עס איז גרויזאַם איהם צו בעטען, וועהרענד ער האָט אַזוי מורא פאַר בּלוט, אָבער וואָס קאָן מען טהון, עמיצער מוז מיר העלפען. בּאַרנעבּי — גוטער בּאַרנעבּי — טייערער בּאַרנעבּי — איבּ דו קענסט אָט דעם דזשענטעלמען, העלף מיר איהם אַרויפלעגען אויף די בּריטשקע, וואָרום עס געהט אים זיין לעבען און אום לעבען פון אַלע, וואָס ליעבען איהם.

— דעקזשע איהם צו, פערוויקעל איהם — לאָמיך עס נישט זעהן — נישט שפּירען — נישט הערען דאָס וואָרט. זאָג נישט דאָס וואָרט — זאָג נישט!

— ניין, ניין, כ׳וועל נישט זאָגען. נאַ, זעהסט, ער איז צוגעדעקט. לייכטער. אָט אַזוי, גוט, זעהר גוט.

---

*) אַ צעהן=רובּל=שיין.

עס איז אנגעקומען זעהר לייכט, ווייל בארנעבי איז געוועזן זעהר קרעמפיג און ענערגיש, גאר די גאנצע צייט, וואס ער האט געהאלטען דעם קערפער, האט ער געציטערט, ווי אין פיבער. אין א מינוט ארום זענען זיי שוין געפאהרען צו דער שטאדט. אונטערוועגענס האט בארנעבי געצעהלט די שטערען אויף די פינגער, און גאבריעל האט זיך אינערליך גראטולירט דערמיט, וואס איינס האט ער צו דערצעהלען אזא געשיכטע, וועלכע וועט דיכער פערמאכען זיין ווייב דאס מויל בנוגע צו זיין בעזוך און שיינק, אויב נישט — איז נישטא קיין אמת אויף דער וועלט בכלל און ביי ווייבער בפרט.

---

5. ווהיר—ר—ר—ר.

די האנדלונג פון דעם דאזיגען קאפיטעל קומט פאר אין דער הויכגעשעצטער פאר־שטאדט קלערקענוועל, ביי לאנדאן.

מיר זאגען, אין דער פאר־שטאדט — ווייל מיט זעקס און זעכציג יאהר צוריק איז נאך קלערקענוועל געוועזן א פאר־שטאדט. א גרויסער טייל פון דעם איצטיגען לאנדאן האט נאך דאן נישט עקזיסטירט אפילו אין דער פאנטאזיע פון די היציגסטע בוי־ספעקולאנטען. די טראטואַרען פון די גאסען אין דער פאר־שטאדט זענען געוועזן בעפלאנצט מיט ביימער, און פיעל הייזער האבען געהאט ארום זיך נישקשהדיגע גערטלעך, — א זאך, וואס א היינטיגער דארטיגער איינוואוינער וועט קוים גלויבען.

אויף איינער פון די דאזיגע גאסען, אויף דער ציכטיגסטער פון זיי, איז געשטאנען דאס הויז, מיט וועלכען מיר האבען צו טהון. דאס איז געוועזן א בעשיידענע געביידע, נישט חלילה צו־ניימאדיש, נישט איבעריג גראד, נישט גרויס, נישט הויך, נישט מיט צו־פיעל חוצפה אין גרויסע פענסטער־אויגען, — פערקעהרט: א ביסעל א צושראקענע הייזעל מיט פינטלענדיגע פענסטערלעך און מיט א הויכען שפיציגען דאך, וואס איז געזעסען איבער'ן בוידעם־פענסטערל, ווי א מיצעל אויפ'ן קאפ פון אן אלטען בעל־הבית

מיט איין אויג. געבויט איז עס געווען נישט פון ציעגעל אָדער שטיין, נאָר פּשוט פון האָלץ מיט ליים, און געפּלאַנט נישט חלילה מיט אַ טודנער רעגעלמעסיגקייט, נאָר גאַנץ פריי: קיין איינציג פענסטער איז נישט גלייך געווען צום צווייטען, קיין איינציגער טייל האָט זיך נישט געפּאַסט צו די אַנדערע טיילען און האָט זיך מיט זיי נישט גערעכענט אַפילו אויף אַ האָר.

דאָס הייזעל האָט געהאַט אַ ווערקצימער. דאָס ווערקצימער האָט זיך געפונען דאָרט, וואו ווערקצימערן געפינען זיך געוועהנליך, דאָס הייסט, אונטערן ערשטען שטאָק — און שוין: דערמיט האָט זיך געענדיגט זיין עהנליכקייט צו אַלע אַנדערע ווערקצימערן. דער אַריינגאַנג אַהין האָט געפיהרט נישט אויף אַ פּאָר טרעפּלעך אַרויף אָדער גלייך פון דער גאַס, נאָר דוקא דורך דריי טרעפּלעך אַראָב, ווי אין אַ קעלער. די פּאָדלאָגע איז געווען געפּלאַסטערט מיט שטיינער און ציעגעל, ווי עס פּאַסט פאַר אַ קעלער. און אַנשטאָט אַ פענסטער מיט אַ ראַהם און שויבען, איז געווען איינפאַך אַ לאָך אין דער וואַנד מיט אַ שוואַרצען הילצערנעם לאָדען, וועלכער פלעגט זיך עפענען ביי־טאָג און אַריינלאָזען אַהין אַזוי פיעל קעלט, וויפיעל ליכט, און זעהר אָפט נאָך מעהר.

הינטער דעם ווערקצימער איז געווען אַ גאַסט־צימער מיט ווענד בעשלאָגען מיט ברעטער, וועלכעס האָט אַרויסגעקוקט אין אָנפאַנג אין אַ ברוקירט הויפעל אַריין און אַ ביסעל ווייטער אין אַ גערטנעל. צוויי שמאָלע טהירלעך פון דאַנען האָבען געפיהרט צו צוויי גאַנגדרעהטע טרעפּען, איינע אַראָב, די צווייטע אַרויף. קיין אַנדער קאָמוניקאַציע מיט די איבעריגע טיילען פון הויז האָט דאָס צימער נישט געהאַט.

און דאָך, ביי אַט די אַלע משונהדיגע איינצעלהייטען, איז נישט געווען קיין צירכטיגער־און פּינקטליכער־איינגעאָרדענט הויז אין קלערקענוועל, אין לאָנדאָן, אין גאַנץ ענגלאַנד. נישט געווען קיין קלערערע פענסטער, קיין ווייסערע פּאָדלאָגעס, קיין גלאַנציגערע אייוענס, קיין מעהר בלאַנקענדעס מעבעל פון מאַהאָגאַני־האָלץ; אויף דער גאַנצער גאַס צוזאַמען האָט מען אַזוי פיעל נישט געקראַצט

און געשריִען, און געפּוצט, און געראַמט, וויפיעל דאָ. און דער דאָזיגער גלאַנץ און פּראַכט האָט טאַקע געקאָסט נישט ווייניג טרחה און מיטעל און העכערע טענער אויף אַ ביי־קול, ווי די שכנים האָבען געהערט יעדעס מאָל, ווען די ווירטהין אַליין האָט אַכטונג געגעבען אָדער געהאָלפען אין די ימי־הדין ביים האַמען, — דאָס הייסט, יעדע וואָך פון מאָנטאָג פריה ביז שבת שפּעט אין דער נאַכט.

אויף דער שוועל פון ווערקצימער איז געשטאַנען זיין אייגענטימער, דער שלאָסער גאַבריעל וואַרדען, אויף מאָרגען גאַנץ פריה נאָך זיין בעגעגניש מיט באַרנעבי'ן און מיט'ן פערוואונדעטען מענשען. ער האָט אומעטיג געקוקט אויף אַ גאָלד־געפאַרבטען הילצערנעם שליסעל, וואָס האָט זיך געוויגט איבער דער טהיר אַלס סימבאָל פון זיין מלאכה, און פון צייט צו צייט האָט ער געוואָרפען בליקען אַהינטער, אין ווערקצימער אַריין, וואו זיין געזעל האָט געאַרבייט ביי אַ גליה־אייזען, צווישען פערראָסטעטע שליסלען, צובראָכענע שלעסער, שטיקער אייזען און דערגלייכען.

נאָך אַ לאַנגען שטעהן אַזוי פערטראַכט, האָט גאַבריעל געמאַכט אַ טריט צו דער גאַס און האָט געוואָרפען אַ גרינגען בליק אַרויף, צו די פענסטער פון הויז. גראָד דעמאָלט האָט זיך איינס פון זיי געעפענט, און אַ פערשייט פנימ'ל האָט אַרויסגעקוקט פון דאָרטען, — אַ פנימ'ל בעלויכטען מיט די ליעבליכסטע פינקלענדע צוויי אויגלעך, וואָס אַ שלאָסער האָט ווען געזעהן; אַ פנים פון אַ שענעם, לאַכענדיגען מיידעל, פריש און געזונד, די פערקערפּערונג פון גוטמיטהיגקייט און בליהענדער שענקייט אַליין.

— ש—שאַ! — האָט זי אַרויסגעמורמעלט, ווייזענדיג מיט דער האַנד אויף אַ פענסטער מיט אַ שטאָק נעהנטער. — די מאַמע שלאָפט נאָך.

— נאָך, מיין לעבען? — האָט דער שלאָסער געענטפערט אין דעמזעלבען טאָן. — דו רעדסט אַזוי, ווי זי וואָלט געשלאָפען די גאַנצע נאַכט, נישט קוים אַ האַלבע שטונדע. אָבער עס טהוט מיר שטאַרק הנאה. דער שלאָף איז, אָהן צווייפעל, אַ ברכה פון גאָט.

די לעצטע עטליכע ווערטער האָט ער אַרויסגעמורמעלט אין דער שטיל צו זיך אַליין.

— אַ גרויסע עולה געווען פֿון איך, טאַטע, צו האַלטען אונז וואַכענדיג ביז טאָג און נישט געבען צו וויסען, וואָו איהר זענט אָדער וואָס מיט אייך איז! — האָט דאָס מיידעל געזאָגט.

— אַך, דאָלי! — האָט דער פֿאָטער שמייכלענדיג געענט־פֿערט. — אַ גרויסע עולה פֿון דיר צו קריכען איצט אין בעט אַריין. קום בעסער אַראָב צו פֿריהשטיק, די שקאָץ, נאָר בעסער שפּילער, האָלסט נישט אויפֿוועקען די מאַמען. זי מוז נאָכדעם זיכער זיין מיעד.

און ווידער האָט ער די לעצטע ווערטער געזאָגט פֿאַר זיך אין איז אַוועק אין ווערקצימער, וואָו ער האָט געפּאַקט דעם געצייג גראָד אין דער מינוט, ווען יענער איז אָבגעשפּרונגען פֿון פֿענסטער צוריק צו זיין פֿריהעריגען פּלאַץ ביים אייזען און גלייך געמען קלאַפּען געטריי מיט אַ האַמער אויף אַ שטיק אייזען.

— סיימאָן האָט זיך ווידער אונטערגעהערט! — האָט גאַבריעל צו זיך געזאָגט. — דאָס איז מאוס. איך וואָלט וועלען וויסען, וואָס אונגס ריכט ער זיך צו הערען פֿינס מיידעל'ס מויל, וואָס איך פֿאַר אַלע מאָל אונטערהערען זיך דוקא ווען זי רעדט, און נישט עמי־צער אַנדערש?... אַ שלעכטע געוועהנהייט, סים, אַ גנבה'שער אויפֿ־טהו. קלאַפּסט? קלאַפּ, קלאַפּ! דאָס וועסטו ביי מיר פֿון קאָפּ נישט אַרויסקלאַפּען, מעגסט אַפילו קלאַפּען ביזן סוף פֿון דיין לעבען!

מיט די ווערטער איז ער אַריין אין ווערקצימער און איז צוגעגאַנגען צום געזעל.

— ט'זיין געטוג דערוויל, — האָט דער שלאָסער געזאָגט. — העט־אויף איצט צו טאַרעראַמען און קום עסען פֿריהשטיק.

— סער, — האָט סים געענטפֿערט וואונדערבאַר הויפֿליך, מיט אַ בעזונדערן נויג פֿון קאָפּ, — איך בין גרייט אייך צו דינען אימגעזאַמט.

— איך בין זיך משער, — האָט גאַבריעל אַ מורמעל געטהון, —

אַז די מליצה האָט ער אויסגעלייענט אין „געזעלים בלומענקראַנץ", אָדער אין „געזעלים הערקוויקעניש", אָדער אין „געזעלים שפּיעל־פויגעל", אָדער אין „געזעלים פיהרער צו דער תּליה", אָדער אין אַנאַנדער מוסר־ספר פון דעם סאָרט. נאַ, איצט נעהמט ער זיך פּיצען — אַ טייערער שלאָסער וועט ער זיין!

ניִשט בעמערקענדיג, אַז זיין מייסטער בעטראַכט איהם פון דער ווייטען, האָט ער אַראָפּגעשמיסען זיין מיצעל פון קאָפּ, איז מיט גרויס חן צוגעשפּרונגען צום האַנד־פאַס און האָט זיך אָרומ־געוואַשען, אונטערטאַנצענדיג די גאַנצע צייט אויף איין פוס. דער־נאָך האָט ער אַרויסגענומען פון עפּיס אַ בעהעלטעניש אַ שטיקעל פון אַ צובראָכענעם שפּיגעל, און קוקענדיג דערין, האָט ער גע־בראַכט אין אָרדנונג זיינע האָאָר און אונטערגערוקט דעם צושטאַנד פונ'ם „ווינפעטל", וואָס איז געזעסען ביי איהם אויף דער נאָז. נאָך דעם אַלעם, האָט ער געוואָרפען אויף זיך אַ בליק פון אויבען ביז אַראָב, און זיין פנים האָט אויסגעדריקט אַ משונה הנאה פון זיך זעלבסט.

מיט, ווי דעם שלאָסערס פאַמיליע האָט איהם גערופען, אָדער מיסטער סיימאָן טעפּערטיט, ווי ער אַליין האָט זיך גערופען און פערלאַנגט פון אַנדערע, זיי זאָלען איהם אַזוי טיטולירען אין וואָך, אים זונטאָג און אים יום־טוב, — איז געוועזען אַ נפש מיט אַ מאָגער געזיכט, מיט גלאַטע האָאָר, אַ שאַרף נעזעל און קליינע אויגע־לעך; ניִשט העכער פון פינף פוס, הגם ער אַליין האָט זיך גע־האַלטען פאַר אַ מאַן העכער פון מיטעלער וואוקס און זאָגאַר פאַר אַ הויכען. ער איז געוועזען ענטציקט פון זיין פיגור און בעזונדערס בעגייסטערט פון זיינע קליינע, כמעט קינדערשע פיסלעך. דערצו האָט ער געהאַט זעהר אַ הויכען בעגריף וועגען דער קראַפט פון זיינע אויגען, וואָס אַפילו זיינע אינטימסטע פריינד האָבען איהם ניִשט געקאַנט דערהינטערוויזען. ער האָט נעמליך בעהויפּטעט, אַז ער קאָן איינעהמען דאָס האַרץ פון דער שענסטער פרוי דורך אַ גאַנץ איינ־פאַכען פּראָצעס, וועלכען ער האָט גערופען „דורכנעהמען מיט די אויגען"; די זעלבע קראַפט, ווי ער האָט פערזיכערט, האָבען זיינע אויגען אַרויסגעוויזען בנוגע צו ווילדע חיות. ניִשטמעהר, ער האָט

קיינמאל קיינעם נישט צוגעשטעלט קיין געניגענדען בעוויז צו זייגע רייד.

פון דעם אלעם איז צו זעהן, אז אין דעם קליינינקען גוף פון מיסטער סיימאן טעפערטיט איז געוועזן איינגעשלאסען אן אנגעדרייצטע, הויך-פליהענדע נשמה. ווי געוויסע שטארקע משקאות הויבען אן צו ברויזען אין אירען, אז מגיסט אן מיט זיי א כלי צו-פיל, אזוי פלעגט מיסטער טעפערטיט'ס נשמה אפטמאל אנהויבען צו שוימען אין דער דאזיגער טייערער כלי, דעם גוף זיינעם, אויף וואס ער אליין פלעגט זאגען, אז די נשמה איז איהם ארײן אין קאפ. אין א צושטאנד פון דעם דאזיגען נייעם סארט שכרות האבען מיט איהם נישט איין מאל געטראפען פערשיעדענע אונאנגענעהמע מכות, וועלכע איהם איז נישט שטענדיג אנגעקומען גרינג צו פערהוילען פון זיין מייסטער.

צווישען אנדערע פאנטאזיעס פון זיין אויבענערמאהנטער נשמה, האט ער געהאט זעהר א הויכע מיינונג וועגען זיין קארפאראציע. ער האט נישט איין מאל אויסגעדריקט זיין פערדרוס, וואס געזעלען טראגען שוין מעהר מיט זיך נישט קיין שטעקענס, ווי אמאליגע יאהרען, צו „דעקען" די בירגער. הערביי האט ער נישט פערבארגען זיין בטחון, אז געזעלען וועלען נאך מיט דער צייט שפיעלען א גרויסע ראלע אין דער וועלט, זאלען זיי נור קריגען עפיס א רעכטען אנפיהרער, א מענש מיט קאפ. נאך דעם זענען געקומען רמזים, אז ער ווייסט פון א חברה וואוילע יונגען און פון איינעם א מאן מיט א הארץ פון א לייב, וואס איז גרייט צו ווערען זייער הויפט-מאן, און דאן וועלען זיי מאכען ציטערן דעם בירגערמייסטער [illegible] אויף זיין טראהן.

דערצו וועלען מיר צוגעבען, אז סים האט זיך געהאט זיינע פאנטאזיעס אין קליידונג אויך, איז אלט געוועזן צוואנציג יאהר, האטש ער האט אויסגעזעהן עלטער, און איז געוועזן פערליעבט אין זיין מייסטער'ס טאכטער. דאס אלץ איז דערווייל גענוג צו בעקענען דעם לעזער מיט מיסטער סיימאן טעפערטיט, וועלכער

איז נאכגעלאנגען גאבריעלן צום טיש, וואו פריהשטיק איז גע־ווען סערווירט.

דאס איז געווען א ממשות'דיגער מאדלציים, דען אויסער טהיי מיט די אלע דיבען זאכען, וואס קומען דערצו, דאט האט דער טיש זיך געבראכען אונטער א דיקשען שטיק בראטען, א גרויסער שינקע און עטליכע טורמס פון יארקשיירער פלאדען בעשמירט מיט פוטער. עס האט זיך אויך געפונען א מאדנער הויכער קרוג, וואס האט געהאט די פארם פון אן אלטערן דזשענטעלמען, פול מיט שוימענ־דען דיימישען ביער. נאר בעסער און שענער פונם ביער, פונם בראטען, פון דער שינקע, פונם פלאדען און פון אלע אנדערע מאכלים און משקאות — איז געווען דעם שלאסער'ס ראזיגע טאכטער, וואס געגען אירע שווארצע אויגען איז אפילו דאס פלייש געווען נישט וויכטיג און דער מאלץ — גלייך ווי גארנישט.

פאטער'ס הארפען קיינמאל נישט קושין זייערע טעכטער פאר יונגע-לייט אין די אויגען. דאס איז שוין צו-פיעל. דעם מענשענ'ס געדולד האט א גרעניץ. אזוי האט געטראכט סים טעפערטיט, בשעת גאבריעל האט צוגעצויגען צו זיך די צוויי ראזע ליפלעך, — דיזעלבע ליפלעך, צו וועלכע סים איז יעדען טאג געווען אזוי נאהנט און דאך אזוי וויים פון זיי. ער האט געהאט דרך-ארץ פאר זיין מייסטער, נאר דאסמאל האט ער איהם געוואונשען פון גאנצען האר־צען, ער זאל זיך דערווערגען מיט'ן יארקשיירער פלאדען.

— טאטע, — האט די טאכטער געזאגט, או זיי האבען זיך אויסגעזעצט ארום טיש, — וואס פאר א געשיכטע האב איך עס געהערט וועגען דער פערהאנגענער נאכט?

— אלץ איז וואהר, טאכטערשי; אלץ איז ריכטיג, ווי די הייליגע שריפטען.

— דער יונגער מיסטער טשעסטער בערויבט און פערוואונדעט אין מיטען וועג, ווען איהר זענט אנגעפאהרען?

— יא, — מיסטער עדווארד טשעסטער. און בארנעבי נעבען איהם. איך זאל נישט געווען אנקומען, וואלט ער דארט אויס־געגאנגען ביז טאט.

— שרעקליך! — האט די טאכטער אויסגערופען. — אבער ווי
אזוי האט איהר איהם דערקענט?

— דערקענט? כ'האב איהם גארנישט דערקענט, ווייל איך
האב איהם קיינמאל נישט געזעהן, הגם איך האב געהערט ריידען
וועגען איהם. איך האב איהם גענומען צו מיסעס ראדוש, און
זי האט איהם תיכף דערקענט.

— מיס עמא, טאטע — אויב די גוטע בשורה וועט אנקומען
צו איהר, און דערצו נאך מיט גוזמאות, ווי דער שטייגער איז,
קאן זי פון זינען אראב.

— הערסטו דאך, ווי מ'ווערט אויסגעריסען, אז מ'וויל זיין
א גוטער! מיס עמא איז אוועק מיט איהר פעטער אויף א מאסקען-
באל — געגען איהר ווילען, ווי איך האב געהערט אין וואָרהען.
וואס-זשע טהוט דיין נארישער טאטע? אנשטאט צו זיין שוין אין
בעט, געהט ער אוועק אהין, מאכט א געשעפט מיט זיין בעקאנטען,
דעם וועכטער ביי דער טהיר, טהוט אן א מאסקע און א דאמינא
און מישט זיך אויס מיט'ן עולם פערמאסקירטע.

— ווי מ'האט געקאנט פון איהם ערווארטען! — האט דאס
מיידעל אויסגעשריען, ארומנעהמענדיג זיין האלז און געבענדיג
איהם א בעגייסטערטען קוש.

— געקאנט ערווארטען! — האט גאבריעל כלומר'שט זיך גע-
בייזערט, זענענדיג אין הארצען צופריעדען פון דעם, וואס ער האט
געטהון, און פון איהר לויב-ווארט. — פונקט ווי דיין מאמע האט
געזאגט: געקאנט פון איהם ערווארטען. נאר מילא, האט ער אזוי
ארומגעוואנדערט צווישען דעם עולם, און אלערליי מאסקען האבען
איהם געדולט א קאפ: „קענסט מיך?" און „אבער איך האב דיך
געפונען!" און נאך אזעלכע נארישקייטען. ער וואלט דארט ארום-
געוואנדערט נאך איצט, ער זאל נישט געוועזען הערען א ליידי
אין א בעזונדער צימער, זיצענדיג פערטראכט און אהן איהר
מאסקע אויפ'ן פנים.

— און דאס איז געוועזען זי? — האט דאלי האסטיג געפרעגט.

— און דאס איז געוועזען זי, — האט דער שלאסער געענט-

כערט. — און ווי נאָר איך האָב איהר איבערגעגעבען די געשיכטע, — אַזוי ווייך און פאַרזיכטיג, כמעט אַזוי ברייה'ש, ווי דו וואָלסט עס געטהון, — האָט זי געגעבען אַ קוויטש און איז געפאַלען אין אָהנמאַכט. דער עולם איז זיך צונויפגעלאָפען, און איך האָב זיך קוים אַרויסגעדרעהט. וואָס פאַר אַ ברוך הבא איך האָב געקראָגען אין דער־היים, קאָנסטו שוין פערשטעהן, אויב דו האָסט נישט געהערט. אַ, מלא, דאָס איז אַן אומגליקליך האַרץ, וואָס איז קיינ־מאָל נישט צופריעדען. — דערלאַנג מיר נאָר אַהער טאַבּין, מיין נשמה.

„טאַבּי“ האָט דער שלאָסער גערופען דעם דזשענטעלמען, וואָס האָט געהאַט אין זיך דאָס גוטע היימישע ביער. טאַבּיעל האָט געגלעט זיינע ליפּען צום ווידריגען דזשענטעלמענס שטערן און האָט איהם גענומען אַזוי לאַנג בויגען, ביז טאַבּי האָט זיך געשטעלט מיט'ן קאָפּ אויפ'ן שלאָסער'ס נאָז. ערשט נאָכדעם האָט ער איהם אַוועקגעשטעלט צוריק אויפ'ן טיש.

האָטש סים טאַפּערטיט האָט די גאַנצע צייט געשוויגען, ווייל מ'האָט גערעדט נישט צו איהם, האָט ער פונדעסטוועגען אַרויס־געוויזען זיין ערשטוינען מיט פערשיעדענע צייכענס. איצט, אַז ביים טיש איז געוואָרען שטיל, האָט ער עס געפונען פאַר די פּאַסענדסטע צייט צו ווענדען די קראַפט פון זיינע אויגען אויף זיין מייסטער'ס טאָכטער און האָט אָנגעהויבען אַזוי צו דרעהען און שרויפען זיין פּנים און בעזונדערס די אויגען, מאַכענדיג אַזעלכע מאָדנע גרימאַסען, אַז וואַרדען, וועלכער האָט צופעליג אויף איהם אַ קוק געטהון, איז געבליבען אַ ווייַלע זיצען אַ פערבליפטער.

— זעה נאָר, וואָס, צום שוואַרצען, איז דעם יונג געשעהן? ער וואַרגט זיך, צי וואָס?

— ווער? — האָט סים געפרעגט מיט אַ געוויסער פעראַכטונג.

— ווער? דו, פערשטעהסט זיך! צו וואָס מאַכסטו עס אַזעלכע משונה'דיגע פּנימ'ער איבער דיין פריהשטיק?

— פּנימ'ער זעגען אַ גוסט־זאַך, סער, — האָט סים געענט־פערט, אַ ביסעל צומישט פון'ם שמייכעל, וואָס ער האָט געזעהן אויף דאַלי'ס פּנים.

— סים, — האָט וואַרדען געזאָגט, לאַכענדיג מיטן גאַנצען האַרצען, — זיי נישט קיין שוטה, איך וואָלט דיך בעסער וועלען זעהן ביי אַלע געדאַנקען. אָט די יונגע־לייט, — האָט ער זיך גע־ווענדעט צו דער טאָכטער, — זענען שטענדיג מוכן ומזומן צו אַלערליי שטותים. די לעצטע נאַכט האָט זיך דזשאָר ווילעט צוגעריעט מיט זיין פאָטער — הגם איך קאָן נישט זאָגען, אַז דער בחור איז געווען אומגערעכט. מילא, קלויבט ער זיך צו אַנטלויפען אין די וועלט אַריין זוכען זיין גליק. — שאַ, איצט מאַכסט דו איך שוין קרומע מינעס, דאָלי! וואָס איז דיר געשעהן?

— גאָרנישט, דער טהיי, — האָט דאָלי געענטפערט, ווע־רענדיג טויט אין רויט, — איז צו־הייס.

— דאָס איז גאָר? גיס־אַריין נאָך אַ ביסעל מילך. יאָ, יאָ — עס טהוט מיר וועה דאָס האַרץ אויף דזשאָרן, ער איז אַ וואוילער בחור, און געפעלט מיר וואָס אַמאָל מעהר. אָבער ער וועט זיכער אַוועק. ער האָט עס מיר אַליין געזאָגט.

— טאַקע! — האָט דאָלי אויסגערופען מיט אַ שוואַכער שטים. — טאַ—קע!

— וואָס איז, טאָכטער, דער טהיי קיצעלט דיך נאָך אַלץ אין האַלז? — האָט וואַרדען געזאָגט.

די האָט געוואָלט ענטפערן, נאָר זי האָט זיך אַזוי פאַר־הוסט, אַז ווען עס האָט זי אָבגעלאָזען, זענען איהר די טרעהרען געשטאַנען אין די אויגען. דער פאָטער האָט איהר געגעבען קלאַ־פען אין פּלייצע און בכלל מונטערן, נאָר אין דער מינוט האָט מיסעס וואַרדען געלאָזען וויסען דורך די דיענסט אַלעמען, וועמען דאָס איז נוגע, אַז זי איז נישט אויפגעלעגט אויפצושטעהן היינט, נאָך דער אויפרעגונג און די יסורים פון דער נאַכט; דעריבער ווינשט זי, מ'זאָל איהר תיכף דערלאַנגען אין בעט אַריין דאָס קליינע שוואַרצע טשייניקעל מיט שטאַרקען טהיי, אַ פּאָר זעמעלעך אָדער צוויבאַק מיט פּוטער, אַ מיטעלמעסיג טעלערל בראָטען מיט שינקע, דין געשניטען, און דאָס „האַנד־בוך פאַר פּראָטעסטאַנטען“. דאָס איז געווען אַ שלעכטער סימן. וויפיעל אַנדערע עלטערע דאַמען,

וואָס האָבען געבליהט אויף אונזער פלאַנעט, האָט איך מיטעם ווערדען געדאַכט אַ טבע, אַז וואָס ערגער אויפגעלעגט זי איז געווען, אַלץ פרימער איז זי געוואָרען, און די נאָכפראַגע אויף דאָס „האַנד-בוך פאַר פּראָטעסטאַנטען" איז געשטיגען יעדעס מאָל ווען זי איז געווען ביז אויף איהר מאָס. דער עולם איז דעריבער אויפ-געשטאַנען פון טיש, דאַלי — צו ערפילען וואָס שנעלער דעם בע-פעהל, גאַבריעל צו זיין פערד און וועגעלע, און סים צו זיין אַרבייט אין ווערקצימער.

דאָרט האָט ער גענומען אַרומלויפען איבערן צימער, גלאָ-צענדיג מיט זיינע אויגען, און וועלכע עס האָט געשטעקט ראוּא כּשוף, און שליידערנדיג מיט די פיס פערשיעדענע קליינגקייטען, וואָס זענען איהם געקומען אין וועג. ביסלעכווייז האָט זיך אויף זיין פּנים בעוויזען אַ פינסטערער חוזק-שמייכעל, און ער האָט מיט גרויסאַרטיגער פעראַכטונג אַרויסגעברומט: „דושאָ!"

— איך האָב זי דורכגענומען מיט די אויגען; בעת ער האָט גערעדט וועגען יענעם שנעק, — האָט ער געזאָגט צו זיך. — דער-מאַר איז זי אַזוי צומישט געוואָרען.

ער איז ווידער אַ געוויסע צייט אַרומגעלאָפען איבערן צימער און אונטערגעברומט: „דושאָ!" און אַ פּערטעל שטונדע אַרום האָט ער אָנגעטהון זיין פאַרטוך און די אַרבייטס-מיץ און האָט פרובירט צו אַרבייטען. נײן. עס געהט נישט.

— איך וועל היינט גאָרנישט טהון, — האָט ער געזאָגט, אַוועק-וואַרפענדיג די אַרבייט, — כ'גיי שלאָפען. איך וועל אָנשלאָפען דאָס גאַנצע געצייג. שלאָפען פּאַסט זיך גוט צו מיין היינטיגער שטימונג. דושאָ!

וו־ר—ר. דער שליפשטיין האָט גענומען אַרבייטען, שי-סענדיג מיט גאַנצע גאַרבען פונקען. דאָס איז געווען פונקט די אַרבייט פאַר זיין צעקאָכטע נשמה.

וו־ר—ר—ר—ר.

— עפּיס וועט דערפון אַרויסקומען! — האָט מייסטער טע-פערטיש געזאָגט, אָבווישענדיג מיט זיין אַרבעל דאָס שווייס פּנים

פּנים. — עפּיס וועט דערפון אַרויסקומען. איך וואָלט וועלען האָבען, אַז נישט קיין מענשליך.

ווהיר-ר—ר-ר—ר.

6. ווידער דער פרעמדער.

אין אָוונט, אַזוי שנעל ווי דער שלאָסער האָט אָפּגעלעגט זיין אַרבייט, איז ער אַוועקגעגאַנגען מבקר חולה זיין דעם פערוואונדעטען דזשענטעלמען. דאָס הויז, וואו ער האָט איהם געלאָזען, איז געשטאַנען אין אַ זייטיגען געסעל נישט ווייט פון „לאָנדאָנער בריק“; און דאַהין האָט ער זיך עס געלאָזען געהן מיט שנעלע טריט, אום ער זאָל קומען ביי-צייטענס צוריק און געהן פאַר-פריה אין בעט אַריין.

דער אָוונט איז געווען זעהר אַ שטורמישער, נישט בעסער פון דער פאָריגער נאַכט. פאַר אַ פולען מענשען ווי גאַבריעל איז נישט לייכט געווען זיך איינצוהאַלטען אויף די פיס ביי די ווינקלען פון די גאַסען אָדער צו געהן געגען ווינד, וועלכער האָט איהם נישט איינמאָל געצוואונגען צו בלייבען שטעהן אויף אַ ווייל אָדער זיך פערשטעקען אין אַ טויער און איבערוואַרטען דאָרט אַ בעזונדערס ווילדען אָנפאַל פון די צוקאָכטע עלעמענטען. אָפטמאָל האָט מען געזעהן זיך פאַרבייטראָגען אין דער לופט אַ הוט אָדער אַ פאַריק, אָדער ביידע צוזאַמען; נאָר פון צייט צו צייט זענען געפלויגען אויך ערנסטערע זאַכען, ווי אַ שאַרבען פון אַ דאַך אָדער אַ שילד פון אַ געשעפט, — און דאָס האָט נישט געמאַכט דעם וועג נישט לייכטער און נישט פרעהליכער.

— אַ שווערע הלכה פאַר מיר צו שפּאַצירען אין אַזאַ נאַכט, — האָט וואַרדען געברומט. — איך וואָלט, בנאמנות, גערנער געזעסען נעבען אַלטען דזשאָנ'ס וואַרים אויווען.

ענדליך האָט ער דערגרייכט דאָס הויז, וואוהין ער איז געגאַנגען, און האָט שטיל אָנגעקלאַפּט אין טהיר.

— ווער איז דאָס? — האָט געפרעגט פון אינווייניג אַ פרויען-שטים, און נאָך גאַבריעל'ס ענטפער האָט זיך די טהיר געשווינד געעפענט.

בעגעגנט האט איהם א פרוי פון א יאהר פערציג, אפשר מיט צוויי-דריי יאהר עלטער, מיט א פריינדליכער מינע און א געזיכט, וואס איז אמאל געוועזען שיין. דאס געזיכט האט געטראגען אויף זיך סימנים פון דאגות און יסורים, גאר שוין פערלעגערטע, און די צייט האט זיי א ביסעל פערגלעט. ווער עס האט געווארפען אויף בארנעבין האטש אן איינציגען בליק, וואלט גלייך דערקענט, אז דאס איז זיין מוטער, אזוי ענליך זענען זיי געוועזען צווישען זיך; אבער דארט וואו זיין געזיכט האט געוויזען ווילדקייט און שוואכזיניגקייט, האט אירס געטראגען אן אויסדרוק פון לאנגער אנשטרענגונג און רוהיגען יאוש.

אין איין פרט איז דאס דאזיגע געזיכט געוועזען זעהר מאדנע און איבערראשענד. עס איז אונמעגליך געוועזען צו קוקען הערויף — אפילו אין זיין בעסטער שטימונג — נישט פיהלענדיג דערביי, אז עס בעזיצט אן אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייט אויסצודריקען שרעק. דאס איז נישט געלעגען אויבען-אויף. נישט קיין איינציגען בעזונדערן שטריך פון דעם פנים האט מען געקאנט האלטען פעראנטווארטליך דערפאר. איהר האט נישט געקאנט נעהמען די אויגען, [illegible] דאס מויל, אדער די ליניעס פון די באקען און זאגען: אט דא ליעגט עס, ווען דאס אדער יענץ וואלט געווען אנדערש, וואלט דער דאזיגער אויסדרוק נישט געוועזען. און דאך האט עס געלויערט אט דא ערגיץ דערנעבען, שטענדיג אונדייטליך, אבער קיינמאל נישט אבוועזענד אפילו אויף א סעקונדע. דאס איז געוועזען דער שוואכסטער, בלאסעסטער שאטען פון אזא בליק, וואס איז געבוירען געווארען אין א מאמענט פון טיעפען, אונבעשרייבליכען טויט-שרעק. און ווי אונקלאר דאס איז געוועזען, האט עס פונדעסטוועגען ארויפבעשווארען אויפ'ן געדאנק, אז אזא בליק איז אמאל זיכער געוועזען, און האט עס איינגעקריצט ביי זיך אין מח, ווי איהר וואלט עס בייגעוואוינט אין א חלום.

שוואכער און זינלאזער איז עס געוועזען ביים זוהן, צוליעב זיין פערטונקעלטען פערשטאנד, אבער אויך אויף איהם איז געלעגען דער דאזיגער שטעמפעל. די, וואס האבען געוואוסט די מיטפאלער

געשיכטע אין האָבען געקענט די אלמנה פאַר אידר מאַנ'ס און זײַן פרײַנד'ס טויט, האָבען עס זעהר גוט פערשטאַנען. זיי האָבען געדענקט, ווי אַזוי די ענדערונג איז געקומען, און האָבען זיך נאָך דערמאָרגט, אַז ווען אידר זוהן איז געבוירען געוואָרען, אין דעמזעלבען טאָג ווען מ'האָט זיך דערוואוסט פונ'ם מאָרד, האָט זי גערואַט אויף אַ העמטעל עפּיס אַזאַ מאָדנעם צייכען, ווי אַ בלוטפלעק, וואָס איז האַלב פערוואַשען.

— גוטען אָווענד, שכנה, — האָט דער שלאָסער געזאָגט, נאָכגעהענדיג אידר פריי, ווי אַן'אַלטער פריינד, אין אַ קליין גאַסטצימער, וואו עס האָט געברענט אַ פרעהליך פייער'ל.

— גוטען אָווענד, גוט יאָהר, — האָט זי שמייכלענדיג געענטפערט. — אייער גוט הארץ האָט אייך ווידער אַהער געבראַכט. איך ווייס שוין פון לאַנג, אַז קיין זאַך קאָן אייך נישט אײַנהאַלטען אין דער־היים, ווען עמיצער נויטיגט זיך אין אַ טובה פון אייך עהניך אַנדערס־וואו.

— טאַ־טאַ־טאַ, — האָט גאַבריעל געענטפערט, רייבענדיג די הענד. — איהר, ווייבער, האָט נײַן מאָל רייד. וואָס מאַכט דער חולה, שכנה?

— ער שלאָפט איצט. פאַר־טאָג איז ער געווען זעהר אונרוהיג און האָט זיך אַרומגעשליידערט איפ'ן בעט עטליכע שעה נאָכאַנאַנד. אָבער דאָס פיעבער האָט איהם איצט אָבגעלאָזען, און דער דאָקטאָר זאָגט, ער וועט אין גיכען געזונד ווערען. דערווייל קאָן מען איהם נישט אַריבערפיהרען פון דאַנען פריהער פון מאָרגען.

— איז עמ'ין געקומען איהם געוואָהר ווערען? — האָט דער שלאָסער געפרעגט מיט אַ פערבאָרגענעם מיין.

— יאָ. דער אַלטער מיסטער טשעסטער, זיין פאָטער, איז דאָ געווען דעם גאַנצען טאָג און איז אַוועק מיט אַ פאָר מינוט פאַר אייער קומען.

— און קיינע דאַמען? — האָט גאַבריעל געפרעגט, אויפהייבענדיג די ברעמען מיט אַנ'ענטטוישטער מינע.

— אַ בריעף, — האָט די אַלמנה געענטפערט.

— מילא. בעסער פון גאָרנישט! ווער האָט עס געבראַכט?

— באַרנעבי, נאַטירליך.

— באַרנעבי איז אַ גאָלד, — האָט וואַרדען געזאָגט, — און איז ווי ביי זיך אין דער־היים אין אַזעלכע ענינים, צו וועלכע מיר אַלע, וואָס האַלטען זיך פאַר קליגער פון איהם, טויגען אויף כפּרות. איך האָף, ער וואַנדערט נישט ווידער אין גאַס?

— דאַנקען גאָט, ער איז אין בעט, נאָכ׳ן איפּזיין פאָריגע נאַכט און אַרומטאַנצען דעם גאַנצען טאָג. ער איז געבליבען געפאַלען פון די פיס פאַר מידקייט. אַך, שכן, ווען איך וואָלט אימשטאַנדע געווען אײַנצושטילען זיין שרעקליכע אונרוהיגקייט —

— מיט דער צייט, — האָט גאַבריעל זי געטרייסט, — מיט דער צייט וועט עס קומען. פאַלט ביי זיך נישט אַראָב. נאָך מיין פערשטאַנד נאָך, ווערט ער וואָס אַ טאָג קליגער.

די אַלמנה האָט אַ שאָקעל געטהון מיט׳ן קאָפּ. פונדעסטוועגען, ווייסענדיג גאַנץ גוט, אַז דער שלאָסער מיינט זי צו טרייסטען און זאָגט אַנדערש ווי ער דענקט, האָט זי זיך דאָך געפרעהט דערמיט, וואָס מ׳לויבט איהר אָרימען זוהן.

— ער וועט נאָך זיין אַ חריף פון אַ מענשען, — האָט וואַרדען פאָרטגעזעצט. — איהר׳ט זעהן, אַז ווען מיר׳ן זיין אַלט און עובר־בטל, וועלען מיר זיך דאַרפען פאַר איהם שעמען. און אונזער אַנדערער פריינד, — האָט ער צוגעגעבען, בעטראַכטענדיג אינטערי׳ן טיש און איבער דער פאָדלאָגע, — דער געשיקטסטער פון אַלע געשעפטע — וואו איז ער?

— אין באַרנעבי׳ס צימער, — האָט די אַלמנה געענטפערט מיט אַ שוואַכען שמייכעל.

— אָה, דאָס איז אַ ממזר׳שער קאָפּ! — האָט וואַרדען געזאָגט. — איך וואָלט מורא געהאַט פאַר איהם ריידען אַ סוד. אַ ביטערער יונג! איך צווייפעל אַ האָהר נישט, אַז ער קאָן לייענען און שרייבען און השבונ׳ען, ווען ער וויל נור. וואָס איז דאָס — דאָס קראַצט ער די טהיר?

— ניין, — האָט די אַלמנה געענטפערט. — מיר דאַכט, דאָס איז געווען דרויסען. ש-ש-ש! יאָ. אָט, נאָכאַמאָל. עמי־צער קלאַפּט שטיל אָן לאָדען. ווער קאָן עס זיין!

זיי האָבען געשמועסט שטיל, ווייל דער קראַנקער איז גע־לעגען איבען, און די ווענד און באַלקענס אין דעם היידעל זענען געווען דין געמאַכט. דער קלאַפּער דאָרט דרויסען, ווער ער זאָל ניט זיין, האָט גישט געקאָנט הערען, אַז דאָ רעדט מען, און זעהענדיג אַ שיין דורך די שפּאַלטען, האָט ער געמוזט מיינען, אַז אין צימער געפינט זיך בלויז איין פּערזאָן.

— עפּיס אַ גנב אָדער אַ שלעפּער, מסתמא, — האָט דער שלאָסער געזאָגט. — גיט מיר דאָס ליכט.

— ניין, ניין, — האָט זי האַסטיג געענטפערט. — אַזעלכע בעזוכער האָט מיין אָרים הויז קיינמאָל נישט געהאַט. בלייבט איהר דאָ. איך וועל אַליין אַ קוק טהון, אין שלימסטען פאַל. איך'ל בעסער געהן אַליין — איינע אַליין.

— פאַרוואָס? — האָט דער שלאָסער געזאָגט, אָבלאָזענדיג דאָס ליכט אָהן חשק.

— ווייל — איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס — ווייל עס ציהט מיך עפּיס. אָט, ווידער! האַלט מיך נישט אָב, איך בעט אייך זעהר!

גאַבריעל האָט זיך זעהר געוואונדערט, וואָס זי, שטענ־דיג אַזאַ מילדע און געלאַסענע, איז פּלוצים אַזוי אויפגערעגט געוואָרען און פון אַזאַ קלייניגקייט. זי איז געשטאַנען אַ ווייל׳ע נעבען דער טהיר, מיט איהר האַנד אויפ׳ן שלאָס, ווי זי וואָלט זיך שלאָגען מיט דער דעה. וועהרענד דער דאָזיגער קורצער פּויזע האָט מען ווידער אָנגעקלאַפּט אָן לאָדען, און אַ שטים, וואָס האָט זיך דעם שלאָסער אויסגעדוכט צו זיין קענטליך און עפּיס אַנ־אַנגענעהם, האָט אַרויסגעפּליסטערט האַרט נעבען פענסטער: „שנעלער״.

דאָס וואָרט איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען אין יענע שטילע און שנייד עגדע, צישענדע טענער, וואָס געפינען אַזוי ליכט דעם

וועג צום אייער פון א שלאפענדען מענשען און וועקען איהם אויף מאמענטאל און אין שרעק. אפילו דער שלאסער האט זיך א צאפעל געטהון, איז אבגעשפרונגען פון פענסטער און זיך גענומען צוהערען, וועהרענד די אלמנה איז ארויס פון ציכער און האט צוגעמאכט די טהיר הינטער זיך.

דער ווינד האט געפייפט אין קוימען, און עס איז שווער געווען צו הערען קלאר, וואס אין פאדער-צימער קומט פאר, נאר אויף אזוי פיעל האט גאבריעל'ס אויער געכאפט, אז די דרויסען-טהיר האט זיך געעפענט און דערנאך האבען די ברעטער פון דער פאדלאגע א סקריפ געטהון אונטער מענשליכע טריט. א מאמענט האט געהערשט א טויטע שטילקייט — און באלד איז די געשטערט געווארען פון עפיס א קלאנג: נישט קיין געשריי, נישט קיין קרעכץ, און אפשר יא א געשריי מיט א קרעכץ צוזאמען, און די ווערטער „מיין גאט!“ אין א צווייטען, אז ביי גאבריעל'ן איז דאס בלוט פערגליווערט געווארען אין די אדערן.

ער האט א שפרונג געטהון איהר צו-הילף אין דעמזעלבען אויגענבליק. איצט האט ער ענדליך דערזעהן אין איהרע אויגען יענעם שרעק-פולען בליק, וועלכען ער האט קיינמאל פריהער נישט געזעהן דייטליך און וועלכער איז איהם דאך געווען אזוי באקאנט. דארט איז זי געשטאנען, ווי צוגעפרוירען צו דער ערד, בלאס און פערשטיינערט, קוקענדיג מיט אויסגעגלאצטע אויגען אויפ'ן אונבעקאנטען מאן, וועלכען זי האט באגעגענט אויפ'ן וועג פאריגע נאכט. יענעמ'ס אויגען האבען זיך באגעגענט מיט'ן שלאסער'ס. דאס האט געדויערט נישט מעהר ווי א בליץ, אן אויגענבליק, א הויך איבער פארליטען גלאז — און יענער איז פערשוואונדען.

גאבריעל האט זיך אלאז געטהון נאך איהם, ער האט שוין כמעט געהאט אנגעכאפט יענעם פאר א פאלע, נאר עמיצער האט איהם געכאפט פאר די הענד, און באלד דערויף האט די אלמנה זיך א שליידער געטהון צו דער ערד ביי זיינע פיס.

— נישט אהער — נישט אהער, — האט זי אויסגעשריען. — ער איז אוועק אין די צווייטע זייט. צוריק — צוריק!

— ווי, נישט אזוי — אָן זעה איך דאָך איהם! — האָט וואַרדען געענטפערט. — אָן — אָן איז ער — זיין שאָטען שוועבט פאַרביי דער שיין. ווער איז דאָס? לאָזט מיך!

— צוריק, קומט צוריק! — האָט די פרוי געהויפען, האַלטענדיג פעסט זיינע הענד. — טשעפּעט איהם נישט, איך בעשווער אייך ביי אייער לעבען. צוריק, איך בעט אייך. ער טראָגט מיט זיך נאָך אַנדערע לעבענס אויסער זיין אייגענעם. קומט צוריק!

— וואָס מיינט איהר דערמיט? — האָט דער שלאָסער אויסגעשריען.

— קיין אונטערשייד נישט, וואָס איך מיין, פרעגט נישט, רעדט נישט, קלערט נישט דערוועגען. מיטאָר איהם נישט נאָכלויפען, פערהאַלטען אָדער פּאַקען. קומט צוריק!

מיט גרויס ערשטוינען האָט דער אַלטער צוגעקוקט, ווי זי דרעהט זיך און וואַרפט זיך אַרום איהם און טרעט פון איהם נישט אָב, און צוטומעלט פון איהר אויפרעגונג, האָט ער זיך געלאָזען אַריינשלעפּען צוריק אין צימער. ערשט נאָכדעם ווי זי האָט פערהאַקט די טהיר און די פערשלאָסען און פערריגעלט אויף אַלע ריגלען, האָט זי ווידער געוואָרפען אויף איהם אַ שטיינערנעם שרעקבליק, איז געפאַלען אויף אַ שטוהל, האָט זיך פערשטעלט דאָס פּנים מיט די הענד און האָט אַזוי אויפגעשוידערט, ווי זי וואָלט שפּירען אויף זיך די קאַלטע האַנד פון׳ם טויט.

אינגאַנצען צוהילט פון דער פּאַסירונג, וואָס האָט זיך אָבגעשפּילט אַזוי געוואַלטיג און שנעל, האָט דער שלאָסער אַ לאַנגע צייט בעטראַכט די שוידערנדע פיגור אויפ׳ן שטוהל, ביז מיטלייד האָט איהם ענדליך געעפענט דאָס מויל.

— איהר זענט קראַנק, — האָט גאַבריעל געזאָגט. — ערלויבט מיר אַריינצורופען וועמען-עס-איז פון די שכנים.

— פאַר קיין זאַך אין דער וועלט! — האָט זי איהם אָבגעשמעלט. אַ מאַך טהוענדיג מיט דער האַנד. — געהט, וואָס איהר זענט געוועזען דערביי אין דאָס געזעהן.

— נאָך מעהר ווי געהט — אָדער וועניגער, — האָט וואַרדען געזאָגט.

— זאָל זיין אַזוי, — האָט זי געענטפערט. — ווי איהר ווילט. פרעגט מיך נישט קיין שאלות, איך בעט אייך זעהר.

— שכנה, — האָט וואַרדען געזאָגט נאָך אַ געוויסער פויזע, — איז עס גליק, איז עס קלוג, איז עס נישט אַן עולה בנוגע צו אייך אַליין? פאַסט עס פאַר אייך, וועלכע קען מיך אַזא לאַנגע צייט און האָט זיך מיט מיר אין אַלעם אַן עצה געהאַלטען — פאַסט עס פאַר אייך, וועלכע האָט פון מיידעלוויז אָן אַרויסגעוויזען אַ פעסטען כאַראַקטער און אַ שטאַרק האַרץ?

— איך האָב זיך אין זיי גוט געניטיגט, — האָט זי געענטפערט. — איך ווער שוין אַלט, ווי פון צרות אַזוי פון יאָהרען. דאָס אפשר, און צו־גרויסע נסיונות אַ צאָהל, האָבען די ביידע אָבגעשוואַכט. רעדט צו מיר נישט.

— סמייטש, ווי קאָן איך צוזעהן וואָס איך האָב געזעהן — און שווייגען! ווער איז דער דאָזיגער מענש, און פאַרוואָס האָט זיין קומען געמאַכט אויף אייך אַזא איינדרוק?

זי האָט געשוויגען. זי האָט זיך בלויז פעסטער אָנגעכאַפּט פאַר'ן שטוהל, ווי זי וואָלט מורא האָבען, אַז זי וועט פאַלען צו דער ערד.

— איך נעהם מיר די פרייהייט פון אַן אַלטען בעקאַנטען, — האָט דער שלאָפער פאָרטגעזעצט, — וואָס האָט שטענדיג געפיהלט צו אייך אַ הייסע פריינדשאַפט און האָט זיך אפשר בעמיהט עס אייך צו בעווייזען, ווען ער האָט געהאַט די מעגליכקייט. ווער איז אָט דער אָבשטויסענדער מענש, און וואָס פאַר אַ געשעפטען האָט ער מיט אייך? וואָס איז דאָס פאַר אַ בייזער גייסט, וועלכער ווייזט זיך בלויז אין פינסטערע נעכט און אין שלעכטען וועטער? ווי אַזוי קען ער אָט דאָס הויז און פאַרוואָס פאַדערט ער אַרום דעם ווי אַ דבוק און שעפּטשעט דורך לעכער און שפּאַלטען, פונקט ווי צווישען אייך און איהם וואָלט פאַרגעקומען עפּיס אַזעלכעס, וואָס קיינער האָט קיינמאָל די העזה נישט געהאַט פון מויל אַרויסצוברענגען? ווער איז ער?

— איהר האָט איהם ריכטיג אָנגערופען דער דבוק פון דעם

הויז, — האָט די אלמנה שוואַך געענטפערט. — זיין שאָטען האָט געדויערט איבער'ן הויז און איבער מיר די גאַנצע צייט, אין חער ליכטיג און אין דער פינסטער, ביי־טאָג און ביי־נאַכט. און איצט האָט ער זיך, שליסליך, בעוויזען אין פלייש און אין בלוט.

— ער וואָלט אָבער נישט אַוועק פון חאַגען אין פלייש און בלוט, ווען איהר וואָלט מיינע הענד און פיס געלאָזען פריי! — האָט דער שלאָסער געזאָגט אַ ביסעל צורייצט. — וואָס איז דאָס פאַר אַרעטעניש?

— דאָס איז אַרעטעניש, — האָט די אויפשטעהענדיגע גע־ענטפערט, — וואָס מוז אויף אייביג פערבלייבען אָט ווי עס איז. איך וואָג נישט מעהר צו זאָגען.

— וואָגט נישט? — האָט דער שלאָסער פערוואונדערט אי־בערגעפרעגט.

— צווינגט מיך נישט. איך בין שוואַך און קראַנק, און אַלץ אין מיר איז ווי אָבגעשטאָרבען. — ניין! — רירט מיך נישט אָן!

גאַבריעל, וועלכער איז געוועזען צוגעטראָטען צו די אונטערצואַל־טען, האָט פערוואונדערט און שטום אָבגעטראָטען אַהינטער.

— לאָזט מיך גערן אין מיין וועג אַליין, — האָט זי שטיל געזאָגט, — און זאָלט זיך היינט נישט צורירען צו מיר די הענד פון אַגעהרליכען מענשען.

די האָט שוואַנקענדיג דערגרייכט די טהיר, האָט אומגעקעהרט דעם קאָפּ און צוגעגעבען, זיך אָנטהענדיג אַ כח:

— דאָס איז אַ געהיימניש, וואָס איך פערטרוי אייך, על פּי נויט. איהר זענט אַ טרייער מענש. אַזוי ווי איהר זענט שטענדיג געוועזען צו מיר גוט און פריינדליך, — זאָל עס בלייבען ביי אייך. אויב אויבען האָט מען געהערט אַ וועלכעס עס איז גערויש — גע־מינט אַ תרוץ, זאָגט וואָס איהר ווילט, נאָר נישט דאָס, וואָס איהר האָט ווירקליך געזעהן; און דערמאָהנט מיר קיינמאָל נישט, מיט אַ וואָרט אָדער אַ בליק, דעם היינטיגען פאָרפאַל. איך טרוי אייך. געדענקט, איך טרוי אייך. איהר קאָנט זיך נישט פאָרשטעלען, ווי־פיעל צוטרוי איך האָב צו אייך.

זי האָט אַ ווײַלע אָנגעשטעלט אירע אויגען אויף איהם, דערנאָך איז זי אַרויס פון צימער און האָט איהם געלאָזען אַליין.

גאַבריעל האָט גאָרנישט געוואוסט, וואָס איבערצוטראַכטען. אויסצוגעפינען פלוצים, אַז די דאָזיגע שטילע אַלמנה, וואָס האָט געהאַט אַזאַ גוטען שם ביי אַלע, וואָס האָבען די געקענט, איז אויך אַ געהיימנישפולען אַרט פערבונדען מיט אַ פערדעכטיגען מענשען. ווערט דערציטערט ביי זיין ערשיינען און באַמיהט זיך, פונדעסטוועגען, אַז מ'זאָל איהם לאָזען אַנטלויפען — דאָס איז געוועזען אַ ענטדעקונג, וואָס האָט איהם פערשאַפט שמערצען נישט ווייניגער ווי איבערראַשונג. ער האָט זיך געגעסען די נאָגל, וואָס ער האָט ניט פראָטעסטירט געגען איהר מאַכען דערפון אַ געהיימניש.

— צו וואָס האָב איך די געלאָזען זאָגען, אַז דאָס איז אַ סוד! — האָט ער געטענהט צו זיך אַליין, קראַצענדיג זיך אונטערן פּאַריק. — איך בין שוין באַלד אַזוי שאַרפזיניג און פלינק, ווי דער אַלטער דושאָן ווילעט. פאַרוואָס האָב איך איהר גלייך נישט געזאָגט: „איהר האָט קיין רעכט נישט צו האָבען אַזעלכע סעקרעטען, זאָגט מיר, וואָס דאָס באַטייט"— אָנשטאָט שטעהן און גלאָצען אויף איהרע אויגען, איך אַלטער גולם וואָס איך בין! אַן אומגליק מיט מיר: געגען מענער קאָן איך, האַלט זיך, זיין גאַנץ אײַנגעשפּאַרט, אויב נויטיג, און פרויען מאַכען מיט מיר וואָס זיי ווילען!

— און אפשר איז דאָס גאָרנישט? — האָט ער זיך גענומען איבערלעגען. — ווייס איך? עפּיס אַ שכור איז געקראָכען אין הויז, האָט זי זיך דערשראָקען, אַזאַ שטילע טויב ווי זי איז. יאָ, אָבער וויאַזוי איז עס. גראָד יענער מאַן, וועמען איך האָב באַגעגענט? ווי קומט ער צו האָבען אויף איהר אַן אײַנפלוס, און פאַרוואָס האָט זי מיך נישט געלאָזען איהם פערהאַלטען? עס איז זעהר טרויעריג צו בעקומען פלוצים, אין איין מאָמענט, אורזאַכען צו פערדעכטיגען אַ פרוי, וועלכע מיר קענען אַזוי לאַנג, און נאָך אַן אַלטע געליעבטע. דערצו... — וואו איז עס דאָרט — סידי, באַרנעבי?..

— עהע! — האָט דער משוגענער אויסגערופען, אַריינקומענדיג אין צימער. — טאַקע, באַרנעבי — ווי אַזוי האָסטו זיך געשטויסען?

— דערקענט אַן שאָטען,— האָט דער שלאָסער געענטפערט.

— אַהאַ! — האָט באַרנעבי אויסגעשריען, אַ קוק טהוענדיג אַ הינטער. — אַ לעבעדיגער יונג, חבר שאָטען, און טרעט פון מיר נישט אָב, האָטש איך בין אַ משוגע'נער. מיר לויפען צוזאַמען, שפּרינגען צוזאַמען, טאַנצען צוזאַמען אויפ'ן גראָז. אַמאָל איז ער די גרויס ווי אַ קלויסטער און אַמאָל ווי אַ צווערג. אַמאָל פערלויפט ער פאָראויס און אַמאָל — יאָגט ער מיך פון הינטען. זאָג נור — איז ער אויך משוגע? איך מיין, אַז יאָ.

— פאַרוואָס? — האָט גאַבריעל געפרעגט.

— ער קרימט מיך שטענדיג איבער. פאַרוואָס גהעסטו נישט?

— וואוהין?

— אַרויף. ער וויל דיך זעהן. וואַרט — וואו איז זיין שאָטען? ביזט אַ קלוגער — זאָג עס מיר.

— געבען איהם, דענק איך.

— ניין. אַנו, טרעף.

— אַוועקגעגאַנגען שפּאַצירען?

— נישט געטראָפען, נישט געטראָפען!... ער האָט זיך געביטען מיט די שאָטענס מיט אַ פרוי, — האָט דער משוגע'נער געזאָגט גאַבריעל'ן אויפ'ן אויער און מיט נצחון אָבגעשפּרונגען צוריק. — אידר שאָטען איז מיט איהם, זיינער — מיט איהר. אַ קונץ, אַ?

— באַרנעבי, — האָט דער שלאָסער שטרענג געזאָגט, — קום נור אַהער, כ'וועל דיר עפּיס זאָגען.

— ניין, ניין, איך ווייס, וואָס אידר ווילסט — האָט דער משוגע'נער געענטפערט, שטעהענדיג פון ווייטען. — אָ, איך בין חיטרע, איך קאָן שווייגען. דאָס האָב איך געזאָגט נור אַייך — אידר געדענקט?

ער האָט געחאַפּט אַ ליכט און אָנגעהויבען הערמיט צו פּאַקען.

— שאַ, שטילער, — האָט דער שלאָסער זיך באַמיהט איהם צו בערוהיגען. — איך האָב געמיינט, דו שלאָפסט.

— בין געשלאָפען, געשלאָפען. געוועזען פנים'ער נעבען מיר — בין געקראָכען הורך שמאָלע לעכער — וועגנד זענען איך מיר געפאַלען — דאָס איז שלאָף, אַ?

— חלומות, באַרנעבי, חלומות.

— חלומות? ניין, נישט דאָס.

— וואָס דען?

— מיר האָט זיך געחלומט, — האָט באַרנעבי געזאָגט, קוקענדיג איהם נאָהנט אין די אויגען, — אַז עפּיס אַזעלכעס, אַזאַ מענש — איז מיר נאָכגעגאַנגען — שטיל נאָכגעגאַנגען — זיך געגנב'עט אין בעהאַלטען. האָסט מיך געזעהן לויפען?

— פיעל מאָל.

— נו, בין איך קיינמאָל אַזוי נישט געלאָפען ווי איצט. איך בין געלאָפען, געלאָפען, אַרויסגעשפּרונגען פון בעט און דורך דאָס פענסטער, און דאָרט איז געשטאַנען — נור ער וואַרט אויף אונז, געדענקסט?

— וואָס איז געשטאַנען? — האָט גאַבריעל געפרעגט, פיהלענדיג עפּיס אַ שייכות צווישען דעם אידיאָט'ס רייד און דעם, וואָס איז פאַרגעקומען אין דער ווירקליכקייט.

אָבער יענער האָט זיך בלויז צולאַכט און האָט איהם גענומען שלעפּען אַרויף. זיי זענען אַריינגעקומען אין אַ צימער מיט אַלט אָרים און אָרים מעבעל, אָבער ציכטיג און ריין. אויף אַ שטוהל נעבען פייער איז געזעסען עדוואַרד טשעסטער, דער יונגער הערר, וואָס איז פאַריגע נאַכט געוועזען אין דער מייפּאָול און האָט זיך פערלאָזען דער ערשטער, בלאַס און שוואַך פון בלוט-פערלוסט. ער האָט געגעבען גאַבריעל'ן די האַנד און איהם בעדאַנקט אַלס זיין רעטער און פריינד.

— נישט כדאי דערפון צו ריידען, — האָט דער שלאָסער געענטפערט. — איך וואָלט עס געטהון פאַר יעדען, בפרט פאַר אייך. אַ געוויסע יונגע לידי, — האָט ער צוגעגעבען אַ ביסעל אונזיכער, — האָט אונז געטהון אַזוי פיעל טובות, אַז... איהר האָט אפשר פאַריבעל, וואָס איך זאָג עס?

דער יונגער-מאַן האָט געענטפערט מיט אַ שמייכעל און איהם געבעטען זיצען.

— איך וועל זיך אָנשפּאַרען אויפ'ן אָנלעהן פון אייער שטוהל, ביז איהר וועט עס ערלויבען, — האָט וואַרדען געענטפערט, — כדי

איך זאל קאָנען רײדען שטיל. באַרנעבי איז הײנט נישט רוהיג, און אין אַזאַ צושטאַנד ווערט ער אויפגערעגט, אַז מ'רעדט הויך.

זײ האָבען געוואָרפען אַ בליק אויפ'ן משוגע'נעם, וועלכער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבען פײער פון דער צווײטער זײט און זיך געשפּילט מיט זײנע פינגער.

— זאָגט מיר, איך בעט אײך, סער, — האָט גאַבריעל נאָך שטילער געפרעגט, — וואָס, אײגענטליך, האָט עס פּאַסירט נעכטען בײ־נאַכט? איך פרעג נישט סתם אַזױ. איהר זענט אַוועק פון דער מײפּאָיל אײנער אַלײן?

— יאָ, און בין געגאַנגען צו־פוס ביז'ן פלאַץ, וואו איהרן האָט מיך געפונען, און דאָרט האָב איך דערהערט חלום גאַלאָפּ פון אַ פערד.

— הינטער אײך? — האָט דער שלאָסער געפרעגט.

— טאַקע, הינטער מיר. דאָס איז געווען אַ רײטער, וועלכער האָט מיך אין גיכען אָנגעיאָגט, האָט אָבגעשטעלט זײן פערד און געפרעגט בײ מיר וועגען דעם וועג קײן לאָנדאָן.

— זענט איהר געווען אויף דער וואַך, ווײסענדיג, ווי פיעל רויבער עס שלעפּען זיך אַרום איבער אַלע וועגען?

— נאַטירליך, איך האָב אָבער מעהר נישט געהאַט בײ זיך ווי אַ שטעקען, ווײל איך האָב געהאַט די נאַרישקײט איבערצולאָזען מײנע פּיסטאָלעטען אינ'ם שײדעל בײם שײנקער'ס זוהן. איך האָב אידם אויסגעמאָלט דעם וועג, נאָר אײדער איך האָב געענדיגט, האָט ער אַ טרײב געטהון דאָס פערד גלײך אויף מיר. איך האָב קוים בעוויזען זיך אַ דרעה צו טהון אָן אַ זײט, נאָר כ'האָב זיך אויסגעגליטשט און בין געפאַלען. איהר האָט מיך געטראָפען מיט אַ וואונד אין זײט און מיט אַ לײדיגען בײטעל, און וועלכען זײ האָט געפונען גאַנץ ווייניג פאַר זײן מיה. און איצט ווײסט איהר אַזױ פיעל, וויפיעל איך.

— נו, און ווי האָט אויסגעזעהן דער רויבער אַלײן? — האָט גאַבריעל נאָך שטילער געפרעגט — אָבער רעדט שטילער, מײן הער. באַרנעבי מײנט נישט קײן בײז, אָבער איך קען אידם בעסער אײדער איהר און ווײס, ווי אונגלויבליך עס זאָל אײך נישט פאָר־קומען, אַז ער דערט זיך אײן.

עס איז חידקליך שווער געווען צו גלויבען, ווייל דער משוגע׳נער האָט אויסגעזעהן צו זיין זעהר פערטיעפט אין זיין שפּיעל, אָבער דער יונגער־מאַן האָט געפּלאָגט און שטיל געענטפערט:

די נאַכט איז געווען אַזוי פינסטער, דער אָנפאַל אַזוי אומגעריכט, און ער איז געווען אַזוי פערוויקעלט אין זיין מאַנטעל, אַז איך בין קיים אימשטאַנד עפּיס צו זאָגען וועגען איהם. איך מיין, אַז —

— רופט איהם נישט אָן ביים נאָמען, סער, — האָט דער שלאָסער פערהאַפט, נאָכפאָלגענדיג זיין בליק צו באַרנעבי׳ן. — איך ווייס, אַז ער האָט איהם געזען, איך וויל וויסען, וואָס האָט איהר געזעהן.

— איך האָב בלויז בעמערקט, אַז זיין קאָפּ איז געווען אַרומגעבונדען מיט אַ טונקעלער פאַטשיילע. בעת איך בין געווען אין דער מייפּאָל, איז אַהין אָנגעקומען אַ פרעמדער, וועלכען איך האָב נישט געזעהן, ווייל איך בין געזעסען ווייט פון איהם, נאָר אויב דער הייבער און יענער פרעמדער זענען צוויי פערשיעדענע מענשען, איז פאַרהאַן אַ מאָדנע עהנליכקייט צווישען זייערע שטימען, דען גלייך ווי דער מאַן האָט אָנגעהויבען צו מיר ריידען, האָב איך דערקענט יענעמס שטים.

„פונקט דאָס, פּאַרוואָס איך האָב מורא געהאַט, — האָט דער שלאָסער אַ געטראַכט געטהון, ענדערנדיג זיך אויפ׳ן געזיכט. — דערזעלבער מאַן, וואָס איז דאָ היינט געווען, אַ טונקעלע געשיכטע!"

— האַללאָ! *) — האָט אַ שטים אויסגערופען נעבען זיין אויער. האַללאָ, האַללאָ, האַללאָ! וואָו־האָי וואָס איז דאָ געגעשעהן! האַללאָ!

דאָס געשריי, פון וועלכען דער שלאָסער האָט אויפגעציטערט, איז געזען אַ גרויסער ראָב, וועלכער איז זיך אונבעמערקט

---

*) אַ ענגלישער בעגריסונגס־אויסרוף.

געשטאַנען די גאַנצע צייט אויפ'ן אָנלעהן פון שטוהל און האָט זיך העפליך און אויפמערקזאַם צוגעהערט צו זייערע רייד, און מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט פערשטאַנען יעדעס וואָרט, וואָס דאָ איז געזאָגט געוואָרען. ער האָט געדרעהט זיין קאָפּ אַמאָל צו צו דעם, אַמאָל צו יענעם, ווי ער וואָלט דאַרפען אויסהערען די טענות פון צוויי צדדים און אַרויסגעבען זיין פסק-דין, טאָר ער דעריבער נישט פערליערען קיין איינציג וואָרט פון דעם געשפּרעך.

— קוקט איהם נור אָן, איהר זאָלט מיר געזונד זיין! — האָט דער שלאָסער געזאָגט מיט ענטציקען און אין דער זעלבער צייט מיט אַ סאָרט מורא פאַר'ן פויגעל. — האָט איהר שוין ווען געזעהן אַזאַ שמד-קאָפּ! אָ, ער איז אַ ביטערער חברה-מאַן!

דער ראָב האָט אַ וויילע געשוויגען מיט אַ פערטראַכטער מינע, האַלטענדיג דאָס קעפּעל אויף אַ זייט, וועהרענד זיין אויג האָט געפינקעלט ווי אַ דימענט, דערנאָך האָט ער אויסגערופען מיט אַ גראָבער שטים:

— האַללאָ, האַללאָ, האַללאָ! וואָס איז דאָ געשעהן! מונטערער אַ ביסעל. נישט געזאָרגט. באָו-וואָו-וואָו! איך בין אַ טייוועל, איך בין אַ טייוועל, איך בין אַ טייוועל. הורראַ!

און האָט גענומען פייפען, ווי צופריעדען פון זיין העלישער אָבשטאַמונג.

— איך גלויב מעהר ווי אַ העלפט, אַז ער זאָגט אמת, — האָט וואַרדען געזאָגט, — אויף מיינע נאמנות, איך גלויב. איהר זעהט, ווי ער קוקט מיך אָן? פונקט ווי ער ווייסט, וואָס איך זאָג!

דערויף האָט דער פויגעל געענטפערט: „איך בין אַ טייוועל, איך בין אַ טייוועל, איך בין אַ טייוועל!“ און האָט זיך אַ פּאַטש געטהון מיט די פליגעל, ווי ער וואָלט זיך געהאַלטען ביי די זייטען לאַכענדיג. באַרנעבי האָט אויך אַ פּאַטש געטהון מיט די הענד און האָט זיך איבערגעקוליעט איבער דער פּאָדלאָגע פון תענוג.

— אַ מאָדנע פּאָר חברים, סער, — האָט וואַרדען געזאָגט,

שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ און קוקענדיג פון איינעם צום אנדערן. — דער גאנצער עכל איז ביים פויגעל.

— ווירקליך מאָדנע! — האָט עדוואַרד געזאָגט, אויסשטרעקענדיג אַ פינגער צום ראָב, וועלכער האָט אָבגעדאַנקט פאַר די אויפמערקזאַמקייט צו איהם מיט אַ שטאַרקען פּיק: — ווי אַלט איז ער?

— אָ, נאָך גאָר אַ קונדס, סער, — האָט גאַבריעל געענטפערט. — כך הכל אַ הונדערט מיט צוואַנציג יאָהר אָדער אין דעם ערך. רוף איהם אַראָב פון האַנגען, פאַרנעבי מיין פריינד;

— איהם אַראָברופען! — האָט פאַרנעבי אויסגערופען, אויסוועצענדיג זיך אויף דער פּאָדלאָגע. — ווען קאָן עס איהם ריבען קריגען? ער רופט מיך, און איך מוז איהם נאָכגעהן. ער איז דער הערר, און איך, — דער דיענער. אמת, גריפּ?

דער ראָב האָט אַרויסגעלאָזען אַ קורצען, אינטימען קראַך, ווי איינער רעדט: „וואָס טויג אונז אויפרעקען פאַר זיי אונזערע בעציהונגען. מיר פערשטעהען זיך איינער דעם צווייטען. ס'איז שוין רעכט".

— איך זאָל איהם רופען — האַ-האַ! — האָט פאַרנעבי פאַרטגעזעצט. — איהם, וועלכער שלאָפט קיינמאָל נישט. ביינאַכט קאָנט איהר זעהן צו יעדער צייט זיינע צוויי אויגען בליצען, ווי פונקען. ער איז שטענדיג וואַך און רעדט צו זיך אַליין, און פלאַנעוועט פאַר אונז וואָס צו טהון מאָרגען, וואוהין צו געהן, וואָס צו גנבענען און וואו צו בעהאַלטען. זאָל איך איהם רופען — האַ-האַ-האַ!

דער שלאָכער האָט אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ — מעגליך, צווייפלענדיג, אייב דאָס בעשעפעניש איז ווירקליך נישט מעהר ווי אַ פויגעל, מעגליך — אויס רחמנות אויפ'ן אָרימען יונגען מענשען. אין דער מינוט האָט זיך אין טהיר בעוויזען זיין מוטער, זעהר בלאַס, אָבער רוהיג. זי האָט ערקלערט, אַז פאַר'ן קראַנקען איז שוין צייט צו געהן שלאָפען; מאָרגען דאַרף מען איהם

אריבערפיהרען פון האגען, נויטיגט ער זיך אין אגוטען אברוה. גאבריעל האט זיך אויפגעהויבען אוועקצוגעהן.

— יא, מהשבות'ן, — האט עדוואַרד טשעסטער געזאגט, געבענדיג איהם די האנד, — וואס פאר אגעוויש איז עס געווען ביי אייך אונטען? איך האב געהערט אייער שטים אין דער מיט; איך האב אייך פריהער נאך געוואלט פרעגען, נאר כ'האב פערגעסען צוליעב אונזער געשפרעך. וואס איז עס געווען?

דער שלאסער האט אקוק געטהון אויף די אלמנה און האט פערביסען אליפ. זי האט זיך אנגעלעהנט אויף אשטוהל, מיט די אויגען אראבגעלאזען צו דער ערד. בארנעבי האט אויך געקוקט אויף די ערד — ער האט זיך צוגעהערט.

— עפיס אמשוגע'נער אדער אשכור, — האט וואַרדען געענטפערט. — ער האט אטעות געהאט, אנגענומען דאס הויז פאר זיינס און זיך געוואלט אריינרייסען.

זי האט אבגעעטעמט פרייער, נאר געשטאנען איז זי אונבעוועגליך, אז דער שלאסער האט געזאגט „א 'סטאָס-סטאָ'" בארנעבי האט גענומען אליכט איהם צו צולייכטען, האט זי עס ביי איהם אבגענומען און אליין געגאנגען ארויסבעגלייטען דעם גאסט. דער ראב איז זיי נאכגעגאנגען, אום זיך איבערצוציי־גען, אז אלץ איז הארט אונטען אין ארדנונג; ביי דעם גאנ־מהיר איז ער געבליבען שטעהן, קראקענדיג אויף אזא אופן, ווי ער וואלט ארויסציהען פראפענס פון פלעשער.

— איך האב היינט געזאגט אליגען צוליעב אייך, מערי, — האט דער שלאסער שטיל געזאגט, — און צוליעב די אמאליגע יאהרען און אונזער אלטער בעקאנטשאפט, — אזאך, וואס איך וואלט זיך געמאוס'ט צו טהון פאר מיינעטוועגען זעלבסט. איך האף, אז דאס וועט קיינעם קיין שאדען נישט ברייגגען. איך קאן גארנישט מאכען מיט'ן פערדאכט, וואס איהר האט אויף מיר ארויפ־געצוואונגען, און איך זאג אייך אפען — איך בין ניט רוהיג. וואס מיסטער עדוואַרד בלייבט דא. גיט אכט, ער זאל נישט בעשעדיגט ווערען. איך צווייפעל אין זיין זיכערהייט דא אין

הויז, און מיך פרעגט, וואס ער פערלאנגט עס מארגען. נא, לאמיך זעהן.

זי איז געשטאנען א ווײלע און געוויינט, פערשטעלענדיג דאס געזיכט מיט די הענד. דערנאך, קענטיג קוים איינהאלטענדיג זיך פון איהם זאגען עפּיס, האט זי געעפענט די טהיר. גלייך ווי ער איז ארויס, האט זי די טהיר פערשלאסען און פעסט פערריגעלט און פערקייטעלט. דער ראב האט בעגיטיגט די דאזיגע פארזיכטס־מיטלען מיט א פרעהליכען הונטישען ביל.

גאבריעל האט פערטראכט אויסגערופען:

— א מחותנת'טע מיט אט דעם פינסטערן פארשוין, וואס רעדט אויס ווי פון תליה אראב — בארנעבי דער ערשטער איז'ן פלאץ דארטען נעכטען ביי־נאכט — איז עס מעגליך, אז זי, א פרוי, מיט אזא אונבעפלעקטען נאמען, זאל שולדיג זיין אין אזעלכע פערברעכענס! גאט זאל מיר מוחל זיין, אויב איך האב א טעות, און פערטרייבען פון מיר אט די בייזע מחשבות; אבער — ווייס איך? — זי איז ארים, דער נסיון איז אפשר גרויס, און עס קומט אפטמאל אויס צו הערען אזעלכע מאדנע מעשות... — א, ביל, ביל, גוטער ברודער. אויב דא קומט פאר עטוואס בייזעס, וואלט איך געמעגט שווערען, אז דער טייוועלשער ראב איז אין דער מיט.

---

8. שָׁלום בַּית.

מיסעס וואַרדען איז געווען א דאמע מיט אנ'אזוי גערופענעם אונבעשטימטען חאראקטער; דאס איז טייטש: א חאראקטער, וואס איז גאנץ בעשטימט אין דעם פונקט פון דערגעהן אלעמען די יאהדען. אזוי ארום איז מעהרסטענטיילס אויסגעקומען, אז ווען אנדערע מענשען זענען געווען פרעהליך, איז זי געווען אומעטיג, און בשעת אנדערע זענען געווען אומעטיג, איז זי גראד געווען זעהר גוט אויפגעלעגט. דערהויפט אבער האט זי בעזעסען גאנץ בעזונדערע פעהיגקייטען צו ענדערען איהרע קאפריזען

אין שטימונגען זעהר שנעל און אומגעריכט, אַזוי אַז אין פּער־לויף פון אַ וועלכער האַלבער שטונדע האָט איהר זי געקאָנט זעהן: רוהיג, פּערווײנט, אין גרימצאָרן, שווייגענדיג, בערייַדעוודיג, פרעהליך, און נאָכאַמאָל אין כעס, און ווידער אַמאָל אומעטיג — אַנ׳ערך פופצעהן ענדערונגען איינע נאָך דער צווייטער, און אָהן שום איבערגאַנג פון צאָרן צו מילדקייט אָדער פון געלעכטער צו טרעה־רען.

מ׳האָט שוין לאַנג בעמערקט, אַז דער תאַראַקטער פון דער דאָזיגער וואוילער דאַמע וועלכע איז, איבעריגענס, געווען גאַנץ אָנציהענד אויפ׳ן קוק, זענענדיג קיילעכדיג און אויסגעפילט, הגם אַ ביסעלע קורצליך, אין דער פיגור ווערט אַלץ ערגער, וואָס באַ־סער עס לעבט זיך איהר; און מאַנכע פון די שכנים און שכנות, וואָס האָבען זיך פאַרשטאַנען אויף אַזאַ קראַנקהייט, האָבען אויס־געדריקט דעם געדאַנק, אַז אַ מאָל אַראָב אויף אַ צוויי־דריי שטי־גען פון דעם געזעלשאַפטליכען לייטער — למשל, אַנ׳אָנזעץ פון דער באַנק, וואו איהר מאַן האָט געהאַלטען זיין געלד — וואָלט איהר געווען צו געזונד און וואָלט זי זיכער פערוואַנדעלט אין איינע פון די אָנגענעהמסטע פרויען אין דער וועלט. צי זיי זענען געווען גערעכט אין זייער משפט אין דעם פאַל, צי ניט — נאָר זיכער איז, אַז נשמות ווערען אָפטמאָל קראַנק פון וואוילטאָג, פונקט ווי גופים, און ווערען, אַזוי ווי זיי, נישט זעלטען אויס־געהיילט מיט דער הילף פון ביטערע, נישט געשמאַקע רפואות.

מיסעס וואַרדען האָט געהאַט אַ מיטהעלפערין און אונטער־שטיצערין, וועלכע איז אין דערזעלבער צייט געווען דער הויפּט־קרבן, צו וועמען זי האָט אויסגעלאָזען איהר צאָרן און איהרע בייזע שטימונגען. דאָס איז געווען איהר איינציגע דיענסט, אַ גע־וויסע מיס מיגס, אָדער איינפאַך מיגס, ווי מ׳האָט זי אין הויז גע־רופען. די דאָזיגע מיגס איז געווען אַ יונגע הויכע דאַמע, וואָס האָט זעהר ליעב געהאַט פּילצענע שטיוועל און פּריוואַט־לעבען, אַ שרייערין, אַ קווטשערין, מאָגער ווי אַ שפּענדעל און הגם נישט

אַלכּאָלוט דעסלײַך, נאָר מיט אַ שאַרף, זױער פּנימ׳ל. בּדרך כּלל האָט זי געהאַלטען, אַז מענער זענען נישט װערטה, װאָס די ערד טראָגט זײ, אַז זײ זענען אונגעטרײַ, פאַלש, געמײן, נאַריש און פּוסט. װען זי פלעגט זײַן אױף זײ בּעזונדערס אױפגעבּראַכט װיאַ פלעגט טרעפען, װי בּײזע צינגער האָבּען געװאָלט האָבּען, בּשעת סים טעפּערטיט האָט זיך אױף איהר אומגעקוקט אַם װיעני- טען), דאַט זי געהאַט אַרתּילות צו װינשען, אַז אַלע פרױען זאָלען אױסשטאַרבּען, כּדי די נישטיגע מענער זאָלען דערפּידלען, װאָס זײ האָבּען אָנגעװאָרען; נײן, זי איז געגאַנגען נאָך װײַטער און האָט בּעהױפּטעט, אַז װען זי װאָלט זײַן זיכער, אַז אַ היבּשע צאָהל יונגע בּתולות — לאָמיר זאָגען, צעהן מי- זענד — װעלען איהר נאָכטהון, װאָלט זי זיך געשטאָכען, גע- האַנגען, געסמ׳ט מיט׳ן גרעסטען פערגעניגען.

די שטים פון דער דאָזיגער מײד האָט עס בּעגריסט דעם שלאָסער. אַז ער האָט אָנגעקלאַפּט אָן טהיר פון זײַן הױז, מיט אַ קװיטשיגען אױסגעשרײ:

— װער איז דאָרט?

— איך, מײד, איך, — האָט גאַבּריעל געענטפערט.

— װי, אַזױ שנעל, סער! — האָט מען געזאָגט, עפענענדיג די טהיר מיט אַ בּליק פון איבּערראַשונג. — מיר האָבּען נאָר-װאָס אָנגעטהון די מישפּעקעס, — איך און די מיסעס. אָ, זי איז גע- װען אַזױ קראַנק!

דאָס איז געזאָגט געװאָרען מיט אַ טאָן פון הײסער אױפּ- ערגעבּענהײט, נאָר אַזױ װי די טהיר פון צימער איז געװען אָפען, און גאַבּריעל האָט גוט געװאוסט, פאַר װעמעס אױערן דאָס איז בּעשטימט געװאָרען, האָט ער אױף די דיענסט געװאָר- פען נישט זעהר קײן דאַנקבּאַרען בּליק און איז אַרײַנגעגאַנגען אין צימער.

— דער העררר איז געקומען, מעם *), — האָט מען געקװי-

---

*) פערקירצט פון „מעדעם״ — מאַדאַם.

שטעט, פערלויבענדיג פאראויס. — אהא, מעם, איהר זענט געזעהן אומגערעכט און איך בין געווען גערעכט. איך האב אבער געזאגט. ער וועט אונז נישט אויפהאלטען אזוי שפעט איין נאכט נאך דער אנדערער, מעם. דער הער האט שטענדיג יושר איך אזוי פיעל. עס פרעהט מיך זעהר, מעם, פאר אייך. איך בין — הם — שוין אויך א ביסעל שלעפעריג, איך בין זיך מודה, „האטש פריהער האב איך עס נישט געוואלט זאגען. א יעס שארט נישט, נאטירליך, מעם.

— געה-זשע שוין שלאפען, אויב אזוי; — האט דער שלאפער געזאגט, ווינשענדיג איהר אין הארצען, זי זאל געהן צוזאמען אל-די שווארץ-יאהר.

— דאנק אייך זעהר, סער, — האט מיגס געענטפערט. — איכ'ל נישט קאנען איינשלאפען רוהיג אדער לייגען מיינע תפלות, ביז איך וועל נישט זעהן די מיסעס אין בעט היינטיגע נאכט; על פי יושר וואלט זי שוין בעדארפט ליעגען פון עטליכע שטונדען.

— ביזט היינט זעהר בערידעוודיג, מיגס, — האט ווארדען געזאגט, איבסטהוענדיג זיין אויבער-ראק און קוקענדיג אויף איהר קרום.

— איך פערשטעה דעם וואונק, סער, — האט מיגס אויסגעשריען, הערענדיג רויט, — און דאנק אייך בעסטענס פאר אהם, און דאך דערוועג איך זיך צו זאגען, אז אויב עמיצען פערדריסט מיין געטריישאפט צו מיין מיסעס, וועל איך זיך דערפאר נישט פערענטפערן און בין בערייט אבצוקומען פאר מיינע זינד.

דא האט מיסעס ווארדען, וועלכע איז געזעסען מיט א גרויסען נאכט-שלייער אויפ'ן קאפ און געקוקט די גאנצע צייט אין דאס „האנדבוך פאר פראטעסטאנטען", אויפגעהויבען די אויגען און בעדאנקט מיס מיגס פאר איהר אננעהמען זיך איהר קריוודע מיט א ביסעלע צו האלטען ס'מויל.

— יא, מעם, איך שוויג, — האט מיס געענטפערט.

— ווי פילסטו זיך איצט, מיין לעבען? — האט גאבריעל גע־זאגט, זעצענדיג זיך נעבען זיין ווייב און רייבענדיג א קניה מיט דער האנד.

— עס גייט דיר טאקע אום לעבען צו ווימען? — האט מימעס ווארדען געענטפערט, נישט אראפנעהמענדיג די אויגען פון בוך. — ביזט דאך אפילו נישט געוועזען נעבען מיר היינטיגען טאג און וואלסט נישט געקומען, איך זאל אפילו דא אויסגעהן.

— מיין טייערע מארטא, — האט גאבריעל געזאגט.

מימעס ווארדען האט איבערגעקערט א בלאט פון בוך, דער־נאך האט זי ווידער געחאפט א קוק אויף די לעצטע שורות פון פאריגעהענדען זייטעל, האט ווידער איבערגעמישט דאס בלאט און זיך גענומען פארטיקען מיט א מינע פון טיעפסטען אינטערעס.

— מיין טייערע מארטא, — האט דער שלאסער געזאגט, — ווי אזוי קאנסטו ריידען אזעלכעס, וואס דו מיינסט עס אליין נישט? שטארבען גאר! ווייסטו דען נישט, אז ווען עס וואלט חלילה זיין עפיס ערנסטעס, וואלט איך נישט אבגעטראטען פון דיר אפילו אויף א מינוט?

— יא, איך ווייס! — האט מימעס ווארדען פלוצים ארויסגע־פלאצט מיט א געוויין. — איך צווייפעל דערין נישט, וואדען. געוויס וואלסטו נישט אבגעטראטען פון מיר. דאס איז פונקט ווי דו וואלסט מיר זאגען, אז דו וואלסט איבער מיר געשטאנען, ביז די נשמה וועט בייר ארויס, כדי זאלסט קאנען חתונה האבען מיט אן אנדערער.

מימס האט ארויסגעלאזען א קרעכץ פון מיטגעפיהל — אזא מין קליין קרעכצעל, וואס האט זיך גלייך פערוואנדעלט אין א הוסט, ווי איינער רעדט: „איך קאן מיך נים איינהאלטען, מיין שרעקליכע אכזריות האט עס ביי מיר ארויסגעריסען".

— אבער דו וועסט אויספיהרען סוף כל סוף, — האט מימעס ווארדען צוגעגעבען מיט יאוש און הכנעה פאר גאט, — דו׳סט מיך פטר׳ן גאר אין גיכען, און דאן וועלען מיר ביידע זיין גליקליך. מיין איינציגער וואונש איז נור צו בעווארענען פריהער דאללי׳ן, דערנאך קאנסטו שוין פון מיר פטור ווערען אזוי שנעל ווי דו ווילסט.

— אַך! — האָט מינס אויסגעשריען — און זיך ווידער פֿערדומט.

דער אָרימער גאַבריעל האָט זיך שווייגענדיג געשוויבערט זיין פּאַריק אַ היבשע צייט, דערנאָך האָט ער מילד געפרעגט:

— דאַלי! שלאָפסט שוין?

— דער העלד רעדט צו דיר, — האָט מיסעס וואַרדען געזאָגט צו דער דינסט, געבענדיג אַ האַרטען קוק אין איהר זייט.

— ניין, מיין לעבען, איך רייד צו דיר, — האָט דער שלאָפער בעמערקט.

— דו הערסט, וואָס איך רייד צו דיר, מינס? — האָט די לידי אויסגעשריען, טופּענדיג מיט'ן פוס. — שוין, דו הערסט מיך שוין אויך ווי דעם פאַר־אַ־יאָהריגען שניי? זי האָט זיך אפילו פון חעמען צו לערנען, נישקשה!

מינס האָט שטענדיג געהאַלטען איהרע טרערען גרייט, פאַר גרויסע אָדער קליינע געלעגענהייטען, און אפילו גאָר אָהן אַ געלעגענהייט. ביי דעם דאָזיגען פאָרוואורף האָט זי הערינבער גלייך אויסגעשאָסען מיט אַ געוויין, האַלטענדיג די הענד אויפ'ן האַרצען, ווי זי וואָלט מורא האָבען, עס זאָל נישט פּלאַצען אויף שטיק־שטיקלעך. מיסעס וואַרדען, וועלכע האָט אויך פערמאָגט אַ גאַנצע עשירות אין דער הינזיכט, האָט זיך אויך צעוויינט און מיט אַזאַ גבורה, אַז מינס האָט זיך געמוזט אין גיכען אונטערגעבען און לאָזען דאָס פעלד פאַר איהר מיסעס, בלויז אונטערחליפּענדיג פון צייט צו צייט. נאָך דעם דאָזיגען נצחון האָט מיסעס וואַרדען אויך אויפגעהערט צו וויינען און איז איינגעפאַלען אין אַ שטילע מעלאַנכאָליע.

גאַבריעל'ן איז אויף אַזוי פיעל גרינגער געוואָרען אויפ'ן האַרצען, דערצו איז ער געוועזען אַזוי מיעד פון דער פאָריגער נאַכט, אַז ער האָט אָנגעהויבען צו פּיקען מיט דער נאָז, זיצענדיג אויף זיין שטוהל, און וואָלט זיך אַזוי אָבגעדרימעלט די גאַנצע נאַכט, ווען נישט מיסעס וואַרדען'ס שטים, וועלכע האָט איהם אויפגעוועקט אין אַ מינוט פינף אַרום.

— טאָמער בין איך אַמאָל בעסער אויפגעלעגט, — האָט די דאַמע געזאָגט, — טאָמער בין איך אַ ביסעל מונטערער און וואָלט

זועלען זיך דורכשמועסען וועגען פערשידענע ענינים, בעהאנדעלט
מען מיך אט אזוי.

— אוי, ווי לעבעדיג איהר זענט און געזונד, מעם, מיט א האלבער שטונדע צוריק! — האט מיגס אויסגעשריען. — איך האב נאך קיינמאל אזוי גוט נישט פערבראכט!

— און פרעג, פארוואס? — האט מיסעס ווארדען פארטגע־זעצט. — ווייל איך מיש זיך קיינמאל נישט, ווייל איך שטער קיינעם נישט, ווייל איך פרעג נישט וואוהין מ'געהט און וואס מ'טהוט; ווייל איך זעה נור שטענדיג אבצושפארען חאי און וויפיעל מ'קאן און האָרעווען פאר דאס הויז, — דערפאר פייניגט מען מיך אזוי.

— מארטא, — האט דער שלאסער געזאגט, בעמיהענדיג זיך מיט אלע קרעפטען אויסצוזעהן ווי מעגליך וואבענדיגער, — זאג מיר, וואס פאר טענות האסטו צו מיר? איך בין ווירקליך געקומען אהיים, ווינשענדיג פון גאנצען הארצען צו זיין גליקליך. זאג, אדרבא, מיט וואס האב איך זיך פערזינדיגט?

— וואס פאר טענות איך האב! — האט זיין ווייב געענטפערט. — איך פרעג דיך, איז עס עפּיס גוט, אז דער מאן קומט אהיים א בייזער און ווערט אנטשלאפען גלייך ווי ער טרעט איבער די שוועל? איז עס אנגענעהם, אז מ'ווארפט אין א פראסט אויף די ווארימקייט פון הארצען, אז מ'גיסט קאלט וואסער אויף דאס היימ־פייער? איז עס נישט נאטירליך, אז ווען ער געהט וועגען אן ענין, וואס אינטערעסירט מיך אזוי שטארק ווי נור מעגליך, — זאל ער קומען און מיר אלץ דערצעהלען אליין, נישט איך זאל איהם דארפען בעטען וועגען דעם? איך פרעג דיך, איז עס נאטירליך, אדער נישט?

— האב קיין פאראיבעל נישט, מארטא, — האט דער גוט־מוטהיגער שלאסער געזאגט, — איך האב מורא געהאט, אז דו ביזט נישט אויפגעלעגט צו שמועסען א ביסעל. איך וועל דיר אלעס דערצעהלען, און נאך מיט'ן גרעסטען פערגעניגען, מיין נשמה.

— ניין, ווארדען, — האט דאס ווייב מיט ווירדע געענטפערט, אויפשטעהענדיג פון איהר פלאץ, — איך בין דיר מוחל דעם כבוד. איך בין נישט קיין קינד, וואס פריהער שטראפט מען עס! און

דערנאָך גליעט מען ווײַס. איך בין שוין אַ ביסעלע צו־אַלט פֿאַר אַזעלכע זאַכען, וואַרדען. מיגס, נעהם האָס ליכט. דו, זייגער־סטענס, קאָנסט זײַן פֿרײַנדליכער, מיגס.

מיגס איז מאָמענטאַל איבערגעגאַנגען פֿון שמערצליכען מיט־געפֿיהל צו דער וואַרימסטער פֿרײַנדליכקייט, האָט אַ שאָקעל געגע־טהון מיטן קאָפּ, קיקענדיג אויף איהר הערן, און האָט מיט־גענומען איהר מיסעס מיטן ליכט צוזאַמען.

וואַרדען האָט אַ דריק געטהון מיט די אַקסלען און צוגערוקט זײַן שטוהל נעהנטער צום אייווען.

— אַ שטייגער, ווער וואָלט זיך ריכטען, — האָט ער צו זיך געזאָגט, — אַז אָט די פֿרוי קאָן זײַן אַנגענעהם און מילד? און דאָך קאָן זי, אַז זי וויל. מילא, יעדער פֿון אונז האָט זיך זײַנע חסרונות. שוין צו־לאַנג זענען מיר מאַן און פֿרוי, דאָס איך זאָל פֿאַראיבעל האָבען אויף איהר.

ער האָט ווידער פֿאַרגעדרימעלט רוהיג און אַנגענעהם — אַדאַנק, מסתמא, זײַן האַרציגען כאַראַקטער. וועהרענד ער האָט געהאַלטען די אויגען געשלאָסען, האָט זיך געעפֿענט די טהיר, וואָס האָט געפֿיהרט צום צווייטען שטאָק, און אַ קאָפּ האָט זיך אַרײַנגעשטעקט אויף אַ מאָמענט, נאָר דערזעהענדיג איהם, איז ער גלײַך פֿאַרשוואונדען.

— איך וואָלט וועלען, — האָט גאַבריעל געזאָגט, אויפֿהאַ־פּענדיג זיך פֿונם גערויש, — אַז עמיצער זאָל היינטיגען מיגס'ן. — ס'איז אָבער אוממעגליך! איך גלויב נישט, אַז עס זאָל זיך געפֿינען אַ משוגענער, וואָס זאָל נעהמען מיגס'ן!

דאָס איז געוועזען אַזאַ טיעפֿע חקירה, דאָס ער האָט ווידער פֿאַרגעדרימעלט און איז אײַנגעשלאָפֿען ביז דאָס פֿײַער אין אייווען איז אויסגעגאַנגען. ווען האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט פֿאַר־שלאָסען די טהיר, האָט גענומען דעם שליסעל צו זיך אין קעשענע און איז אַוועק אין שלאָף־צימער.

אין גיכען נאָך זײַן אַוועקגאַנג האָט זיך דער קאָפּ ווידער באַוויזען אין טהיר, און סיט טעפּערטיט איז אַרײַנגעקומען, טראָ־גענדיג מיט זיך אַ קליין לעמפּעלע.

— דער רוח טראָגט איהם אַהיר צו זיצען דאָ אַזוי שפּעט אין דער נאַכט! — האָט ער געברומט, הורכגעהענדיג צום וואַרק־צימער און אַוועקשטעלענדיג דאָס לעמפּעל אויפ׳ן גליה־אייווען. — דערווייל האָב איך פערלאָרען אַ העלפט פון דער נאַכט. נו־נאַ, די איינציגע נוצליכע זאַך, וואָס איך האָב ווען געטהאָן פון אָט דער פערשאָלטענער מלאכה, איז אָט דער חפץ, אויף מיינע נאמנות!

מיט די ווערטער האָט ער אַרויסגענומען פון זיין רעכטער הויזען־קעשענע אַ גראָב־געמאַכטען גרויסען שליסעל, האָט געעפענט די טהיר, וואָס זיין מייסטער האָט פערשלאָסען, האָט אַרויסגענומען דעם שליסעל פון לאָך און איהם אַריינגעלעגט צוריק אין קעשענע. דערנאָך האָט ער זיך אַרויסגערוקט פון הויז, לאָזענדיג דאָס לעמפּעל ברענען און שטיל פערשליסענדיג די טהיר הינטער זיך.

9. די געהיימע געזעלשאַפט.

אַרויס פון זיין מייסטער׳ס הויז, האָט סים טעפּערטיט זיך אויפגעהערט צו היטען, האָט געמאַכט אַ מינע פון אַ וואוילען יונג, וואָס דרגיענען אַ מענשען איז ביי איהם ווי אויפעסען אַ בייגעל, און זיך געלאָזען אין וועג אַריין דורך די פינסטערע גאַסען.

נאָך אַ האַלבער שטונדע גאַנג האָט ער זיך פערדרעהט אין אַ שמאָל געסיל, איז אַריין אין אַ הויף און האָט אַנגעקלאַפּט אין אַנאַיזערנער גראַטע, וואָס איז געלעגען אויף דער ערד. ניכט קריגענדיג קיין ענטפער, האָט ער ווידער אָנגעקלאַפּט. ענדליך האָט זיך געעפענט אַ טהיר אין דער ערד נעבען זיינע פיס און עס האָט זיך באַוויזען אַ צושויבערטער קאָפּ.

— איז דאָס דער קאַפּיטאַן? — האָט אַ שטים געפרעגט.

— יאָ, האָט מיסטער טערפּעטיט שטאָלץ געענטפערט, גע־הענדיג אַראָב איבער די טרעפּ, — ווער דען זאָל עס זיין?

— מיר האָבען געמיינט, איהר׳ט שוין נישט קומען. איהר האָט פערשפּעטיגט, סער.

— געה פּאַראַדיס, — האָט מיסטער טערפּעטיט בעמוילען דמרינג

און מאַיעסטעטיש, — און מאַך בעמערקונגען ווען מ׳פרעגט דיך. פאָרווערטס!

דאָס לעצטע וואָרט איז אפשר געווען אַ ביסעל טעאַטראַליש און נישט אַם פּלאַץ, דען עס איז אויסגעקומען צו קריכען אַראָב לאַנגזאַם און פאָרזיכטיג איבער די פינסטערע, נעדרעדטע און גליטשיגע טרעפּלעך, — נאָר מיסטער טעפּערטיט, ווי אייניגע אַנדערע גרויסע קאָמאַנדירען, האָט געהאַט אַ שטיקעל תאווה צו שטאַרקע עפעקטען און שיינע פּאָזען; דעריבער האָט ער נאָכאַמאָל אויסגערופען „פאָרווערטס"! און מיט זיינע הענד אויף דער ברוסט און פערוואָלקענטע ברעמען איז ער מוטהיג געגאַנגען ווייטער, ביז ער איז אַריין אין אַ קעלער־שטוב, וואו עס זענען געשטאַנען אַ פּאָר שטוהלען, אַ טיש, אַ בעטעל, אַ קופּערנער קאָכקעסעל אויפ׳ן אייווען, וואו עס האָט געברענט אַ פייער.

— ווילקאָמען, קאַפּיטאַן! — האָט אויסגעשריען אַ לאַנגע, מאָגערע פיגור פון ווינקעל.

דער קאַפּיטאַן האָט אַ שאָקעל געטהון מיט׳ן קאָפּ. חאָטש ער האָט אויסגעטהון זיין מאַנטעל, איז געבליבען שטעהן אין זיין גאַנצער פּראַכט און האָט „דורכגענומען מיט די אויגען" דעם מאַן, וואָס איז געשטאַנען געגענאיבער איהם.

— פאַרהאַן עפּיס נייעס? — האָט ער געפרעגט, נאָכדעם ווי ער האָט יענעם אַריינגעקוקט גלייך אין די נשמה.

— קיין בעזונדערע נייעס, — האָט יענער געענטפערט, — ווי קומט עס, וואָס איהר האָט אַזוי פערשפּעטיגט?

— קיין אונטערשיעד נישט, — איז געווען חבר׳ס ענטפער. — דאָס צימער איז גרייט?

— יאָ.

— דער חבר איז דאָ?

— יאָ. און נאָך עטליכע פון אונזערע — איהר הערט?

— שפּיעלען אין ביינדלעך, — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט. — ליכטזיניגע הולטאַיעס!

פֿון אַ צווייטען צימער האָבען געגרייכט אַהער קולות פֿון אַ שכּורער קאָמפּאַניע, וואָס האָבען געטרונקען און געשפּילט.

דערווײַל איז אונטערגעקומען דער אייגענטימער פֿון דעם דאָזיגען בעצויבערנדען פּלאַץ, דער מאַן מיט'ן צושויבערטען קאָפּ. ער איז געשטאַנען אַ ביסעל אָן אַ זייט, האָט אונטערגעשמייכעלט און געריבען זיך די הענד. פֿון זײַן מאָדנעם פֿינקלען מיט די ווייעס איז גלײַך געווען צו בעמערקען, אַז דער מענש איז בלינד.

— אפילו סטעג איז שוין געשלאָפֿען, — האָט דער לאַנגער בעמערקט, ווײַזענדיג אויפֿ'ן בלינדען מיט אַ פֿינגער.

— פּעסט, קאַפּיטאַן, פּעסט! האָט דער בלינדער אויסגעשריען. — וואָס וועט מײַן בראַווער קאַפּיטאַן טרינקען — ברענדי, ראָם, שאַטישען בראַנפֿען? צילאָוועניעם פּילוועער, ברענענדיגען אייל? רופֿט עס אָן ביים נאָמען, איהר האַרץ פֿון דעמב, וועלען מיר עס שאַפֿען פֿאַר אייך, זאָל עס זײַן אפילו ווײַן פֿון אַ בישאָפּ'ס קעלער, אָדער גאָלד פֿונ'ם קעניג'ס מינץ-פֿאַבריק.

— הו זעה, — האָט מיסטער טעפּערטיט מיט גדלות געזאָגט, — אַז עס זאָל זײַן שטאַרק און קומען שנעל, און דאַן מעג עס זײַן אפילו פֿונ'ם טײַוועלס קעלער, אויב דו ווילסט.

— שטאַרק געזאָגט, בראַווער קאַפּיטאַן! — האָט דער בלינדער אויסגעשריען. — פֿונ'ם טײַוועלס קעלער! האַ-האַ-האַ! אָט דאָס הייסט אַ שפּאַס!

דער שענקער איז צוגעגאַנגען צום בופֿעט און האָט אַרויסגענומען פֿון דאָרט אַ פֿלאַש אַזוי לײַכט, פּונקט ווי זײַנע אויגען וואָלטען איהם געדיענט געטרײַ. מיסטער טעפּערטיט האָט איהם דורכגענומען מיט די אויגען און געזאָגט:

— דער בעסער וואָס איך וועל דיר זאָגען, מײַן וואוילער בחור: אויב דו וועסט מאַכען אַזאַ טומעל, וועסטו זיך איבערצייגען, אַז דער קאַפּיטאַן האָט פֿײַנט צו שפּאַסען.

— ער האָט שוין אָנגעשטעלט זײַנע אויגען אויף מיר! — האָט דער בלינדער אויסגעשריען, כלומרשט פֿאַרשטעלענדיג זיך מיט דער פֿלאַש. — איך פֿיהל זיי, האָטש איך זעה נישט. נעהמט

זיי אראב פון מיר, בראווער קאפיטאן, דאן זיי לעכערן מיך ווי שפיעזען!

מיסטער טעפערטיט האט א פינסטערן שמייכעל געטהאן און מיט א מילדערער שטים איהם געהייסען זיך דערנעהנטערן און זיין רוהיג.

סטעג איז צוגעגאנגען און האט אנגענומען א בעכער, נישט פערגיסענדיג קיין איינציגען טראפען; די קונץ האט ער בעוויזען מיט דער הילף פון א פינגער, וועלכען ער האט געהאלטען ביים האנד פון בעכער, און האט אויגענבליקליך אויפגעהערט צו גיסען, ווען דער בראנפען האט בעריהרט דעם פינגער.

— טרינקט, בראווער גובערנאטאר. א טויט צו די מייסטערס, לעבען צו די געזעלען און ליעבע צו אלע שענע מאמזעלען. טרינקט, הויכער גענעראל, און ערווארימט אייער מיטהיג הארץ!

סים טעפערטיט האט בעוויליגט צו נעהמען דעם בעכער פון זיין האנד. דער בלינדער האט זיך אראבגעלאזען אויף די קניע און האט א גלעט געטהאן די שטיוועל פונ'ם קאפיטאנ'ס פיס.

— וואלט איך חאטש געהאט אויגען צו זעהן מיין קאפיטאנ'ס געטאקטע גליעדער! — האט ער אויסגעשריען. — וואלט איך חאטש קאנען אנאיינציגען בליק ווארפען אויף די צוויי צושטערער פון שלום-בית!

— טראג זיך אב, סטעג, דו הערסט! — האט סים געזאגט, קיקענדיג אויף זיינע פיעל-געליעבטע פיס.

— אז איך בעריהר מיינע דערנאך, — האט סטעג געזאגט, געבענדיג זיך א פאטש אין די פיס מיט פארוואורף, — האב איך זיי. דאס איז דאך נישט מעהר ווי א פאר הילצערנע קלעצער, און פערגלייך מיט מיין קאפיטאנ'ס מארעלען!

— דיינע! — האט מיסטער טעפערטיט אויסגעשריען. — א שע־נער פערגלייך! רייד נישט וועגען דיינע און מיינע פיס אין איין אטעם. נא, נעהם דעם בעכער. ווייז דעם וועג,
צו דער ארבייט!

מיט די ווערטער איז ער אוועק מיט זיין לאנגען קאמעראד אין א סארט געהעלבטע הייל, וואו די פריהליכע קאמפאניע איז געזעסען.

אַלע זענען שטיל געוואָרען, גלייך ווי דער קאַפּיטאַן איז אַריין. דער לאַנגער האָט אַרויסגענומען פון אַ ווינקעל אַ פוס-ביין פון אַ מענשען און האָט אים דערלאַנגט דעם קאַפּיטאַן. מיסטער טעפּערטיט האָט גענומען דעם ביין, וועלכער האָט געדינט אַלס סצעפּטער, און איז אַרויפגעקראָכען אויף אַ טיש, אויף וועלכען פאַר אים איז געווען אָנגעגרייט אַ שטוהל, באַפּוצט מיט צוויי שאַרבענס פון מענשליכע קעפּ. דאָס איז געווען זיין טראָהן.

אַ צווייטער האָט געבראַכט אַ גרויס בוך, האָט עס איבערגעגעבען דעם לאַנגען און האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט'ן רוקען צום טיש. דער לאַנגער האָט אַוועקגעלעגט דאָס בוך אויף דעם יונגען-מאַנ'ס אַקסלען, ווי אויף אַ הויכען שרייב-טיש, און האָט זיך פאַרטיג געמאַכט צו לעזען און שרייבען.

מיסטער טעפּערטיט האָט ניין מאָל אָנגעקלאַפּט מיט'ן פוס-ביין אין איינעם פון די שאַרבענס, און אַ דריטער יונגער-מאַן האָט זיך באַוויזען אין טהיר.

— לעדערלינג, ווער וואַרט דאָרט? — האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט.

דער לעדערלינג האָט געענטפערט, אַז דרויסען וואַרט אַ פרעמדער, וועלכער וויל אַריינטרעטען אין די געהיימע געזעלשאַפט.

— פיהר אים אַריין! — האָט דער קאַפּיטאַן באַפוילען.

צוויי לעדערלינגע האָבען אַריינגעפיהרט אַ בחור מיט פערבונדענע אויגען. איינער פון די לעדערלינגע האָט געהאַלטען נעבען דעם פרעמדען'ס אויער אַ פעראָסטעטע ביקס, דער אַנדערער — אַן אַלט שווערד.

אַז די גרופּע האָט זיך דערנעהנערט צום טראָהן, האָט דער פרעמדער זיך געבוקט, און דער קאַפּיטאַן האָט געהייסען אַראָבנעהמען דעם באַנד פון זיינע אויגען. דערנאָך האָט ער אים שאַרף באַקוקט און אַרויסגערעדט:

— ווייטער!

דער לאַנגער האָט גענומען לעזען:

„מאַרק דושילבערט. אַכצעהן יאָהר אַלט. דינט ביי טאָמאַס קוירזאָן, אַ הויזען-פאַבריקאַנט, און גאָלדען פלים, אָלדגייט. ער ליעבט קוירזאָנ'ס טאָכטער. קאָן נישט זאָגען אויף געוויס, אַז

קוירזאָנ׳ס טאָכטער ליעבט אידם. האַלט עס פאַר גלויבליך. קוירזאָן האָט אידם אָנגעדראָהט די אויערן לעצטען דיענסטאָג״.

— ווי! — האָט דער קאַפּיטאַן אויסגעשריען.

— פאַר קוקען אויף זיין טאָכטער, האָט קיין פּאַראיבעל ניש, — האָט דער נייער מיטגליעד געזאָגט.

— פערשרייב קוירזאָנ׳ען „אָנגעקלאָגט״, — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט. — שטעל אַ שוואַרצען צלם קעגען דעם נאָמען קוירזאָן.

— האָט קיין פּאַראיבעל ניש, — האָט דושילבערט געזאָגט, — דאָס איז נאָך נישט דאָס שלימסטע — ער הופּט זיין לעהרלינג פּוילער הונד און גיט אידם נישט קיין ביער, ביז יענער אַרבייט נישט וויפיעל דער מייסטער וויל. גיט האָלענדישען קעז און אַליין עסט ער טשעשער-קעז; פריישע זונטאָגען בלויז איין מאָל אין מאָנאַט.

— דאָס איז אַ שווערער פּראָצעס, — האָט מיסטער טעפּערטיט מינסטער געזאָגט. — שטעל צוויי צלמים קעגען קוירזאָנ׳ס נאָמען.

— אויב די געזעלשאַפט, — האָט דער נייער געזאָגט, — וועט אונטערצינדען זיין הויז — ער איז נישט אַסעקורירט — אָדער אידם אָנברעכען די ביינער, אָדער מיר העלפען אַוועקצופיהרען זיין טאָכטער און מיט איהר חתונה האָבען, אַלץ איינס, אויב זי וועט דערצו מסכים זיין אָדער נישט —

מיסטער טעפּערטיט האָט אידם געגעבען אַ צייכען מיט׳ן פוס-ביין נישט איבערצושלאָגען און האָט געהייסען שטעלען דריי צלמים צו קוירזאָנ׳ס נאָמען.

— דאָס הייסט, — האָט ער ערקלערט, — פאָלשטענדיגע און שרעקליכע נקמה. לעהרלינג, ליעבסטו די קאָנסטיטוציע?

דער נייער האָט געענטפערט, ווי מען האָט אידם אויסגעלערנט, אַז יאָ.

— די קירך, דעם שטאַט און אַלע אינסטיטוציעס — אויסער די מייסטערס?

— דער נייער האָט ווידער געענטפערט „יאָ״.

דאַן האָט דער קאַפּיטאַן געהאַלטען אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט ערקלערט, אַז לויט דער דאָזיגער קאָנסטיטוציע וועלכע

איז זייַן ערגיץ בעהאַלטען, ווען נישט, וואָלט ער די שוין לאַנג אויסגעפינען און אַראָבגענומען פון איהר אַ קאָפּיע), האָבען לעדער-לינגע אַמאָליגע יאָהרען געהאַט אַ סך פריינע ווינטאָגען און פייער-טעג, האָבען צוּבראָכען אַ היבש ביסעל מענשליכע קעפּ און זאָגאַר בעגאַנגען עטליכע בעריהמטע רציחות, נאָר מיט דער צייט האָט מען ביי זיי ביסלעכווייז אַוועקגענומען אַט די אַלע פּריווילעגיעס. שולדיג דערין זענען זיכער אַט די אַלע נייע איינפיהרונגען און דער גייסט פון דער צייט, וועלכער רייסט זיך אַלץ פאָרווערטס. אין שענער מליצה האָט מיסטער טעפּערטיט געלויבט די חכמה פון געהן ריקווערטס, ווי עס טוהט שטענדיג אַ קרעבס און גאַנץ אָפט אַן אייזעל. דערנאָך האָט ער ערקלערט די אויפגאַבען פון דער געזעלשאַפט „לעדערלינגע-ריטער": זיך נוקם זיין אין די מייסטערס, פון וועלכע עס איז שוין איינפאַך נישט אויסצוהאַלטען, און צוריק ערווערבען די פערלאָרענע פּריווילעגיעס. אמת, דערווייל זענען זיי נאָך צו-שוואַך פאַר די דאָזיגע אויפגאַבען, ווייל זיי צעהלען קוים צוואַנציג מיטגליעדער, פונדעסטוועגען שווערען זיי צו פערפאָלגען זייער צוועק, אויב נויטיג, מיט פייער און שווערד.

דערנאָך האָט מען דעם נייעם מיטגליעד געגעבען אַ שרעק-ליכע שבועה מיט גרויסע צערעמאָניעס. ווען דאָס אַלעס האָט זיך געענדיגט, האָט מען אַראָבגענומען דעם טראָהן און זיך גענו-מען הוליען ווי פריהער.

מיסטער טעפּערטיט, וועלכער איז נאַטירליך געשטאַנען העכ-כער פונ'ם פּראָסטען המון, האָט נישט גענומען קיין אַנטייל אין דער שמחה. ער האָט בלויז אַרומשפּאַצירט מיט די הענד אין די קעשענעס און געטראַכט:

„וואָלט איך געבוירען געוואָרען אַ קאָרסאַר, אַ פּיראַט, אַ וואַלד-רויבער אָדער אַ פּאַטריאָט — דאָס איז אַלץ איינס, — וואָלט געווען גאָר עפּיס אַנדערש. אָבער פיהרען אַ טונקעלע עקזיסטענץ און בלייבען אונבעקאַנט פאַר די גאַנצע מענשהייט — נאָר געדולד: איך וועל נאָך זיין בעריהמט. עפּיס אַ בת-קול אין מיר פליסטערט שטענדיג וועגען גרויסקייט. און גיכען וועל איך אויפרייסען, און

אַז דאָס וועט געשעהן, וועלכע קראַפט וועט אימשטאַנד זיין מיך צוריקצוהאַלטען? איך פיהל, ווי מיין נשמה וועט מיר אין קאָפּ אַריין ביי דעם געדאַנק".

— וואו איז דער נייער? — האָט מיסטער טעפּערטיט אויסגע־הויבען, מ'קאָן נישט זאָגען — מיט אַ הונגעריגער שטים, ווייל זיינע, דעם אמת געזאָגט, איז געווען אַ ביסעל גרילצענדיג און קוויטשיג, נאָר דאָך גאַנץ אויסדריקליך. — וואו איז ער?

— דאָ איז ער, הויכגעבוירענער קאַפּיטאַן! — האָט סטעג געענטפערט. — אָט דאָ געבען מיר פיהל איך אַ פּקאָמרען.

— האָסט אַ וועקסענעם אָבדרוק פונ'ם שליסעל פון אייער הויז־טהיר? — האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט.

דער נייער האָט געגעבען דעם אָבדרוק.

— גוט, — האָט מיסטער טעפּערטיט געזאָגט, בעטראַכטענדיג די וועקסענע פאָרם, — דאָס וועט לייכט זיין צו מאַכען.

די מעשה איז, אַז ער האָט געמאַכט פאַר אַלע מיטגליעדער שליסלען צו זייערע טהירען און אַ טייל פון זיין איינפלוס האָט ער אפשר געהאַט צו פערדאַנקען דעם דאָזיגען נישטיגען אומשטאַנד — וואָס קאָן מען מאַכען, אפילו מענשען פון גרויסען גייסט הענגען אָפטמאָל אָב פון אַזעלכע קלייניגקייטען!

ער האָט אָבגעפיהרט דעם נייעם „ריטער" אין אַ זייט און געפרעגט:

— הייסט עס, ליעבסטער, דיין מייסטער'ס טאָכטער?

— יאָ. און ניט אויף קאַטאָוועס, פערשטעהט איהר מיך.

מיסטער טעפּערטיט האָט געוואָרפען אויף איהם אַ שאַרפען בליק.

— און האָסטו אַ — אַ קאָנקורענט?...

— איך ווייס נישט.

— נו, און אַז דו וואָלסט יאָ האָבען, וואָס וואָלסט געטהון, אַה?...

דער לעהרלינג האָט געמאַכט אַ בייזע מינע און צוזאַמענ־געדריקט די פויסטען.

— גענוג! — האט מיסטער טעמפערטיש האסטיג אויסגע-שריען. — מיר פערשטעהען איינער דעם צווייטען. געה, מיקקט אונז נאך. איך דאנק.

ער האט יענעם אבגעשטויסען פון זיך, האט צוגערופען זיין לאנגען פליעגעל-אדיוטאנט און איהם בעפוילען אנשרייבען און ארויסהענגען א מודעה, אז א געוויסער דושאָזעף אָדער דושאָ ווילעט פון טשיגוועל איז פערארטיילט: יעדען „לעהרלינג-ריטער" איז פערבאָטען איהם צו שטיצען, צו טהון א טובה אָדער פיהרען ברודערשאפט מיט איהם; פערקעהרט, יעדער איז פערפליכטעט צו שעדיגען, צו זידלען און שלאָגען זיך מיט דעם אנגערופענעם דושאָזיין, וואו און ווען נור ער וועט איהם אנטרעפען.

נאָך דער ענערגיע, וואס ער האט ארויסגעוויזען ביים אנווענדען אזעלכע רעפרעסיעס געגען זיין פיינד, איז טעמפערטיש געוואָרען גרינגער אויפ'ן הארצען. ער איז געוואָרען פרעהליך און האט בעוויליגט צו בעטייליגען זיך אין דער אלגעמיינער שמחה און האט זאגאר מכבד געווען דעם עולם מיט א זמר'ל. און גיכען האט ער זיך אזוי צוהיצט, אז ער איז געגאנגען א טענצעל אונטער דער מוזיק פון א פיעדעל, אויף וועלכער א טאלענטפולער בעטלער האט געשפיעלט, און דאס טענצעל איז ער דורכגעגאנגען אזוי טשאַ-קענדיג, אז די געזעלשאפט איז געווען בעגייסטערט אויף דער העכ-סטער שטופע, און דער בלינדער שיינקער האט ערקלערט מיט טרעה-רען אין די אויגען, אז קיינמאל נאך האט ער זיין בלינדקייט אזוי טיעף נישט געפיהלט, ווי איצט, ווען ער איז נישט אימשטאנד צו זעהן דאס דאזיגע מייסטער-ווערק פון דער טאנץ-קונסט.

דא איז דער שיינקער ארויס פון דער היל און איז אין גיכען צוריקגעקומען מיט דער ידיעה, אז עס איז שוין באלד טאג, און אז די העהנער אין דער אומגעגענד האבען זיך אזוי צוקרעהט, פונקט ווי עס געהט זיי אום לעבען. ביי דער דאזיגער נאכריכט זענען די לעהרלינג-ריטער האסטיג אויפגעשפרונגען פון זייערע ערטער און האבען זיך גענומען פונאנדערגעהן איינער נאָך צווייטען.

— גוט-נאכט, בראווער קאפיטאן, — האט דער בלינדער נאָכ-

געזאָגט, אַרויסבעגלייטענדיג מיט טעפּערטשין דורך די נאַכט.— צום ווידערזעהן, מוטהיגער גענעראַל. געהט געזונטערהייד, גלענצענדער קאָמאַנדיר. זייט מצליח, וואו איהר וועט זיך קערהען און ווענדען, איהר — די פערדישער מח, די פוסטער קאָפּ, די אידיאָט מיט די קאַטשענע פיסליך...

די לעצטע ווערטער האָט ער קאַלטבלוטיג צוגעגעבען, האָפענדיג מיט זיין אויער, אַז דער „קאַפּיטאַן" איז שוין ווייט. דערנאָך האָט ער פערשלאָסען די גראַטע און האָט זיך אומגעקעהרט צו זיין טעגליכער אַרבייט.

10. מיגם און סים.

שרייבער האָבען די פּריווילעגיע אַריינצודרינגען וואוהין זיי ווילען, דורכצוגעהן דורך אַ שליסעל-לאָך, צו רייטען אויפן ווינד און צו בעזייטיגען אַלע מניעות פון שטרעקע, צייט און אָרט. געבענשט זאָל זיין די דאָזיגע פּריווילעגיע, דערפאַר וואָס זי גיט אונז איצט די מעגליכקייט נאָכצופאָלגען מיט מיגם אין קדשי-קדשים פון איהר שלאָף-צימער.

אַז מיגם האָט אויסגעטהון איהר מיכעס און האָט זי בעלעגט שלאָפען, איז זי אַוועק צו זיך, אין איהר צימער'ל אונטערן דאַך, און אַזוי ווי שלאָפען האָט זי נאָך נישט געוואָלט, האָטש זי האָט גאַבריעל'ן געזאָגט, אַז זי וויל יאָ — האָט זי זיך אַוועקגעזעצט ביים פענסטער און אַרויסגעקוקט דרויסען, אויף די ווילדע נאַכט-הימלען.

מעגליך, אַז זי האָט זיך געפרעגט, וועלכען פון די שטערען איז עס בעשערט צו דיענען אַלס מקום-מנוחה פאַר איהר נשמה, ווען זי וועט האָבען מתקן געוועזען אויף דער ערד אַלעס, וואָס זי האָט געדאַרט מתקן צו זיין; מעגליך, אַז זי האָט זיך בעמיהט צו דערגעהן, וועלכע פון די דאָזיגע שיינענדיגע ספערען איז דער געבורטס-אָרט פון מיסטער סים טעפּערטיט; פיליייכט האָט זי זיך גע-וואונדערט, ווי אַזוי קאָנען די שטערען אַראָבקוקען אויף אַט די געמיינע בריאים, די מענער, און נישט וואַרפען געל און גרין פון

פּערדיז אין האַרץ-ווינקעל; און אפשר — האט זי איבערגעהיפּט פון קיין זאך נישט געטראַכט. ווי די מעשה איז, אַט אַזוי איז זי זיך געזעסען און געקוקט אין פענסטער, ביז זי האט פּלוצים דער-הערט עפּיס אַ שאָרך אין צווייטען צימער — אין לעהרלינגס צימער, אין דעם־וועלכען צימער, וואו ער פלעגט שלאָפען און חלומען — אַמאָל אפשר וועגען איהר אויך.

איצט האט ער זיכער נישט געחלומ׳ט, ווען פון צייט צו צייט האט זי איהם געהערט אַרומגעהן איבערן צימער און ווי ער וואָלט עפּיס אַזוינס שלעפּען אָדער שיבען; דערנאך האט זיין טהיר אַ סקריפּ געטהון און טריט האָבען זיך געלאָזען הערען אין קאָרידאָר.

מיס מיגס איז בלאַס געוואָרען און האט אויפגעשוידערט.

— אָ, מיין גאָט! — האט זי אויסגערופען צו זיך. — ס׳איז אַ גליק, וואָס מיין טהיר האט אַ ריגעל!

נישטמעהר, אַזוי ווי זי איז זעהר דערשראָקען געוואָרען, האט זי פערגעסען, אַז אַ ריגעל אין זיין געברויך זענען צוויי בעזונדערע זאַכען. אַ ריגעל אויף דער טהיר איז טאַקע געווען, נאָר פערריגעלט האט זי איהם נישט.

מיס מיגס האט געהאט אַ שאַרפע שמיעה, און אַדאַנק דעם האט זי געכאַפּט, אַז זייערע טריט זענען פאַרביי־געגאַנגען איהר צימער; פאַר איהר איז קלאָר געוואָרען, אַז מיסטער טעפּערטיט איז אויסען עפּיס אַ זאַך, וואָס האט קיין שום שייכות נישט צו איהר פערזאָן. דאָס האט זי נאָך מעהר דערשראָקען און זי האט שוין געוואָלט מאַכען געוואַלדען: „גנבים! מערדער!“, נאָר זי האט זיך בעקלערט, אַז זי וועט בעסער פריהער כאַפּען אַ קוק אַרויס און זעהן, ווי עס האַלט.

צו איהר פערוואונדערונג, האט זי דערזעהן מיסטער טעפּערטיט׳ן אינגאַנצען אָנגעטהון, ווי ער גנב׳עט זיך אַזוי פון די טרעפּ אַראָב, מיט אַ לאָמפּעל אין איין האַנד און מיט זיינע שיך אין דער צווייטער. זי איז שטילערהייד אַרויס פון איהר צימער, איז נאָכגעגאַנגען אַ ביסעל און האט בעמערקט, ווי ער האט אַריינגעשטעקט אויף אַן אויגענבליק זיין קאָפּ אין טהיר פון גאַסט-צימער,

באַש קולט. צענטר
מאָנטרעאַל

האָט איהם געשווינד אַרויסגעכאַפּט פון דאָרטען און גענומען פאָרזיכטיג אַבטרעטען צוריק צו זיך.

— דאָ איז עפּיס אַ געהיימניש! — האָט די מיידעל געדאַכט, ווען זי האָט זיך אָהן אָטעם אַריינגעכאַפּט צו זיך אין קאַמערל. — אָ, טאַטע זיסער, אַ געהיימניש!

די האָפנונג אויף אויסגעפינען עפּיס וועגען עמיצען וואָלט געהאַלטען מיס מיגס וואַכענדיג אפילו אונטער אַ שלאָף־געטראַנק. זי איז דעריבער געזעסען און האָט געוואַרט. און אַ צייט אַרום האָט זי ווידער דערהערט דעם לעהרלינג'ס טריט. דאָסמאָל איז ער אַריין אין גאַסט־צימער און איז שוין פון דאָרטען צוריק נישט אַרויסגעקומען. און איין אויגענבליק איז מיגס געווען צוריק בײַ זיך נעבען פענסטער. דאַן האָט זי דערזעהן, ווי מיסטער טעפּערטיט איז אַרויס אויף די גאַס, האָט פערשלאָסען די טהיר הינטער זיך, האָט אַריינגעלעגט עפּיס אַ זאַך צו זיך אין קעשענע און איז אַוועק.

מיס מיגס האָט אויסגערופען: „טאַטע!", הערנאָך: „זיסער!", דערנאָך: „טאַטע זיסער!", דאַן האָט זי גענומען אַ ליכט און איז אַראָב אונטען. און ווערקשטוב אויפ'ן גליה־אײַזען האָט זי געטראָפען דאָס לעמפּעל, וואָס סים האָט געלאָזען ברענען.

— אוי! — האָט מיגס אויסגעשריען. — זאָל מען שלעפּען מײַן טרונע צו־פוס, נישט אויף אַ שיינער קאָטש מיט פערד און שוואַרצע פעדערן, אויב דאָס יונגעל האָט נישט געמאַכט פאַר זיך אַ באַזונדערן שליסעל: אָ, דער לומפּ!

געקומען איז זי צו דעם דאָזיגען שלוס נאָך אַ היבש ביסעל טראַכטען און קוקען און נישטערן אַרום. און איינוועגס האָט זי זיך דערמאָהנט, אַז זי האָט דעם לעהרלינג נישט איינמאָל געכאַפּט בײַ עפּיס אַ געהיימער אַרבײַט אין ווערקשטוב. און זאָל זיך קיינער נישט וואונדערן, וואָס זי האָט איהר סימפּאַטיע אָנגערופען „יונגעל": בײַ מיגס'ן אין די אויגען זענען אַלע צוויי־פוסיגע זכרים אונטער דרײַסיג יאָהר געווען נישט מעהר ווי זויג־קינדער, — אַ זאַך, וואָס טרעפט גאַנץ אָפט מיט לײַדים פון מיגסעס טעמפּעראַמענט און פון איהר אונבעזיעגבאַרער, פערביסענער צניעות.

אַ ווײַלע האָט מיט מיגס געטראַכט וועגען עפּעס, דערנאָך האָט זי גענומען אַ שטיקעל פּאַפּיר און האָט עס צונויפגעדרעהט ווי אַ רעדריל. דעם דאָזיגען אינסטרומענט האָט זי אָנגעפילט מיט אַש און ריס פון גליה־אײַזען, האָט אַרײַנגעשטעקט דאָס רעדריל אין שליסעל־לאָך און אַרײַנגעפּאַקט אין שלאָס אַזוי פיעל אַש, וויפיעל אַהין איז נור אַרײַנגעקראָכען. דערנאָך איז זי אַוועק צו זיך אין קעמערל, חיהיקענדיג פון פערגניגען.

— נאַ, איצט וועלען מיר זעהן, צי איהר וועט נישט צופריעדען זײַן צו חאַפּען אַ קוק אויף מיר, מיסטער! — האָט מיגס אויסגערופען, רײַבענדיג זיך די הענד. — הע־הע־הע, וועסט שוין האָבען אויגען פאַר עמיצען אַנדערש אויך, אויסער מיט דאָלי. ס'אַר אַ פּעטע קאַצענע צורה זי האָט!

אין אַרויסזאָגענדיג די דאָזיגע קריטיק, האָט זי געוואָרפען אַ צופריעדענעם בליק אין איהר שפּיעגעל, ווי איינער חאָדט: האָבען גאָט, וועגען מיר קאָן מען עס נישט זאָגען! — און ימ'האָט מאַכע נישט געקאָנט, וואָרום מיט מיגס'עס שענקייט איז געווען פון יענעם סאָרט, וועלכען מאַכע מיסטער טעפּערטיט אַליין האָט אַמאָל אין אַ פּריוואַט־געשפּרעך אָנגערופען „שפּיציג און גליטשיג".

— היינטיגע נאַכט געה איך נישט שלאָפען, — האָט מיט מיגס געזאָגט, — ביז דו קומסט אַהיים, מיין שפּיעל־פויגעלע. איך געה נישט, אפילו פאַר פינף־און־פערציג פונט*).

זי האָט צוגעשטעלט צוויי שטוהלען צום פענסטער, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף איינעם און אַרויפגעלעגט די פיס אויפ'ן צווייטען. אַזוי איז זי זיך אָפּגעזעסען די גאַנצע נאַכט.

ענדליך, אַז עס האָט אָנגעהויבען טאָגען, האָט זי דערהערט טריט אויף דער גאַס. און אין אַ ווײַלע אַרום איז מיסטער טעפּערטיט געבליבען שטעהן נעבען דער טהיר. זי האָט געהערט, ווי ער שטופּט אין שלאָס דעם שליסעל, ווי ער בלאָזט אויס דעם

*) אַ פונט — אַ מאַנעטע פון צוואַנציג שילינג.

שליסעל, ווי ער קלאפט מיט איהם אן אסליפ, כדי איהם אויסצודינגען פון שטויב, ווי ער בעטראכט איהם ביי דער שיין פון אלאמטערן, ווי ער שטיפט אין שלאס שטעקלעך, ווי ער פרובט ווידער מיטן שליסעל, ווי ער קאן איהם נישט איבערדרעהען און, נאך ערגער, ארויסשלעפען צוריק, ווי ער האט איהם אויסגעבויגען, ווי עס איז דאן נאך שווערער געווארען איהם ארויסצוציהען, ווי ער האט מיט כעס א שלעפ געטהון דעם שליסעל און איהם ארויסגעצויגען מיט אזא האסט, אז ער איז אבגעפלויגען פון דער טהיר און איז שיער נישט געפאלען, ווי ער האט א בריקע געטהון די טהיר מיטן פוס, ווי ער האט זי א טרייסעל געטהון, און שליסליך — ווי ער האט זיך אבגעווישט דעם שטערן און האט זיך אין פערצווייפלונג אוועקגעזעצט אויף דער שוועל.

אז דער דאזיגער קריזיס איז אנגעקומען, האט מיס מיגם ארויסגעשטעלט פון פענסטער איהר נאכט-שלייער מיט א מינע ווי זי איז טויט פון שרעק און האט געפרעגט מיט א פערחלש'טער שטים:

— ווער איז דארט?

מיסטער טעפערטיט האט אויסגערופען „ש-ש-ש!“, איז אבגעטראטען צו דער מיט גאס און מיט משונה'דיגע העוויות האט ער זי געווארענט נישט צו מאכען קיין ליארים.

— זאגט מיר נור איין זאך, — האט מיגם געפרעגט: איז עס א גנב?

— ניין—ניין—ניין! — האט מיסטער טעפערטיט אויסגעשריען.

— אויב אזוי, — האט מיגם נאך מעהר פערחלש'ט געזאגט, — איז עס א שרפה. וואו ברענט עס, סער? ס'איז נישט ווייט פון דעם צימער, איך ווייס. איך האב א ריין געוויסען, סער, און וויל בעסער שטארבען, איידער קריכען דראב איבער אלייטער. מיין איינציגער וואונש איז, מ'זאל איבערגעבען מיין לעצטען וויי-גענוד מיין אויסגעגעבענער שוועסטער, גאלדען ליאן קאורט, נומער זיבען און צוואנציג, די צווייטע גלאק, רעכטס.

— מיגם! — האט מיסטער טעפערטיט געשריען. — איהר דערקענט מיך נישט? סים, פערשטעהט איהר מיך — סים —

— אָ, וואָס איז מיט איהם געשעהן! — האָט מינג אויסגעשריען, אַ פּאַטש טהוענדיג מיט די הענד. — ער איז מסתמא אין געפּאַדר? ער געפינט זיך אודאי אין רעכטען מיטען פייער? אָ, טאַטע זיסער, האַרציגער!

— שטייטש, אַט בין איך דאָך דאָ! — האָט מיסטער טעפּערטיט געענטפערט, שלאָגענדיג זיך אין האַרץ. — איהר קענט מיך דען נישט? ס'איז אַ בהמה איהר זענט, מינג!

— זעהט נור, איהר זאָלט מיר געזונד זיין! — האָט מינג געשריען ניט אַכטענדיג אויפ'ן קאָמפּלימענט. — ווי אַזוי — הייסט עס — גאָטעניו, ווי קומט עס — מעס, זייט אַזוי גוט, אַט איז —

— ניין, ניין! — האָט זיך טים געקאָכט. — הערט אויף! שווייגט! איך בין אַוועקגעגאַנגען אָהן מייסטערס וויסען, און דער שלאָס איז עפּיס קאַליע געוואָרען. קומט אַראָב און עפענט מיר דאָס פענסטער פון ווערקשטוב, וועל איך אַריינקריכען.

— איך האָב מורא, טים, איך האָב מורא, כ'לעבען. איהר ווייסט דאָך, איך בין זעהר אַ שרעקעדיגע. אַראָבגעהן אום האַלבער נאַכט, בשעת ס'איז שטאָק-פינסטער און אַלע שלאָפען!...

זי האָט אַ ציטער געטהון, פּונקט ווי איהר צניעות האָלט געחאַפּט אַ פערקיהלונג שוין ביי אַזאַ געדאַנק אַליין.

— אָבער, מינג, — האָט מיסטער טעפּערטיט אויבערגעריסען און איז צוגעגאַנגען צום לאַמטערן, אום זי זאָל קאָנען זעהן זיינע אויגען, — מיין טייערע מינג —

מינג האָט אַ קוויטש געטהון.

— וועלכע איך ליעב אַזוי, אַז איך קאָן נישט אויפהערען צו טראַכטען וועגען איהר — טהוט מיר צוליעב.

עס איז אוממעגליך צו בעשרייבען, ווי זעהר האָט זי הערביי „געשרויפט" מיט די אויגען.

— אָ, טימאַן, — אַזוי האָט זי זיין נאָמען אויסגעשפּראָכען, — דאָס איז ערגער פון אַלעם. איך ווייס, אַז אויב איך וועל אַראָבגעהן, וועסטו — וועסטו —

— וועל איך וואס, מיין שאַץ? — האט מיסטער טעפערטיט איבערגעפרעגט.

— ווערסטו פחיבען — האט מינם היסטעריש אַרויסגעפּלאַצט — מיך אַ קוש טהון, אָדער טהון עפּיס אַנאַנדער שרעקליכעס זאָך; איך חיים שוין, איך ווייס.

— איך שווער דיר, אַז נישט, — האט מיסטער טעפערטיט געענטפערט מיט אַ מערקווירדיגען ערנסט, — איך זאָל אַזוי לעבען, דו הערסט? עס איז שוין ווייסער טאָג, און דער וועכטער חאפּט זיך שוין אויף פון שלאָף. מינם, מיין מלאך! אויב דו גערסט אַראָב און לאָזט מיך אַריין, זאָג איך דיר צו, אַז איך וועל דיך נישט טשעפּען.

מיט מינס'עס וויך הארץ איז זעהר געריהרט געוואָרען. נישט וועלענדיג איהם ברייגגען צו אַ שבועה, וועלכע ער קאָן נאָך חלילה ברעכען, איז זי אַראָב פון די טרעפּ און האט געעפענט דעם לאָדען. זי האט געהאָלפען דעם לעדהרלינג אַריינקריכען אינווייניג, דערנאָך האט זי אַרויסגעפּליסטערט די ווערטער: „בּיממאן איז גע־ראטעוועט!“ און איז תיכף געפאַלען אין אָהנמאַכט.

— איך האָב פריהער געוואוסט, אַז איך וועל זי מזיק זיין, — האט סים געזאָגט אין היבשער פערלעגענהייט. — עס איז, נאַ־טירליך, געוועזען קלאָר, אַז עס מוז קומען דערצו, אָבער איך האָב בעסער נישט געקאָנט מאַכען, — איך זאָל זי נישט געוועזען דורכ־געהמען מיט די אויגען, וואָלט זי נישט געוועזען אַראָבגעקומען. נו, שטאַרק זיך אַ ביסעל, מינם. מאַך אַ גליטשיגע פּוּגוּר דאָס איז! אונמעגליך זי איינצוהאַלטען ווי געהעריג. זאָג, מינס, האַלט זיך איין אויף אַ מינוט, הערסט?

אַזוי ווי מינס איז אָבער געבליבען טויב צו אַלע בקשות, האט מיסטער טעפּערטיט זי אָנגעשפּאַרט אָן די וואַנד, ווי אַ שטע־קען אָדער אַ שירם, ביז ער האט צוריק פערשלאָסען דעם לאָדען. דערנאָך האט ער זי גענומען אין זיינע אָרעמס און זי אַרויס־געשלעפּט אויף די טרעפּ מיט גרויסער מיה, ערשטענס — ווייל זי איז געוועזען לאַנג און ער קורץ און צווייטענס — אַחוץ זיינע ידיעה

פיסלעך, וועגען וועלכע מיר האבען שוין דערמאהנט. עפענענדיג די טהיר פון איהר צימערל, האט ער זי אוועקגעשטעלט טאקע ווידער ווי א שטעקען אדער א שירם און איז זיך אוועק אין זיין רוה אריין.

מינם איז געקומען צו זיך, אזוי שנעל ווי זי איז געבליבען אליין.

— ער מעג זיך זיין אזוי קאלט ווי ער וויל, — האט זי געזאגט, — אבער איך ווייס זיינע סודות, און ער קאן זיך נישט האלטען, ער זאל אפילו זיין צוואנציג סיממאנס מיט אמאל!

---

11. מיסטער דושאן טשעסטער.

עס איז געווען איינער פון יענע פריה-מארגענס אין פריהלינג, ווען דער אוועקגעהענדער ווינטער ראנגעלט זיך מיט'ן אנקומענדען זומער, ווען עס איז היים אין קאלט, לויטער און פערוואלקענט, טרוקען און פייכט, זומער-לעב און ווינטער-טויט אין פערלויף פון איין קורצער שטונדע.

דער אלטער דושאן ווילעט איז געזעסען און געדרימעלט אנטקעגען זיין קאכקעסעל, נאר פלוצים האט ער זיך אויפגעכאפט, דערהערענדיג שווערע פערדישע טריט. ער האט געווארפען א בליק דורך דאס פענסטער און האט דערזעהן א רייטער, וועלכער האט זיך אבגעשטעלט ביי דער טהיר פון דער מייפאל.

געווען איז עס נישט איינער פון יענע קבצנ'ישע געסט, וואס נעהמען סך-הכל איין קריגעל ביער און טילעגען זיך אין שיינק, ווי ביים טאטען אין ווינגארטען; ווי אויך נישט פון יענע שאלטעכלעך, וואס קריכען גלייך אויבען-אן צום בופעט, ווארפען מיט דיר א גאנצער שמעלקע, קלאפען דיר אין פלייצע און פרעגען, צי האסטו עפיס שענע דיענסט-מיידלעך אין הויז, און קלערען זיך אום אזעלכע מאכלים, וואס זענען גאר אויף דער וועלט נישט פאראן. ניין, דאס איז געווען א מענש אין די מיטעלע יאהרען, נאר נאך א גאנץ פעסטער, א גלאטער, א פערפוצטער, —

מיט איין וואָרט, אַ דזשענטעלמען. געריטען האָט ער אויף אַן אויסגעצייכנטען פערד און איז געווען געקליידט פון קאָפ ביז די פיס נאָך דער סאַמע לעצטער מאָדע.

און זאָל איך ניט איינפאַלען, אַז דזשאָן ווילעט האָט דאָס אַלעס געכאַפּט מיט איין מאָל, איידער ער האָט צייט געהאַט דעם גאַסט ערנסט צו בעטראַכטען. ווען דער אורח וואָלט בעאַלה געקומען צו איהם רעדען אָדער שטעלען אַזעלכע פראַגען, וואָלט דער אַלטער דזשאָן געהאַרכט האָבען מינדעסטענס צוויי וואָכען אום צו בעמערקען די פּאָר שטריכען, וואָס מיר האָבען דאָ געגעבען. האָט זיך אָבער גראָד געמאַכט, אַז דער דזשענטעלמען האָט זיך פּעראינטערעסירט מיט דער געגענד און מיט דעם מאַרקעט הויז און האָט זיך אַ היבשע ווײַלע שווײַגענדיג אַרומגעקוקט, ווי ער איז אין דער וועלט, און דאָס האָט געגעבען דעם שיינקער צייט אַריינצונעהמען אין קאָפּ אַרײַן די הערמאָהנטע איינצעלהייטען.

— אַ מאָדנער פּלאַץ, — האָט דער אורח ענדליך געזאָגט. — זענט איהר עס דער ווירטה?

— צו דיענען, מיין הערר, — האָט דזשאָן געענטפערט.

— קאָנט איהר בעזאָרגען מיין פערד און מיר געבען אַ גוט צימער און אַ מיטאָג? עס מאַכט מיר ניט אויס וואָס, אַבי נור ריין סערווירט.

דזשאָן ווילעט האָט געענטפערט וואונדערבאַר שנעל:

— איהר קאָנט קריגען אַלעס, וואָס איהר וועט פערלאַנגען, סער.

— אַהאָ! — האָט יענער מיט אַ שמייכעל געזאָגט. — גוט, וואָס איך בין ניט קיין איבערקלייבער, אויב ניט, וואָלט עס געווען שווערליך.

מיט די ווערטער איז ער לייכט אַראָבגעשפּרונגען פון פערד.

— עה, יו! — האָט דזשאָן אַרויסגעהילכט. — ענטשולדיגט, מיין הערר, וואָס איך האַלט אייך דאָ ביי דער טהיר, — מיין זוהן איז אַוועק אין שטאָדט, און אָהן איהם קומט מיר אויס

א ביסעל שווערליך. יו! — אַ שרעקליך פוילער נפש, מײַן שטאַהל־דינער — דאַכט זיך, אַ האַלבער ציגײַנער — און שלאָפט גאַנצענע טעג. יו! יו! — אהאַ, קוים אַמאָל געקומען חבֿר תכשיט. האָסט נישט געהערט, אַז מ'רופט דיך, דו כלב?

די פיגור, צו וועלכער ער האָט גערעדט, האָט נישט געענטפערט, איז אַרויף אויף דאָס פערד, האָט עס פערקעדרעוועט צו דער שטאַהל און איז פערשוואונדען אין איין אויגענבליק.

— געוויס פלינק, ווען ער איז וואַכענדיג.

דזשאָן האָט נאָך געהאַלטען אין קוקען אויפ'ן אָרט, וואו דאָס פערד איז ערשט געשטאַנען, ווי נישט פערשטעהענדיג, וואו עס איז אַהינגעקומען.

— יאָ, געוויס פלינק, — האָט ער געענטפערט. — ער מיז צוגעהן, צו וואָס? אַט אַזוי ווערט ער נעלם: דאַכט זיך, אַט איז ער דאָ — און אַט איז ער שוין ווידער נישטאָ.

געמיינט האָט דאָ דער שיינקער צו געבען אַ לאַנגע ערקלערונג וועגען זיין דיענער'ס כאַראַקטער און זיין גאַנצען לעבען, נאָר עס האָבען איהם אויסגעפעהלט ווערטער, האָט ער פלוצים געענדיגט און אַוועקגעפירט זיין גאַסט אין דאָס בעסטע צימער פון דער קרעטשמע.

דאָס איז געווען זעהר אַ גרויס צימער און איז אַמאָל ווירקליך געווען שעהן, נאָר איצט איז עס געווען אָבגעלאָזען און פון דעם גאַנצען אַמאָליגען גלאַנץ איז בלויז פערבליבען אַ גרויס פענסטער און זעהר ווייניג אַלטע, אָבגעבראָכענע מעבעל. דער גאַסט האָט געעפענט דאָס פענסטער, האָט געלאָזען דאָס צימער זיך גוט דורכלופטערן און צוגערוקט אַ שטוהל צום ברענענדיגען פייער. דערנאָך האָט ער געבעטען פאַפיר, טינט און אַ פעדער, האָט אָנגעשריבען עטליכע שורות און צוגעחופען דעם ווירטה.

— דאָ נישט ווייט געפינט זיך אַ הויז, — האָט דער גאַסט געזאָגט, — וועלכעס מ'רופט, דאַכט מיר, די „וואָרהען“.

דזשאָן האָט אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ.

— איך וויל, מיזאל אהין איבערשיקען דאס צעטעלע און ברייגגען גלייך ענטפער. האט איהר ווענמען צו שיקען?

דזשאן האט געטראכט אונגעפעהר א מינוט און האט געזאגט:

— יא.

— איך וויל איהם זעהן.

דאס איז געוועזען נישט זעהר בעקוועם, דען אזוי ווי דזשא איז נישט געוועזען אין דער היים און יו האט געוואשען דאס פערד, האט ווילעט געדענקט שיקען בארנעבין, וועלכער איז נאר וואס געקומען אין קרעטשמע.

— איך וועל אייך זאגען דעם אמת, — האט דזשאן נאך א פוידע געזאגט, — דער שליח איז נישט גאר ביים דעת, און הגם געהן קאן ער זעהר שנעל און מקאן זיך אויף איהם פער־לאזען, פונקט ווי אויף די פאסט, איז אבער שווער זיך מיט איהם צונויפצורייידען.

דער גאסט האט אויפגעהויבען די אויגען.

— מיינט איהר אפשר, — האט ער געזאגט, — דעם דאזיגען — ווי רופט מען איהם דארט — מיינט איהר אפשר בארנעבין?

— יא, טאקע איהם מיין איך, — האט דער ווירטה ער־שטוינט געענטפערט.

— ווי קומט ער אהער? — האט דער פרעמדער געפרעגט. — איך האב איהם געזעהן אין לאנדאן נעכטען ביי־נאכט.

— א, ער זיצט קיינמאל נישט איין אויף אן ארט. אט איז ער דא, און אין א שעה ארום קאנט איהר איהם טרעפען אין אן אנדער פלאץ. ער געהט, ער לויפט, ער שפרינגט, האט נישט מורא פאר קיין רעגען אדער שניי, און קיין זאך שאדט איהם נישט.

— ער קומט אפט אריין אין די „וואררען", ווייזט אויס? — האט דער אורח גלייכגילטיג געזאגט. — עפיס געדענקט זיך מיר, אז זיין מוטער האט מיר געזאגט עטוואס ענהליכעס.

— יאָ, סער, — האָט דזשאָן געענטפערט. — ער קומט אהין אָפט. זיין פאָטער, סער, איז דאָרט דערמאָרדעט געוואָרען.

— יאָ, איך האָב געהערט וועגען דעם, — האָט יענער געענטפערט, ארויסנעהמענדיג א גאָלדענעם ציינשטעכער און שמייכלענדיג זיס און רוהיג. — א זעהר אונאנגענעהמע פּאַסירונג פאַר די פאַמיליע.

— זעהר, — האָט דזשאָן געזאָגט א ביסעל צומישעלט, ווייל אידם איז איינגעפאַלען, אַז דאָס איז אַ ביסעל צו אַ קאַלטען טאָן פאַר אַזאַ ענין.

— אַלעס, וואָס קומט פאַר נאָך אַ מאָרד, — האָט דער גאַסט געריעדט ווי צו זיך אַליין, — מוז זיין אַזוי אומבעקוועם — אַזוי אונאַנגענעהם: אַזאַ טומעל, אַזאַ אונרוה, געהרעדט אַלץ וועגען איין און דערזעלבער זאַך און געלאָפען אַריין און אַרויס, אַרויף און אַראָב, — פע, אַ מאוס'ער עסק. איך וואָלט עס נישט געוואונשען קיינעם, און וועמען איך בין פעראינטערעסירט. אידה דאַס, דאַכט מיר, געוואָלט עפּיס זאָגען, פריינד? — האָט ער זיך געווענדעט צום שיינקער.

— אָ, נישט פיעל: מיסעס ראָדזש לעבט פון אַ קליינער פּענסיע, וואָס זי בעקומט פון דער פאַמיליע הערדייל, און באַר־נעבי איז פריי, ווי אַ פויגעל, און קאָן געהן וואוהין ער וויל. זאָל איך אידם שיקען פאַר אייך?

— געוויס, געוויס. פיהרט אידם אַריין אַהער. אויב ער וועט נישט וועלען געהן, זאָגט אידם, אַז מיסטער טשעסטער רופט אידם. איך גלויב, ער געדענקט מיין נאָמען.

דזשאָן איז אַזוי ערשטוינט געוואָרען, הערענדיג, ווער זיין גאַסט איז, אַז ער איז געוואָרען לחלוטין אומפעהיג די ערשטוינונג אויסצודריקען אין וואָס מינט איז. ער איז דערנאָך אָהן ווערטער אַרויס פון צימער און האָט זיך אין גיכען אומגעקעהרט מיט באַר־נעבי'ן.

— קום אַהער, בחור, — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט. — דו קענסט מיסטער דזשאָפרי הערדייל?

באַרנעבי האָט זיך פינאַנדערגעלאַכט און אַ וואונק געטהון צום שײנקער, ווי אײנער רעדט: „אַ שײנע פראַגע, העַ!"

— ער קען איהם, סער, — האָט דזשאָן געזאָגט, — אַזוי גוט, ווי איהר אָדער איך.

— איך האָב נישט דאָס פערגעניגען צו קענען יענעם דזשענטעלמען אַזוי גוט, — האָט דער גאַסט געענטפערט. — אפשר קענט איהר איהם, רעדט-זשע נור פון זיך, מײן פרײנד.

הגם דאָס איז געזאָגט געוואָרען אין העכסט-העפליכען זיסען טאָן, און וועלכען דער גאַסט האָט געהערט די גאַנצע צײט, האָט דזשאָן פינדעסטוועגען חגרפידעלט, אַז ער האָט דאָ געהאַפט אַ נאַבשניט; האַלטענדיג, אַז שולדיג דערין איז באַרנעבי, האָט ער בעשלאָסען אַ בריקע צו טהון דײן ראָב בײ דער ערשטער בעסטער געלעגענהײט.

— אַט דאָס צעטעלע, — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט צו באַרנעבי'ן, — זאָלסטו אָבגעבען מיסטער העררדיילי'ן אין האַנד און זאָגן איהם, אַז איך וואַרט דאָ אויף איהם. אויב ער איז איצט בעשעפטיגט, זאָלסטו איהם זאָגען, אַז איך וועל אויף איהם וואַרטען דעם גאַנצען אָוועַנד, אויב ער וועט זײן אַזוי גוט און קומען. אין ערגסטען פאַל קאָן איך דאָ נעכטיגען. איהר האָט מיך מסתמא וואָס צו לעגען, ווילעט?

דזשאָן האָט געהאַלטען פאַר אַ גרויסען כבוד פאַר זיך, וואָס דער גאַסט ווענדט זיך צו איהם אַזוי היימיש, און האָט געענטפערט:

— נאַטירליך!

— פלינק! — האָט באַרנעבי אויסגעשריען, בעהאַלטענדיג דעם בריעף. — אויב דו ווילסט זעהן, ווי פלינק איך לויף, קום צום פענסטער!

ער האָט אָנגענומען דעם גאַסט פאַר אַ נאַרבעל און האָט איהם צוגעפיהרט צום פענסטער.

— קוק אהין, — האָט ער שטיל געזאָגט. — זעהסט, ווי די מאַנצען און שפרינגען, און רייחען אַ סוד? וואָס ווילען זיי, הא, וואָס קאָנען זיי מיינען?

— דאָס זענען בלויז קלײדער, — האָט זי גאַסט געזאָגט, — װעלכע מ׳האָט אַרױסגעהאָנגען צום טריקענען.

— קלײדער! — האָט באַרנעבי אױסגערופען. — חאַ־חאַ! ס׳איז שױן בעסער צו זײַן אַ נאַר, װי איך, איידער אַ קלוגער, װי דו ביזט. דו װעסט נישט קײן שאָטענס, קײן גײַסטער, הערסט נישט, װי די רײדען צװישען זיך — און איך זעה און הער. איהר זענט די פערשטאָפּטע קעפּ, און מיר — די קלאָרע. חאַ־חאַ! כ׳װאָלט זיך מיט דיר נישט געביטען, אַז װי קלוג דו ביזט!

ער האָט אַ פאָך געטהון מיט זײַן הוטעל איבער׳ן קאָפּ און איז אַרױסגעפלױגען פון הױז, װי אַ שטורם.

— אַ מאָדנע בריאה, מאָדנע װאָרט! — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט, אַרױסנעהמענדיג אַ שײנע טאַבאַק־פּושקע און שמעקענדיג פון איהר.

— איהם פעהלט פאַנטאַזיע, — האָט מיסטער װילעט נאָכגעזאָגט, און לאַנגזאַם פאַרבײַגעהן אַ היבשע װײַלע, האָט ער צוגעגעבען: פאַנטאַזיע פעהלט איהם. איך האָב זיך בעמיהט איהם אַרײַנגעבען אַ ביסעל, אָבער עס געהט נישט. ער טױג װערצו נישט, דאָס איז אַ פאַקט.

נישט בעמערקענדיג מיסטער טשעסטער׳ס שמײכעל, איז ער אַרױס פון צימער.

יענעם טאָג איז דזשאָן װילעט אַרומגעגאַנגען זעהר פערטראַכט. ער האָט נישט געקאָנט בעגרײַפען, װאָס דאָ טוהט זיך: אַלע שכנים האָבען געװאוסט, אַז מיסטער העדרײל און דער עלטערער מיסטער טשעסטער זענען אײנער דעם צװײטען שונאים אױפ׳ן לעבען, און דאָ קומט פּלוצים דער צװײטער אין די מײַפּאָיל, װאָס שטעהט אין זײַן שונא׳ס גוט, און שיקט נאָך איהם, און װיל מיט איהם רײדען. דאָס איז װעדער נישט גלאַטיג. אָבער אַזױ װי דזשאָן האָט נישט געקאָנט געפינען קײן ערקלערונג פאַר דעם פאַקט אַפילו מיט דער הילף פונ׳ם קופּערנעם קאָכקעסעל, האָט ער קײן אַנדער בריה נישט געהאַט, װי װאַרטען װאָס דאָ װעט זײַן.

דער טאָג איז אַװעק, עס איז געװאָרען פינסטער, און פאַר־

נעבּי איז נאָך אַלץ צוריק ניט געקומען. דער גאַסט האָט אָב-
געגעסען װעטשערע און איז זיך געזעסען אין גאַנץ געמיטליך גע-
זופּט װײַן. דאָס איז, קענטיג, געװען אַ מענש מיט אַ גלאַטער לונג-
און-לעבּער, װעלכער איז פֿון קײן זאַך ניט נתפּעל געװאָרען און
האָט זיך װעניג געקימערט װעגען װאָס עס איז, אױסער זײַן גאָל-
דענעם צײַהנשטעכער אין די גלאַט-אָבגעפּילטע ניגעל.

— באַרנעבּי זאָמט זיך, — האָט דושאָן זיך אונטערגעשטעלט
צו בּעמערקען, אַרײַנבּרײַנגענדיג צװײ גרױסע לײַכטער מיט בּרע-
נענדע ליכט.

— יאָ, — האָט דער גאַסט געענטפֿערט, זופּענדיג זײַן װײַן. —
נו, מסתּמא װעט ער אין גיכען קומען. די װעגען דאָ אַרום זע-
נען ניט גאָר זיכער, װי איך פֿערשטעה פֿון דעם איבערפֿאַל אױף
מײַן זוהן. איך האָב קײן חשק ניט צו קריגען איבער'ן קאָפּ:
ערשטענס, איז עס אומבּעקװעם, און צװײטענס — צײגט עס אײנעם
אין אַ מאָדנער, ניט-שענער פּאָזע. הערינער װעל איך דאָ בּעסער
נעכטיגען. איהר האָט, דאַכט זיך, געזאָגט, איהר האָט אַ בּעט
פֿאַר מיר.

— אַזאַ בּעט, סער, געפֿינט איהר ניט אין די פֿײַנסטע
הײַזער. מיזאָגט, עס איז אַלט אַ פּאָר הונדערט יאָהר. אײַער זוהן,
סער, איז הערויף געשלאָפֿען מיט אַ האַלבּ יאָהר צוריק.

— אַ שענע רעקאָמענדאַציע, אױף מײַנע נאמנות! — האָט
דער גאַסט געזאָגט, דריקענדיג מיט די אַקסלען.

אין דער מינוט איז באַרנעבּי אַרײַנגעלאָפֿען אָהן אָטעם.

— ער קומט אין אַ שטונדע אַרום! — האָט ער אױסגע-
שריען. — ער איז ניט געװען אין דער-הײם דעם גאַנצען טאָג,
איז ערשט געקומען, אָבּער ער קומט גלײַך צופֿאָהרען צו זײַן
ליעבּען פֿרײַנד.

— אַזױ האָט ער אַלײן געזאָגט? — האָט מיסטער טשעסטער
געלאַסען געפֿרעגט.

— אױסער די לעצטע װערטער. דאָס האָב איך געזעהן בּײַ
איהם אױפ'ן פּנים.

— גוט. נא דיר פאר דיין טרחה, — האט דער גאסט געזאגט, געבענדיג איהם געלד.

— פאר גריפ'ן, פאר מיר און פאר זי'ן — מירן זיך צוטיילען! — האט בארנעבי געזאגט.

— וואס האסטו דארט אין קארב? — האט מיסטער טשעסטער געפרעגט.

— אין קארב? — האט בארנעבי איבערגעפרעגט, צושפרינגענדיג צו איהם. — וואס דארט איז? זאג איהם!

— א טייוועל, א טייוועל, א טייוועל! — האט א גראבע שטים ארויסגעשריען פון קארב.

— אט איז געלד, גריפ! — האט בארנעבי געזאגט. — געלד אויף א הוליע טהון.

— הור־ראַ! הור־ראַ! הור־ראַ! — האט דער ראב געענטפערט. — מונטערער! פאל ביי זיך נישט א ראב! באו־וואו־וואו!

מיסטער ווילעט איז געווען שטארק מסופק, צי דעם גאסט קאן געפעלען דער יחוס, מיט וועלכען דער פויגעל האט זיך בערימט; ער האט דעריבער פערנומען בארנעבי'ן און איז מיט איהם ארויס פון צימער, לאזענדיג דעם אורח אליין.

---

12. שונאים.

אין דער מייפאויל האט מען זיך יענעם אווענד שטארק געבראכען די קעפ איבער דעם רעטעניש, ביז סאלאמאן דייזי'ן איז אריין אין קאפ א געניאלע אידעע — אז מיסטער טשעסטער האט ארויסגערופען מיסטער הערדייל'ן אין די מייפאויל, כדי צו געהן מיט איהם אויבען אין גרויסען צימער אויף א דועל.

די אידעע האט געהאט א גרויסען ערפאלג און אלע, אפילו דזשאן ווילעט, האבען גלייך איינגעזעהן, אז אט דאס איז עס. דער ווירטה האט זיך אפילו געווען דערשראקען פאר דאס מעבעל און די כלים אין זיין הויז, נאר דער געדאנק, אז אזעלכע גרויסע לייט וועלען מסתמא גוט בעצאהלען פארן שאדען, וואס זיי וועלען

אָנמאַכען, האָט אידם תיכף בערוהיגט. דאָס געשפּרעך צווישען די שכנים איז געוואָרען זעהר בעלעבט אַהאַנק דער דאָזיגער שפּאַנענדער טעמע, דער וויין איז ווי געוואָרען שאַרפער און דער טאַבאַק — שמעקענדיגער. און ווען דער עולם איז געוואָרען צוקאָכט אַם שטאַרקסטען, האָט מען פּלוצים דערהערט, ווי אַ רייטער איז שנעל צוגעפאָהרען צו דער קרעטשמע.

— ער קומט! — האָט הילעט אויפגערעגט אויסגעשריען. — יאַ! יאַ!

דער דינער, וועלכער איז געשלאָפען אויף אַ באַנק אין שיינק, האָט זיך אויפגעכאַפּט און ביידע זענען שנעל אַרויס צו בעגעגנען דעם גוט-בעזיצער. אין אַ מינוט אַרום זענען זיי צוריקגעקומען מיט אַ הויכען מאַן אין לאַנגע שווערע שטיוועל.

— פאַרהאַן דאָ ביי אייך אַ פרעמדער מענש, ווילעט, וועלכער האָט געשיקט נאָך מיר, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שטים, וואָס איז פון דער נאַטור געווען טיעף און שטרענג. — וואו איז ער?

— אין גרויסען צימער, אויבען, סער, — האָט דזשאָן געענטפערט.

— בעלייכט מיר דעם וועג. אייערע טרעפ זענען פינסטער, איך ווייס. גוט-נאַכט, מיינע הערען, — האָט ער זיך פערנויגט פאַר די געסט און איז אַרויס פון שיינק.

ביי דער טהיר פון צימער האָט ער זיך אָבגעשטעלט.

— געהט צוריק. איך וועל אַליין מעלדען וועגען זיך:

מיט די ווערטער האָט ער געעפענט די טהיר, איז אַריין אין צימער און האָט זי פערהאַקט הינטער זיך. ווילעט האָט זיך אומגעקעהרט צו זיינע געסט.

אַ קורצע ווײַלע איז מיסטער הערדײל שווייגענדיג געשטאַנען געגען זיין שמייכלענדיגען גאַסט.

אויב די צוויי האָבען סימפּאַטיזירט איינער מיטן צווייטען אַזוי ווייניג, ווי ווייניג עהנליך זיי זענען געווען אויסערליך, האָט מען נישט געקאָנט ערוואַרטען, אַז דאָס בעגעגניש זאָל אָבגעהן

גאַנץ גלאַט. זיי זענען געווען אונגעפעהר אין איינע יאָהרען, אָבער דערמיט האָט זיך יעהנע עהנליכקייט צווישען זיי געענדיגט. איינער האָט געהאַט אַ ווייך און גלאַט ציניגעל, איז געווען דעליקאַט געבויט און עלעגאַנט געקליידעט; דער צווייטער, האַגערען, איז געווען געבויט פעסט, ווי אויסגעהאַקט פון האָלץ, געקליידעט אָהן פּוצען, מיט האַרטע, שטרענגע מאַניערען. דער נייגעקומענער האָט אָהן צערעמאָניעס, מיט יעדער בעוועגונג, אַרויסגעוויזען זיין פריינדשאַפט צום גאַסט; דער לעצטער, ווידער, האָט אויסגעזעהן צו פרידען זיך אויסגעצייכענט און האָט זיך געהאַלטען מיט איבערטריבענער פריינדליכקייט.

— העררדייל, — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט, — עס פרעהט מיך וועדער דיך צו זעהן.

— לאָז געמאַך די בעגריסונגען; צווישען אונז בּיידען זענען זיי נישט אם פּלאַץ, — האָט דער צווייטער געזאָגט. — דו האָסט מיך געבעטען צו זעהן זיך מיט דיר. דאָ בּין איך; צו וואָס שטעהען מיר ווידער פּנים אל פּנים?

— גראַד אין אַמענהערציג ווי פריהער, ווי איך זעה!

— גוט אָדער שלעכט, סער, בּין איך דערזעלבער מענש, וואָס איך בּין שטענדיג געווען, — האָט הערדייל געענטפערט מיט אַ שמאָלצען בּליק. — איך האָב נישט פערלוירען נישט מיינע אַלטע סימפּאַטיעס, נישט מיינע אַנטיפּאַטיעס; מיין זכרון איז נישט שוואַכער געוואָרען אַפילו אויף אַ האָר. דו האָסט מיך געוואָלט זעהן; איך זאָג נאָכאַמאָל: דאָ בּין איך.

— איך האָף, — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט מיט אַ שמייכעל, בעמערקענדיג, ווי יענער האָט אונבעוואוסטזיניג בעריהרט זיין שווערד, — אַז אונזער בעגעגעניש וועט זיין אַ פריעדליכע?

— איך בּין נישט געקומען אַהער צו פּלודערן, נאָר ווייל איך האַלט פאַר מיין פליכט צו בעגעגענען דיך וואו און ווען דו וועסט פערלאַנגען. דו בּיזט אַ געשליפענער וועלט-מענש, און אין קאָמפּלימענטען און גלאַטע ריידעלעך וועסטו מיך שטענדיג בּיי-

קומען. מיט אַזעלכע חאַפּען קאָן איך געגען דיר נישט גײן, און איך גלויב, אַז ווייניג וועלכע מענשען קאָנען עס יאָ.

— דו גיסט מיר אָב צו־פיעל כבוד, הערדייל, — האָט מיסטער טשעסטער גאַנץ געמיטליך געענטפערט, — איך דאַנק. איך וועל זיין מיט דיר אָפּענהערציג —

— ענטשולדיג — ווי ווערסטו זיין?

— אָפּענהערציג — גאַנץ אויפריכטיג.

— אַך, אַזוי! — האָט מיסטער הערדייל געזאָגט מיט אַ ביי־זענען שמייכעל. — אָבער לאָמיך דיר נישט איבערשלאָגען:

— איך האָב בעשלאָסען, — האָט מיסטער טשעסטער פאָרט־געזעצט, פערזוכענדיג זיין ווין, — נישט צו קריגען זיך מיט דיר, נישט אַרויסצוברייגען פון מויל קיין איינציג היציג וואָרט.

— דערין ביזט דו אויך שטאַרקער פון מיר. דיין געלאַ־סענקייט...!

— קאָן נישט געשטערט ווערען, ווען איך ברויך זי צו מיינע צוועקען, האָסטו געוואָלט זאָגען, — האָט מיסטער טשע־סטער איבערגעשלאָגען מיט הערצלעבער מילדקייט. — איך גיב עס צו. און איך האָב איצט אַ צוועק צו דערגרייכען. און דו אויך. איך בין איבערצייגט, אַז מיר ביידע שטרעבען צו איין זאַך. לאָמיר זי דערגרייכען ווי פערשטענדיגע מענשען, וואָס האָ־בען שוין פון אַ געוויסער צייט אויפגעהערט צו זיין יונגלעך. דו טרינקסט?

— מיט מיינע פריינד.

— ווענינגסטענס, וועסט אפשר נעהמען אַ שטוהל?

— איך וועל שטעהן, — האָט דער אַנדערער אונגעהוילדיג געזאָגט. — רייד ווייטער!

— נישט גלייך, הערדייל, — האָט מיסטער טשעסטער שמייכ־לענדיג געזאָגט און דערביי האָט ער פערוואָרפען איין פוס איבערן צווייטען און בעקוקט זיין גלאָז ווין געגען דער שיין, — זעהר נישט גלייך פון דיין זייט. די דאָזיגע וועלט אונזערע איז אַ גאַנץ נישקשה־דיג ערטעל, אין וועלכען מיר מוזען זיך צופּאַסען צו די אומשטענ־

דען, שווימען מיטן שטראָם, אָננעהמען די אויבערפלעכע פאַר די טיפעניש, און פאַלשע מינצען — פאַר עכטע. מיך וואונדערט, וואָס קיין פילאָזאָף האָט נאָך נישט בעוויזען, אַז אונזער ערד-קיגעל אַליין איז אינווייניג אויסגעהוילט. עס מוז אַזוי זיין, אויב די טאַטער איז קאָנזעקווענט אין אירער אַרבייט.

— דיין מיינונג איז מסתמא, אַז זי איז טאַקע אויסגעהוילט?

— גאַנץ געוויס. נאָר מילא, ווייטער. מיר ביידע האָבען געהאַט דאָס שלום-מול אָנצושטויסען זיך איינער אָן צווייטען. מיר זענען נישט דאָס, וואָס די וועלט רופט פריינד; מיר זענען אָבער נאָך אַלעם דעם נישט ווייניגער פריינד צווישען זיך, ווי ניין פון די צעהן מענשען, וועלכע די וועלט הענגט אָן דעם דאָזיגען טיטעל. דו האָסט אַ פלימעניצע, איך — אַ זוהן, אַ גאַנץ פיין יונגעל, אַבער אַ שטיקעל טפש. זיי ביידע זענען „פערליעבט" איינער אין צווייטען. דאָס איז אַזאַ פוסטער זייפען-בלאָזען, ווי אַלע אַנדערע אויף דער דאָזיגער וועלט, און וואָלט מיט דער צייט זיכער געפּלאַצט פון זיך זעלבסט. האָב איך אָבער מורא, אַז זיי וועלען דעם בלאָזען קיין צייט נישט געבען. פרעגט זיך: צי דאַרפען מיר ביידע, בלויז דערפאַר, וואָס די וועלט רופט אינו שונאים, לאָזען זיי אַריינפאַלען איינס דעם אַנדערען אין די אָרעמס, וועהרענד מיר האָבען אַ מעגליכקייט, מיט פערשטאַנד און מיט פעראייניגטע קרעפטען, דאָס פּאָרל פונאַנדערצושיידען?

— איך האָב ליעב מיין פלימעניצע, — האָט מיסטער העדריל נאָך אַ קורצען שווייגען געזאָגט. — דאָס קלינגט מסתמא משונה'דיג ביי דיר אין די אויערן, אָבער ליעב האָב איך זי פאַרט.

— משונה'דיג! — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט, אָננעמענדיג פול דין גלאָז און אַרויסנעהמענדיג דעם גאָלדענעם ציינדשטעכער. — ניין, מיין ליעבער, כלל נישט. איך האָב אַ נייגונג צו מיין נערין*) אויך — אָדער, ווי דו דריקסט זיך אויס, איך האָב איהם ליעב — דאָס איז דאָס וואָרט, וואָס מען געברויכט געוועהנליך צווישען אַזעל-

---

*) פערקירצט פון „עדוואַרד".

כע נאָהנטע קרובים. איך האָב נעד'ן גאַנץ גערן: ער איז אַ וואונ-דערבאַר גוט בחורל, און אַ שיין בחור'ל דערצו, נישטמעהר, ער איז נאָך אַ ביסעל שוואַך און נאַריש. אָבער די זאַך איז, הערדייל — איך וועל רײדען אויפריכטיג, ווי איך האָב פריהער געזאָגט — די זאַך איז, אַז אויסער, וואָס מיר ביידע האָבען נישט קיין בעזונדערן חשק צו ווערען מחותנים איינער מיט'ן צווייטען, און אויסערדעם, וואָס דו ביזט אַ קאַטויל און איך אַ פּראָטעסטאַנט — און, צום טייוועל, דאָס איז אויך גענוג וויכטיג — איז אויסער דעם אַלעם, קען איך עס איבערהויפּט נישט טהון. נעד און איך קאָנען זיך עס נישט פערגינען. דאָס איז אוממעגליך:

— האַלט ס'מויל, אום גאָטעס ווילען, אויב דאָס געשפּרעך מוז נאָך דויערן! — האָט מיסטער הערדייל אויסגעשריען מיט כעס. — איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב מיין פּלימעניצע ליעב. דענקסטו דען, אַז, ליעבענדיג זי, וועל איך זי הערלאָזען אַוועקגעבען איהר האַרץ צו אַ מענשען, וואָס האָט דיין בלוט אין זיינע אָדערן?!

— דו זעהסט, ווי גוט עס איז צו זיין אויפריכטיג? — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט, נישט בעאונרוהיגט אויף אַ האָאָר. — פּונקט דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגען, אויף מיין ערהען וואָרט! איך בין זעהר צוגעבונדען צו נעד'ן, און ווען מיר ביידע זאָלען אפילו קאָנען גובר זיין אונזערע געפיהלען, וואָלט שוין דאָס אַליין געווען די גרעסטע מניעה. —אפשר וואָלסטו פאָרט גענומען אַ ביסעל וויין?

— הער, — האָט מיסטער הערדייל געזאָגט, שווער אַוועק-לעגענדיג זיין האַנד אויפ'ן טיש, — אויב עמיצען וואָלט איינגע-פאַלען צו דענקען, אַז ביי מיר וואָלט רעכט געווען אויסצוגעבען עממאַ הערדייל פאַר אַ מענשען, וואָס האָט מיט דיר אַ וועלכע עס איז קרובה'שאַפט, — וואָלט עס געווען אַ אונפערשעמטער ליגען און אַ ביטערע בעליידיגונג פאַר מיר.

— הערדייל, — האָט דער צווייטער געזאָגט, שאָקלענדיג זיך אויף זיין וויעג-שטוהל, — דאָס איז גאַר מעשה מענש פון דיין זייט צו רײדען מיט מיר אַזוי אָפען, און אויף מיינע נאמנות, מיינע

איינענע געפיהלען זענען גראד דיזעלבע, נאר דו האסט זיי אויסגע־דריקט מיט מעהר קראפט, איידער איך וואלט עס געטהון, — דו ווייסט דאך מיין ווייכע נאטור און וועסט מיר זיכער מוחל זיין.

— איך וועל נישט דערלאזען קיין קאָרעספּאָנדענץ צווישען אידר און דיין זוהן מיט אלע מיינע קרעפטען, און זאל עס זיי אפילו דאס לעבען קאסטען, — האט מיסטער הערדייל געזאגט, ארומשפּא־צירענדיג איבער'ן צימער, — איך וואלט עס אבער וועלען טהון זייער מעגליך ווייכער און צערטליכער. עס ליעגט אויף מיר א גרויסע פליכט צו ערפילען, וועלכע איך פערשטעה נאך זאגאר אליין נישט, דעריבער בין איך שטענדיג אזוי פערטראגען, אז איך הער ערשט היינט צום ערשטען מאל רעדען א ליעבע צווישען זיי.

— זעהסטו, ווי גליך מיר האבען געטהון, וואס מיר האבען זיך בעגעגענט! איצט פערשטעהען מיר איינער דעם צווייטען און ווייסען, וואס מיר האבען צו טהון. ווילסט מאקע נישט פערזוכען דיין שווינקער'ס ווין? ער איז ווירקליך זעהר גוט.

— און ווער, איך בעט דיך, פלעגט דא העלפען עממאן, אדער דיין זוהן? — האט מיסטער הערדייל געפרעגט. — ווייסטו אפשר, ווער זענען זייערע מיטהעלפער און שליחים?

— א, די אלע גוטע מענשען דא ארום! און חער שליח, וואס האט דיר היינט געבראכט מיין צעטעלע, חער ערשטער צווי־שען זיי.

— דער אידיאט? בארנעבי?

— דו וואונדערסט זיך? עס טהוט מיר הנאה, דען מיר האט זיך עס אויך נישט געגלויבט. יא, יא. איך האב עס אויסגע־פארשט פון זיין מוטער — זעהר א פיינע פרוי — פון וועלכער איך האב זיך ערשט דערוואוסט, ווי ערנסט די זאך איז, און האב גלייך בעשלאסען זיך דורכצושמועסען מכח דעם מיט דיר אט דא שפעטע, אויף א נייטראלען בארדען. — ביזט א ביסעל פולער געווא־רען, הערדייל, און זעהסט אויס זעהר גוט.

— נו, איך גלויב, מיר האבען באלד געענדיגט, — האט מיסטער הערדייל אונגעדולדיג געענטפערט. — מיט עממאן וועל

איך רײדען. איך װעל אַפּעלירען צו איהר פֿרױען-האַרץ, צו איהר װירדע, צו איהר פֿליכט —

— דאָסועלבע װעל איך טהון מיט נעדין, — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט, שפּיעלענדיג זיך מיט אַ פֿוס. — נישטאָ קײן ריכטיגערע זאַך אין דער װעלט, װי אַז די פֿײנע געפֿיהלען פֿון פֿליכט צװישען אַ פֿאָטער און אַ זוהן. איך װעל איהם געבען רע-ליגיעזע און מאָראַלישע טעמים הנרצו. איך קאָן זיך נישט פֿאַר-גינען אַזעלכע זאַכען — איך האָב שטענדיג גערעכענט טהון מיט איהם אַ גוטען שדוך, אום איך זאָל קאָנען פֿיהרען אַן'אַנשטענדיג לעבען אויף דער עלטער. קורץ, איך װעל איהם הערװײזען, אַז די פֿײנסטע געפֿיהלען וכדומה פֿערלאַנגען פֿון איהם, ער זאָל אַנט-לױפֿען מיט עפּיס אַ רײכער כלה.

— און דערנאָך זי אױסקװאַרפֿען אַזױ שנעל װי מעגליך? — האָט מיסטער הערדײל געזאָגט, אַרױסציהענדיג זײן הענטשקע.

— אָ, דערין קאָן זיך נער האַנדלען װי ער װיל, — האָט דער צװײטער געענטפֿערט, זופּענדיג דעם װײן פֿון גלאָז, — דאָס איז שוין זײן זאַך. איך װעל נישט שטערען מײן זוהנ'ס פֿרײהײט ביז אַ געװיסער גרעניץ. דער בונד צװישען פֿאָטער און זוהן איז אָהן צװײפֿעל אַ הײליגע זאַך. — װילסטו טאַקע באין אופֿן נישט זיך לאָזען אײנרײדען צו נעהמען אַ גלאָז װײן? מילא, װי דו װילסט, װי דו װילסט, — האָט ער צוגעגעבען, אָנגיסענדיג װידער פֿאַר זיך.

— טשעסטער, — האָט מיסטער הערדײל געזאָגט נאָך אַ קורצער פּױזע, — דו האָסט אַ קאָפּ און אַ האַרץ פֿון אַ בײזען גײסט אין אַלע אָנגעלעגענהײטען פֿון בעטרוג און שװינדעל.

— פֿאַר דײן געזונד! — האָט דער אַנדערער געזאָגט, טרינ-קענדיג. — אָבער איך האָב דיר איבערגעשלאָגען די רײד...

— װאָס-זשע דענקסטו טהון, אַלזאָ, אױב עס װעט אָנקומען שװער זײ צו צושײדען?

— אָ, נישטאָ קײן גרינגערע זאַך. איך װעל געברױכען די פֿעהיגקײטען, װעלכע דו שרײבסט מיר צו, דגם איך האָב נישט פֿער-דיענט אַזױ פֿיעל לױב, װי דו גיסט מיר. איך װעל אײפּריטצען

א ביסעלע די איבערזוכט, אנרירהען די אייגען-ליעבע וכדומה. פערשטעהסט?

— מיט אנדערע ווערטער, דו מיינסט, אז אין שלימסטען פאל וועלען מיר געברויכען פאלשקייט און ליגען?

— ליגען? אך, ניין, ניין, פע! — האט מיסטער טשעסטער רוהיג געענטפערט, נעהמענדיג א שמעק טאבאק. — רוף עס נישט ליגען — א ביסעלע געשיקטהייט, דיפלאמאטיע, א ביסעלע אינטריגע — אט, אט דאס איז דאס ווארט.

— בעסער וואלט איך עס בעווארענט ביי-צייטענס און נישט דארפען אנקומען צו אזעלכע מיטלען, — האט מיסטער העררייל געזאגט ווי צו זיך. — נאר פערפאלען. מ'מוז עפיס טהון. גוט, איך וועל דיר מיטהעלפען. דאס איז די איינציגע זאך אין חגה וועלט, אויף דעם גאנצען ברייטען פעלד פון מענשליכען געדאנק, אין וועלכער מיר זענען ביידע איינפערשטאנען. מיר וועלען ארבייטען אין איין ריכטונג, אבער בעזונדער. איך האף, עס וועט מעהר נישט נויטיג זיין פאר אונז זיך צו בעגעגנען.

— דו געהסט אוועק? — האט מיסטער טשעסטער געזאגט, אויפהויבענדיג זיך מיט א גראציעזער פוילקייט. — איך וועל דיר צו-לייכטען.

— דארפסט זיך נישט מטריח זיין, — האט מיסטער העררייל טרוקען געזאגט, — איך ווייס דעם וועג.

ער האט א מאך געטהון מיט דער האנד און איז ארויס פון צימער.

— באַ! א גראבער נפש! — האט מיסטער טשעסטער געזאגט, ארייננעמענדיג זיך בעקוועם אין זיין וויעג-שטוהל. — א חיה פון א מענשען!

דזשאן ווילעט מיט זיין חבריא האבען די גאנצע צייט זיך געריכט צו דערהערען פון אויבען א שיסעריי אדער א קלינגעריי פון שווערדען, נאר ווי ערשטוינט זענען זיי געווארען, דערזעהענדיג מיסטער העררייל'ן אראבקומען, אמת, א ביסעל פערטראכט און חמורנע, אבער אהן איין-איינציגער וואונד אויפ'ן ליב. אז ער איז

אַוועק־פאָהרען, האָט דער עולם בּעשלאָסען, אַז ער האָט זיכער געמוזט איבּערלאָזען זיין געגנער אַ טויטען אויפ'ן אָרט. עס איז אַלזאָ ענטשטאַנען אַ נויטווענדיגקייט תיכף אַרויפצוגעהן אין גאַסט־צימער; נאָך אַ לאַנגען קווינקלען זיך האָט ווילעט געפּרוּווען בּיי זיך דעם נויטיגען קוראַזש זיך צו לאָזען אין די דאָזיגע רויקאַלישע אונטערנעהמונג אין דער בּעגלייטונג פון דעם אַרבּייטער יו און בּאַרנעבּי'ן, די צוויי געזונדסטע חברה־לייט אין דער קאָמפּאַניע.

איהם איז אָבּער בּעשערט געווען אַ צווייטע איבּעראַשונג: מיסטער טשעסטער איז זיך גאַנץ רוהיג געזעסען אין ווייכען שטוהל, און דערוועהנדיג דעם ווירטה, האָט ער זיך געהייסען אַראָבּציהען די שטיוועל און פיהרען אין בּעט אַריין. און ווייל דזשאָן ווילעט האָט אין די שטיוועל נישט געקוקט, האָט ער פינדעסטוועגען נישט געקאָנט עוטדעקען אין זיי קיין איינציגען טראָפּען בּלוט. לי־גענדיג דעם גאַסט שלאָפען, האָט ער אויפמערקזאַם בּעטראַכט זיין פיגור, מיט דער האָפנונג אויסצוגעפינען אין זיין קערפּער עטליכע שווערד־לעכער, אָבּער אויך דאָ האָט ער קיין ערפאָלג נישט געהאַט. דאַן האָט בּיי ווילעט'ן אין קאָפּ לאַנגזאַם אויפגעטאַנט דער גע־דאַנק, אַז קיין דועל איז אין דער מייפּאָיל אין דעם דאָזיגען אָווענד נישט פאָרגעקומען.

שוין זיצענדיג אויפ'ן בּעט, האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט מיט אַ זיס שמייכעלע:

— גוט־נאַכט, מיינע פריינד. גוט־נאַכט, בּאַרנעבּי, מיין לי־בּער. זאָגסטו חאָטש עפּיס תפלות פאַר'ן שלאָף?

בּאַרנעבּי האָט אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ אויף יאָ.

— ער מורמעלט עפּיס אַזוינס, וואָס הייסט בּיי איהם אַ תפלה, — האָט ווילעט געזאָגט, — נאָר איך האָב מורא, אַז עס איז גאָרנישט מיט נישט.

— און דו? — האָט מיסטער טשעסטער געפרעגט.

— איך נישט, — האָט דער אַרבּייטער געענטפערט. — איך קען זיין תפלה, — ער האָט אָנגעוויזען אויף בּאַרנעבּי'ן. — פאַר מיר איז זי גענוג גוט. ער זינגט זי, און איך הער;

— ער איז אַ פּשוט'ע בהמה, סער, — האָט ווילעט געזאָגט דעם גאַסט אויפ'ן אויער. — אויב ער האָט אפילו אַ נשמה, איז זי אַזאַ ברעקעלע, אַז דאָס איז אַזוי גוט ווי גאָרנישט. גוט־נאַכט!

13. דזשאָו אין לאָנדאָן.

ווען דזשאָו ווילעט, דעם שיינקערס זוהן, וואָלט געווען אין דער היים יענעם טאָג, ווען מיסטער טשעסטער האָט בעזוכט די מייפּאָל, — וואָלט ער שוין ווי עס איז דערשמעקט, צו וואָס עד־וואַרד'ס פאָטער איז אַהין געקומען און וועגען וואָס ער האָט גערעדט מיט מיסטער הערעדייל'ן, ווייל דזשאָו איז געווען זעהר איבערגעגעבען צו עדוואַרד'ן און מיס עממא הערעדייל. האָט זיך אָבער גראָד גע־דאַרפט מאַכען, אַז דאָס איז געווען איינער פון די עטליכע פריי־טעג, וואָס דזשאָו האָט געהאַט אין פערלויף פון דעם גאַנצען יאָהר. דאָס איז געווען דעם 25־טען מערץ, און יעהנעם יאָהר אין דעם דאָזיגען טאָג פלעגט דזשאָו פאָהרען קיין לאָנדאָן זיך אָבצורעכענען מיט אַ געוויסען וויין־הענדלער פאַר דאָס גאַנצע יאָהר און דערנאָך פערברינגען דעם טאָג ווי ער אַליין האָט געוואָלט. די רייזע פלעגט ער מאַכען אויף אַן אַלטער אויסגעמאַגערטער שקאַפּע, וואָס פלעגט ועריגען דזשאָו'ן די יאָהרען מיט איהר מאַגערקייט און הינקעלי־כען אויסזעהן און פון וועלכער זיין פאָטער, דאַגעגען, האָט גע־האַלטען אַ וועלט.

יענעם פריה־מאָרגען, אַז זי האָט אַרויסגעפיהרט די שקאַפּע פאַר דער טהיר, האָט דער אַלטער דזשאָן זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען און האָט אַ היבשע צייט געלאַכט פון שטאָלץ און פער־גניגען, קוקענדיג אויף איהר.

— אָט דאָס הייסט פלייש אַ ביסעל, יו, אַ? אָט דאָס הייסט אַ פערד! זעה נור אַ ביסעל ביינער!

ביינער איז, אָהן צווייפעל, געווען גענוג, מעהר ווי אַלע אַנ־דערע זאַכען, און זי האָט, קענטיג, אויך אַזוי געדענקט.

— די שאַנעווע נור דאָס פערד, — האָט דזשאָן אָנגעזאָגט

דעם זוהן, בעת יענער איז פֿערשיענען פֿאַרטיג צו דער רייזע. — פֿאָדער נישט צו-שנעל.

— נישט פֿאָדערען שנעל? איך ווייס סיי-ווי נישט, ווי אַזוי איך וואָלט געקאָנט בעווייזען אַזאַ קונץ, — האָט דזשאָו געענטפֿערט, קוקענדיג טרויעריג אויף די פֿערדאַמטע שקאַפֿע.

— נו-נו, נאַר אָהן חוצפה, סער! — האָט דער אַלטער געענטפֿערט. — אויף וואָס דען וואָלט איהר געוואָלט פֿאָדערען, מיין ליעבער הערר? אפשר אַ ווילד אייזעל אָדער אַ זעברא דיר געבען, אַז? אויף אַ בריליענדען לייב וואָלסטו געריטען, אַז? האַלט ס'מויל, סער!

אַזאַ טבע האָט שוין מיסטער ווילעט געהאַט, אַז ווען ער פֿלעגט אויסשיטען זיין גאַנץ פֿעקיל מוסר דעם זוהן, און יענער האָט אַ וואָרט נישט געענטפֿערט, פֿלעגט ער ענדיגען מיט אַ בעפֿעהל צו האַלטען ס'מויל.

— און כ'וואָלט סתם וועלען וויסען, וואָס טראַכטסטו דיך? — האָט דער פֿאָטער צוגעגעבען, בעטראַכטענדיג דזשאָו'ן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס מיט אַ צוטומעלטער מינע. — צו וואָס, אַ שטייגער, האָסטו אָנגעריקט דאָס היטעל אויף אַ זייט? געדענקסט אפשר דרג'ענען דעם חיינהענדלער?

— ניין, — האָט דזשאָו זויער געענטפֿערט, — איך גיב איהם נישט דרג'ענען. זענט איהר שוין רוהיגער?

— געדויערט אַ ביסעל! מיט אַ זעלנערישע אויסזעהן, מיט אַ מינע פֿון אַ קנאַקער, אַ בראַנד, אַ גאַנצער האָהן, און רוף מיך קנאַקניסעל! איך פֿרעג דיך נור, צו וועלכען שוואַרץ-יאָהר האָסטו זעם אָנגעשטעקט אויף זיך בלומען, אַזוי ווי פֿערדען?

— אַ קליין ביקעטעל בלויז, — האָט דזשאָו געענטפֿערט, ווערענדיג רויט. — וועמען קאָן עס שאַדען, וואָלט איך וועלען וויסען?

— אַ שענער סוחר ביזטו, נישטאָ וואָס צו רעדען! — האָט דער פֿאָטער מיט פֿעראַכטונג געענטפֿערט. — מיינסט אפשר, אַז חיינהענדלער בענקען שטאַרק נאָך בלומען?

— איך האָב גאָרנישט אָן דאָס צו מיינען. זאָלען זיי האַלטען

זיערע רויטע נעזער פאר די פלעשער און די פענסטער. דאס וועל איך ברינגען צו מיסטער ווארדען אין הויז.

— נו, איז מיינסטו אפשר, אז ער איז עס א גרויסער בעל אויף אזעלכע שמאכטעס? — האט הער שיינקער געפרעגט.

— איך ווייס נישט און וויל גארנישט וויסען, — האט דזשאו צדייצט געענטפערט. — א סוף זאל ווען האבען, טאטע, גיט מיר שוין אמאל געלד, און לאזט מיך אב.

— נא, — האט דער פאטער געזאגט, געבענדיג איהם געלד, — און בארג נישט אן צו־פיעל אין „שווארצען לייב", הערסטו?

— נישט אנבארגען? פארוואס־זשע גיט איהר מיר נישט עפיס געלד אין קעשענע אריין? — האט דזשאו טרויעריג געזאגט. — וואס שיקט איהר מיך קיין לאנדאן און גיט מיר בלויז א רעכט צו בארגען א מיטאג אין „שווארצען לייב", ביז איהר אליין וועט קומען און בעצאהלען, פונקט ווי מ׳טאר נישט אנטרויען קיינעם מיט א שילינג? פארוואס בעהאנדעלט איהר מיך אזוי? נישט רעכט אזוי, טאטע. איהר קאנט נישט ערווארטען, אז איך זאל שווייגען, ווען מ׳טהוט מיר אזוי.

— געלד איהם געבען! — האט דזשאן אויסגעשריען פער־שטוינט. — וואס הייסט ביי איהם געלד, וואלט איך וועלען וויסען? איז א שילינג און זעקס פענים קיין געלד נישט?

— א שילינג און זעקס פענים! — האט דזשאו פערעכטליך ווידערהאלט.

— יא, סער, א שילינג און זעקס פענים. אז איך בין אלט געוועזען אזוי פיעל ווי דו, האב איך קיינמאל נישט געהאט אזוי פיעל געלד פאר אמאל. דעם שילינג גיב איך דיר, טאמער מאכט זיך עפיס א צופאל: די שקאפע פערליערט א פאדקאווע אדער עס מאכט זיך עפיס אנדערש. און זעקס פענים האסטו צו פערשאפען זיך די לאנדאנער תענוגים. און דער תענוג, וואס איך קאן דיר רעקאמענדירען, איז — ארויפגעהן אויפ׳ן שפיץ פון מאנומענט און דארט זיצען א ביסעל. דארט זענען נישטא קיינע נסיונות — קיין משקאות — קיין מיידלעך — קיין שלעכטע חברים — מער נישט

זײ פאַנטאַזיע. אַט אַזױ פלעג איך פערברײנגען די צײט, אַז איך בין געװען אין דײן עלטער.

דזשאַ האָט גאָרנישט געענטפערט, איז אַרױפגעקראָכען אױף די שקאַפע און איז אַװעקגעפאָהרען. דער שײנקער האָט נאָכגע־קוקט אַ װײלע דער שקאַפע — פאַר זײן זוהן האָט ער קײן אױגען נישט געהאַט און האָט נישט געזעהן, אַז ער איז אַ שענער רײטער, װאָס פערדיענט צו זיצען אױף אַ בעסער פערד — דערנאָך איז ער אַרײן צוריק אין שײנק, האָט זיך אַװעקגעזעצט געגען קאַכקעסעל און איז אַרײנגעפאַלען אין אַ דרימעל.

דזשאַ איז נישט אַװעקגעפאָהרען גלײך קײן לאָנדאָן, נאָר פריהער פערקעהרט צו דער „װאָרהױז", דאָס הױז, װאו מיסטער הערדיל האָט געװאױנט. נישט װײט פון הױז האָט ער געלאָזען די שקאַפע אױפ'ן גראָז און איז אַרײן אין גאָרטען, װאו ער האָט זיך אַרומגעדרעהט בײ אַ פערטיל שטונדע, קוקענדיג פון צײט צו צײט אַרױף, צו אײנעם פון די פענסטער. ענדליך האָט זיך פון יענעם פענסטער אַרױסגעשטעקט אַ קלײנע, װײסע האַנד און האָט אַ פאָך געטהון אין דער לופט.

— הײנט עס, נישטאָ הײנט פאַר מיר קײן שליחות, — האָט דזשאַ צו זיך געזאָגט און האָט זיך אומגעקעהרט צו זײן שקאַפע.

אָבער דאָס פערהיקטע הײטעל אין דער טיקעט בלימען האָבען עדות געזאָגט, אַז דזשאַ האָט הײנט יאָ עפּיס אַ שליחות, אױב נישט פאַר עמיצען אַנדערש, איז פאַר זיך אַלײן, — און אַ שליחות נישט צו אַ װײנהענדלער און אפילו נישט צו קײן שלאָסער, נאָר צו עמיצען, װאָס איז איהם מעהר אינטערעסאַנט.

און אַזױ האָט זיך עס טאַקע אױסגעלאָזען, װען דזשאַ האָט זיך שפּעטער גיך אָבגעפאַרטיגט מיט'ן װײנהענדלער און מיט זײן מיטאָג אין „שװאַרצען לײב", האָט גענומען דעם טיקעט, און נישט װאַ־טענדיג אױף זײן פאָטער'ס עצה װעגען דעם מאָנומענט, איז ער אַװעק צו װאַרדען'ס הױז, װאו די בליהענדע דאַל: האָט געװאױנט.

דזשאַ איז כלל נישט געװען קײן שרעקעדיג יונגעל, פונ־דעסטװעגען, קומענדיג אין די גאַס, װאו דער שלאָסער האָט גע־

חאָוינט, האָט ער זיך בשום אופן נישט געקאָנט בּאַשליסען אַריינ־צוגעהן גלייך אהין. ער האָט אָבּגעמאַכט בּיי זיך וואַרט־צו־שפּאַצירען פינף מינוט, דערנאָך נאָך פינף מינוט, דערנאָך צעהן מינוט, און אזוי אַרום האָט ער פערלאָרען אַ גאַנצע האַלבּע שעה, בּיז ער האָט זיך געמאַכט האַרץ און האָט זיך מיט אַמאָל איינגעפונען אין חדר רוֹיכיגען וועקצימער מיט אַ רויט פּנים און אַ קלאַפּענדיג האַרץ.

— דזשאָו ווילעט, אָדער זיין גייסט! — האָט וואָרדען אויס־געשריען, אויפשטעהענדיג פון זיין טיש און קוקענדיג אַריבּער די בּרילען. — וועלכער איז עס? טאַקע דזשאָו אין פלייש און בּלוט, אַ? דאָס איז פיין פון דיין זייט. און וואָס מאַכט די טשיגוועלער חבורה, דזשאָו?

— ווי שטענדיג, סער — דיזעלבּע סימפּאַטיע צווישען מיר און זיי ווי אַלע מאָל.

— נו, מולא, דזשאָו, — האָט דער שלאָסער געענטפערט, — מיר האָבּען אַ בּיסעלע געהילד צו עלטערע מענשען און זייערע שוואַכהייטען. וואָס מאַכט די שקאַפע, דזשאָו? מאַכט זי נאָך אַלץ אידרע פיער מייל*) אַ שטונדע אַזוי לייכט ווי שטענדיג? האַ־האַ־האַ! די מאַכט, דזשאָו, אַ? שאַ, וואָס האָבּען מיר עס דאָרט — אַ בּיקעט?

— דער אַנאָרימער, סער. ווייס איך? איך האָבּ געמיינט, מיט דאָלי...

— ניין, ניין, — האָט גאַבּריעל שטילער געזאָגט, — נישט דאָלין. גיבּ איהם דער וואָטער דזשאָו. אַ סך גלייכער, זאָלסט איהם געבּען מיין פרוי. האָסט אפשר דאַגעגען, דזשאָו?

— אָ, ניין, סער, — האָט דזשאָו געענטפערט, בּעמיהענדיג זיך צו פערבּאָרגען זיין ענטוישונג, אָבּער עס האָט זיך איהם נישט גאָר איינגעגעבּען. — מיט פערגניגען, פאַרוואָס דען נישט?

— אָט אַזוי! — האָט גאַבּריעל געזאָגט, פּאַטשענדיג איהם אי־בּער דער פּלייצע. — וואָס מאַכט עס אויס, ווער עס וועט איהם קריגען, אַ, דזשאָו?

---

*) אַן ענגלישע מייל — עטוואָס מעהר פון אַ וויאָרסט.

— געווים נישט, מער...

גאַמעניע, ווי שווער אידם איז געווען אַרויסצוברייינגען די דאָזיגע ווערטער פון האַלז!

— קום אַריין, — האָט וואַרדען געזאָגט. — מ'האָט נאָך־וואָס גערופען צו טהון. זי איז אין גאַסט־צימער.

„די, — האָט דושאַ געטראַכט, — כ'וואָלט וועלען וויסען, וועג־מען פון די מיינט ער — די מיסעס, צי די מיס?"

דער שלאָסער האָט באַלד פערענטפערט זיינע ספקות, וואַ־גענדיג ביים אַריינגאַנג אין צימער:

— ליעבע מאַרטאַ, אָט איז דער יונגער מיסטער ווילעט.

מיסעס וואַרדען, האָבענדיג אַ האַריך געהאַט אַלע אכסניות בכלל און געגען דער מייפאַיל בפרט, וויל אכסניות, נאָך אידר מיינונג, פערדאַרבען די מענער, — איז נישט געווען אויפגעלייגט אויפצונעה־מען זעהר גוט דעם יורש פון דער מייפאַיל. הערניבער האָט זי תיכף דערפיהלט, אַז זי איז זעהר שוואַך, און אַז מ'דאַרט אידר אַנ־טקעגענטראָגען די בלומען, האָט זי מאָמענטאַל פערשטאַנען, אַז וואָס איז אידר נישט גוט געוואָרען פונ'ם גערוך.

— איך האָב מורא, איך קאָן זיין אַ מינוט נישט האַלטען אין צימער, — האָט די גוטע דאַמע געזאָגט. — וועט אידר קיין פאַראיבעל נישט האָבען, אַז איך וועל זיי אַרויסלעגען אויף יענע זייט פענסטער?

דושאַ האָט געענטפערט, אַז עס מאַכט נישט אויס, און האָט זיך געמאַטערט אַ שמייכעל צו טהון, ווען זי האָט אַרויסגע־לעגט די בלומען אויף די פענסטער־שוועל דרויסען. ווען עמיצער וואָלט וויסען, וויפיעל מיה און פיין אידם האָט געקאָסט, איידער ער האָט צונויפגעקליבען דעם אָרימען בוקעט!

— איצט איז מיר לייכטער, זייט איך בין פון די בלומען לויז געוואָרען, — האָט מיסעס וואַרדען געזאָגט. — כ'האָט מיר אַ ביסעל אָבגעטראָטען פון האַרצען.

דושאַ האָט אויסגעדריקט זיין צופריעדענהייט, וואָס אידר איז בעסער, און האָט זיך באַמיהט נישט אַרויסצוווייזען, אַז ער קוקט אַרויס אויף דאַלי'ן.

— שווערע מענשען זענט איהר דאָרט אין משיגוועל, מיסטער דזשאָזעף, — האָט מיסעס וואַרדען געזאָגט.

— איך האָף, אַז ניין, מעם, — האָט דזשאָ געענטפערט.

— יאָ, יאָ, שווערע און שלעכטע מענשען. מיך וואונדערט זעהר אויף מיסטער דזשאָן ווילעט, ער איז דאָך אַליין געוועזען אַ פאַמיליען־מאַן, זאָל ער אַזוי טהון; און פרנסה איז דאָ אויך קיין תירוץ נישט. איך וואָלט בעסער צוואַנציג מאָל בעצאָהלט דאָס געלד אומזיסט, אַבי וואַרדען זאָל זיצען אין דער־היים, ווי עס פּאַסט פאַר אַ ניכטערן בעל־מלאכה. ביי מיר איז אַ שכור דאָס ערגסטע אין דער וועלט.

— ליעבע מאַרטאַ, — האָט דער שלאָסער פרעהליך זיך אַריינגעמישט, — לאָמיר בעסער טרינקען טהיי און לאָמיר נישט רעדען וועגען שכורים. דאָ זענען קיין שכורים נישטאָ, און דזשאָ, ווי איך פערשטעה, וויל גאָר וועגען זיי נישט הערען.

דאָ איז ערשיענען מיגס מיט צוגעברוינטען ברויט־שניט צום טהיי.

— איך פערשטעה, אַז ער וויל נישט, — האָט מיסעס וואַרדען געזאָגט, — און איך פערשטעה, אַז דו, וואַרדען, ווילסט אויך נישט. דאָס איז זעהר נישט קיין אנגענעהמער ענין, אָהן צווייפעל, הגם איך טייט דאָ אויף קיינעם נישט מיט'ן פינגער (דאָ האָט מיגס אַ הוסט געטהון), אַלץ איינס וועמען איך זאָל נישט מיינען (מיגס האָט אַ ניס געטהון מיט אַ דייטליכען מיין). קיינער קען נישט וויסען, וויפיעל אַ פרוי ליידט זיך אָן, וואַרטענדיג אויף'ן מאַן, וועלכער שלעפּט זיך אַרום ערגיץ ווייס איך וואו. אויב דו גלויבסט מיר נישט, קאָנסטו פרעגען ביי מיגס'ן.

— אַ, זי האָט געהאַלטען זעהר שמאָל יענע נאַכט, זעהר שמאָל! — האָט מיגס געזאָגט. — ווען איהר זאָלט נישט האָבען אין זיך די גוטסקייט פון אַ מלאך, מעם, ווייס איך נישט, ווי איהר וואָלט עס אויסגעהאַלטען; אַז אמת אויב איך ווייס, מעם.

— מיגס, — האָט מיסעס וואַרדען געזאָגט, — דאָס, וואָס דו זאָגסט, איז חלול השם.

— איך בעט ענטשולדיגונג, מאַם, — האָט מיגס געענטפערט. — נישט דאָס האָב איך געוואָלט, און עס איז גאָר נישט מײן טבע, הגם איך בין נישט מעהר ווי אַ דינסט.

— ווי אַזוי דערוועגסטו זיך צו רײדען פֿון מלאכים אין צוזאַמענהאַנג מיט זינדיגע מענשען, וואָס זענען נישט מעהר (דערבײ האָט מיסעס וואַרדען געוואָרפֿען אַ בליק אין שפּיעגעל) ווי ווערים, ווי שטויב און אַש!

— איך האָב נישט געמײנט אײך צו בעלײדיגען, מאַם, — האָט מיגס געענטפערט, קענענדיג פֿעסט, אַז איהר קאָמפּלימענט האָט געווירקט; איך ווײס, ווי נישטיג איך בין, און איך האָב אין פֿעראַכטע זיך אַלײן און אַלע מײנע מיט-מענשען, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ גוטע קריסטין.

דײ אַזוי גוט און גיעה זאָג דאַלײן, די זאָל שוין ענדיגען איהר טואַלעט, דען דער טראָג-שטוהל*) וואַרט אויף איהר. — עס טהוט מיר לײד, וואָס די טרינקסט נישט דײן טהײ, וואַרדען, און איהר, מיסטער ווילעט, הגם איך קאָן, נאַטירליך, נישט ערוואַרטען, אַז איך זאָל געפֿעלען יעפּים אַזאַך, וואָס מיקריגט די אין חער-הײם, און דערצו נאָך אין דער געזעלשאַפֿט פֿון פֿרויען.

דאָס איז געווען אַ נישט-פֿערדיענטע בעשולדיגונג, דען דער שלאָסער האָט זיך געוועזן אַרויסגעוואָרפֿען אויף די טהײ און די צוביסענס מיט אַ האַרציגען אַפּעטיט, ביז זי אַלײן האָט איהם קאַליע געמאַכט מיט איהרע רײד; וואָס אַנבעלאַנגט דושאָין, איז איהם די פֿרויען-געזעלשאַפֿט בײם שלאָסער אין הויז געווען זעהר און זעהר צום האַרצען, ווענינגסטענס אַ טײל פֿון איהר.

נאָר אײדער ער האָט בעוויזען עפּיס צו זאָגען, איז דאָלי ערשײנען אין צימער און האָט בײ איהם לחלוטין אָבגענומען דאָס לשון מיט איהר שענקײט. די קלײנע איז ווירקליך געווען איבער־ראַשענד אין איהר נײעם קלײד, פֿערפּיצט ווי אַ בת-מלכה, מיט

* צו יענער צײט זענען דראָזשקעס געווען אַ זעלטענהײט. אַנשטאָט דעם, פֿלעגט מען געברויכען אַזעלכע שטוהלען, געטראָגען פֿון מענשען.

טויזענד חנ׳ן אויף איהר פּנימ׳ל, מיט טויזענד קאָקעטישע גענג און אַבשניצלעך, וואָס קיינער איז ניט געווען אויף זיי אַזאַ מבֿין ווי זי. זי האָט זיך געקליבען עהרליך אויף אַ שׂמחה, און עס איז איבעריג צו זאָגען, ווי טיעף דזשאָו האָט געהאַסט די דאָזיגע שׂמחה, אָהן אינטערשייד, וואָס פאַר אַ שׂמחה דאָס איז, און אַלע אַנדערע בעלי־שׂמחה, וואָס זיי זאָלען ניט זיין!

14. אַרויסגעטריבען.

דאַרף מען האָט זיך אויף דזשאָו קוים אומגעקוקט, — יאָ, יאָ, קוים אַ בליק אויף איהם געוואָרפען, און אַז זי האָט דערזעהן דעם טראָג־שטוהל דורך די אָפענע טהיר, האָט זי געפּאַטשט מיט די הענד־טעלעך פאַר פריידע; עס איז קלאָר געווען, אַז זי געהט וואָוועק מיט פערגניגען. אַ שטיקעל מערכה נאָך, וואָס דזשאָו האָט האָטש געהאַט דאָס פערגניגען אונטערצושטעלען איהר זיין אָרעם ביים בעשטייגען דעם טראָג־שטוהל?

מיגס איז געשטאַנען דערביי מיט אַזאַ מינע, ווי איינער רעדט: „וואָס אַרט איך, איך ווייס גאַנץ גוט, ווי אַזוי אַט די גאַנצע פראַכט איז צוזאַמענגעקלאַפּט געוואָרען! מיר זענען בעקאַנט די סודות פון יעדען שפּילקעלע, פון דעם קלענסטען טאַשמעלע, און דאָס אַליין איז ניט ריעל אפילו אויף אַ העלמט, און איך אַליין וואָלט איך געקאָנט אַזוי אויסזעהן, וואָלט איך נור וועלען זיך געבען די מיה!"

און דזשאָו האָט געזעהן געמוזט צוקוקען, ווי זי האָט זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן שטוהל, מיט איהרע אויגען, וואָס האָבען זי דימאַנטען געשיינט, מיט איהר הענדטעל — זיכער דאָס שענסטע אין דער וועלט! — אויפ׳ן אָנלעהן, ווי עס וואָלט זיך חאונדערן פאַרוואָס דזשאָו האָט עס ניט אַ דריק אָדער אַ קוש געטהון. זי גוט עס וואָלטען איהר געפּאַסט אַ פּאָר פון די בלומען, וואָס האָבען זיך געבויגן געוואַלגערט אויף יענער זייט פענסטער!

ענדליך איז זי פערשוואונדען. און קיינמאָל נאָך איז ניט

פאַרגעקומען אַזאַ גרויסע ענדערונג אין אַזאַ קליינעם צימער און אין אַזאַ קורצער צייט, ווען זיי האָבען זיך ווידער אַוועקגעזעצט, צו דערענדיגען זייער טהיי. עס איז געוואָרען עפּיס פינסטערער, קאַלט, אונהיימליך, — ווענינגסטענס, אַזוי האָט דזשאָ געפיהלט. און וואָס אַ טעם האָט עס געקאָנט האָבען צו זיצען אָט וְדאָ, וועהרענד זי איז איצט ערגיץ אַנדערש, אַרומגערינגעלט מיט פערליעבטע, וואָס טאַנצען אַרום איהר, ווי ביהנען אַרום האָניג! מינס האָט זיך אַרומגעדרעהט דאָ דערנעבען, און שוין דער פאַקט אַליין, אַז זי איז דאָ אויף דער וועלט, האָט, נאָך דאַליין, אויסגעזעהן צו זיין אַ פוילער וויץ, אָהן פעפער און אָהן זאַלץ. פון איבערהאַלטען אַ שמועס איז שוין גאַר נישטאָ וואָס צו ריידען, דאָס איז געוועזען להלוטין אוממעגליך, און דזשאָו איז זיך געזעסען און געדרעהט זיין טעפּעל טהיי אויף דער שאָל און געטראַכט פון דעם שלאָסער'ס בעצויבערנדער טאָכטער.

גאַבריעל איז אויך געוואָרען מרה־שחורה'דיג. און מיר ווייסען שוין, אַז מיסעס וואַרדען'ס האַראַקטער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט דעם ליעבען שטריך — צו זיין פרעהליך דווקא דעמאָלט, ווען אַלע אַרום זענען אומעטיג.

— אָט אַפּנים איך מוז האָבען זעהר אַ ליעבערדיגע טבע, — האָט די שלאָסערין געזאָגט, — אַז איך בין נאָך אימשטאַנד ווען עס איז צו בעווייזען אַ הייטערע מינע אין דער געזעלשאַפט פון אַזעלכע מענשען. איך ווייס אָפיר, ווי אַזוי דאָס גיט זיך מיר איין.

— אַך, מעם, — האָט מינס אַרויסגעזיפצט, — האָט קיין פאַראיבעל נישט, וואָס איך שלאָג אייך איבער, אָבער עס זענען פאַראַן נישט פיעל אַזעלכע מענשען ווי איהר.

— נעהם־צו פון טיש, מינס, — האָט מיסעס וואַרדען אויסשטעהענדיג געזאָגט, — רוים־אָב, איך בעט דיך. איך ווייס, אַז איך שטער זיי דאָ, און אַזוי ווי איך ווינש יעדערן צו פערברייגען וואָס בעסער, וועל איך בעסער אַוועקגעהן.

— ניין, ניין, מאַרטאַ! — האָט דער שלאָסער אויסגעשריען. —

בלייב דאָ. דו וועסט אונז אַלעמען זעהר פעהלען. נישט אַזוי, דזשאָ?

דזשאָו האָט זיך אַ צאַפּע געטהון און געזאָגט:

— נאַטירליך.

— אַדאַנק, מיין ליעבער וואַרדען, — האָט דאָס ווייב געענטפערט. — איך ווייס אָבער דיין בעגעהר בעסער פון דיר. טאַבאַק, ביער אָדער ספּירט זענען מעהר אַנציהענד, איידער איך בין, דעריבער וועל איך בעסער געהן צו מיר אין צימער, זיך זעצען ביים פענסטער און אַרויסקוקען אַ ביסעל אויף די גאַס. אַ גוטע נאַכט, מיסטער דזשאָזעף. מיך פרעהט זעהר, וואָס איך האָב אייך געזעהן, עס פערדריסט מיך נור, וואָס איך האָב נישט געקאָנט שאַפען פאַר אייך עפּיס אַזוינס, וואָס איז מעהר אימשטאַנד צופריעדען צו שטעלען אייער געשמאַק. גיט איבער אייער פאָטער אַ פריינדליכען גרוס אין מיין נאָמען.

זי האָט זיך העפליך פערניגט און איז פערשוואונדען פון צימער.

און דערויף האָט עס דזשאָ געוואַרט און געהאָפט וואָכען לאַנג! וואָכען לאַנג האָט ער אַרויסגעקוקט אויפ'ן 25-טען מערץ, ווען ער וועט קומען קיין לאָנדאָן, וועט זיך מאַכען האַרץ און אַרויסזאָגען דאָל'ן זיין גאַנצע ליעבע צו איהר! דערויף האָט ער זיך געשפּאָנט, רייסענדיג די בלומען, דערצו האָט ער בעדאַרפט פערדריקען דאָס היטעל אויף אַ זייט! דאָס איז שרעקליך! דער איינציגער אויסוועג: פאַר איהם איז צו געהן פאַר אַ זעלנער אָדער אַ מאַטראָז, ביז ער וועט אָנגעגנען אַ פריינדליכען שונא, וואָס וועט איהם טהון די טובה און איהם צושפּאַלטען דעם קאָפּ, און אַ סוף זאָל עס האָבען.

דזשאָו האָט זיך אויף שנעל אָבגעזעגענט מיט'ן שלאָסער, איז אַוועק אין „שוואַרצען לייב“, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין שקאַפע און האָט זיך געלאָזען אַהיים אין אַ דערשלאָגענער שטימונג.

אין מיטען וועג האָט איהם אָנגעיאָגט אַ יונגער ריטער אויף אַ גוטען פערד. דער ריטער האָט איהם אָנגערופען ביים נאָמען,

און אַז דזשאָו האָט אומגעקעהרט דעם קאָפּ און דערזעהן, וועה דאָס איז, האָט ער אויפגעהויבען זיין הוט.

— גוטען אָוענד, סער, — האָט דזשאָו געזאָגט. — עס פרעהט מיך צו זעהן אייך ווידער אויף דער ליכטיגער וועלט.

דער ריטער האָט געענטפערט מיט אַ פריינדליכען שמייכעל און געזאָגט:

— איז עס היינט צוגעגאַנגען כשורה, דזשאָו? זי איז מסתמא אַזוי שען ווי שטענדיג? רוימעלט זיך נישט, מענש.

— אויב איך בין רויט געוואָרען, מיסטער עדוואַרד, — האָט דזשאָו געענטפערט, — איז עס פשוט ביים געדאַנק, וואָס פאַר אַ שוטה איך בין געוועזען צו האָפען אויף עפּיס אַ בעציג צו איהר. זי איז אַזוי וויט פון מיר, ווי דער הימעל.

— איך האָף, עס איז ניט אַזוי שרעקליך, — האָט עדוואַרד געזאָגט מיט אַ גוטמוטהיגען שמייכעל.

— אַך, עס איז גוט צו ריידען יענעם, וועמען עס איז נישט נוגע, — האָט דזשאָו אָפּגעזיפצט. — נאַר מילא, וואָס קאָן מען מאַכען. איהר פאָהרט צו אונז, סער?

— יאָ. און אַזוי ווי איך בין נאָך נישט גאַר מיט אַלעמען, וועל איך ביי אייך איבערנעכטיגען און פאָהרען צוריק אין דער-פריה.

— אויב איהר ווילט, וועל איך אייך בעגלייטען צו דער „וואָהרען" און וועל דאָרט וואַרטען אויף אייך מיט'ן פערד, וועט איהר פערשפּאָרען געהן צו-פוס צו דער מיפּאָול. איך האָב צייט, איך קום צוריק צו-פריה.

— און איך, — האָט עדוואַרד געענטפערט, — דען איך בין געפאָהרען אַ ביסעל צו-שנעל, מסתמא אין אָנקלאַנג מיט מיינע געדאַנקען, וועלכע זענען געפאָהרען מיט פאָסט. זעהר גוט, פאָהרען מיר צוזאַמען. און זייט אַ ביסעל מונטערער, דזשאָו, פאַלט ביי זיך נישט אַראָב, איהר וועט נאָך געווינען פאַר זיך דעם שלאָסער'ס חנ'עוודיגע טאָכטער.

דזשאָו האָט אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ; נאַר אין יענעמ'ס

טאָן איז געווען אַזוי פיל פריינדליכקייט און טרייסט, אַז אידם איז ווירקליך לייכטער געוואָרען אויפ'ן הארצען.

נישט ווייט פון דעם גוט „וואָררען" זענען זיי געבליבען שטעהן. דזשאָו האָט געגיטען ביידע פערד ביים צוים, און עדוואַרד איז אַוועק צום הויז.

אַ דינסט־מיידעל האָט געוואַרט אויף איהם ביים טויער און האָט איהם גלייך אַוועקגעפיהרט אין אַ צימער מיט אַלט־מאָדיש מעבעל, מיט אַלטע פערראָסטעטע וואָפען אויסגעהאַנגען אויף די ווענד און מיט אַ טריויעריג, פערוואָרלאָזט אויסזעהן. די דינסט איז אַוועק, און גלייך דערנאָך האָט זיך בעוויזען אויף דער שוועל אַ יונג מיידעל, און אין אַ סעקונדע אַרום איז אַ שוואַרצער קאָפּ געלעגען אויף זיין ברוסט.

כמעט אין דערזעלבער מינוט האָט זיך אַ שווערע האַנד אַוועקגעלעגט אויף איהר אָרעם, עדוואַרד האָט זיך דערפיהלט 'אָבגעשטויסען אָן אַ זייט — און מיסטער הערדייל איז געשטאַנען צווישען זיי ביידען.

ער האָט רויה געקוקט אויפ'ן יונגען־מאַן, נישט אַראָבנעהמענדיג דאָס היטעל; מיט איין האַנד האָט ער געהאַלטען זיין פלי־מעגצע און מיט דער צווייטער, אין וועלכער ער האָט געהאַט אַ בייטש, האָט ער עדוואַרד'ן געוויזען די טהיר. עדוואַרד האָט זיך אויסגעגלייכט און געענטפערט מיט אַ פעסטען קוק.

— זעהר אָרענטליך פון אייער זייט, סער, אונטערצוקויפען מיין דיענערשאַפט און אַריינדרינגען אַהער, נישט געבעטענערהייד און אין געהיים, ווי אַ גנב! — האָט מיסטער הערדייל געזאָגט. — פערלאָזט מיין הויז, סער, און קומט נישט מעהר צוריק.

— מיס הערדייל'ס געגענוואַרט, — האָט עדוואַרד געענטפערט, — און אייער קרובה'שאַפט צו איהר גיבען אייך איבער מיר אַ פאָרהאַנד, וועלכע איהר וועט נישט מיסברויכען, אויב איהר זענט אַ בראַווער מענש. איהר האָט מיך געצוואונגען אַזוי צו האַנדלען, און די שולד איז נישט מיינע, נאָר אייערע.

— עס איז נישט פיין, נישט ערליך, — האָט מיסטער הער־

דייל געענטפערט, — צו שפּילען זיך מיט די געמיהלען פון א שוואכען, פערטרויליכען מיידעל, וועהרענד איהר בעהאלט איך פון איהר ערציהער און בעשיצער און מיידט-אוים די שיין פון טאג: מעהר זאג איך גאָרנישט, אויסער אז איך פערוועהר אייך צו קומען אהער אין פערלאנג, איהר זאלט זיך געהן.

— עס איז נישט פיין, נישט עהרליך צו מאכען פון זיך א שפּיאָן. — האָט עדוואַרד געזאָגט. — אייערע בעליידיגענדע ווערטער וואַרף איך אָב מיט דער גרינגשעצונג וואָס זיי האָבען פערדיענט.

— אייער אָנפערטרויטער מעקלער און שליח האָרט אויף אייך ביים טויער, — האָט מיסטער הערדייל רוהיג געזאָגט. — איך האָב אייך נישט נאָכשפּיאָנירט, איך האָב אייך צופעליג דערזעהן אָנקומענדיג און האָב אייך נאָכגעפאָלגט. איהר זאלט זיך נישט געהן אזוי איילען, וואָלט איהר מיך געהערט אָנקלאַפּען גלייך נאָך אייך. איך בעט אייך געהן געזונדערהייד. אייער אָנוועזענהייט דאָ איז א בעליידיגונג פאר מיר און פערשאפט מיין פּלימעניצע שמערצען.

ריידענדיג, האָט ער אַרומגענומען דאָס דערשראָקענע, וויינענדיגע מיידעל, און הגם ער האָט זיך געהאַלטען שטרענג, לויט זיין געוועהנהייט, איז דאָך געווען צו דערקענען אין איהם צערטליכקייט צו איהר און מיטגעפיהל צו איהרע שמערצען.

— מיסטער הערדייל, — האָט עדוואַרד געזאָגט, — אייער האַנד נעהמט אַרום יענע, וועלכער עס געהערען אַלע מיינע געדאַנקען און האָפנונגען און וואָס פאַר איין מינוט גליק פאַר איהר וואָלט איך גערן מיין לעבען אַוועקגעבען. אייער פּלימעניצע האָט מיר געשוואָרען טריייהייט, און איך צו איהר — דאָסזעלבע. וואָס האָב איך געטהון אזוינס, וואָס איהר אַכטעט מיך אזוי ווענינ און שלייַדערט מיר אין געזיכט אזעלכע אינהעפליכע ווערטער?

— איהר האָט געטהון אזוינס, סער, וואָס טאָר נישט געטהון ווערען, — האָט מיסטער הערדייל געענטפערט. — איהר האָט פערשלייפט א ליעבענס-קניפּ, וועלכער מוז ווערען איבערגעהאַקט.

בעדענקט אייך גוט אין אכט, וואס איך זאג. עס מוז איך צורייסען דעם בונד צווישען אייך. איך ווארף אייך אב מיט אלע אייערע — מיט דער גאנצער פאלשער, פוסטער, הארצלאזער באנדע.

— הויכע מליצה, סער, — האט עדוואַרד מיט הויך געזאגט.

— איך זאג וואס איך מיין, ווי איהר וועט זיך מיט דער צייט איבערצייגען. פערשרייבט עס אייך אויפ'ן שטערן.

— פערשרייבט אייך, אלזא, אויפ'ן שטערן, וואס איך זאג, — האט עדוואַרד געענטפערט. — אייער קאלטער, פינסטערער כאַראַקטער, וואס ווארפט אן א פראסט אויף אלע הערצער ארום אייך, וואס פערוואנדעלט ליעבע אין מורא און פליכט-געפיהלען אין שרעק, האט אונז געצוואונגען צו האנדלען אין געהיים, וואס דאס איז אונז פרעמד און נישט ליעב מעהר איידער אייך, סער. איך בין נישט קיין פאלשער, פוסטער אדער הארצלאזער מענש; דאס איז אייער נאטור אזעלכע, די נאטור פון א מענשען, וועלכער דערוועגט זיך ארויסצובריינגען פון מויל בעליידיגענדע ווערטער, געגען דעם אמת און אונטער'ן שויץ, וועגען וועלכען איך האב אייך נאר וואס דערמאהנט. ניין, דעם בונד צווישען אונז וועט איהר נישט צורייסען. איך גלויב אין אייער פלימעניצע'ס אויפריכטיגקייט און עהרע, אייער איינפלוס האט ביי מיר דעם מינדסטען ווערטה נישט. איך פערלאז זי מיט א רוהיג הארץ, זעענדיג זיכער אין איהר טרייהייט, און אהן זארג, אויסער די, וואס איך לאז זי נישט איבער אין צארטערע הענד.

ער האט צוגעדריקט צו זיינע ליפען דעם מיידעל'ס קאלטע האנד, האט ווידער אבגעענטפערט הערדייל'ן מיט א פעסטען קוק און איז ארויס פון הויז.

אין צוויי ווערטער האט ער דזשאַן ערקלערט, וואס ערשט איז געשעהן. זיי האבען זיך געזעצט אויף די פערד און זענען שווייגענדיג און מיט שווערע הערצער אוועקגעריטען צו דער מייפאָל.

דער אלטער דזשאַן האט זיי בעגעגענט אויף דער שוועל.

— ער ליגט שוין אין בעט, — האט ער צו עדוואַרד'ן געזאָגט, — אין'ם בעסטען בעט. אַנ'אמת'ער דזשענטעלמען, דער פריינדליכסטער אין דער וועלט.

— ווער, ווילעט? — האט עדוואַרד געפרעגט.

— אייער הויכגעשעצטער פאטער, סער, אייער געעהרטער, פיעל־געאַכטעטער פאטער.

— וואס מיינט ער דערמיט? — האט עדוואַרד אונרוהיג געפרעגט ביי דזשאָו'ן.

— וואס טאַקע מיינט איהר צו זאָגען, טאַטע? — האט דזשאָו געזאָגט. — איהר זעהט דאָך, אַז מיסטער עדוואַרד פערשטעהט אייך נישט.

— ווי, איהר האט דען נישט געוואוסט דערפון, סער? — האט דזשאָן געזאָגט עפענענדיג ברייט זיינע אויגען. — וועהר מאָדנע! גאָט איז מיט אייך, ער איז דאָך דאָ שוין פון פריה־מאָרגען אָן, און מיסטער הערדייל איז ביי איהם געוועזען מיט א בעזוך, און זיי האָבען געהאַט צווישען זיך אַלאַנגען שמועס.

— מיין פאָטער, ווילעט!

— יאָ, סער, אַזוי האט ער מיר געזאָגט. אַ שענער, שלאַנקער דזשענטעלמען, געפוצט אין גרינס מיט גאָלד. ער געפינט זיך אין אייער אַמאָליגען צימער, סער. איהר קאָנט געוויס אַריינקומען צו איהם, ביי איהם איז נאָך ליכטיג.

עדוואַרד האט געוואָרפען אַ בליק צום פענסטער, האט האַסטיג אַרויסגעמורמעלט עפּיס אַזוינס, אַז ער האט וואס פערגעסען אין דער־היים און מוז גלייך צוריקפאָהרען קיין לאָנדאָן — איז אַרויף אויף זיין פערד און איז שנעל אַוועקגעפאָהרען, איבערלאָזענדיג דעם שיינקער און זיין ווייב אין שטומער ערשטוינונג.

15. אַנ'ערנסט געשפּרעך.

אויף מאָרגען אַרום האַלבען טאָג איז מיסטער טשעסטער געזעסען ביי אַ שפּעטליכען פריהשטיק, אין אַ רייך מעבלירטען צימער ביי זיך אין דער־היים אין לאָנדאָן. דער עלעגאַנטער דזשענטעלמען

האָט איצט געטראָגען אַ מאָרגען־ראָק און שטעקשיך און האָט געהאַלטען אַ צייטונג, אין וועלכע ער האָט פויל אַריינגעקוקט, טרינקענדיג זיין טהיי.

שפּעטער אַ ביסעל האָט זיך די טהיר געעפענט און זיין זוהן עדוואַרד איז אַריינגעקומען. דער פאָטער האָט אַ שמייכעל געטהון און איהם בעגריסט מיט אַ בעוועגונג פון דער האַנד.

— זענט איהר אויפגעלעגט צו אַ קליינעם געשפּרעך, סער? — האָט עדוואַרד געפרעגט.

— געוויס, נעד. איך בין שטענדיג אויפגעלעגט. דו ווייסט דאָך מיין נאַטור. — האָסטו שוין געפריהשטיקט?

— מיט אַ שעה דריי צוריק.

— ווי פריה דו שטעהסט עס אויף! — האָט דער פאָטער געזאָגט, בעטראַכטענדיג איהם מיט אַ שמייכעל.

— דער אמת איז, אַז איך האָב די נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. די אורזאַך פון מיין אונרוהיגקייט מוז אייך זיין בעקאַנט, און וועגען דעם טאַקע וויל איך ריידען.

— מיין ליעבער יונג, פערטרוי זיך מיר מיט'ן גאַנצען האַרצען. אָבער דו ווייסט מיין כאַראַקטער — זיי נישט פראָזאַאיש, נעד.

— איך וועל עס מאַכען קורץ און קלאָר.

— זאָג נישט, אַז דו וועסט — וואָרום אַז דו וועסט זאָגען, וועסטו עס זיכער נישט מאַכען אַזוי. דו האָסט געוואָלט זאָגען —

— גאָר פשוט: איך ווייס, וואו איהר זענט געווען נעכטען ביי־נאַכט — איך בין דאָרט אַליין אויך געווען — און וועמען איהר האָט געזעהן, און וואָס פאַר אַ ציעל איהר האָט דערביי געהאַט.

— טאַקע אַנ'אמת! — האָט דער פאָטער אויסגערופען. — איך בין ענטציקט פון דער נאַכריכט. דאָס וועט אונז פערשפּאָרען אַ לאַנגען שמועס מיט טענות און ערקלערונגען. ביזטו דאָרט געוועזען? פאַרוואָס ביזטו נישט אַרויפגעקומען צו מיר? עס וואָלט מיך זעהר געפרעהט דיך צו זעהן.

— איך האָב געוואוסט, אַז דאָס, וואָס איך האָב צו זאָגען,

איז גלײַכער צו זאָגען נאָך אַ נאַכט ישוב־הדעת, ווען מיר בײדע וועלען ווערען אַ ביסעל אָבגעקיהלט.

— וואָס רעדסטו, נעד — איך בין געוועזען גענוג אָבגעקיהלט הײַנטיגע נאַכט! אָט די פערשאָלטענע אכסניא! דער אַרכיטעקט איהרער האָט זי מיט אַ כּיון אויסגעבויט אַזוי, אַז זי זאָל אַרײַננעהמען אין זיך אַלע ווינדטען און זײַ האַלטען קאַלט. געדענקסט דעם מזרח־ווינד, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געבלאָזען מיט פינף וואָכען צוריק? איך גיב דיר מײַן וואָרט, אַז ער האָט געווילדעוועט אין דער מײַפּאָול די נאַכט, הגם דרויסען איז די לופט געוועזען טויט־רוהיג. אָבער דו האָסט געהאַלטען אין זאָגען —

— אַז איהר האָט מיך אומגליקליך געמאַכט, סער. קאָנט איהר מיך אויסהערען ערנסט אַ קורצע ווײַלע?

— מײַן ליעבער נעד, איך וועל דיך אויסהערען מיט דער גרעסטער געדולד. טהו מיר אַ טובה און דערלאַנג מיר די מילך.

— איך האָב געזעהן מיס הערדייל נעכטען בײַ־נאַכט, — האָט עדוואַרד געזאָגט, ערפילענדיג זײַן וואונש; — איהר פּעטער, נאָך זײַן געשפּרעך מיט אײַך, האָט מיר אין איהר געגענוואַרט פערבאָטען אַרײַנצוקומען צו איהם אין הויז און האָט מיך זאָגאַר אַרויסגעטריבען מיט בעלײדיגונגען, וועלכע איך האָב, ווי איך פערשטעה, אײַך צו פערדאַנקען.

— פאַר די צײַט, ווי אַזוי ער האָט עס געטהון, בין איך נישט פעראַנטוואָרטליך, נעד, איך גיב דיר מײַן וואָרט דערויף. דאָס מוזטו ענטשולדיגען. ער איז אַ חיה, אַ גראָבער נפש, וואָס האָט אין זיך קײן אײדעלקײט נישט.

עדוואַרד איז אויפגעשטאַנען און גענומען אַרומשפּאַנען איבער'ן צימער. זײַן פאָטער האָט זיך אונגעשטערט געזופּט די טהײ פון גלאָז.

— טאַטע, — האָט דער יונגער־מאַן געזאָגט, אָבשטעלענדיג זיך ווידער נעבען טיש, — לאָמיר נישט טרײַבען קײן קאַטאָוועס אין דער דאָזיגער אַנגעלעגענהײט. לאָמיר נישט נאַרען אײנער דעם

צווייטען, און שטוים מיך נישט אָב מיט אַזאַ אונפריינדליכער גלייכגילטיגקייט.

— גלייכגילטיג? זאָג אַליין, מיין ליעבער יונג: מאַכען פינף און צוואַנציג מייל איבער אַ בלאָטיגען וועג — אַ מייפּאָולער מיטאָג — אַ געשפּרעך מיט הערדייל'ן, וואָס דאָס איז גאָר נישט קיין קליינינגקייט — אַ מייפּאָולער בעט — אַ מייפּאָולער ווירטה און אַ מייפּאָולער חברה פון אידיאָטען און צענטווירען*) — דאָס אַלץ גענומען אויף זיך מיט אייגענעם ווילען, הייסט דאָס ביי דיר גלייכגילטיגקייט אָדער, פערקעהרט, פעטערליכע איבערגעבענהייט און געטריישאַפט?

— איך וואָלט וועלען, אידר זאָלט נעהמען אין בעטראַכט, מער, — האָט עדוואַרד געזאָגט, — אין וואָס פאַר אַ שווערער לאַגע איך בין. ליעבענדיג מיט הערדייל, אָט אַזוי ווי איך ליעב זי —

— מיין ליעבער בחור, — האָט דער פאָטער מיט אַ מיטפיהלענדען שמייכעל איבערגעשלאָגען, — עס הויבט זיך גאָר נישט אָן. דו האָסט אין די זאַכען קיין ידיעה נישט. אַזאַ זאַך ווי ליעבע איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ, אויף נאמנות. אָט פערלאָז זיך אויף מיר. דו ביזט דאָך עפּיס אַ מענש מיט פערשטאַנד, ווי קומסטו צו ריידען אַזעלכע נאַרישקייטען. דו איבערראַשט מיך.

— איך זאָג נאָכאַמאָל, — האָט דער זוהן פעסט געזאָגט, — אַז איך ליעב זי. אידר האָט זיך אונטערגענומען אונז צו צושיידען און פאָרלויפיג האָט אידר עס אויסגעפיהרט ביז אַ געוויסער מאָס. קאָן איך האָפען איך איבערצוציהען אויף אונזער זייט, אָדער אידר האָט פעסט בעשלאָסען צו האַלטען אונז ווייט איינעם פון צווייטען, אויב אידר'ט קאָנען?

— מיין ליעבער נעד, — האָט דער פאָטער געזאָגט, נעהמענדיג אַ שמעק טאַבאַק און דערלאַנגענדיג זיין פושקעלע דעם זוהן, — מיין בעשלוס איז פעסט.

— די געשיכטע איז אַזוי, — האָט דער זוהן געזאָגט: —

---

*) לעגענדאַרע בעשעפעניש, האַלב-מענש — האַלב-פערד.

באם קולט. צענטר
טאנטרעאל

זינט איך האָב זי דערקענט, איז פאַר מיר די צייט אַוועק ווי אין אַ חלום, און איך האָב אפילו נישט בעוויזען אַ טראַכט צו טהון, אין וואָס פאַר אומשטענדען איך געפין זיך. וואָס זענען דאָס פאַר אומשטענדען? פון מיין קינדהייט אָן בין איך ערצויגען אין רייכטום און געוועהנט צו לוקסוס און לייריג-געהן, פונקט ווי אונזער פערמעגען וואָלט געווען זעהר גרויס. צום געדאַנק וועגען רייכטום האָט מען מיך צוגעוועהנט פון וויגעל אָן, אָבער אויף די מיטלען, מיט וועלכע מענשען קומען צו עשירות, האָט מען מיך געלערנט קוקען ווי אויף אַ זאַך, וואָס איז אונטער מיין ווירדע. מ'האָט מיך ערצויגען און געבילדעט, ווי מ'רופט עס, פריי, און איצט טויג איך צו קיין זאַך נישט, אַזוי אַז איך בין אינגאַנצען אָבהענגיג פון אייך. איצט, אין אַזאַ וויכטיגער לעבענס-פראַגע, זענען מיר נישט איינפערשטאַנען, און עס זעהט נישט אויס, מיר זאָלען זיך ווען עס איז קאָנען צונויפריידען אין דעם פונקט. איך, פון מיין זייט, האָב זיך אינסטינקטיוו געהאַלטען ווייט פון די מענשען, צו וועמען אידר האָט מיר געראַטען זיך דערנעהנטערן, און פון אייערע פלענער אויף צו ערווערבען זיך אַ פערמעגען. אויב מיר האָבען ביז איצט קיינמאָל נישט גערעדט אַזוי אָפען, סער, איז עס נישט מיין שולד. אויב איך רייד איצט אַ ביסעל צו-קלאָר, איז עס מיט'ן צוועק — גלויבט מיר, טאַטע — צו מאַכען אונזערע בעציהונגען פון היינט אָן און ווייטער פרייער און האַרציגער.

— מיין גוטער יונג, — האָט דער פאָטער שמייכלענדיג געזאָגט, — דו האָסט מיך לחלוטין געריהרט. רייד ווייטער. געדענק אָבער, וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט. דו רעדסט ווירקליך זעהר ערנסט און אויפריכטיג, נאָר איך האָב מורא, אַז איך בעמערק אין דיר אַ לייכטע נייגונג צו פראַזע.

— עס טהוט מיר זעהר לייד, סער.

— מיר אויך, נעד, אָבער דו ווייסט דאָך, אַז איך קאָן נישט האַלטען מיין אויפמערקזאַמקייט צו-לאַנג אויף איין ענין. דו זאָגסט מיר גלייך דעם שפיץ, אויף דאָס איבעריגע וועל איך זיך שוין

אליין שטויסען. זיי אזוי פריינדליך און גיב מיר נאכאמאל די מילך, אז איך הער עמיצען אוים מוז איך ווערען דארשטיג.

— וואס איך וויל אויספיהרען איז פאלגענדעס: איך קאן און וויל מעהר נישט בלייבען אבהענגיג אפילו פון אייך. איך האב פערלוירען פיעל צייט און געלעגענהייטען, אבער מ'קאן עס נאך אפשר פערריכטען. ווילט איהר מיר געבען די מעגליכקייט אנצע־ווענדען די פעהיגקייטען, וועלכע איך פערמאג, אויף עפּיס א ווי־דיגע זאך, דורכצושלאגען פאר זיך אן'ארענטליכען וועג אין לעבען? איך וועל נעהמען אויף זיך א געוויסע צייט — לאמיר זאגען פונף יאהר — נישט צו דערמאהנען וועגען דעם ענין, און וועלכען מיר זענען נישט איינפערשטאנען. פאר די צייט וועל איך זיך בעמיהען צו שאפען פאר זיך א שטעלונג אין לעבען, כדי נישט פאלען אויף אייך צו לאסט. ווילט איהר דערין בעהילפיג זיין?

— מיין ליעבער נעד, — האט דער פאטער געזאגט, אוועק־לעגענדיג די צייטונג. — איך גלויב, אז דו ווייסט, ווי פיינט איך האב צו ריידען וועגען זאכען, וועלכע מ'רופט געוועהנליך פאמיליען־אנגעלעגענהייטען. זיי פאסען מעהר פאר'ן פראסטען עולם, נישט פאר מענשען פון אונזער גראד. נאר אזוי ווי דו לעבסט לחלוטין אין טעות, וועל איך זיך בעמיהען דיר קלאר צו מאכען די לאגע. הער: דיין יחוס האסטו מיר צו פערדאנקען; דיין מוטער, הגם זי איז געוועזען א פיינע פרוי, האט זיך נישט געהאט מיט וואס צו בע־ריהמען אין דעם פרט.

— איהר פאטער איז געוועזען א בעריהמטער אדוואקאט, סער, — האט עדווארד געזאגט.

— גאנץ ריכטיג, נעד. ער איז געוועזען זעהר אנגעזעהן אין דער יוריסטישער וועלט, האט געהאט א גרויסען נאמען און א גרויס פערמעגען. ער האט זיך אבער דערהויבען דערצו פון זעהר נידריגען שטאנד — איך האב זיך געמאכט שטענדיג נישט וויסענדיג, אבער איך האב מורא, אז זיין פאטער האט געהאנדעלט מיט ווארשט און חזיר־שמאלץ. אלזא, האט ער געזוכט זיך איינצוקויפען אין יחוס און האט זיינס דערגרייכט. איך בין געוועזען דער יונגערער זוהן

פון א יונגערן זוהן, האב איך זיין טאכטער געהייראט. יעדערע פון אונז האט דערגרייכט זיין צוועק. זי איז אריינגעטראטען אין די בעסטע קרייזען, און איך — אין א גרויס פערמעגען, וועלכעס איך האב זעהר נויטיג געהאט, דו מעגסט מיר גלויבען, פאר מיין בעקוועמליכקייט. איצט, מיין ליעבער, איז דאס דאזיגע פערמעגען א געוועזענע זאך. שוין א יאהר אכטצעהן, נייצעהן, אז עס האט זיך אויסגעשעפט. איך לעב אויף א אונבעדייטענדע הכנסה און אויף מיין אמאליגע גרויסע רעפוטאציע.

— איהר שפאסט מיט מיר, סער!

— א האר אויך נישט, — האט דער פאטער געלאסען געענטפערט. — דער ענין איז אזוי טרוקען, אז ער ערלויבט גאר נישט אזא לוקסוס. דערפאר טאקע האב איך אזוי נישט ליעב אזעלכע ענינים. מילא, דאס איבעריגע ווייסטו שוין. א קליין קינד איז א אונבעקוועמע זאך, א גרויסע מניעה אין לעבען. איך האב דיך דעריבער געלאזען ערציהען ווייט פון מיר און האב זיך מיט דיר געזעהן נור זעהר זעלטען. ענדליך ביזטו געקומען אהיים. איך זאג דיר אפען, מיין ליעב קינד, אז ווען דו וואלסט געווען א וועלכער אונגעשיקטער, איבערגעוואקסענער בחור, וואלט איך דיך אוועקגעשיקט אפילו אין עק וועלט.

— הלואי וואלט איהר עס געטהון, סער, איך וויגש עס פון גאנצען הארצען.

— ניין, דו ווינשט עס נישט, נעד, — האט דער פאטער קאלטבלוטיג געזאגט, — דו האסט א טעות. איך האב דיך געפונען פאר א שענעם, עלעגאנטען יונג און האב דיך אריינגעווארפען אין די געזעלשאפט, אין וועלכער איך הערש נאך פארלויפיג. דערמיט, דענק איך, האב איך גענוג געטהון פאר דיר, און פערלאז זיך איצט, אז דו וועסט וואס טהון פון מיינעטוועגען.

— איך פערשטעה נישט אייער מיין, סער.

— מיין מיין ליעגט אויבען-אויף: דו דארפסט האנדלען ווי איך האב געהאנדעלט — טהון א רייכען שדוך.

— זיך פערקויפען פאר געלד! — האט דער זוהן אויסגעשריען.

— אז אסור, אויב איך ווייס, וואס דו ווילסט, נעד! אלע מענשען פערקויפען זיך פאר געלד. דאס געריכט, די קירך, דער הויף, דאס שלאכט־פעלד — דאס אלץ איז געפאקט מיט מענשען, וואס פערקויפען זיך. און אויב דו ביזט שוין אזוי מאראליש, קאנסטו זיך טרייסטען דערמיט, אז דיין אופן פון געלד־מאכען קאן אומגליקליך מאכען בלויז איין מענשען, ווערענד די אלע אנדערע טרעטען אויף הונדערטער און טויזענדער נפשות.

דער יונגער־מאן האט אנגעשפארט דעם קאפ אויף זיין האנד און האט נישט געענטפערט.

— עס טהוט מיר הנאה, — האט דער פאטער פארטגעזעצט, — וואס דו האסט געבראכט צו דעם געשפרעך. פון איצט אן וועלען מיר זיך בעסער פערשטעהן איינער דעם צווייטען, הגם איך ווייס נישט, ווי אזוי דו האסט ביז איצט געקאנט האבען אנדערע געדאנקען וועגען דעם דאזיגען ענין. איך בין געוועזען איבערצייגט, אז מיר האבען זיך דא שווייגענדיג פערשטענדיגט.

— איך האב געוואוסט, אז אידר זענט פעראיינגט, נאר אויף אזוי פיעל האב איך זיך נישט געקאנט פארשטעלען. מיין ערציהונג און דאס ברייטע לעבען, וואס מיר פיהרען, האט מיך אראבגעשלאגען פון וועג.

— דו רעדסט ווי א קינד. דיין ערציהונג מאכט מיר עהרע. און וואס אנבעלאנגט דאס לעבען, וואס איך פיהר, מוז איך פיהרען אזא לעבען. איך בין צו דעם אלעם געוועהנט און קאן אהן דעם נישט אויסקומען. און וועגען אונזערע געשעפטען קאנסטו זיין רוהיג: ערגער קאנען זיי שוין נישט זיין. דו אליין געהסט אויך נישט ארוים אין גאס ווי א שלעפער, און אונזער גאנצע הכנסה קלעקט קוים אויף אונזערע קליינע הוצאות. אונזערע חובות זענען ווירקליך זעהר גרוים, און דו, אלס עהרליכער מענש, דארפסט זיך טאקע בעמיהען זיי צו דעקען וואס שנעלער.

— און אונטער אזעלכע אומשטענדען האב איך זיך ערלויבט

צו געווינען עממאַ'ס האַרץ! — האָט עדוואַרד מיט וועהמוט גע־זאָגט. — הלואי וואָלט איך בעסער פריהער געשטאָרבען!

— עס פרעהט מיך צו הערען, נעד, אַז דו זעהסט שוין איין די אונמעגליכקייט פון אַ פעראייניגונג צווישען איך. נאָר אויסער אַלעם, וואָלט איך וועלען, דו זאָלסט קוקען אויף די גאַנצע זאַך אַ ביסעל פרעהליכער. שוין פון רעליגיעזען שטאַנדפונקט אַליין, ווי האָסטו גאָר געקאָנט ערנסט דענקען צו הייראַטען אַ קאַטוילישע מיידעל, סיידען זי וואָלט זיין זעהר רייך? מיר דאַרפען זיין מאָראַליש, אויב ניכט — זעגען מיר גאָרנישט ווערטה. נאָר אויסערדעם, ווי פאַלט דיר איין צו הייראַטען אַ מיידעל, וואָס איהר פאָטער האָט מען דער'הרג'עט, צוהאַקט ווי פלייש! וואָס פאַר אַ דרך־ארץ קאָנסטו האָבען פאַר דעם אָנדענקען פון דיין שוועהר אונטער אַזעלכע אומשטענדען! בעדענקען נור, ווי די געשוואָרענע האָבען איהם ,,בע־טראַכט", ווי דער פאָרשונגס־ריכטער האָט איהם ,,אונטערזוכט", און אינגאַנצען דיין צווייפעלהאַפטע לאַגע אין דער פאַמיליע נאָך אַזאַ געשיכטע! ניין, איך בין ממש איבערצייגט, אַז דאָס מיידעל וואָלט בעדאַרפט געטויט ווערען פון דער מלוכה, כדי קיינער זאָל מיט איהר נישט חתונה האָבען. אָבער איך פערשאַף דיר אפשר שמערצען, נעד, ווילסט פילייכט בלייבען אַליין? איך פערלאָז דיך זעהר גערן, מיין ליעבער נעד. זאָל דיך גאָט בענשען. איך געה אַוועק, אָבער מיר'ן זיך זעהן אין אָווענד אָדער מאָרגען. און היט דיין געזונד, נעד, דיין פערזאָן איז פאַר מיר זעהר, זעהר וויכטיג.

דער פאָטער האָט זיך פערפוצט און איז אַרוים פון הויז. דער זוהן איז געבליבען זיצען פערוואָלקענט און פערזונקען אין געדאַנקען.

---

16. דער שרעקליכער בעזוכער

צווישען די גנבים, באַנדיטען און אַלערליי פערברעכער, מיט וועלכע לאָנדאָן איז געוועזען פול אין יענע צייטען, האָט זיך בעוויזען אַ נייער פאַרשוין, וועלכען קיינער האָט נישט געקענט און פאַר וועמען עס האָבען זיך עפּיס ווי געשראָקען אפילו די געפעהרליכסטע

בעזוכער פון א פינסטערן שווינקעל, וואוהין די פאליציי האט מורא געהאט אריינצושמעקען.

ווער איז דער דאזיגער פארשוין און פון וואנען קומט ער? אומזיסט האבען זיך די געסט פונ'ם שווינקעל געבראכען די קאפ — קיינער האט עם נישט געוואוסט. קיין שפיאן איז ער נישט געווען, דען ער האט זיך אויף קיינעם נישט אומגעקוקט, האט זיך קיינמאל נישט צוגעהערט צו די געשפרעכען און האט אליין מיט קיינעם נישט גערעדט. אין די אווענדען פלעגט ער זיך בעווייזען אין שווינקעל, אויפעסען אויף שנעל און זשעדנע אנ'ארימען מאהלצייט, זיך ווארימען א ביסעל בייַם פייער און פערשווינדען, ווי א רויך. די, וואס האבען אידם צופעליג בעגעגענט ערגיץ אין די גאסען, האבען בעמערקט אין אידם דיזעלבע צוטראגענקייט: שטענדיג איז ער ערגיץ-וואו געלאפען, האט זיך געאיילט, געיאגט, ווי פערפאלגט פון בייזע גייסטער. אט די אונרוהיגקייט און דאס יאגען זיך האבען בעשאפען גאנצע לעגענדען וועגען אידם. מ'האט דערצעהלט, אז מ'האט אידם געזעהן אין פערשיעדענע פלעצער, ווייט איינער פון צווייטען, אין איין און דערזעלבער צייט, און אייניגע האבען געדרונגען, אז דער מענש מוז בעזיצען עפיס אזעלכע איבער-מענשליכע פעהיגקייטען און קרעפטען. און אפטמאל, דערצעהלענדיג וועגען אידם פערשיעדענע מעשות, פלעגען זיי פלוצים דער-זעהן אידם זיצען דערנעבען.

ענדליך האט זיך איינער פון דער הויכגעשעצטער קאמ-פאניע בעשלאסען זיך ווענדען מיט פראגען צום אונבעקאנטען אליין, און אין א געוויסען אווענד האט ער צום פרעמדען געזאגט:

— א פינסטערע נאכט, מייסטער.

— יא, גענוג פינסטער, — האט יענער געענטפערט, עסענ-דיג זיין וועטשערע.

— נאך פינסטערער ווי נעכטען, הגם נעכטען איז אויך גע-ווען נישט גאט ווייסט ווי ליכטיג. האב איך אייך נישט בעגע-גענט, אפטמאל, אויף אקספארדער וועג?

— אפשר יא. איך ווייס נישט.

— זייט אַ ביסעל ריידעוודיגער, מייסטער! מ'דערצעהלט דאָ אַרום, אַז איהר האָט פערקויפט אייער נשמה צום טייוועל. איז עס אמת?

— מיר אַלע האָבען פערקויפט אונזערע נשמות צום טייוועל, נישט וואָהר אפשר? — האָט דער פרעמדער געענטפערט. — אונזערע לייט זאָלען נישט זיין אין אַזאַ גרויסער צאָהל, וואָלט ער אפשר געגעבען אַ בעסערן פּרייז.

— אייערע געשעפטען זענען, קענטיג, נישט אַזוי פוינעל־דיג, — האָט יענער געזאָגט, בעטראַכטענדיג זיין אָבגעטראָגען, אונגעוואַשען פּנים און די צוריסענע קליידער. — נאָר אַראָבפאַלען ביי זיך דאַרף מען נישט. זייט פרעהליכער, מייסטער, און זינגט אונז עפּיס אַ פיין זמר'ל!

מיט די ווערטער האָט ער איהם אַ פּאַטש געטהון איבער דער פּלייצע.

— זינגט אַייך, אויב איהר ווילט, — האָט דער פרעמדער געענטפערט און אַראָבגעשלײַדערט יענעמס האַנד פון זיך. — און קריכט נישט מיט העַנד, אויב איהר זענט נישט קיין שוטה. איך טראָג ביי זיך געווער, וואָס געדט אין די אַרבייט ווען לייכט, אַזאַ טבע האָט עס שוין.

— איהר סטראַשעט, וואָס?

— יאָ, — האָט דער פרעמדער געזאָגט און האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַזאַ בליק אַרום, ווי ער וואָלט ערוואַרטען אַן אָנפאַל פון אַלע אַרומיגע.

דאָס האָט געמאַכט אַ רושם. דער עולם איז געבליבען שטום.

— איך בין דאָס, וואָס איהר אַלע זענט, און לעבט, ווי איהר לעבט, — האָט דער אונבעקאַנטער נאָך אַ קורצער פויזע געזאָגט. — איך בעהאַלט זיך דאָ, פונקט אַזוי ווי איהר, און אויב מ'וואָלט אונז דאָ געפּאַקט, וואָלט איך זיך געשטעלט אַנטגעגען נישט ערגער פון אייך. איך פערלאַנג אָבער, מ'זאָל מיך לאָזען צו־רוה, און אויב מ'וועט עס נישט טהון — דאָ האָט ער צוגעגעבען אַ דונערדיגע

קללה — וועט דאָ פּאַרקומען עפּיס בייזעס, הגם איהר זענט צוואַנציג געגען איינעם.

זיין גאַנצע האַלטונג האָט געמאַכט אויף די אַרומיגע אַזאַ איינדרוק, אַז זיי האָבען איהם ווירקליך געלאָזען צו-רוה. שפּעטער אַ ביסעל, אַז מ'האָט זיך ווידער אָן איהם דערמאָהנט, האָט מען איהם שוין אין שיינקעל נישט געפונען.

דער אומבעקאַנטער האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסען. עטליכע מאָל איז ער געווען נעבען גאַבריעל וואַרדען'ס הויז, וועלכעס איז געווען געשלאָסען און אומבעלויכטען, ווייל די משפחה איז נישט געווען אין דער-היים. דערנאָך איז ער אַריבער די „לאָנדאָנער בריק" און האָט זיך פערטיעפט אין די קרומע געסלעך פון דער פאָרשטאָדט סאַוטוואַרק. אין איינעם פון די געסלעך האָט ער אָנגעיעגט עפּיס אַ פרויען-פיגור, און אַזוי שנעל ווי ער האָט זי בעמערקט, האָט ער זיך בעהאַלטען אין אַ טויער, האָט זי געלאָזען פאַרבייגעהן און דערנאָך גענומען איהר נאָכגעהן פון ווייטען.

זי האָט בעזוכט עטליכע קראָמען, איינקויפענדיג מסתמא פערשיעדענע חפצים פאַר איהר הויז, און ער האָט זי די גאַנצע צייט נישט אָפּגעלאָזען פון אויג און איז איהר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטען. ענדליך האָט ער זיך פערקעהרעוועט אין אַ זייטיג, פינסטער געסעל, האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבען אַ הויז און אַרויסגענומען אַ שליסעל. אין דעמזעלבען אויגענבליק האָט זי איהם דערזעהן, שטעהענדיג האַרט נעבען איהר.

דאָס איז געווען די אלמנה, מיסעס ראָדזש.

ער האָט איהר צוגעמאַכט דאָס מויל מיט זיין האַנד, אָבער דאָס איז געווען איבעריג, דען זי איז אַזוי אויך געבליבען אָהן לשון, נישט פעהיג אַרויסצולאָזען דעם מינדסטען קלאַנג פון האַלז.

— איך האָב דיך לאַנג געזוכט, — האָט ער געזאָגט. — דאָס הויז איז ליידיג? ענטפער: פאַראַן דאָרט עמיצער?

זי האָט נישט געקאָנט אַרויסברייגען קיין איינציג וואָרט.

— מאַך אַ צייכען.

זי האָט געמאַכט אַ צייכען מיט דער האַנד, אַז קיינער איז

אין הויז נישטאָ. ער האָט גענומען דעם שליסעל, האָט אויפגע־שלאָסען די טהיר און זי אריינגעטראָגען אינווייניג. דערנאָך האָט ער פערשלאָסען די טהיר הינטער זיך.

ער האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען פייער און גענומען זיך וואַרימען. זי האָט פערשטעלט איהרע אויגען מיט די הענד, ווי זי וואָלט מורא האָבען צו קוקען אויף איהם.

— די וואוינונג איז דיינע? — האָט ער נאָך אַ לאַנגען שווייגען געפרעגט.

— מיינע. אום גאָטעס ווילען, צו וואָס קומסטו אַהער?

— גיב מיר עסען און טרינקען, — האָט ער גראָב געזאָגט, — ווארום איך קאָן טהון נאָך ערגערס. איך בין דערפרוירען און הונ־געריג. איך מוז האָבען וואַרימקייט און שפייז, און וועל עס דאָ בעקומען.

— די ביזט געווען דער רויבער אויפ'ן וועג פון טשיגוועל.

— איך.

— און שיער נישט בעגאַנגען דאָרט אַ מאָרד.

— קיין חשק האָט ביי מיר נישט געפעהלט. איינער איז אָנ־געקומען און געמאַכט אַ געפּילדער, און ער וואָלט מאוס אָבגעשני־טען, ווען ער וואָלט נישט זיין אַזוי פלינק. איך האָב אויף איהם געשליידערט מיין מעסער.

— אויף איהם האָסטו געשליידערט דיין מעסער! — האָט זי אויסגעשריען, אויפהויבענדיג די אויגען צום הימעל. — אָ, גאָט, דו הערסט און האָסט געזעהן!

ער האָט אַ קוק געטהון אויף איהר און איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

— היט זיך! — האָט זי אויסגעשריען שטיל, אָבער פעסט. — ריהר מיך נישט אָן אַפילו מיט אַ פינגער, אויב נישט ביזטו אַ פער־פאַלענער!

— הער! — האָט ער געענטפערט. — אין דער צורה פון אַ מענשען לעב איך ווי אַ גערודפ'טע חיה. איך בין אַ מענש מיט אַ גוף, און פיהר אַ לעבען ווי אַ גייסט, ווי אַ שאָטען, וואָס אַלע

הייכען פון איהם, אויסער די פערשאָלטענע ברואים פון אַנ׳אַנדער וועלט, וועלכע פערלאָזען מיך קיינמאָל נישט. הער-זשע: זיסען זאָלסטו זיין, אַז אין מיין פערצווייפלונג היינטיגע נאַכט האָב איך קיין מורא נישט פאַר קיין זאַך אין דער וועלט. מאַך אַ געוואַלד, שריי-אויס, טרייב מיך אַרויס. טשעפּען דיך וועל איך נ י ש ט, אָבער לעבעדיג וועט מען מיך דאָ נישט פאַנגען. אָט דאָ וועל איך בלייבען טויט, און זאָל מיין בלוט פאַלען אויף דיר און אַלע דיינינע, אין נאָמען פונ׳ם שׂטן, וואָס פיהרט מענשען צו זייער אונטערגאַנג!

און ריידענדיג האָט ער אַרויסגענומען אַ פּיסטאָלעט און האָט איהם פעסט פערדריקט אין זיין האַנד.

— נעהם אַוועק פון מיר דעם דאָזיגען מענשען, גוטער גאָט! — האָט די אלמנה אויסגעשריען. — גיב איהם איין מינוט אויף חרטה און תשובה און שלאָג איהם טויט!

— ער האָט עס נישט ברעה צו טהון, — האָט ער געזאָגט, — ער איז טויב. גיב מיר עסען און טרינקען, אויב נישט טהו איך וואָס איך האָב געזאָגט.

— וועסטו אַוועקגעהן, אַז איך וועל עס טהון? וועסטו מיך פערלאָזען און קיינמאָל צוריק נישט קומען?

— איך זאָג קיין זאַך נישט צו, — האָט ער געענטפערט, זעצענדיג זיך צום טיש, — אויסער דאָס, אַז איך וועל טהון ווי איך האָב געזאָגט, אויב דו פערראַטסט מיך.

זי האָט אַרויסגענומען פון בופעט קאַלט פלייש און ברויט און האָט איהם דערלאַנגט. ער האָט זיך געהייסען געבען בראַנפען און וואַסער, און זי האָט דעם וואונש אויך ערפילט. און די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט געגעסען, האָט זי זיך געהאַלטען ווייט פון איהם, נאָר זי האָט פון איהם נישט אַראָבגענומען קיין אויג.

ער האָט געגעסען זשעדנע, ווי אַנ׳אויסגעהונגערטע חיה. אַז ער האָט געענדיגט, האָט ער ווידער צוגערוקט זיין שטוהל צום פייער און זיך געזעצט וואַרימען.

— איך בין אַ פערשטויסענער, — האָט ער געזאָגט, — אָהן

אַ דאַך איבערן קאָפּ, און די שפּייז, פון וועלכער אַ בעטלער וואָלט זיך ענטזאָגט, איז פאַר מיר אָפּטמאָל אַ געשמאַקער ביסען. דו לעבסט זיך דאָ אַ גוטען טאָג. וואוינסט דאָ אַליין?

— ניין, — האָט זי קוים געענטפערט.

— ווער וואוינט עס דאָ?

— איינער — אַלץ איינס ווער. גיה בעסער אַוועק, ער קאָן אָנקומען און דיך דאָ טרעפען. וואָס זיצסטו דאָ?

— דאָ איז וואַרים, — האָט ער געזאָגט, האַלטענדיג די הענד געגען פייער, — דאָ איז גוט און וואַרים. ביזטו אפשר גאָר רייך?

— נעהר, — האָט זי שוואַך געענטפערט, — איך בין זעהר רייך.

— וועניגסטענס, ביזט נישט גאָר אָהן אַ פּרוטה ביי דער נשמה. דו האָסט אַ ביסעל געלד. האָסט היינט עפּיס איינגעקויפט?

— איך האָב אַ קלייניגקייט. עטליכע שילינג אַרום און אַרום.

— גיב מיר דיין בייטעלע. דו האָסט עס געהאַלטען אין די הענד דאָרט ביי דער טהיר. גיב עס מיר אַוועק.

זי האָט געפאָלגט. בעת ער האָט געצעהלט דאָס געלד, האָט זי זיך פּלוצים געגומען צו־הערען צו עפּיס און האָט זיך אַלאַז געטהון צו איהם.

— נעהם אַלץ, וואָס דאָרט איז פאַרהאַן, און גיה אַוועק, איידער עס איז צו־שפּעט. איך האָב געהערט טריט דרויסען. שנעלער, גיה פון דאַנען.

— וואָס הייסט עס?

— פרעג נישט קיין שאלות. איך וועל נישט ענטפערן. אַט ווי איך האָב מורא דיך אָנצורירען מיט מיינע הענד, וואָלט איך דיך אַליין אַרויסגעשטופּט, וואָלט איך נור געהאַט גענוג קרעפטען דערצו. אַנטלויף פון דאַנען.

— אויב דרויסען זענען פאַרהאַן שפּיאָנען, בין איך דאָ זיכערער פון געפאַהר, — האָט ער געזאָגט, טויט פון שרעק. — איך בלייב דאָ, ביז די סכנה וועט פאַריבער.

— צו־שפּעט! — האָט זי ווילד אויסגעשריען. — הערסט

די טריט? ציטערסטו פאר זיי?! דאס איז מיין זוהן, מיין משוגע׳נער זוהן!

עס האט זיך געלאזט הערען א שווערער קלאפ אן טהיר. זי האט געקוקט אויף איהם און ער — אויף איהר.

— זאל ער אריינקומען, — האט ער הייזעריג געזאגט. — איך האב פאר איהם װעניגער מורא, איידער פאר די פינסטערע, היימלאזע נאכט. ער קלאפט ווידער. לאז איהם אריין.

— ניין, — האט זי געענטפערט, — מיין גאנץ לעבען האב איך זיך געשראקען פאר אט די מינוט. איהם װעט טרעפען אנ׳אומגליק, אויב איהר ביידע װעט זיך בעגעגנען אויג אין אויג. מיין אומגליקליך יונגעל! א, גוטע מלאכים, איהר ווייסט דאך דעם אמת, — פערנעהמט דאס געבעט פון אנ׳אומגליקליכער מוטער און פערהיט מיין קינד פון קענטשאפט מיט דעם מענשען!

— ער רייסט די לאדען! — האט ער אויסגעשריען. — ער רופט דיך. א, די שטים, דאס געשריי! דאס האט ער זיך געראנגעלט מיט מיר אויפ׳ן וועג, — ער, ער, נישט וואדר?

זי האט זיך אראבגעלאזען אויף די קניה, און איהרע ליפען האבען זיך בעוועגט, אבער קיין קול האט מען פון איהר נישט געהערט. וועהרענד ער האט געקוקט אויף איהר, נישט וויסענדיג וואס צו טהון און וואוהין זיך צו ווענדען, האט מען פון דרויסען אויפגעריסען דעם לאדען. ער האט קוים בעוויזען צו חאפען א מעסער פון טיש, אריינרוקען עס אין ארבעל פון זיין ראק און זיך בעהאלטען אין שאפע, און דאס אלץ בליץ־שנעל — אלס בארנעבי האט אנגעקלאפט אן א שויב און האט האסטיג ארויפגערוקט די ראהם פון פענסטער.

— הא, ווער קאן עס האלטען דרויסען גריפ׳ן און מיך! — האט ער אויסגעשריען, אריינשטעקענדיג דעם קאפ און ארומקוקענדיג דאס צימער. — מאמע, ביזט דא? ווי לאנג דו לאזט אונז נישט צו צום פייער און ליכט!

17. פָּאטֶער און זוהן.

זי האָט אַרויסגעשטאַמעלט עפּיס אַ תּרוץ און האָט אויסגעשטרעקט איהר האַנד צו איהם. אָבער באַרנעבי איז לייכט אַראָפּגעשפּרונגען פון פענסטער אָהן איהר הילף, האָט אַרומגענומען איהר האַלז און האָט זי בעדעקט מיט קושען.

— מיר זענען געווען אין פעלד, מאַמע — געגאַנגען אין וואַלד, געקלעטערט איבער פּלויטען, געגליטשט זיך באַרג אַראָב, אַרויף און אַראָב — אַרויף און אַראָב. דער ווינד האָט געבלאָזען, און די בוימער האָבען זיך געבויגען פון שרעק, — פון שרעק, און גריפּ — חאַ־חאַ — דער בראַווער גריפּ האָט נישט קיין מורא, און אַז דער ווינד קעדרט איהם איבער אין שטויב, פּיקט ער און בייסט איהם, און בילט ווי אַ הונד — חאַ־חאַ!

דער ראָב, זיצענדיג אין קאָרב ביי זיין חבר אויפ'ן רוקען, האָט דערהערט זיין נאָמען און אויסגעדריקט זיינע געפיהלען מיט אַ שאַרפען קרעה, דערנאָך האָט ער איבערגעזאָגט אַלע מימרא'ס, וואָס ער האָט געקענט, מיט פערשיעדענע קולות, אַזוי אַז עס האָט געקלונגען ווי אַ גאַנצע מחנה מענשען וואָלט געפילדערט אין צימער.

— און ער היט מיך אַזוי! — האָט באַרנעבי געזאָגט. — ווען איך מאַך זיך שלאָפענדיג, וואַכט ער איבער מיר און לערנט זיך אין דער שטיל נייע ווערטער. און דערזעהט ער, אַז איך שלאָף נישט און לאַך, ווערט ער אַנטשוויגען. ער וויל נישט, איך זאָל וויסען, ביז ער קען זיי גוט.

דער ראָב האָט ווידער אָבגעקרעהט, ווי ער וואָלט וועלען זאָגען: „אַזוי איז מיין דרך, און איך ריהם זיך דערמיט".

באַרנעבי האָט דערווייל פערשלאָסען דאָס פענסטער און האָט זיך געוואָלט זעצען ביים פייער מיט'ן פּנים צו דער שאַפע, נאָר די מוזנער האָט האַסטיג פערנומען דעם פּלאַץ און האָט איהם אָנגעוויזען צו זעצען זיך געגענאיבער.

— ווי בלייך דו ביזט היינט! — האָט ער געזאָגט. — מיר

האָבּען געטהון שלעכט, גריפּ, מיר האָבּען איהר אַנגסטען פער־שאַפט!

נאָך וואָס פאַר אַנגסטען! דער פרעמדער האָט געהאַלטען האַלב אָפען די טהיר פון דער שאַפע און בעטראַכט איהר זוהן. גריפּ האָט פון זיין קאָרב אַרויס געקוקט אויפ'ן פרעמדען מיט אַ פינקלענדיג אויג.

— ער פּאַטשט מיט די פליגעל, ווי פרעמדע וואָלטען דאָ געווען! — האָט באַרנעבּי געזאָגט און אומגעקעהרט דעם קאָפּ אַזוי שנעל, אַז ער האָט שיער נישט דערזעהן דעם פרעמדען, וועלכער האָט שנעל פערמאַכט די טהיר. — נאָר גריפּ איז צו־קלוג אַזוינס צו מיינען. שפּרינג אַרויס, גריפּ.

דער פויגעל איז אַרויסגעשפּרונגען פון קאָרב. אַז באַרנעבּי האָט אַוועקגעשטעלט דעם קאָרב אין אַ ווינקעל, האָט גריפּ פער־מאַכט דאָס דעקעל און איז אַרויסגעשפּרונגען דערויף. איצט איז ער געווען זיכער, אַז ער האָט עס געמאַכט אונמעגליך פאַר וועמען עס איז צו פערשליסען אידם דאָרט נאָכאַמאָל, און פאַר שמחה האָט ער אַרויסגעלאָזען אַ רייהע קנאַקענדיגע קלאַנגען, ווי מ'ציהט בּראָפּקעס פון פלעשער, און פערבּיסען מיט עטליכע הורא־געשרייען.

— מאַמע, — האָט באַרנעבּי געזאָגט, — איך וועל דיר דער־צעהלען, וואו מיר זענען היינט געווען און וואָס מיר האָבּען געטהון. אָבּער מ'איז סוד, זאָלסט קיינעם נישט אויסזאָגען. וואָס קוקסטו דאָרט הינטער מיר?

— ווער קוקט דען? — האָט זי געזאָגט מיט אַ שוואַכער שטימע. — איך האָב, דאַכט זיך, נישט געקוקט. קום נעהנטער צו מיר.

— דו האָסט מורא! — האָט באַרנעבּי געזאָגט, און די פאַר־בען האָבּען זיך געביטען ביי אידם אין געזיכט. — מאַמע, זעהסטו נישט —

— וואָס?

— איז דאָ אַרום נישטאָ עפּיס וועגען אָט דעם? — האָט ער שטיל געזאָגט, דריקענדיג מיט שרעק דעם רויטען צייכען אויף זיין האַנד. — איך האָב מורא, עס איז פאַרהאַן ערגיץ דאָ דער־

געבען. מײַנע האָר שטעלען זיך קאַפּויר. ס'איז דאָ אין צימער, ווי איך האָב עס געזעהן אין חלום, שפּריצענדיג אויף די ווענד און דעם באַלקען מיט רויטען? זאָג — זאָג, עס איז דאָ?!

ער האָט אָנגעהויבען ציטערן און פערמאַכט די אויגען. אין עטליכע מינוט אַרום האָט ער די אויגען ווידער געעפענט.

— עס איז שוין אַוועק?

— עס איז גאָרנישט געווען, — האָט די מוטער אידם בערוהיגט און געגלעט. — גאָרנישט, טײַערער באַרנעבי. זעהסט, נישטאָ דאָ קײנער, אויסער אונז בײדען.

ער איז געוואָרען רוהיגער און האָט אויסגעבראָכען אין אַ ווילד געלעכטער.

— אָבער וואַרט, — האָט ער פּלוצים פערטראַכט געזאָגט, — מיר האָבען גערעדט? איך און דו? וואו זענען מיר געווען?

— אין ערגיץ נישט. דאָ זענען מיר געווען.

— יאָ, אָבער יו און איך, — האָט באַרנעבי געזאָגט, — יאָ, אָט דאָס איז עס. יו פון דער מײַפּאָול און איך אין גריפּ — זענען געלעגען אין וואַלד, געבען וועג, און יו'ס הונד מיט הינד, גרייט צו פּאַקען דעם מאַן, ווי נאָר ער וועט זיך בעווייזען.

— וועלכען מאַן?

— דעם רויבער; יענעם, צו וועמען די שטערען האָבען געוואונקען. מיר האָבען אידם אָבגעוואַרט אַ סך נעכט, און מיר'ן אידם פּאַקען. איך וואָלט אידם דערקענט צווישען טויזענד. זעה, מאַמע, אָט דאָס איז ער.

ער האָט אַרומגעבונדען זײַן טיכעל אַרום קאָפּ, האָט אָנגעריקט זײַן הוט, אַרומגעוויקעלט זיך שטײַפער מיט'ן מאַנטעל און געבליבען שטעהן פּאַר אידר אַזוי עהנליך צו יענעם, וועמען ער האָט נאָכגעמאַכט, אַז די טונקעלע פיגור אין טהיר פון דער שאַפע הינטער אידם האָט אויסגעזעהן ווי זײַן אייגענער שאָטען.

— האַ־האַ־האַ, מיר'ן אידם שוין האַפּען! — האָט ער אויסגערופען. — מיר'ן אידם בינדען און ברײַנגען קײן לאָנדאָן, צו

דער תליה, אויב עס וועט אונז אָבגילטען. אַזוי זאָגט זי. ביזט ווידער בלאַס. און וואָס פאַרט קוקסטו אַזוי הינטער מיר?

— ס'איז גאָרנישט, — האָט זי געענטפערט. — איך בין נישט געזונד. געה אין בעט, זונדל, און לאָז מיך דאָ אַליין.

— אין בעט! איך האָב נישט ליעב דאָס בעט. איך וויל ליעגען בײַם פײַער און זעהן אינווייניג וועלדער, און בערג, און טײַכען, און ווי די זון געהט אונטער. דערצו בין איך הונגעריג, און גריפ האָט אויך גאָרנישט געגעסען פון מיטאָג אָן. גריפ, עסען העטשערע!

גריפ איז אַרויסגעשפרונגען צו אידאַ אויף די קניה און געשפּענט דעם פּיסק. ער האָט געקראָגען עטליכע שטיקלעך פליייש און זיי אַרײַנגעחאַפּט איינס נאָכ'ן צווייטען.

— גענוג, — האָט באַרנעבי געזאָגט.

— נאָך! — האָט גריפ אויסגעשריען. — נאָך!

אַז ער האָט זיך איבערצײַגט, אַז מעהר וועט ער נישט קריגען, האָט ער זיך אָבגעטראָגען מיט די שטיקלעך, וואָס ער האָט געפּאַקט, האָט זיי אַרויסגעלעגט פון מויל און גענומען באַהאַלטען אין פערשיעדענע ווינקעלעך, אויסער דער שאַפע, וואו דער פרעמדער איז געשטאַנען, ווי ער וואָלט זיך נישט פערלאָזען אויף יענעמס עהרליכקייט. דערנאָך האָט ער זיך אַ פּאָר מאָל דורכשפּאַצירט איבער'ן צימער מיט אַ מינע ווי ער איז גאָר נישט אויסען, נאָר פונדעסטוועגען געבענדיג אַכטונג מיט איין אויג אויף זײַנע אוצרות. און ערשט נאָכדעם האָט ער גענומען אַרויסשלעפּען די שטיקלעך פליייש פון די באַהעלטענישען איינס נאָכ'ן צווייטען און זיך געלאָזען וואוילגעהן.

באַרנעבי פון זײַן זײַט האָט אויך געגעסען מיט גרויס אַפּעטיט. אין מיטען עסען האָט אידאַ אויסגעפעהלט ברויט. ער איז אויפגעשטאַנען צו געהן עס נעהמען, אָבער זי האָט זיך געפעדערט און דאָס עס אידאַ אַליין געבראַכט פון שאַפע. ער האָט אויף אידאַ געוואָרפען אַ פאַרשענדען בליק און געפרעגט:

— מאַמע, הײַנט מײַן געבורטס־טאָג?

— הײַנט? געדענקסטו דען נישט, אַז דײַן געבורטס־טאָג איז געװען ערשט נישט לאַנג אוּן אַז פֿריִער דאַרף פֿאַרבײַ דער זומער, דער הערבסט אוּן דער װינטער, אײדער דער טאָג װעט װידער קומען?

— איך װײס, אַז אַזױ איז געװען ביז איצט, — האָט באַרנעבי געזאָגט. — פֿונדעסטװעגן דענק איך, אַז הײַנט דאַרף אױך זײַן מײַן געבורטס־טאָג.

— פֿאַרװאָס?

— איכ'ל דיר זאָגן: איך האָב שטענדיג בעמערקט, אַז אין מײַן געבורטס־טאָג װערסטו זעהר טרױעריג; דו װײנסט, װען איך אוּן גריפּ זענען זעהר פֿרעהליך, אוּן זעהסט אױס דערשראָקען אָהן אַ שום אורזאַך, אוּן דײַן האַנד איז קאַלט, פּונקט װי איצט. אײנ־מאָל זענען מיר געגאַנגען זעהן בײַ־נאַכט, װאָס דו טהוסט, האָבען מיר דיך געטראָפֿען בײַם בעט אױף די קניה, אוּן דו האָסט געזאָגט — איך האָב פֿערגעסען װאָס. גריפּ, װאָס האָט זי געזאָגט דעמאָלט בײַ־נאַכט?

— איך בין אַ טײַװעל! — האָט דער פֿױגעל דיענסטפֿערטיג זיך אָבגערופֿען.

— נײן, נײן, עפּיס אַנדערש, עפּיס אַ תּפֿלה. אוּן אַז דו ביזט אױפֿגעשטאַנען, האָסטו אױסגעזעהן פּונקט װי הײַנט אוּן װי אַלע מאָל אין מײַן געבורטס־טאָג. איך דענק, אַלזאָ, אַז הײַנט מוז זײַן מײַן געבורטס־טאָג. גריפּ, הײַנט איז מײַן געבורטס־טאָג, הערסט, גריפּ!

גריפּ האָט געפֿײַערט דעם דאָזיגען יום־טוב מיט אַ לאַנגען קרעה.

נאָכ'ן עסען האָט באַרנעבי זיך אַװעקגעלעגט געגען פֿײַער, נישט קוקענדיג אױף דער מוטער'ס בקשות, ער זאָל געהן אין בעט, אוּן גריפּ האָט זיך אַװעקגעזעצט בײַ איהם אױף אַ פֿוס. דאָ האָט דער ראָב אונטערגעדרימעלט אין דער װאַרים אוּן אין דערװעלבער צײַט זיך בעמיהט צו דערמאָהנען זיך אַ נײַע תּורה, װאָס ער האָט געלערנט דעם גאַנצען טאָג.

אין צימער האָט געהערשט אַ טױטע שטילקײַט, אוּן נור פֿון צײַט צו צײַט איז זי געשטערט געװאָרען דורך אַ בעװעגונג פֿון באַרנעבי'ן, װעלכע איז נאָך אַלץ נישט געשלאָפֿען, אוּן דורך

גריפ'ס אַ שטילען אויסגעשריי: „פּאָלי אַרויסגעשטעלט דעם קעס"...
דאָ אָבער פלעגט ער בלײַבען שטיל, ווײַל ער האָט דאָס איבעריגע
פערגעסען, און ווידער אײַנגעדרימלען.

נאָך אַ לאַנגער פויזע האָט באַרנעבי אָנגעהויבען צו עטעמען
טיפער און זײַנע אויגען האָבען זיך געשלאָסען. נאָר דאָ האָט
ווידער געשטערט דער אונרוהיגער חאַראַקטער פונ'ם ראָב, דען גריפ
האָט פלוצים אויסגעשריען: „פּאָלי אַרויסגעשטעלט דעם קעס"...—
און באַרנעבי האָט זיך אויפגעחאַפּט.

ענדליך איז באַרנעבי פעסט אַנטשלאָפען געוואָרען. גריפ'ס
אויג איז אויך געוואָרען קלענער און קלענער. צײַטענווײַז האָט
ער נאָך אפילו פּרובירט צו מורמלען: „פּאָלי אַרויסגעשטעלט דעם
קעס"..., אָבער זעהר שלעפעריג און גיכער ווי אַ שכור'ער מענש,
איידער ווי אַ דענקענדער ראָב.

קוים עטעמענדיג, האָט זיך די אלמנה אויפגעהויבען פון איהר
שטוהל. דער פרעמדער איז שטיל אַרויס פון דער שאַפע און
האָט אויסגעלאָשען דאָס ליכט.

...על! — האָט גריפ פלוצים אויסגעשריען, דערמאָהנענדיג
זיך זײַן נײַע מימרא און זעהר אויפגערעגט. —...על! הור—ראַ!
פּאָלי אַרויסגעשטעלט דעם קעסעל, מיר'ן אַלע טרינקען טהיי; פּאָלי
אַרויסגעשטעלט דעם קעסעל, מיר'ן אַלע טרינקען טהיי. הורא, הוראַ,
הוראַ! איך בין אַ טײַוועל, איך בין אַ טײַוועל, איך בין אַ קעסעל,
מונטערער, פרעהליכער, באָו-וואָו-וואָו, איך בין אַ טײַוועל, איך בין
אַ קעסעל, איך בין — פּאָלי אַרויסגעשטעלט דעם קעסעל, מיר'ן
אַלע טרינקען טהיי!

זיי זענען געשטאַנען צוגעשמידט צו דער ערד, גלײַך דאָס
וואָלט געווען אַ קול פון יענער-וועלט. אָבער באַרנעבי האָט זיך
נישט אויפגעחאַפּט. די אלמנה האָט אָנגעוויזען איהר גאַסט
אויף די טהיר.

— וואַרט, — האָט ער שטיל געזאָגט. — דו לערנסט דײַן
זוהן זעהר גוט.

— איך האָב איהם גאָרנישט געלערנט פון דעם, וואָס די

האסט היינט געהערט. גיה אוועק די מינוט, אויב נישט, וועק איך איהם אויף.

— קאנסט עס טהון. אפשר זאל איך איהם אויפוועקען?

— וועסט זיך נישט דערוועגען!

— איך דערוועג זיך אויף אלין, איך האב דיר שוין געזאגט. ער קען מיך גוט, זעהט אויס. ווייניגסטענס, וועל איך איהם אויך קענען.

— ווילסט איהם טויטען אין שלאף? — האט די אויסגערופען, שטעלענדיג זיך צווישען זיי.

— פרוי, — האט ער געזאגט צווישען די ציינער, אפרוקענדיג זי אן א זייט, — איך וויל איהם זעהן פון דער נאהנט — און וועל איהם זעהן. אויב דו ווילסט, אז איינער פון אונז זאל דעם צווייטען דער'הרג'ענען, וועק איהם אויף.

ער איז צוגעגאנגען צום שלאפענדען און האט אויפמערקזאם בעטראכט זיין געזיכט. דערנאך האט ער ארויסגעשעפטשעט דער אלמנה אין אויער:

— די ווייסען, אז דורך איהם, וואס פון זיין עקזיסטענץ האב איך ביז היינט גארנישט געוואוסט, האב איך דיך אין האנד. ווייס, ווי אזוי זיך מיט מיר צו בעגעהן. ווייס, ווי אזוי זיך מיט מיר צו בעגעהן, זאג איך. איך בין נויטבעדערפטיג, איך שטארב פון הונגער און בין נע-ונד איבער דער ערד. איך קאן נעהמען א זיכערע, לאנגזאמע נקמה.

— אין דיינע ווערטער שטעקט עפיס א שרעקליכער מיין. איך פערשטעה איהם נישט.

— פארהאן אין זיי א מיין, און דו פערשטעהסט איהם אויסגעצייכענט. דו האסט דערפאר מורא געהאט יאהרען-לאנג, האסט מיר אליין געזאגט. צוקיי עס נור גוט. פערגעס נישט מיין התראה.

ער איז פערשוואונדען. די אלמנה איז געפאלען אויף די קניה.

— א, גאט! — האט זי אויסגעשריען, — האסט איינגעפלאנצט אין מיר אזא טיעפע ליבע צום לעצטען זכר פון גליק, וואס זיין חולאת אפילו ברייגט מיר טרייסט, ווייל ער איז שטענדיג ווארמ-

הערציג און נויטיגט זיך אין מיר ווי א קליין קינד, — בעשיין אידם, העלף אידם אויף זיין פערטונקעלטען וועג דורך אט די טרויעריגע וועלט, אויב נישט איז ער פערלוירען, און מיין הארץ-געבראכען!..

אז דער פרעמדער איז ארויס פון דער אלמנה'ס הויז, האט ער זיך לאנג ארומגעשלעפט איבער די פינסטערע גאסען, זוכענדיג פאר זיך א ווינקעלע, וואו איבערצושלאפען די נאכט. ענדליך איז ער פערקראכען אין עפיס א הויף אין דער מינוט, ווען דארט האט זיך געעפענט א טהיר פון א קעלער און א מענש מיט א ליכט אין האנד האט צוגעלייכט א צווייטען ביים ארויסגאנג.

— גוט-נאכט, בראווער קאפיטאן, — האט דער מענש מיט'ן ליכט געזאגט. — געדט געזונד, גלענצענדער גענעראל! גריסט מיגס'ן פון מיינטוועגען. חא-חא! מיין קאפיטאן קוקט העכער פון עפיס א מיגס דארטען. מיין קאפיטאן איז אן אדלער. אך, זיינע שלאנקע פיס! זאל א מיגס זיך דערוועגען וועגען זיי צו טרוימען! ניין, און טויזענד מאל ניין. מיר וועלען היראטען הויכע ליידים, בע-רידהמטע שענהייטען!

— איך וועל דיך בעטען, סטעג, — האט מיסטער טעפערטיט געזאגט, בעפרייענדיג זיינע פיס פונ'ם בלינדענ'ס הענד, — נישט ער-לויבען זיך צו זיין מיט מיר א גאנצער שמעלקע און נישט צו בערידהרען געוויסע זאכען, אזוי לאנג מ'פרעגט דיך ניט. דו הערסט?

— איך הער, איידעלער קאפיטאן.

— פאלג-זשע וואס מ'דיינט דיר! — האט מיסטער טעפערטיט שטאלץ געזאגט. — דושענטעלמען, פארווערטס!

מיט דעם דאזיגען בעפעהל צו א סוויטע, וועלכע ער האט זיך פארגעשטעלט אין זיין פאנטאזיע, איז אונזער בעקאנטער שלאסער-לעהרלינג אוועקגעגאנגען.

דער אונבעקאנטער האט זיך דאן געווענדט צום בלינדען און געבעטען א נאכט-לעגער. יענער האט איינגעשטימט אידם אריינצולאזען ערשט דאן, ווען ער האט זיך איבערצייגט, אז ער האט מיט וואס צו בעצאהלען.

וועהרענד דער פרעמדער איז געשלאפען אין שיינק אויף

אַ באַנק און האָט זיך אונרוהיג געוואָרפען פון שלאָף אין פון צייט צו צייט עפּיס געמורמעלט, איז דער בלינדער געזעססען און זיך צוגעהערט צום שלאָף פון דער דאָזיגער אונרוהיגער נשמה און האָט אנגעהויבען זיך צו שטויסען, מיט וועמען ער האָט צו טהון.

---

18. פאַר דער נסיעה.

דאָלי וואַרדען'ס שען קעפּיל איז נאָך געווען דול פון די זכרונות פון'ם באַל און איהרע ליכטיגע אויגען — פערבלענדט פון די פער־שיעדענע בילדער, וואָס האָבען געטאַנצט פאַר זיי, ווי שמעטערלינגען אין די שטראַהלען פון דער זון. אַ בעזונדערן פּלאַץ צווישען די דאָזיגע בילדער האָט פערנומען די פיגור פון אַ יונגען וואָגענמאַכער, אַ מייסטער פאַר זיך, וועלכער האָט איהר געגעבען צו פערשטעהן, בעגלייטענדיג זי צום טראָג־שטוהל, אַז פון היינט אָן האָט ער בדעה צו פערנאַכלעסיגען זיין בעשעפטיגונג און שטאַרבען אַ לאַנג־זאַמען טויט אויס ליעבע צו איהר.

דריי טעג זענען שוין אַוועק פון יענעם באַל, און דאָך איז נאָך דאָלי געווען אַ היבש ביסעל צומישט פון די אַלע זכרונות, און זיצענדיג איבער איהר טהיי אין אַ געוויסען פריה־מאָרגען, האָט זי געקוקט אין איהר גלאָז און געזעהן דאָרט פערשיעדענע גליקען, — ווען אין דער טהיר פון וועדקצימער האָט זיך בעוויזען די פיגור פון'ם יונגען עדוואַרד טשעסטער, וועלכע האָט זיך אָבגעצייכענט צווישען די פערדאָסטעטע שליסלען, שלעסער און שטיקלעך געצייג, ווי די געשטאַלט פון דער ליעבע צווישען רויזען. דער דאַנק פאַר'ן לעצטען פערגלייך קומט גישט דעם מחבר, נאָר דער צנועה'דיגער בעשיידענער מינס, וועלכע האָט אידם ערפונדען, דערזעהענדיג דעם יונגען מענשען פון די שטיגען, וואָס זי האָט גראָד דעמאָלט געוואַשען.

גאַבריעל האָט דעם גאַסט נישט בעמערקט, זענענדיג אין יענעם אויגענבליק פערנומען מיט „טאָבי'ן”, מיט די אויגען צום הימעל און דעם קאָפּ פערוואָרפען ווייט אַרויף־צו. די ערשטע האָט אידם דערזעהן מיסעס וואַרדען. זי האָט געהייסען סים'ן עפענען

די מדה פאר׳ן גאסט, און אזוי ווי זי האט געקאנט שעפען דעם שענסטען מוסר־השכל פון דער קלענסטער קלייניגקייט, האט זי גלייך גענומען דרינגען, אז טרינקען ביער אין דער־פריה איז א מאוס׳ע, אנטי־רעליגיעזע, געצענדיענערישע געוואוהנהייט, וואס פאסט פאר א חזיר, פאר א שד אדער וועניגסטענס פאר פאפיסטען, נישט פאר גאטספארכטיגע, פרומע מענשען. זי וואלט נאך געדרונגען ווער ווייסט ווי לאנג און ווי ווייט, נאר אזוי ווי דער יונגער־מאן איז געשטאנען אין פערלעגענהייט די גאנצע צייט, וואס זי האט איהר זוג גע׳מוסר׳ט, האט זי זיך געפונען געצוואונגען צו מאכען דער־ווייל א סוף דערפון.

— איהר וועט מיר זיכער ענטשולדיגען, מיין הערר, — האט זי געזאגט מיט א העפליכען נויג. — ווארדען איז אזא נישט־בערע־כענטער מענש, אז מען מוז איהם אפט דערמאהנען אן... סים, ברייננ א שטוהל.

סים האט געפאלגט, נאר מיט אזא תנועה, וואס האט קלאר געוויזען, אז ער פראטעסטירט.

— און איצט קאנסטו געהן, סים — האט דער שלאסער געזאגט.

מיסטער טעפערטיט האט ווידער געפאלגט, און אליין נאך מיט א מינע פון פראטעסט; און אוועקגעהענדיג אין ווערקצימער, האט ער ערנסט אנגעהויבען מורא צו האבען, אז ער וועט געצוואונגען זיין צו פערגיפטען זיין מייסטער, נאך איידער ער ענדיגט ביי איהם די לערנע.

עדוואַרד האט דערווייל געענטפערט אויף מיסעס ווארדענ׳ס העפליכקייט נישט ווייניגער העפליך, און די גוטע דאמע איז דערפון געווארען זעהר אויפגערוימט און פריינדליך אויפ׳ן העכסטען גראד.

— אויב מיר קאנען אייך מיט עפּיס דיענען, סער, איך אדער ווארדען, אדער דאלי — וועלען מיר עס טהון מיט׳ן גרעסטען פערגניגען, — האט זי געזאגט, ווען איהר טאכטער האט דערלאנגט דעם גאסט א גלאז טהיי.

— איך בין אייך זעהר דאנקבאר, — האט עדוואַרד געענט־

פערט, — און דאס גיט מיר דעם מוטה אייך צו זאגען, אז איך בין טאקע געקומען צו אייך מיט א בקשה.

מיסעס ווארדען איז געווען ענטציקט.

— אויב אייער שענע טאכטער פאהרט היינט אדער מארגען קיין טשיגוועל, — האט עדווארד פארטגעזעצט, — וואלט אידר מיר געטהון א גרויסע טובה, ווען אידר ערלויבט אידר מיטצונעהמען אט דעם בריעף און אידם איבערגעבען אין „ווארדען־הויז". די זאך איז, אז גראדע דעם בריעף וואלט איך נישט וועלען אנטרויען עמיצען אנדערש, און אהן אייער הילף ווייס איך גארנישט, וואס איך זאל טהון.

— זי האט זיך נישט געקליבען אהין פאהרען, סער, נישט היינט, נישט מארגען, נישט אפילו די קומענדע וואך, — האט די מוטער פריינדליך געענטפערט. — נאר אייך צוליעב וועט זי היינט פאהרען ספעציעל וועגען דעם. אידר קאנט אפשר מיינען, סער, — האט זי צוגעגעבען, ווארפענדיג אויף אידר מאן א שטרענגען בליק, — אז ווארדען האט עפיס דאגעגען, וויל ער זיצט דארט אזוי חמורנע און שווייגענדיג; אבער אידר האט דערויף נישט וואס צו קוקען, סער: אזוי איז ער זיך נוהג אין דער־היים. אין דער פרעמד קאן ער, נישקשה, זיין גאנץ לעבעדיג און בערייטעוודיג.

דעם אמת מוז מען זאגען, אז דער ארימער שלאסער, צופריעדען פון זיין ווייב'ס גוטער שטימונג, איז געזעסען מיט א שיי־נענדיג פנים און צוגעהערט דעם שמועס מיט אנ'אויסדרוק פון דער גרעסטער פרייד. די דאזיגע אטאקע אויף אידם איז אידם דעריבער געקומען גאנץ אומגעריכט.

— מיין טייערע מארטא, — האט ער געזאגט.

— א, געהיים, — האט מיסעס ווארדען איבערגעשלאגען מיט א שמייכעל פון פריינדליכקייט און שפאט צוזאמען. — זעהר טייער ביי דיר, דאס ווייסען מיר אלע גאנץ גוט.

— אבער, מיין גוטע נשמה, — האט זיך גאבריעל פערסיי־דיגט, — דו האסט א טעות. אויף נאמנות, דו ביזט זיך טועה. פערקעהרט, איך בין געווען ענטציקט צו זעהן דיך אזוי פריינדליך און

דִיענסטפֶערטִיג. אִיךְ הָאבּ נוּר גֶעוואַרט, וואָס דוּ וועסט זאָגֶען.

— דוּ הָאסט גֶעוואַרט, — הָאט מִיסֶעס וואַרדֶען אוֹיסגֶערוּפֶען. — יאָ, גֶעוויס. אִיךְ דאַנק דִיר, וואַרדֶען. דוּ הָאסט גֶעוואַרט, ווִי דוּ טְהוּסט שטֶענדִיג, כְּדֵי דִי שוּלד זאָל פאַלֶען אוֹיף מִיר, טאָמֶער מאַכט זִיךְ עֶפֶּעס אַזוֹינס. נאָר אִיךְ בִּין שוֹין גֶעווֶעהנט צוּ אַזֶעלכֶע זאַכֶען אוּן טראָג זִיי אִיבֶּער.

— אִיךְ גִיבּ דִיר מֵיין וואָרט, מאַרטאַ — הָאט דֶער שלאָסֶער נאָךְ פּרוּבִּירט זִיךְ ווֶעהרֶען.

— נֵיין, מֵיין טֵייעֶרֶער, — הָאט דאָס ווַייבּ נִישט גֶעלאָזֶען אִיהם רֵיידֶען מִיט אַ קְרִיסטלִיכֶען שמֵייכֶעל, — עֶרלוֹיבּ מִיר צוּ גֶעבֶּען דִיר מֵיין וואָרט, אַז אַזֶעלכֶע וִכּוּחִים צְווִישֶען מאַן אוּן ווַייבּ אִיז גלֵייכֶער נִישט צוּ פִיהרֶען. דֶערִיבֶּער, וואַרדֶען, טְהוּ מִיר דִי טוֹבָה אוּן בֶּערִיהר נִישט מֶעהר דֶעם עִנְיָן. אִיךְ ווִיל מֶעהר ווֶעגֶען דֶעם נִישט רֵיידֶען. אִיךְ קאָן נאָךְ זאָגֶען אַ הִיבּש בִּיסֶעל, אֶפְשַׁר צוּפִיעל. אִיךְ ווֶעל עֶס אָבֶּער בֶּעסֶער נִישט טְהוּן. רֵייד נִישט מֶעהר, אִיךְ בֶּעט דִיךְ.

— מֶעהר רֵייד אִיךְ נִישט, — הָאט גאַבּרִיעֶל בֶּעלֵיידִיגט גֶעזאָגט.

— גוּט, אַלזאָ, רֵייד־זשֶע נִישט.

— אוּן נִישט אִיךְ הָאבּ עֶס אָנגֶעהוֹיבֶּען אוֹיךְ, — הָאט עֶר גוּטמוּטהִיג צוּגֶעגֶעבֶּען. — דאָס מוּז אִיךְ זאָגֶען.

— נִישט דוּ הָאסט אָנגֶעהוֹיבֶּען! — הָאט מִיסֶעס וואַרדֶען אוֹיסגֶערוּפֶען מִיט בּרֵייט־גֶעעֶפֶענטֶע אוֹיגֶען אוּן קוּקֶענדִיג אוֹיף אַלֶע אַרוּמִיגֶע. — דוּ הָאסט נִישט אָנגֶעהוֹיבֶּען, זאָגסטוּ! ווֶעסט דאָךְ אָבֶּער נִישט זאָגֶען, אַז אִיךְ בִּין גֶעווֶען שלֶעכט גֶעשטִימט. נֵיין, נִישט דוּ הָאסט אָנגֶעהוֹיבֶּען, חַס וְחָלִילָה!

— נוּ־נוּ, — הָאט דֶער שלאָסֶער גֶעזאָגט, — דִי זאַךְ אִיז גֶעעֶנדִיגט.

— אָ, יאָ, — הָאט דאָס ווַייבּ גֶעזאָגט, — גֶעגֶענצלִיךְ. אוֹיבּ דִיר גֶעפֶעלט צוּ זאָגֶען, אַז דאָלִי הָאט עֶס אָנגֶעפאַנגֶען, ווֶעל אִיךְ דִיר נִישט רֵיידֶען דֶערגֶעגֶען. אִיךְ ווֵיס מֵיינֶע פְפלִיכטֶען. אַ דאַנק, וואַרדֶען.

אוּן מִיט אַ מִינֶע פוּן הַכְנָעָה אוּן מְחִילָה הָאט זִי צוּנוֹיפגֶעלֶעגט דִי הֶענד אוּן גֶעוואָרפֶען אַ בּלִיק אַרוּם, ווִי אֵיינֶער רֶעדט:

„אויב איהר ווילט זעהן די ערשטע און גרעסטע מארטירערין, איז זי פאר אייערע אויגען!“

דער דאזיגער קליינער אינצידענט, הגם ער האט זעהר גוט אילוסטרירט מיסעס וואַרדען'ס ווייכקייט און מילדקייט, האט פונדעסטוועגען בעוויזען אבצוהאקען דאס געשפרעך און צו צוהידערן אלע דערביי־איגע, אויסער די אויסגעצייכענטע דאמע אליין; אזוי אז ביים טיש זענען קוים געזאגט געווארען עטליכע געצעהלטע ווערטער די גאנצע צייט, ביז עדוואַרד האט בעדאנקט די ווירטהין פון הויז און איז אוועקגעגאנגען.

גאבריעל, וועלכער האט איהם בעגלייט צו דער טהיר, איז צוריקגעקומען מיט די הענד אין די קעשענעס. און נאכדעם ווי ער האט זיך אונרוהיג א דרעה געטהון א פאר מאל איבער'ן צימער און געווארפען א היבש ביסעל דייטיגע בליקען אויף זיין פרוי, וועלכע איז געווען פערזונקען גוטע פינף קלאפטער אין „דאס פראטעסטאנטישע האנדבוך“, — האט ער געפרעגט ביי דאלי'ן, ווי אזוי דענקט זי צו פאהרען. דאלי האט געזאגט, זי דענקט צו נעהמען דעם דיליזשאנס, און האט א קוק געטהון אויף איהר מוטער; יענע, זעהענדיג, אז מ'ווענדט זיך צו איהר, איז געזונקען אין דאס „האנדבוך“ ווענינגסטענס אויף נאך א קלאפטער און איז אינגאנצען אויסגעטהון געווארען פון עולם־הזה־זאכען.

— מארטא, — האט דער שלאסער געזאגט.

— איך הער, וואַרדען, — האט מיסעס וואַרדען געענטפערט, נישט ארויסשווימענדיג פון דער טיעפעניש.

— עס טהוט מיר זעהר לייד, מיין הארץ, וואס דו ביזט אזוי שטארק דערגעגען דער „מייפאול“ און דעם אלטען דושאן; ווען נישט דאס, איז אזוי ווי דער פריה־מארגען איז זעהר א שענער, און שבת איז פארהאן ביי אונז ווייניג ארבייט, וואלטען מיר געקאנט אלע דריי א פאהר טהון קיין טשיגוועל אין דער ברישקע און פערברינגען דעם טאג זעהר פרעהליך.

מיסעס וואַרדען האט אויגענבליקליך פערמאכט דאס „האנד־

בוך", האָט אַרויסגעפּלאַצט אין טרערן און פערלאַנגט, מ'זאָל זי אַוועקפיהרען צו איהר אין צימער.

— וואָס איז שוין ווידער, מאַרטאַ? — האָט גאַבריעל געפרעגט.

דערויף האָט זי געענטפערט: „אָ, רייד צו מיר נישט!" און האָט מיט וועהטאָג ערקלערט, אַז ווען עמיצער זאָל עס איהר געוועזען זאָגען, וואָלט זי עס פאַר קיין פאַל נישט געגלויבט.

— אָבער מאַרטאַ, — האָט גאַבריעל געזאָגט, פערשטעלענדיג איהר דעם וועג צו דער טהיר, — וואָס וואָלסטו נישט געגלויבט? זאָג מיר, מיט וואָס האָב איך זיך דאָ פערזינדיגט, — זאָג, איך בעט דיך. ביי מיין לעבען שווער איך, אַז איך ווייס נישט. אפשר ווייסט דו, טאָכטער? צום טייוועל! — האָט ער פערצווייפעלט אויסגעשריען, פליקענדיג זיך דעם פאַריק פון קאָפּ, — קיינער, ווייזט אויס, ווייסט עס נישט, אויסער מיגס'ן!

— מיגס, — האָט מיסעס וואַרדען געזאָגט פער'חלש'ט און מיט קלאָרע סימנים פון אַ נאָהנטער היסטעריקע, — מיגס איז צוגעבונדען צו מיר, און דאָס איז גענוג צו ברייינגען אויף איהר קאָפּ די גאַנצע שנאה פון דעם דאָזיגען הויז. זי איז אַ טרייסט פאַר מיר, וואָס זי זאָל נישט זיין פאַר אַנדערע.

— פאַר מיר איז זי נישט קיין טרייסט, — האָט גאַבריעל געשריען מיט'ן מוטה פון פערצווייפלונג, — פאַר מיר איז זי אַ צרה, דאָס אומגליק פון מיין לעבען! זי איז אַלע פרעה'ס שלעק צוזאַמען!

— איך ווייס, אַז זי איז ביי דיר אַזוי פערעכענט, — האָט מיסעס וואַרדען געזאָגט. — איך האָב עס געוואוסט, און עס איז גאַנץ נאַטירליך. אַז דו זידעלסט מיך אַזוי, וואָס פאַר אַ וואונדער, וואָס די שימפּפסט זי אונטער די אויגען!

און דאָ האָט די היסטעריקע אויסגעבראָכען. מיסעס וואַרדען האָט געוויינט און געלאַכט, און געחליפּעט, און געציטערט, און געשלוקערצט, און זיך געוואָרפען; און געזאָגט, זי ווייסט, אַז ס'איז נאַריש, נאָר זי קאָן בעסער נישט מאַכען, און אַז זי וועט שטאַרבען, וועלען זיי אפשר חרטה האָבען, — אַ געדאַנק, וואָס איז אונטער די דאָזיגע אומשטענדען געווען גאַרנישט אַזוי גלויבליך,

ווי זי האָט געמיינט. מיט איין וואָרט, זי האָט אָבגעטהון אַלץ, וואָס עס קומט אין אַזאַ פאַל, מיט גרויס טאַלענט און על צד היותר טוב, און די רעכטע ספּאַזמען האָבען זיך ערשט אָנגעהויבען, אַז זי איז שוין געלעגען ביי זיך אין בעט, וואוהין מיגס איז אין קורצען געקומען צופליהען און איז אַרויסגעפאַלען אויפ'ן גוף.

די פילאָזאָפישע זייט פון דעם אַלעם איז בעשטאַנען דערין, אַז מיסעס וואַרדען האָט געוואָלט פאָהרען קיין טשיגוועל; אַז זי האָט נישט געוואָלט נאָכגעבען אָדער אַליין ערקלערען איהר וואונש; אַז זי האָט געוואָלט, מ'זאָל זי בעטען, לאַנג בעטען, גוט בעטען, — נישט אַנדערש. מיט דעם צוועק האָט מען אויבען אין צימער לאַנג געוויינט און געקרעכצט, און גע'חלש'ט, און געקוועטשט די נאָז און די שלייפען, און גענעצט דעם שטערן מיט עסיג; און מיגס האָט געהאָלפען טענה'ן און האָט אונטערגעטראָגען דער פער'חלש'טער אַלערליי בראַנפענס און אַנדערע שטאַרקע רפואות, פון וועלכע זי האָט אַליין אויך איינגענומען צו ביסלעך, דען חלשות איז אַנשטעקענד; דערצו האָט מען צוגעגעבען אַ היבש ביסעל טרייסטווערטער מאָראַלישע, רעליגיעזע און פערשידענע אַנדערע. די אונטערשטע שורה איז געווען די, אַז דער שלאָסער האָט זיך אונטערגעגעבען, און דער צוועק איז דערגרייכט געוואָרען.

— פון שלום וועגען, טאַטע, — האָט דאָלי איינגערעדט גאַבריעלין, ער זאָל געהן אַרויף און איבערבעטען די מוטער.

— אַך, דאָלי, דאָלי! — האָט דער גוטהערציגער שלאָסער געזאָגט. — אויב דו וועסט אַמאָל האָבען אַ מאַן...

דאָלי האָט געכאַפּט אַ קוק אין שפּיגעל.

— דאָס הייסט, — האָט וואַרדען זיך פערבעסערט, — אַז דו וועסט האָבען אַ מאַן, זאָלסטו, טאָכטער, קיינמאָל נישט חלש'ן. פון אַט דעם אָפּטען חלש'ן ווערט דער שלום־בית געשטערט מעהר ווי פון אַלע אַנדערע ליידענשאַפטען צוזאַמען גענומען. פערגעס עס נישט, מיין קינד, אויב דו ווילסט זיין גליקליך, און גליקליך קאָנסטו נישט זיין, אויב דיין מאַן איז עס נישט. און אַ סוד וועל

איך דיר זאָגען אין אויער אַריין: זאָלסט קיינמאָל נישט האַלטען אַ מיגם נעבען זיך.

מיט די ווערטער איז ער אַוועק אין שלאָפצימער, וואו מיסעס וואַרדען איז געלעגען בלאַס און אָבגעשוואַכט אויף איהר געלעגער, בלויז אַ ביסעלע דערפרישט פון דער מראה פון איהר נייעם שלייער, וועלכען מיגם האָט אַרויסגעלעגט נעבען איהר אויפ'ן בעט אַלס אַ מיטעל צו קרעפטיגען זי און בערוהיגען איהרע נערווען.

— אָט איז דער מייסטער, מעם, — האָט מיגם געזאָגט. — אָ, ס'אַר אַ גליק, אַז מאַן און חייב קומען זיך ווידער צוזאַמען! אַך, גאָטעניו, ווער ט'עס גלויבען, אַז זיי זאָלען ווען זאָגען אַ קרום וואָרט איינער דעם צווייטען!

אין דער היץ פון די דאָזיגע געפיהלען, מיט וועלכע די האָט זיך געווענדעט סתם צו די הימלען, האָט מיס מיגם אַרויסגעזעצט דעם נייעם שלייער צו זיך אויפ'ן קאָפּ, האָט צונויפגעלעגט די הענד און זיך בעגאָסען מיט טרעהרען.

— איך קאָן זיך נישט איינהאַלטען! — האָט מיגם ערקלערט מיט אַ געוויין. — ס'איז פאַר מיר לחלוטין אונמעגליך, אפילו ווען איך זאָל מוזען דערטרונקען ווערען אין טרעהרען. זי איז אַזאַ פערגעביגע נשמה! זי וועט אַלץ פערגעסען, סער, און וועט געהן מיט אייך, — יאָ, יאָ, אפילו אין עק וועלט!

מיט אַ שוואַכען שמייכעל האָט מיסעס וואַרדען אויסגע'מוסר'ט איהר אונטערשטיצערין פאַר איהר התלהבות און האָט זי אויס־מערקזאַם געמאַכט אין דערזעלבער צייט דערויף, אַז זי איז נאָך חלש נישט גענוג שטאַרק אויף אונטערנעהמען היינט אַ נסיעה.

— אַך, ניין, מעם, — האָט מיגם פערזיכערט, — איהר האָט אַ טעות, איהר קאָנט יאָ. איך פעררוף זיך אויפ'ן מייסטער, ער ווייסט, אַז איהר קאָנט. פרישע לופט און בעוועגונג וועלען אייך שטאַרקען. איהר טאָרט זיך נישט אָבלאָזען, מעם, אַיאָ, מייסטער, זי טאָר נישט? זי מוז עס טהון פון אונזערטוועגען, אויב זי פער־געסט אָן זיך אַליין. אָ, איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזעהן אַזאַ גוט האַרץ, אַזאַ טרייע, פערגעביגע נשמה, און דער מייסטער

האָט אויך נישט געזעהן, און קיינער אין דער וועלט אויך נישט; און מיגס האָט זיך ווידער בעגאָסען מיט טרעהרען.

גאבריעל האָט נאָך געהאַט גוטע פינף מינוט אַרבייט איידער ער האָט איינגעבעטען זיין בעסערע העלפט צו פאָהרען מיט איהם פערברייינגען דעם טאָג, נאָר סוף כל סוף האָט זי ערקלערט, אַז די איז איהם מוחל זיינע זינד, פאַר וואָס ער האָט צו דאַנקען נישט איהר, נאָר דעם „פראָטעסטאַנטישען האַנדבוך“, און איז מרוצה מיטצופאָהרען. דאַן האָט זיך מיגס גענומען צו דער אַרבייט, און אין אַ געוויסע צייט אַרום איז די גוטע ליידי אַרויסגעקומען פון איהר צימער פיקס און פאַרטיג, און אַן איהר איז נישט געווען צו דערקענען אפילו אויף אַ האָאר, אַז זי איז אַט ערשט געווען אַ מסוכנ׳ער חולה.

19. מיסעס וואַרדען אונטערוועגס.

וואָס אַנבעלאַנגט דאָלי׳ן, איז זי שוין אויך געווען פאַרטיג צו דער רייזע, און איהר אויסזעהן איז געווען ממש געפעהרליך אפילו פאַר אַ שטיינערן האַרץ. זי האָט געטראָגען אַ קאַרשענפאַרביגע מענטעלע מיט אַ קליין קאַפּישאָנדעל איבער׳ן קאָפּ, און אויפ׳ן קאַפּישאָנדעל איז געזעסען אַ שטרויען הוטעלע מיט קאַרשענפאַרביגע סטענגעס; און געזעסען איז דאָס דאָזיגע הוטעלע אַ ביסעלע אויף אַ זייט, טאַקע גאָר אַ העדרעלע, פונקט אויף אַזוי פיעל, אויף צו מאַכען דערפון דאָס מסוכנ׳סטע קאָפּשטיקעל, וואָס אַ געשייטע הוט-פוצערין איז נור פעהיג אויסצוקלערען.

און שוין נישט ריידענדיג וועגען דעם, ווי אַזוי די אַלע קאַרשענפאַרביגע בעפוצונגען האָבען געמאַכט שיינען איהרע אויגען אָדער הייסער געמאַכט דעם קאָליר פון איהרע באַקען און ליפּען, האָט זי נאָך געטראָגען דערצו אַזאַ אכזריות׳דיג מופטעלע און אַזאַ האַרצרייסענד פאַר שיכלעך, אַז ווען מיסטער טעפּערטיט האָט זי דערזעהן אַרויסקומען פון הויז, האָט ער בעדאַרפט אויסשטעהן אַ שווערען נסיון, אום נישט צו חאַפּען זי אין זיינע אָרעמס, אַריינזעצען זי אין די

בריטשקע און אַוועקפֿליהען מיט איהר אין עק וועלט. ער וואָלט עס טאַקע געווען געטהון אויך, ווען נישט אַ פּאָר ספקות בנוגע צו דעם, וועלכער איז דער קירצעסטער וועג צום קוואַרטאַל גרעטנאַרין, — צי דאַרף מען פֿאָהרען רעכטס אָדער לינקס, — און לאָמיר אָננעהמען, אַז אַלע טויערן און שלאַגבוימער וועלען געעפֿענט ווערען מיט שטורם, צי וועט דער שמיעד דאָרטען מרוצה ווערען מסדר קדושין זיין אויף באַרג אָדער נישט? — און אַזוי ווי ער איז דאָ געשטאַנען אַזוי און זיך געשלאָגען מיט דער דעה, זענען אַרויסגעקומען פֿון הויז זיין מייסטער און די מיסעס און די געטרייע פּיגס, און די גוטע געלעגענהייט איז פֿערלאָרען געגאַנגען אויף אייביג. די בריטשקע האָט אַ קרעכץ געטהון — און מיסעס וואַרדען איז געזעסען אינווייניג; און נאָך אַ שטאַרקערן קרעכץ האָט זי געטהון — און גאַבריעל איז געווען אינווייניג; דערנאָך איז די בריטשקע אונטערגעשפּרונגען, ווי איהר האַרץ וואָלט אָנגעהויבען דאַסטיגער צו קלאַפּען — און דאָלי האָט פֿערנומען איהר פּלאַץ. און תוך כדי דבור האָט זיך די בריטשקע גערירט פֿון אָרט, און אָנשטאָט איהר איז געבליבען אַ פּוסטקייט, און ער איז געבליבען אויף דער גאַס, פּנים אל פּנים מיט דער נודנער מיגס.

אונזער שלאָסער איז געווען אַזוי פֿרעהליך, פּונקט ווי ער האָט פֿאַר די לעצטע צוועלף מאָנאַטען נישט געהאַט די מינדסטע אונאַנגענעהמליכקייט; דאָלי איז בעשטאַנען אינגאַנצען פֿון שיין און שמייכעל, און אפילו מיסעס וואַרדען איז געוואָרען לעבעדיג און פֿריינדליך, ווי נאָך קיינמאָל אין איהר לעבען. און אַזוי ווי זיי פֿאָהרען זיך אַזוי איבער די גאַסען און שמועסען זיך געמיטליך פֿון דעם און פֿון יענעם, איז וועמען, מיינט איהר, דערזעהן זיי אויף אַ טראָטואַר? — טאַקע דעם וואָגענמאַכער אַליין, בכבודו ובעצמו! ער האָט אויסגעזעהן אַזוי אַריסטאָקראַטיש און האָט זיך פֿערנויגט מיט אַזאַ איידעלקייט, אַז קיינער אין דער וועלט וואָלט נישט געגלויבט, אַז דער מענש האָט וואָס אַנדערש צו טהון מיט אַ קאַרעטע, אויסער צו פֿאָהרען אין איהר. אודאי איז דאָלי אַ ביסעל פֿערשעמט געוואָרען, ווען ער האָט זיך צום צווייטען מאָל פֿערנויגט,

און די קאַשענפּאַרביגע סטענגעס האָבען אַ הערעלע אַ ציטער געטהון, בעת זי האָט בעגעגענט זיין טרויעריגען בליק, וועלכער האָט דייטליך געזאָגט: „איך האַלט וואָרט, איך האָב אָנגעפאַנגען; מיינע געשעפטען געהען צו'ן אַל־די שוואַרץ־יאָהר, און איהר זענט דער גורם דערצו". און אַזוי איז ער זיך געשטאַנען צוגעשמידט צו דער ערד — דאָלי האָט געזאָגט: „ווי אַ סטאַטוע", און מיסעס וואַרדען: „ווי אַ פּאָמפּע" — ביז זיי האָבען פערקעהרעוועט אין אַ זייטענגאַס. און ווען דער פאָטער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז דאָס איז אַ חוצפּה, און די מוטער האָט פערוואונדערט צוגעגעבען: וואָס איז דאָס פאַר אַ שטאַט!" — איז דאָלי ווידער אַמאָל געוואָרען אַזוי רויט, אַז אפילו איהר קאַפּישאָנדעל האָט אויסגעזעהן בלאַס.

און אַזוי זענען זיי זיך געפאָהרען אַלץ ווייטער און ווייטער, און פון גרויסער שמחה האָט דער שלאָסער אינגאַנצען פערגעסען אָן די עלעמענטאַרסטע פּאָרזיכטיגקייט און האָט פאַרביי־פאָהרענדיג געמאַכט וויזיטען אין פערשידענע פלעצער און אַרויסגעוויזען אַ גרינדליכע און אינטימע בעקאַנטשאַפט מיט אַלע „טאַווערנעס"*) אויפ'ן וועג און מיט אַלע שיינקערס און שיינקערינס, מיט וועלכע דאָס פערדיל איז געווען נישט ווייניגער בעפריינדעט און האָט זיך אַליין אָבגעשטעלט ביי יעדער בעקאַנטער טהיר. און קיינמאָל האָט עס מענשען בעסער נישט געפרעהט צו זעהן אַנדערע, ווי עס האָט געפרעהט די דאָזיגע שיינקערס און שיינקערינס צו זעהן מיסטער וואַרדען, און מיסעס וואַרדען, און מיס וואַרדען. און איינער האָט געזאָגט, זיי וועלען דאָך זיכער אָבטרעטען אַ ביסעל, — און אַ צווייטער האָט ערקלערט, אַז זיי מוזען אַריינגעהן כאָטש אויף איין מינוט, — און אַ דריטע האָט געגעבען צו פערשטעהן, אַז זי וועט עס אָנגעהמען פאַר גדלות פון זייער זייט, אויב זיי וועלען נישט טועם זיין כאָטש וואָס עס איז, — און אַזוי ווייטער און ווייטער, אַזוי אַז סוף כל סוף איז עס שוין געווען נישט אַ געוועהנליכע נסיעה.

---

*) שיינקען.

נאָר עפּיס אַ מין טריאומף־צוג און איין דויערנדע סצענע פון גאַסט־פריינדליכקייט פון אָנהויב ביז'ן סוף.

צו זעהן פון מענשען אַזוי פיעל כבוד איז געווען גאַנץ אַנגענעהם, שוין נישט רעדענדיג פון די פערשיעדענע כבודים, פון אַלערליי שפּייזען און געטראַנקען; דעריבער האָט מיסעס וואַרדען בעת מעשה צוגעשוויגען און האָט בלויז געשעפּט נחת און זיך געלאָזען וואויל־געהן, — נאָר קיינמאָל נאָך איז נישט געזאַמעלט געוואָרען אין איין טאָג אַזאַ גרויסע און אַלזייטיגע קאָלעקציע חתנים און בעוויזען, וואָס קאָנען צו־נוץ קומען אין פאַמיליען־לעבען ביי אַ רעכטער געלעגענהייט.

מיט דער צייט — און טאַקע אין אַ היבשע צייט אַרום — זענען זיי דורכגעפאָהרען דעם וואַלד און האָבען ענדליך דערגרייכט די „מייפּאָול", וואו גאַבריעל'ס פרעהליכער: „יאָהאָ!" האָט אַרויסגעבראַכט אויף דעם גאַנעקעל דעם אַלטען דזשאָן און זיין זוהן דזשאָו. דערזעהענדיג די ליידים, זענען ביידע געוואָרען אַזוי פערבליפט, אַז זיי האָבען איין אויגענבליק נישט געקאָנט אַרויסריידען קיין וואָרט און האָבען נור געגלאָצט מיט אויגען אויף די געסט.

אָבער טאַקע בלויז איין אויגענבליק, — דען גלייך דערנאָך האָט זיך דזשאָו אַ צאַפּעל געטהון, האָט אָבגעשטופּט דעם פאָטער אָן אַ זייט — צו מיסטער ווילעט'ס אונבעשרייבליכען פערדרוס — און איז צוגעשפּרונגען צו דער בריטשקע. די ערשטע האָט בעדאַרפט אַרויסקריכען דאָלי, און דזשאָו האָט זי געהאַלטען אין זיינע אָרעמס, — יאָ, יאָ, הגם בלויז איין אויגענבליק, אָבער געהאַט אין זיינע אָרעמס. דאָס איז געווען אַ פינקעל פון גליק!

עס וואָלט שווער געווען צו בעשרייבען, וואָס פאַר אַ פלאַכער, וואָכעדיגער עסק עס איז געווען גלייך דערנאָך צו העלפען מיסעס וואַרדען אַרויסקריכען פון דער בריטשקע, — אָבער דזשאָו האָט עס געטהון, און געטהון מיט דער גרעסטער פריינדליכקייט. דער אַלטער דזשאָן האָט געהאַט אַ זעהר אונבעשטימטע, נעבעלהאַפטע אידעע וועגען דעם, אַז מיסעס וואַרדען האָט איהם נישט ליעב, און די ערשטע מינוט האָט ער געצווייפעלט, צי איז זי נישט

געקומען, אָפטמאָל, מיט דער דעה צו קריגען זיך און אפשר גאָר שלאָגען זיך, — נאָר ביסלעכווייז האָט ער זיך געמאַכט קוראַזש, האָט אויסגעדריקט זיין האָפנונג, אַז זי איז אין בעסטען געזונד און פאַרגעשלאָגען צו פיהרען די אין הויז. און אַזוי האָבען זיי אַריינגעמאַרשירט די ערשטע, דושאָו מיט דאָלי'ן נאָך זיי (ווידער גליק!) און וואַרדען צולעצט.

מיסטער ווילעט האָט פערבעטען דעם עולם גלייך צו זיך, אויף זיינער זייט בופעט. ביפעטען אים אַלגעמיין זעהען פיינע ערטער נאָך דער מייפּאָולער בופעט איז געהען דער פיינסטער, רייכסטער און היימישעסטער בופעט אין דער גאַנצער וועלט. עפּיס אַזעלכע וואונדערליכע פלעשער זענען אומעטום געשטאַנען; אַזעלכע געבויגענע קריגלעך, אַזעלכע קיילעכדיגע, בייכיגע האָלענדישע קירבעס־פלעשער, און שיינקלעך מיט אַלערליי מאכלים און משקאות, און ליולקעס מיט טאַבאַק. און ציטרינען מיט צוקער, און, שליסליך, אַזאַ גרויסער, אַזאַ ריעזיגער קיילעכדיגער קעז!

אַז אָך און וועה דעם האַרץ, וואָס פרעגט זיך קיינמאָל נישט, — זאָגט אַ שפּריכוואָרט, און נאָר טאַקע דאָס אומגליקליכסטע, שוואַכסטע, וואַסעריגסטע האַרץ וואָלט זיך נישט דערוואַרימט געגען דעם מייפּאָולער בופעט. מיסעס וואַרדען האָט זיך טאַקע תיכף דערוואַרימט. מאַכען פּאָרוויִרפע דעם אַלטען דושאָן אין דער סאַמע מיט פון זיינע הויזליכע געטער וואָלט געווען פאַר איהר אַזוי אונמעגליך, ווי אַריינשטעכען איהם אין האַרץ זיין אייגען קיכמעסער. היינט דער מיטאָג, וואָס ער האָט בעשטעלט! „אַ שטיקעל פיש, — האָט ער געזאָגט דער קעכין, — און אַ פּאָר שאָפענע קאָטלעטען, געבראָטען אין מעהל און טאָמאַטען־זאַפט, און עפּיס אַ רעכטען סאַלאַט, און אַ געבראָטען הינדעל, און אַ טעלער וואורשטלעך מיט קאַרטאָפעל־קאַשע, אָדער עטוואָס ענגליכעס". איהר הערט עפּיס — „עטוואָס ענגליכעס"! וואָס די דאָזיגע קרעטשמעס קאָנען זיך פערגינען! מ'רעדט זיך וועגען מעדני־מלך, וואָס יעדען בעזונדער מעגען דערלאַנגען אויף אַ חתונה, ווי וועגען הערינג מיט קאַרטאָפעל! היינט די קיך, מיט'ן גרויסען איוועז, מיט דעם גאַנצען קלאַפּער־

געציי, — דא איז קיין געקעכטס אין דער וועלט נישט אונמעגליך, דא קאנט איהר גלויבען אין אלע מינים עסענווארג, וואס א מויל קאן אויסריידען. — געהענדיג פון קיך צום בופעט און פון בופעט צו דער קיך, איז מיסעס ווארדען אזוי מבולבל געווארען, אז זי האט סוף כל סוף דערפיהלט, אז זי מוז זיך א ביסעל דורכדרימלען, אום צו ברייננען איהרע געדאנקען אין ארדנונג, — און איז טאקע אוועק זיך צולעגען פאר'ן מיטאג.

דאלי האט זיך דערווייל ארויסגעכאפט דורך די גארטענטהיר און איז אוועק צו דער „ווארדען" אויסצופיהרען איהר שליחות. געהענדיג, האט זי זיך אומגעקוקט פון צייט צו צייט, אבער, נאטירליך, נישט אום צו זעהן, אויב דושאו קוקט איהר נאך, — חלילה וחס! און דער מחבר פון דער דאזיגער מעשה האט געהערט און גלויבט עס באמונה שלמה, אז איהר האט געזעהן אין אייער לעבען א היבש ביסעל זאכען, וואס זענען געווען ווענינער אנגענעהם פון דעם קארשענפארביגען מענטעלע און די סטעגעס, בעת זיי האבען געפלאטערט צווישען די גרינע פעלדער און דער העלער שיין פונ'ם זוניגען טאג.

זענענדיג עממא'ס מילכשוועסטער און פריינדין, איז דאלי געהען גוט באקאנט מיט'ן הויז און האט לייכט געפונען דער יונגער ליידי'ס צימער. דאס איז געווען דאס פרעהליכסטע צימער אין גאנצען הויז. דאס הייסט, אין דער אמת'ן איז עס געווען אזוי חמורנע און טרויעריג ווי די איבעריגע צימערן, נישמעהר, די אנוועזענהייט פון יוגענד און שענקייט קאנען אפילו א טורמע מאכען פרעהליכער אויפ'ן קוק. פויגלען, בלומען, ביכער, צייכנונגען, מוזיק און אנדערע סמנים פון א פרוי'ס אינטערעסען און צייט-פערטרייבונגען האבען עס אנגעפילט מיט לעבען מעהר ווי דאס גאנצע הויז. אין צימער איז געווען הארץ, און ווער עס האט נור א הארץ, מוז דערקענען די אנוועזענהייט פון א צווייטען.

דאלי האט עס, אהן צווייפעל, געהאט, און נישט קיין שטיינערנס דערצו, הגם עס איז געווען א ביסעל ארומגערינגעלט מיט א הויך פון קאקעטעריע, ווי די זון האט אמאל ארום זיך א לייכטען נעבעל

וואָס פערטונקעלט אַ ביסעל איהר העלקייט. אַזוי אַז ווען עממאַ האָט זיך מיט איהר צוקושט און איהר געזאָגט, אַז זי איז ווידער אומגליקליך, האָבען זיך אין דאָלי'ס אויגען בעוויזען טרערען און איהר האַרץ האָט איהר וועה געטהון מעהר ווי זי איז אימשטאַנדע געוועזען אויסצודריקען. נאָר אין אַ סעקונדע אַרום האָט זי צופעליג אַ קוק געטהון אין שפּיגעל, און דאָרט האָט זי דערזעהן עפּיס אַזוינס, וואָס איז געוועזען אַזוי אַנגענעהם, אַז צוזאַמען מיט אַ זיפץ האָט זיך אויף איהרע ליפּען בעוויזען אַ שמייכעל, און דערפיהלט האָט זי זיך מאָדנע געטרייסט.

— איך האָב געהערט וועגען דעם, מיס, — האָט דאָלי נאָכגעזאָגט, — און עס איז ווירקליך זעהר טרויעריג; מ'זאָגט אָבער, אַז ווען די צרות זענען אַם העכסטען, איז די ישועה אַם נעכסטען.

— יאָ, אָבער ביזטו זיכער, אַז די צרות זענען שוין אַם העכסטען? — האָט עממאַ מיט אַ שמייכעל געפרעגט.

— חיים איך, איך זעה נישט איין, ווי קען עס זיין נאָך ערגער, — האָט דאָלי געזאָגט. — און איך האָב עפּיס געבראַכט פאַר אַ התחלה.

— נישט פון עדוואַרד'ן?

דאָלי האָט מיט אַ שמייכעל גענומען זוכען אין איהרע קעשענעס (פרויען האָבען געהאַט קעשענעס אין יענע צייטען), האָט זיך געמאַכט, כלומר'שט, ווי זי געפינט נישט און האָט ענדליך אַרויסגענומען דעם בריעף. ווערענד עממאַ האָט געלעזען דעם בריעף, האָבען דאָלי'ס אויגען דורך אַ מאָדנעם צופאַל ווידער פערבלאָנדזשעט צום שפּיגעל. נישט ווילענדיג האָט זי אַ טראַכט געטהון, ווי דער וואָגענמאַכער ליידט נעביך שטאַרק, און האָט באמת רחמנות געקראָגען אויפ'ן אָרימען מענשען.

דער בריעף איז געוועזען אַ לאַנגער, אָבער נישט קיין פרעהליכער, דען לעזענדיג איהם, האָט עממאַ אַלע מאָל אונטערגעטראָגען דאָס טיכעלע צו די אויגען. דאָלי'ן האָט עס ווידער געוואונדערט, דען לויט איהר פערשטאַנד איז אַ ליבע געוועזען דער בעסטער קאַטאָוועס און דער פרעהליכסטער עסק אין דער וועלט.

„דאס איז אלץ דערפאר, — האט זיך דאלי געטראכט, — וואס עממא איז צו-פיעל געטריי; וואלט זי נור אנגעפאנגען מיט אן אנדער יונגען-מאן — א טראפעלע נור, כדי צו האלטען דעם ערשטען געליעבטען ביים נויטיגען גראדוס — וואלט זי זיך געפיהלט פיעל בעסער. אזוי וואלט איך געטהון. פערשאפען דעם געליעבטען ליידען, דאס איז גאנץ גוט און זעהר גלייך, אבער אליין זיין אומגליקליך — דאס איז שוין א ביסעל צו-פיעל!"

אבער אזוי ווי ארויסזאגען די דאזיגע געדאנקען האט נישט געטויגט, האט דאלי געשוויגען און געווארט. און געדולד האט זי געדארפט האבען גענוג, דען דעם בריעף האט מען געליענט און נאכאמאל געליענט, און ווידער אמאל געליענט. נאר אפילו פערליעבטע יונגע מיידלעך קאנען נישט לעזען זייערע בריעף אייביג, האט זיך עס פארט אמאל געענדיגט. דערנאך האט מען געדארפט שרייבען אן ענטפער, און אזוי ווי דאס האט אויך געמוזט נעהמען צייט, איז בעשלאסען געווארען, אז דאלי זאל דא בלייבען אויף מיטאג.

20 דער איבערפאל

נאך מיטאג, ווען דער בריעף איז געווען אנגעשריבען, האבען די צוויי פריינדינס נאך א לאנגע צייט געשמועסט וועגען זייערע געשעפטען, און דערביי האט עממא געפרובט א ביסעל מוסר'ן דאלי'ן פאר איהר לייכטזיניגקייט און קאקעטעריע; נאר זעהענדיג, אז דעם שלאסער'ס שענע טאכטער נעהמט אן די דערמאהנטע חסרונות פאר מעלות און האט משונה הנאה פון איהר מוסר, האט עממא פערלארען די האפנונג צו ברינגען איהר חבר'טע צו הרטה און תשובה. די מיידלעך האבען זיך, אלזא, צוזעגענט, עממא האט געגעבען דאלי'ן א מתנה א שענעם גאלדענעם בראסלעט, און די לעצטע איז ארויס פון צימער און אראב איבער די טרעפ. געהענדיג פארביי דער ביבליאטעק, האט זי זיך בעמיהט צו מאכען וואס ווייניגער גערויש, נאר דאס האט ווייניג געהאלפען, דען די טהיר האט זיך

געעפענט, און מיסטער הערדייל האט זיך באוויזען אויף דער שוועל. פון קינדרווייז אן איז דאלי געוועהנט געווען מורא צו האבען פאר דעם דאזיגען דזשענטעלמען, און אזוי ווי איצט איז איהר געוויסען נאך געווען נישט ריין אויך, איז זי געבליבען שטעהן אין איין ציטערניש.

— קום אהער, מיידעל, — האט מיסטער הערדייל געזאגט, נעהמענדיג זי פאר א האנד, — איך וויל מיט דיר עפּעס ריידען.

— האט „קיין פאראיבעל נישט, סער, איך האב נישט קיין צייט, — האט דאלי ארויסגעשטאמעלט, — און — און איהר האט מיך איבערגעשראקען, אזוי פלוצלונג, סער — זייט אזוי גוט און לאזט מיך געהן.

— תיכף, — האט ער געענטפערט, אריינפיהרענדיג זי אין צימער, — דו וועסט באלד קאנען געהן. געהסט פון עממאַ'ן?

— יא, סער, נאר־וואס פון איהר. — דער טאטע ווארט אויף מיר, סער, זייט אזוי גוט...

— איך וויים, איך וויים, — האט מיסטער הערדייל געזאגט. — ענטפער מיר נור אויף איין פראגע. וואס האסטו היינט געבראכט אהער?

— געבראכט אהער? — האט דאלי געפלאטערט.

— דו וועסט מיר זאגען דעם אמת, איך וויים.

דאלי האט זיך געשלאגען א ביסעל מיט דער דעה, דערנאך האט זי געזאגט:

— נו, מילא, א בריעף האב איך געבראכט.

— פון מיסטער עדוואַרד טשעסטער, נאטירליך. און דו טראגסט צוריק אנ'ענטפער.

נישט וויסענדיג, וואס ווייטער צו טהון, האט דאלי זיך בעגאָסען מיט טרעהרען.

— אומזיסט שרעקסטו זיך אזוי, — האט מיסטער הערדייל געזאגט. — וואס מאכסטו זיך נאריש? דו מעגסט מיר ענטפערן. דו ווייסט דאך, אז לאמיך נור שטעלען עממא'ן די פראגע, וויים איך גלייך אלץ. האסט ביי זיך דעם ענטפער?

דאָלי האָט זיך ענדליך געמאַכט האַרץ.

— יאָ, סער, — האָט זי געזאָגט, אַז ווי דערשראָקען זי איז געוועזען, — איך האָב איהם ביי זיך. איהר מעגט מיך אַפילו טויטען, וועל איך איהם אייך נישט אָוועקגעבען. עס טהוט מיר זעהר לייד, אָבער איכ׳ל נישט געבען, און שוין.

— דיין שטאַרקייט און דיינע אָפענע דבורים געפעלען מיר, — האָט ער געזאָגט. — איך האָב אַזוי וועניג חשק אָוועקצונעהמען ביי דיר דעם בריעף, ווי דיין לעבען. דו ביזט אַ גוטער שליח און אַ וואויל מיידעל.

נישט זעהענדיג זיכער, אַז ער מיינט נישט „אָבצופריצעווען״ זי מיט זיינע קאָמפּלימענטען, האָט זי זיך געהאַלטען פון איהם ווי מעגליך ווייטער און זיך בעשלאָסען צו פערטיידיגען איהר קע־שענע ביז דער לעצטער מעגליכקייט.

אַ שמייכעל האָט זיך דורכגעריסען דורך די וואָלקענס אויף מיסטער הערדייל׳ס פנים, בעת ער האָט געקוקט אויף איהר.

— איך קלויב זיך, — האָט ער געזאָגט, — צו נעהמען אַ געזעלשאַפטערין פאַר מיין פּלימעניצע, דען זי איז זעהר איינזאַם. וואָלסטו וועלען אָננעהמען די שטעל? דו ביזט איהר עלטסטע פריינדין און בערעכטיגט דערצו מעהר פון אַלעמען.

— איך ווייס נישט, סער, — האָט זי געענטפערט, נאָך אַלץ נישט זיכער מיט איהם. — איך ווייס נישט, וואָס מ׳וועט זאָגען דערויף ביי מיר אין דער־היים. איך קאָן גאַרנישט זאָגען.

— אויב דיינע קרובים וועלען נישט דאַגעגען, וועסטו עס אָנ־נעהמען? דאָס איז אַ איינפאַכע פראַגע, און עס איז לייכט צו ענטפערן.

— געוויס, סער, איך וועל זיין העכסט צופריעדען צו זיין שטענדיג מיט מיס עממאַ׳ן צוזאַמען.

— דאָס איז גוט, — האָט מיסטער הערדייל געזאָגט. — מעהר האָב איך נישט געוואָלט וויסען. דו אײלסט זיך אַהיים. לאָמיך דיך מעהר נישט פערהאַלטען.

זי האָט טאַקע נישט געוואַרט, ביז מ׳וועט זי ווייטער פער־

האַלטען, און איז אַרויסגעפלויגען פון צימער, פון הויז, פון גאַרטען, און האָט זיך נישט אָבגעשטעלט אויף אַ סעקונדע, ביז זי האָט זיך ווידער נישט געפונען אין פרייען פעלד.

אַז זי איז געקומען צו זיך, האָט זי זיך אַלערערשטענס צעוויינט אויס'ס ניי, דערמאָהנענדיג זיך, אין וואָס פאַר אַ קלעם זי איז געוועזען; דערנאָך, ביים געדאַנק ווי גוט זי האָט אָבגעשניטען, האָט זי זיך פונאַנדערגעלאַכט און זיך אַזוי לאַנג געהאַלטען ביי די זייטען, ביז זי איז געבליבען אָהן אָטעם. ערשט נאָכדעם האָט זי געבראַכט אין אָרדנונג איהר קאָפּשטיק און האָט זיך פרעהליך געלאָזען אין וועג אַריין צו דער מייפּאָול.

עס איז געוואָרען טונקעל, און די נאַכט האָט זיך שנעל אָנגערוקט אויף דאָס פעלד, נאָר דאָלי האָט גוט געוואוסט דעם וועג און האָט זיך נישט געשראָקען, וואָס זי איז אַליין. אויסערדעם, איז זי געוועזען פערטראָגען מיט'ן נייעם בראַסלעט, וועלכער האָט אַזוי פיין געפינקעלט אויף איהר האַנד, און מיט דעם בריעף, וועלכען זי האָט אַרויסגענומען פון קעשענע און געקוקט אויף איהם, צופריעדען פון איהר ראָליע אין דער דאָזיגער ליעבעס-געשיכטע.

אין איין פלאַץ, וואו דער וועג איז געוואָרען שמעלער און האָט זיך געצויגען צווישען צוויי צייַלען בוימער, האָט זי דערהערט עפּיס אַ שאָרך נישט וויַט פון זיך. זי איז פלוצים געבליבען שטעהן און זיך צוגעהערט. מ'האָט גאָרנישט געהערט, און זי האָט גענומען געהן ווייַטער, נאָך נישט דערשראָקען, נאָר אַ ביסעלע שנעלער און נישט אַזוי רוהיג ווי פריהער. אַזוי ווי זי האָט זיך גערירט פון אָרט, האָט זיך דער שאָרך ווידער געלאָזען הערען, און זי האָט דערשפּירט, ווי עמיצער וואָלט געגאַנגען נישט וויַט פון איהר צווישען די בוימער. זי האָט געוואָרפען אַ קוק אַהין, פון וואַנען דער קלאַנג איז געקומען, און איהר האָט זיך געדאַכט, זי זעהט עפּיס אַ פיגור. זי איז ווידער געבליבען שטעהן, און ווידער איז צווישען די בוימער געוואָרען שטיל. דאָסמאָל האָט זי זיך געלאָזען געהן שנעל ווי מעגליך און גענומען זינגען אַ ליעדעל, כדי זיך צו שטאַרקען. דאָס מוז זיין דער ווינד.

אָבער ווי איז עס מעגליך, דער הינד זאָל בלאָזען דוקא דעָ-מאָלט, ווען זי געדוט, און אויפהערען בעת זי בלייבט שטעהן? ביים דאָזיגען געדאַנק האָט זי זיך נישט ווילענדיג אָבגעשטעלט, און אין דערזעלבער סעקונדע איז דער שאַרף ווידער פערשטאָרבען געוואָרען. איצט איז זי שוין ווירקליך געווען דערשראָקען, און אַזוי ווי זי האָט דאָ געקלערט, וואָס צו טהון, האָבען די צווייגען פון די בוימער אַ קנאַק געטהון, און אַ מענש איז דורכגעשפרונגען צווישען זיי און איז געבליבען שטעהן אויפ'ן וועג, האַרט נעבען איהר.

דאָליען איז אָבגעטראָטען פון האַרצען, ווען זי האָט דער-זעהן דעם מענשען, וואָס איז אַרויסגעשפרונגען פון צווישען די בוימער.

— יי פון דער „מייפּאָיל"! — האָט זי מיט פרייד אויסגערו-פען. — דאָס זענט איהר, דזשים עס? אַך, האָט איהר מיך איבער-געשראָקען!

ער האָט גאָרנישט געענטפערט און שווייגענדיג געקוקט אויף איהר.

— איהר זענט מיר געגאַנגען אַנטקעגען? — האָט דאָלי געפרעגט.

יי האָט אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ און האָט אַרויסגעברומט עפּיס אַזוינס, אַז ער האָט לאַנג געוואַרט און זיך גערעכט, זי זאָל קומען פריהער.

— איך האָב טאַקע אַזוי גערעכנט, אַז זיי וועלען עמיצען שיקען נאָך מיר, — האָט דאָלי בערוהיגט געזאָגט.

— קיינער האָט מיך נישט געשיקט, — האָט ער רוהיג גע-ענטפערט. — איך בין אַליין געקומען.

די גראָבע האַלטונג, פּנים דאָזיגען הבדה-מאַן און זיין חילוד אויסזעהן האָבען שטענדיג געשראָקען דאָליען אַפילו צווישען מענ-שען און זי געצוואונגען צו האַלטען זיך פון איהם פון ווייטען. האָבען איהם דאָ איינגעבעטענערהייד פאַר אַ בעגלייטער, וועהרענד די פינסטערניש אַרום זיי וואַקסט מיט יעדער מינוט, איז דאָליען

געוועזען זעהר נישט אַנגענעהם; איך איהר איז ווידער אָנגעפאַלען אַ שרעק, און זאָגאַר נאָך אַ גרעסערער ווי פריהער. דערצו איז איהר נישט געפעלען געוואָרען זיין דרייסט קוקען אויף איהר. זי איז געשטאַנען אַ ווײַלע אונענטשלאָסען, דערנאָך האָט זי זיך אַלאָז געטהון פאַרבײַ איהם מיט שנעלע טריט.

— וואָס פערליערט איהר אַזוי כּוח אָטעם, ווײַכענדיג פון מיר? — האָט ער געפרעגט, מאַכענדיג גרויסע שפּאַן און געהענדיג גלײַך מיט איהר.

— איך וויל קומען אַהיים וואָס גיכער, און איהר געהט צו־נאָהנט נעבען מיר, — האָט דאָלי געענטפערט.

צו־נאָהנט? — האָט ער געזאָגט, אָנבויגענדיג זיך איבער איהר אַזוי, אַז זי האָט דערשפּירט זיין אָטעם אויף איהר שטערן. — פאַרוואָס צו־נאָהנט? איהר זענט שטענדיג שטאָלץ געגען מיר, מיסטרעס *).

— איך בין געגען קיינעם נישט שטאָלץ. איהר האָט אַ טעות. געהט אָהער פון הינטען אָדער פון פאָרנט.

— ניין, מיסטרעס, — האָט ער געזאָגט, פרובענדיג זי אַרומנעהמען, — איך וויל געהן נעבען אײַך.

זי האָט זיך אַרויסגעדרעהט פון איהם, האָט צוביסגעדריקט איהר קליינע פויסט און איהם דערלאַנגט אַ קלאַפּ פון טיעפען הארצען. דאָ האָט ער איסגעשאָסען אַ געלעכטער, האָט אַרומגענומען איהר טאַליע און זי געהאַלטען אַזוי לײַכט, ווי זי וואָלט געוועזען אַ פויגעלע.

— האַ־חאַ־האַ! גוט געטהון, מיסטרעס! נאָכאַמאָל! פּאַטש מיך, רײַס מיר די האָהר, פליק מיר אויס די באָרד, טהו וואָס דו ווילסט, צוליעב דײַנע שענע אויגען. שלאָג, נו, האַ־חאַ־האַ! איך האָב דערפון הנאה.

— לאָזט מיך אָב, — האָט זי געשריען, רײַסענדיג זיך פון זײַנע הענד, — די מינוט לאָזט מיך אָב!

---

*) מיסטרעס אָדער מיסעס — מאַדאַם.

— מעגסט זײַן אַ ביסעל פֿרײַנדליכער צו מיר, מײַן קאַצעלע, — האָט זי געזאָגט, — וואָלסט, באמונה, געמעגט. זאָג מיר נור, וואָס ביזטו שטענדיג אַזוי שטאָלץ געגען מיר? איך האַלט זיך מיט דיר דערפֿאַר נישט קריגען. איך האָב דיך ליעב דוקא, ווען דו ביזט שטאָלץ, האַ-האַ-האַ! קענסט אָבער נישט בעהאַלטען דײַן שענקײַט פֿון מיר. דאָס איז וואויל!

זי האָט נישט געענטפֿערט, און אַזוי ווי ער האָט זי דערווײַל נישט אָבגעשטעלט, האָט זי זיך געריסען פֿאָראױס און געגאַנגען אַזוי שנעל, ווי מעגליך. סוף כל סוף, פֿון אײַלעניש און שרעק האָט זי פֿערלוירען אירע קרעפֿטען און נישט געקאָנט געהן ווײַטער.

— יאָ, — האָט זי אויסגערופֿען אָהן אָטעם, — גיטער יונג, לאָזט מיך אָב, וועל איך אײַך אָװעקגעבען אַלץ, וואָס איך האָב, און וועל קײנעם נישט זאָגען אַ וואָרט וועגען דעם.

— זאָלסט מאַכען בעסער שווײַגען, — האָט זי געזאָגט. — הער נור, מײַן טײַבעלע, דו האַלטסט בעסער ס'מויל. אַלע דאָ אַרום קענען מיך און ווײַסען, וואָס איך דערוועג זיך צו טהון, אײב איך וויל. אײב דיר וועט אַמאָל אײנפֿאַלען אויסצוזאָגען, האַלט זיך אײַן, ווען די ווערטער זענען בײַ דיר אויף די ליפּען און בערעכען, וואָס פֿאַר אַ צרה דו קאָנסט ברענגען אויף אונשולדיגע קעפּ, וואָס דו וואָלסט נישט וועלען לאָזען פֿאַלען פֿון זײ אַ האָר. זײ קימערן מיך אַזוי פֿיעל, וויפֿיעל די הונד אויף דער גאַס, נאָך ווענינגער — וואָס אַרט עס מיך פֿאַר זײ? איך וואָלט גיכער געהרג'עט אַ מענשען אײדער אַ הונד. אַ מענשען'ס טויט האָב איך נאָך קײנמאָל אין מײַן לעבען נישט בעדויערט, און אַ הונד'ס — יאָ.

אין טאָן פֿון די דאָזיגע רייד און זײַן מינע האָט געשטעקט אַזוי פֿיעל ווילדקײַט, אַז דער שרעק האָט איהר ווידער געגעבען קראַפֿט. זי האָט זיך פּלוצים אַרויסגעריסען פֿון איהם און גענומען לויפֿען מיט אַלע אירע קרעפֿטען. ער איז אָבער געווען שטאַרק און גרינג אויפ'ן פֿוס, ווי דער שטאַרקסטער און פֿלינקסטער מענש אין בריטען ענגלאַנד. און האָט זי אָנגעיאָגט

און ווידער אַרומגענומען, נאָך איידער זי האָט געמאַכט אַ הונ־דערט טריט.

— נישט געאיילט, מיין שפּיעל־פייגעלע, נישט געחאַפּט. ווילסט אַנטלויפען פון'ם פערגרעבטען יז, וואָס האָט דיך ליעב ניט ערגער פון'ם ערשטען בעסטען קאַוואַלער און טענצער?

— איך וויל, — האָט זי געענטפערט, רייסענדיג זיך. — איך וועל. ראַטעוועט!

אַ שטראָף פאַר אַ געשריי, — האָט יז געזאָגט. — האַ־האַ־האַ: איך שטראַפיר דיינע ליפּען, מיין שוועלבעלע, און לאָז זיך גלייך בעצאָהלען, האַ־האַ־האַ!

— העלפט, העלפט, ראַטעוועט!

פון ווייטען האָט געענטפערט עמיס אַן אויסרוף, און נאָך איינער, און אַ דריטער.

— דאַנקען גאָט! — האָט דאָס מיידעל אויסגערופען. — דזשאָ, טייערער דזשאָ, אַהער! צו־הילף.

יז איז געשטאַנען אַ ווייל אומענטשלאָסען, נאָר אַזוי ווי די קולות זענען געקומען אַלץ נעהנטער און נעהנטער, האָט ער זי אָבגעלאָזען און אַרומגעמורמעלט מיט אַ שרעקליכען בליק: „פרוב איהם נור זאָגען, וועסטו זעהן, וואָס ס'וועט זיין!"

מיט די ווערטער איז ער פערשוואונדען צווישען די ביימער. דאָלי האָט זיך אַרום געטהון פאָרווערטס און איז אַריינגעפאַלען גלייך צו דזשאָ'ן אין די אָרעמס.

21. שרעק.

— וואָס איז געשעהן? איהר זענט פערוואונדעט? ווער איז דאָס געווען? וואו איז ער? ווי האָט ער אויסגעזעהן?

די אַלע פראַגען און פערשיעדענע בערוהיגענדע ווערטער האָט דזשאָ אַרויסגעשאָטען אין איין אָטעם. אָבער דאָלי איז געווען אַזוי איבערגעשראָקען, אַז זי איז להלוטין ניט אים־

שטאַנד געווען צו ענטפֿערן. זי איז בלויז געהאַנגען אויף זײַן אַקסעל און געהליפּעט ווי אַ קלײן קינד.

דזשאַ האָט נישט געהאַט דאַגעגען איהר הענגען אויף זײַן אַקסעל, — כּלל נישט געהאַט דאַגעגען, הגם זי האָט זעהר שטאַרק צודריקט די קאָרשענבאַרבינע סטענגעס, און דאָס היטעלע האָט אינגאַנצען פֿערלוירען די פֿאָרם. אָבער זעהן זי וויינען — דאָס האָט ער נישט געקאָנט, דאָס האָט איהם געריהרט בײַם האַרצען. ער האָט זיך בעמיהט זי צו טרייסטען, האָט זיך אַריבערגעביגען איבער איהר, האָט איהר געמורמעלט עפּעס ווערטער — אַנדערע זאָגען, ער האָט זי געקושט, אָבער דאָס איז אַ בבא־מעשה. דער זאַך איז, ער האָט געברויכט די צערטליכסטע ווערטער, וואָס ער האָט נור בײַ זיך געפֿונען, און דאָלי האָט איהם נישט געשטערט, און גוטע צעהן מינוט זענען פֿאַראיבער, איידער זי האָט איפּגעהויבען דעם קאָפּ און איהם בעטראַכט.

— פֿאַר וועמען האָט איהר זיך אַזוי דערשראָקען? — האָט דזשאַ געפֿרעגט.

אַ אונבעקאַנטער מענש איז איהר נאָכגעגאַנגען, — האָט זי ערקלערט. ער האָט אָנגעפֿאַנגען פֿון בעטען אַ נדבה און געענדיגט מיט וועלען זי בערויבען און וואָלט עס זיכער געטהון, ווען דזשאַ זאָל נישט געווען אָנלויפֿען. זי האָט אַ ביסעל גע־פּלאָנטערט די געשיכטע, נאָר דזשאַ האָט גערעכענט, אַז דאָס איז פֿון שרעק, נאָך וועלכען זי האָט זיך נאָך נישט אינגאַנצען בערוהיגט.

„האַלט זיך אָב, ווען די ווערטער זענען בײַ די אויף די ליפּען". די דאָזיגע ווערטער האָבען זיך דאָלי'ן דערמאָהנט יע־דעס מאָל, ווען זי האָט געוואָלט דערצעהלען דעם אמת, און אַ מיעסער שרעק פֿאַר יענעם ווילדען מענשען האָט זי ווירקליך אָב־געהאַלטען דערפֿון, דען זי איז געווען זיכער, אַז אויב זי וועט אויסזאָגען, וועט ער זיך נוקם זײַן אָן דזשאַ'ן, דעמזעלבען דזשאַ'ן, וועלכער איז געווען איהר רעטער.

איבעריגענס, איז דזשאַ געווען אַזוי גליקליך, וואָס ער

האָט דאָלי׳ן נאָכגעבן זיך, אַז ער האָט זיך גאָר שטאַרק נישט דערפרעגט אױף. לאַנגזאַם האָבען זײ זיך דערנעהערט צו דער „מײפּאָיל”, נאָר פּלוצים איז דאָלי געבליבען שטעהן מיט אַ געשרײ:

— דער בריעף!

— וואָסער בריעף? — האָט דזשאָו געפרעגט.

— איך האָב געטראָגען אַ בריעף אין האַנד. און מײן בראַסלעט אױך — בײדע פערלױרען! אָדער יענער האָט זײ צוגענומען. אַך ס׳איז אַן אומגליקליכע איך בין!

דאָס מײדעל האָט זיך בעגאָסען מיט טרערען, און דעם אמת מוז מען זאָגען, אַז זי האָט געװײנט נאָכ׳ן בריעף נישט װעניגער װי נאָכ׳ן בראַסלעט.

דזשאָו האָט זי געטרײסט, אַז ער װעט קומען צוריק אױפ׳ן פּלאַץ מיט אַ לאַמטערן און װעט אױפזוכען די פערלױרענע חפצים. ענדליך זענען זײ געקומען אין שײנק, װאו דער שלאָסער און זײן פרױ זענען געזעסען מיט׳ן אַלטען דזשאָן און האָבען גע־לעבט אַ טאָג.

מיסטער װילעט האָט אָנגענומען די ידיעה װעגען דעם איבערפאַל אױף דאָלי׳ן מיט זײן געװעדבליכען פלינקען פערשטאַנד, װאָס האָט איהם געשטעלט פיעל העכער פון אַלע אַנדערע מענ־שען; מיסעס װאַרדען האָט אױסגעדריקט איהר סימפּאַטיע דער טאָכטער דערמיט, װאָס זי האָט זיך אָנגעבײזערט אױף איהר פאַר קומען אַזױ שפּעט; דער שלאָסער, װידער, האָט זיך צטײלט אױף צװײען: טרײסטענדיג די טאָכטער און דריקענדיג דזשאָו׳ן די הענד איס דאַנקבאַרקײט.

דזשאָו האָט דערװײל גענומען אַ לאַמטערן און געפרעגט װאו יו איז.

— ער שלאָפט אין קיך בײם פײער; װאָס דאַרפסטו איהם? — האָט דער פאָטער געפרעגט.

— איך װיל, ער זאָל געהן מיט מיר זוכען דעם בראַסלעט און דעם בריעף. עה, יו, אַהער!

דאָלי איז געוואָרען בלאַס ווי דער טייט. אין אַ מינוט אַרום איז זי אַריינגעקומען אין צימער; ער האָט זיך געוואַקעלט אין געגענעצט און בכלל געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי מ'האָט איהם אויפגעוועקט פון אַ טיעפען שלאָף.

— נאַ, פאָפּער, — האָט דושאָי געזאָגט, געבענדיג איהם די לאַמטערן, — און נעהם-מיט דיין הונד און דיין שטעקען. איך בין דעם בחור ניט מקנא, אויב מיר'ן איהם דערטאַפּען.

— וואָסער בחור? — האָט זי אויסגעברומט, רייבענדיג די אויגען.

— וואָסער בחור! — האָט דושאָי איבערגעקרימט. — וואָלסט אַליין בעדאַרפט וויסען. אַזאַ ריעז זאָל זיין אַזאַ פּוילנצער און שטענדיג האָפּען נעבען אייערע, אָנשטאָט אויפפּאַסען, אַז אַרום דער „מייפּאָול“ זאָלען זיך נישט אַרומשלעפּען קיין גנבים און באַנדיטען און נישט לאָזען אַ מענשען דורכגעהן דאָס פעלד דאָ אַהים.

— מיך האָבען זיי נאָך קיינמאָל נישט בערויבט, — האָט זי לאַכענדיג געזאָגט. — איך האָב נישט וואָס אָנצוּווערען. נאָר גאָרנישט, איך וואָלט זיי געגעבען איבער די קאָפּ פונקט אַזוי גערן ווי עמיצען אַנדערש. וויפיעל זענען זיי?

— ניר איינער, — האָט דאָלי פער'חל'שט געענטפערט אויף אַלעמענס בליקען.

— און ווי זעהט ער אויס, מיסטרעס? — האָט זי געפרעגט מיט אַ פלינקען בליק אויף דושאָי'ן. — איז ער אין איין וואוּקס מיט מיר?

— ניין, נישט אַזוי הויך, — האָט דאָלי געענטפערט, קוים וויסענדיג וואָס זי רעדט.

— און ווי איז ער געקליידט? — האָט זי ווייטער געפרעגט. — אַזוי ווי עמיצער פון אונז? איך קען דאָ אַלעמען אַרום און וואָלט זיך געקאָנט אָנשטויסען, ווער דאָס איז, ווען איהר גיט מיר עפּיס אַ סימן.

דאָלי איז געוואָרען נאָך בלאַסער און האָט געזאָגט, אַז

ער איז געזעסען אין א ברייטען מאנטעל און פערוויקעלט אין א טוך, אזוי אז זי האט איהם רעכט נישט געזעהן.

— איהר וואלט איהם, זעהט איס, נישט דערקענט, ווען איהר בעגעגענט איהם נאכאמאל? — האט יי געזאגט מיט א פערביסענעם שמייכעל.

— ניין, — האט דאלי געזאגט און זיך ווידער בעגאסען מיט טרעהרען. — איך וויל איהם גארניט זעהן, איך קאן אפילו נישט קלערען וועגען איהם. גערעט נישט וועגען די זאכען, מיסטער דזשאי, גערעט נישט, איך בעט אייך, מיט דעם דאזיגען מענשען.

— מיט מיר נישט געהן! — האט יי אויסגעשריען. — איך בין צו-פערגרעבט פאר זיי אלעמען. זיי האבען אלע מורא פאר מיר. גאט איז מיט אייך, מיסטרעס, איך האב דאס ווייכסטע הארץ אין דער וועלט. איך האב ליעב אלע דאמען, !מעם, — האט ער צוגעגעבען, ווענדענדיג זיך צום שלאסער'ס פרוי.

מיסעס וואַרדען האט אויסגעדריקט איהר מיינונג, אז ער דארף זיך שעמען איב אזוי, אז אזעלכע געפיהלען פאסען זיך מעהר פאר א מיטילמאן אדער פאר א ווילדען, איידער פאר א פראטעסטאנט. ארויסגעהענדיג פון דעם דאזיגען אונפאלקאמענעם צושטאנד פון זיינע מאראלישע אנזיכטען, האט זי געדרינגען, אז ער איז אפנים נישט בעקאנט מיט'ן „האנדבוך פאר פראטעסטאנטען". יי האט זיך מודה געווען, אז ניין, און האט ערקלערט, אז ער קאן אפילו נישט לעזען. מיסעס וואַרדען האט איהם דאן גענומען מוסר'ן נאך שטרענגער און געראטהען אבשפארען פון זיין טאשען-געלד, זיך קויפען אן עקזעמפלאר פונ'ם „האנדבוך" און זיך בעקענען מיט זיין אינהאלט.

נאר אזוי ווי יי האט זי איבערגעלאזען אין מיטען אהן שום דרך-ארץ און איז אוועק נאך דזשאי'ן, האט זי געמוזט זיך בעגנוגען מיט איהר מוסר צו דער געזעלשאפט ביים טיש. זי האט אין גיכען אויסגעפונען, אז מיסטער ווילעט'ס אויגען זענען אנגעשטעלט אויף איהר מיט אן אויסדרוק פון טיעפער אויפמערק-

צוקומט; זי האט זיך דעריבער גענומען ווענדען אויסשליסליך צו איהם און האט איהם פארגעלעזען א לאנגע מאראלישע און טע־אלאגישע לעקציע, וועגענדיג איבערצייגט, אז ביי איהם אין קאפ קומט פאר א גרויסע טהעטיגקייט, פוליבט א גאנצע איבערקערעניש צווים גישען. דעם אמת אבער מוז מען זאגען, אז הגם מיסטער ווילעט'ס אויגען זיינען געווען ברייט געעפענט, און ער האט קלאר געזעהן געגענאיבער זיך א פריען־קאפ, וואס איז געווארען אלץ אין גרעסער און האט ביסלעכווייז פערשטעלט מיט זיך דעם גאנצען סופעט, — איז ער אין אלע אנדערע הינזיכטען געווען פערזונקען אין א טיעפען שלאף. מיט די הענד אין די קעשע־נעס איז ער זיך אזוי פריידליך אבגעשלאפען, ביז דזשאו'ס צו־ריקקעהר האט איהם אויפגעוועקט פון א חלום וועגען געוואלצע־נעם הויז־פלייש מיט גרינווארג.

---

22. דער יום־טוב צו ענד.

דזשאו איז געקומען מיט דער ידיעה, אז דאס זיכען האט קיין ערפאלג נישט געהאט. דאלי האט אנגעשריבען צו עממא'ן א בריעף, און וועלכען זי האט דערצעהלט דיזעלבע געשיכטע, וואס זי האט אנגעגעבען אין דער „מייפאיל״, און דזשאו האט זיך אינטערגענומען איבערצוגעבען עממא'ן דעם בריעף ביי דער ערשטער מעגליכקייט. דערנאך האט מען דעם עולם איינגעלאדען צו טהיי מיט פערשיידענע צובייסענס.

ביים עסען פלעגט מיסעס ווארדען איבערדיפט זעהר זעל־טען זיין צו־פראטעסטאנטיש, דעריבער האט זי זיך געפונען אין א פיינער שטימונג און האט דורכגעמוסר'ט דאלי'ן דערפאר, וואס זי איז אזוי נידערגעשלאגען פון איהר פערלוסט, און צו־בייסענדיג מיט גרויס אפעטיט, האט זי איהר געראטהען צו טראכטען א ביסעל וועגען קרבנות, וואס די קריסטליכע מיסיאנערען ברייניגען אין די ווייטע מקומות, וואו זיי לעבען נעבך מיט גרינסען אליין.

אַזאַ טאָג, ווי די פאַמיליע וואַרדען האָט פערבראַכט, ברייננט מיט זיך שטענדיג פיעל שאַרפע וואַקלונגען אין דעם מענשליכען טערמאָמעטער, בעזונדערס ביי אַזאַ איידעלער כלי ווי מיסעס וואַרדען איז געווען. אַזוי אַרום איז אויסגעקומען, אַז ביים מיטאָג האָט זי געהאַלטען ביי זומער-היץ: פריינדליך, אויפגעלעגט, גוטמוטהיג. נאָך מיטאָג, ביים וויין, האָט זי געשטיגען אויף אַ האַלבען טוץ גראַד און איז געווען איינפאַך בעצויבערנד. אַ ביסעל שפעטער, ווען דער וויין האָט אויפגעהערט צו ווירקען, איז זי אַראָבגעפאַלען אויף עטליכע גראַד, האָט זיך צוגעלעגט שלאָפען און איז אויפגעשטאַנען אַ ביסעל אונטער דעם פריהר-פונקט. איצט, ביי דעם טהיי, האָט זי ווידער געהאַלטען ביי זומער-היץ אין שאָטען. נאָך טהיי האָט מיכטער ווילעט אַרויסגענומען אַ פלאַש אַלטען וויין פון זיינע אוצרות, און דאָס האָט אַרויפגעצויגען מיסעס וואַרדען ביז ניינציג גראַד, אויף וועלכע זי איז געשטאַנען אין פערליוף פון אַ שטונדע און אַ פערטיל. דערנאָך האָט זי ווידער אָנגעהויבען פאַלען, און גאַבריעל, פערשטעהענדיג, אַז דאָס פיינסטע וועטער איז שוין געבליבען פון הינטען, האָט אַיינגעזעהן, אַז איצט איז די רעכטע צייט צו פאָהרען אַהיים.

די ברישקע איז אין גיכען געשטאַנען ביי דער טהיר, עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ פּאַקעניש אין שאַלען, אין טיכער, אין מאַנטלען — נאָר סוף כל סוף זענען אַלע געזעסען אויף דער פודר, און דאָס פערד האָט זיך גערירט פון אָרט.

דזשאָו האָט בעשטאַנען אויף בעגלייטען די געסט אַ שטיקעל וועג און איז געריטען נעבען וואָגען, פערשטעהט זיך, אויף דאַלי'ס זייט און גאַנץ נאָהנט צום ראָד. עס איז געווען אַ שענע, לויטערע נאַכט, און הגם דאַלי איז געווען נידערגעשלאָגען, האָט זי פונדעסטוועגען פערריסען דעם קאָפּ און געקיקט אויף די שטערען מיט אַזוי פיעל חן און צויבער, אַז דזשאָו איז פשוט געווען גערירט פון זינען, און אויב עמיצער איז געווען פערליבט, נישט בלויז איבער די אויערן, נאָר איבער'ן

שפּיץ פֿון לאָנדאָנער סען־פּיל־קירך — איז עס געווען ער. דער וועג איז געווען אַ גאַנץ גוטער, אָהן בּערגלעך און גריבּער, פֿונדעסטוועגען האָט זיך דאַלי די גאַנצע צייט אָנגעהאַלטען מיט אַ האַנד אָן בּרעג פֿון דער בּריטשקע, ווי זי וואָלט מורא האָבּען פֿאַר אַרויספֿאַלען. און זאָל אַפֿילו געווען נאָכגעהן פֿון הינטען דער תּלין מיט אַ האַק, גרייט אָבּצוהאַקען דזשאָ׳ס האַנד, איבּ ער וועט אָנרירען דאַלי׳ס, וואָלט זיך דאַן אויך דער יונגערמאַן ניט געקאָנט דערפֿון צוריקהאַלטען. תּחלת האָט ער געווען אַרויפֿגעלעגט זיין האַנד אויף איהרע בּלויז אויף איין אויגענבּליק און זי גלייך אַראָבּגענומען, נאָר בּיסלעכווייז האָט ער זי דאָרט איינגאַנצען פֿערגעסען און איז שוין אַזוי געפֿאָהרען די גאַנצע צייט. נאָר מאָדנער פֿון אַלעם איז געווען דאָס, וואָס דאַלי האָט גאָר, קענטיג, דערפֿון ניט געוואוסט און האָט געקוקט אויף דזשאָ׳ן גאַנץ אוּנשולדיג און תּמ׳עוואַטע, ווי ניט זי מיינט מען.

פֿאָהרענדיג, האָבּען זיי געשמועסט פֿון דאַלי׳ס איבּערשרעק, פֿון איהר דאַנקבּאַרקייט, וועגען דעם, אַז זיי וועלען בּלייבּען איבּיגע גוטע־פֿריינד. דזשאָ האָט געזאָגט, ער האָפֿט, אַז ניט „גוטע־פֿריינד“, האָט דאַלי געזאָגט, זי האָפֿט, אַז ניט קיין שׂונאים; און אַז דזשאָ האָט ווידער געזאָגט, אפשר קאָן צווישען זיי זיין עפּיס בּעסערס פֿון פֿריינדשאַפֿט, האָט דאַלי פּלוצים דערזעהן עפּיס זעהר אַ ליכטיגען שטערן און אָנגעוויזען דזשאָ׳ן אויף איהם, און דערבּיי האָט זי אויסגעזעהן נאָך אוּנשולדיגער און תּמ׳עוואַטער ווי אַלע מאָל.

אַז זיי זענען אַרויסגעפֿאָהרען פֿון וואַלד, האָבּען זיי דערהערט הינטער זיך אַ גאַלאָפּ פֿון אַ פֿערד, און אין גיכען האָט זיי אָנגעיאָגט אַ רייטער.

— ווידער ער! — האָט דאַלי מיט אַ שוידער אויסגעשריען.

— יאָ! — האָט דזשאָ געזאָגט. — וואָהין פֿאָהרסטו?

— נעהמען דיך אַהיים, — האָט ער געענטפֿערט. — ער האָט מיך געשיקט.

— דער טאטע! — האט דושאָ אויסגערופען און צוגעגעבען אין דער שטיל אַ מימרא נישט פון קיין געטרייען זוהן. — וועט ער מיך אייביג האלטען פאר אַ קינד", וואס קען אליין פאר זיך נישט זאָרגען!

— יאָ, — האט זי געזאָגט. — דער וועג איז נישט זיכער היינטיגע צייטען, איז בעסער זאָלסט האָבען עמיצען נעבען זיך.

— פאָדער-מיט, איך וויל זיך נאָך נישט אומקערען.

זי האט זיך געלאָזען פאָרען מיט זיי און האט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטען נעבען דושאָ'ן, און דאָס האט איבערגעריסען דעם שמועס צווישען די צוויי יונגע מענשען. באַלד דערנאָך האט זיך מיסעס וואַרדען בעקלאָגט, אַז דושאָ האט זי שוין גענוג בעגלייט און קען פאָהרען אַהיים. אומזיסט האט דושאָ געטענה'ט, אַז ער איז נישט מיעד און אַז עס איז נאָך פריה — מיסעס וואַרדען'ס טערמאָמעטער איז שוין געשטאַנען גאָר אויף די נידריגע גראַדען, און דושאָ האט געמוזט נאָכגעבען.

— גוט-נאַכט אַלזאָ! — האט ער אומעטיג געזאָגט.

— גוט-נאַכט! — האט דאָלי געענטפערט.

זי האט געוואָלט נאָך צוגעבען, ער זאָל זיך היטען פאר יו'ן, נאָר יענער איז געווען צו-נאָהענט און האט פון איהר קיין אויג נישט אַראָבגענומען, האט זי געמוזט שווייגען. די צוויי יונגע-לייט האָבען פערקעהרט זייערע פערד און זענען אין גיכען פערשוואונדען.

וואס דאָלי האט געטראַכט, פאָהרענדיג אַהיים, און צי דער וואָגענמאַכער האט נאָך אַלץ פערנומען אין איהרע געדאַנקען דעמזעלבען בכבוד'יגען פּלאַץ, וואס אין דער-פריה, בלייבט אומבעוואוסט. ענדליך, זענען זיי געקומען אַהיים. מיגס האט דערהערט דאָס גערויש פון די רעדער און איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל.

— אָט זענען זיי, מיממאַן, אָט זענען זיי! — האט מיגס אויסגערופען, העלפענדיג איהר מיסעס אַרויסקריכען פון וואָ-

גען. — נו, מעם, פיהלט איהר זיך נישט בעסער? אך, גאָטעניו, ווי דערפרירען איהר זענט! זי איז דאָך איין שטיק אייז, סער!

— איך קאָן דערצו נישט העלפען, מיין גוט מיידעל, — האָט דער שלאָסער געזאָגט. — נעהם זי בעסער אַריין אין הויז, צום אייווען.

— דער מייסטער רעדט אָהן האַרץ, מעם, — האָט מינס געזאָגט מיט אַ טאָן פון רחמנות און בעדויערן, — אָבער איך בין זיכער, אַז ער מיינט עס נישט. קומט אַריין אין הויז, דאָרט ברענט אַ גוט פייער.

— מיין ליעבע מאַרטאַ, — האָט דער שלאָסער געזאָגט צו זיין פרוי, ווען זיי אַלע זענען שוין געווען אין הויז, — מ'וואָלט בעדאַרפט אויפפּאַסען אויף דאָלי'ן, זי איז, קענטיג, עפּיס ניט מיט אַלעמען.

און ווירקליך: די קליינע האָט זיך אַ וואָרף געטהון אויף אַ זאָפע, האָט פערדעקט איהר געזיכט מיט די הענד און האָט זיך שטאַרק פונאַנדערגעוויינט.

ביי דער דאָזיגער זעלטענער ערשיינונג (דען דאָלי איז נישט געוועהנט געווען צו אַזעלכע שטיק) האָט מיסעס וואַרדען אויסגעדריקט איהר מיינונג, אַז זי איז די אומגליקליכסטע פרוי אין דער וועלט, אַז טאָמער פערברייגגט זי שוין אַמאָל אַ גאַנ־צען טאָג, מוז זי איצט בעצאָהלען דערפאַר, — און אַזוי ווייטער. מינס האָט אונטערגעהאָלפען. נאָר אַזוי ווי דאָס האָט נישט געווירקט, און דאָלי'ן איז וואָס אַמאָל ערגער געוואָרען, האָבען די ווייבער געמוזט זיך נעהמען ערנסט צו טהון עפּיס פאַר איהר. זיי האָבען זי אויסגעטהון און אַריינגעלעגט אין בעט אַריין, און דאָרט איז זי ביסלעכווייז געקומען צו זיך. דאַן האָט מיסעס וואַרדען געפונען, אַז אַ ביסעלע מוסר קאָן איצט נישט שאַדען, און האָט דער טאָכטער געגעבען צו פערשטעהן, מיט טרעהרען אין די אויגען, אַז טאָמער האָט זי אַ ביסעלע גע־ליטען יענעם טאָג, טאָר זי נישט פערגעסען, אַז דאָס איז דער

גורל פון דער מענשהייט בכלל און פון פרויען בפרט, אין אז אין ביכער וועט זי מסתמא זיין געצוואונגען, געגען איהרע געפיהלען, חתונה צו האבען, און וואס פאר א גבורה מ׳מיז האבען איבערצוטראגען די לאסט פון פאמיליען-לעבען, קאן דאך די טאטטער זעהן פון איהר מוטער׳ס פינסטערן מזל. און ווידער האט מינס איטערגעהאלפען און געראטהען דאלי׳ן זיך א־אבגעמען א מוסר פון איהר מוטער, וועלכע איז א גרויסע צדיקת, — א סימן האט איהר, אז ווען מינס האט נור אבגעשילדערט מיסעס יארדען׳ס מעלות פאר איהר אייגענער שוועגערין, וואס זי מיט איהר מאן האבען געהאט א טבע צו ווארפען זיך מעשוגענע לייכטער. קאטשערעס, לאפעטעס און נאך אזעלכע הא־טע און געוויכטיגע חפצים, — האט דאס דאזיגע צעטעל פון מעלות אזוי געווירקט אויפ׳ן פאר-פאלק, אז איצט לעבען זיי ווי די טייבעלעך, ווי יעדער איינער קאן זיך איבערציינען מיט זיינע אייגענע אויגען אין יאלדען לייאן קאורט, נומער זיעבען און צוואנציג, די צווייטע גלאק רעכטס.

נאר די גרעסטע שמחה איז געווען ביי מינס׳ן, אז זי האט זיך ביסלעכווייז דערוואוסט, וואס מיט דאלי׳ן האט פאסירט, איז געקומען צופיהלען מיט דער געשיכטע צו מיסטער טעפערטיט.

— אוי, סיממאן וואס איך דער וועלט קאן פאסירען!

מיסטער טעפערטיט איז נישט געווען אין זיין בעסטער שטימונג אין האט דעריבער אפילו נישט בעוויליגט צו פרעגען, געגען וואס דא האנדעלט זיך.

— געהערט א ביסעל! — האט מינס ווייטער גערעדט. — אנאיינפאל דאס איז — זיך טשעפען צו איהר! וואס האבען זיי אין איהר דערזעהן אזוינס? א שענער שפאס, איך מיינע נאמנות, חע-חע!

דערהערט, אז עס האנדעלט זיך וועגען א חאמע, האט מיסטער טעפערטיט שטאל׳ן איפגעפאדערט זיין שענע פריינדין צו ריידען קלארע דבורים, ווער איז דאס די „זי".

— ווער זאל עס זיין — אט די דאלי, פערשטעהט זיך! — האט מיגס געענטפערט. — אבער וואס אמת איז אמת, דזשאָ וועלט איז א בראווער יונג און פערדיענט זי צו האבען.

— אשה! — האט מיסטער טעפערטיט אויסגעשריען. — היט די ביינער!

— מאטעלעך מיינע, סימאן! — האט מיגס כלומרשט ערשטוינט אויסגערופען. — וואס איז דער מעהר?

— פארדאן אזעלכע סטוינעס אין דעם מענשענ'ס הארצען, — האט מיסטער טעפערטיט שטרענג ארויסגערעדט, — וועלכע איז גלייכער נישט אנצורירען. אט דאס איז דער מעהר.

— א, אויב איהר זענט היינט אין גרימצארן, מילא, איך נישט! האט מיגס אויסגערופען און געוואלט אוועקגעהן.

— אין גרימצארן אדער נישט, — האט מיסטער טעפערטיט געזאגט, האפענדיג זי פאר א האנד, — דערצעהלט, וואס איהר האט געוואלט דערצעהלען.

מיגס האט דערצעהלט די געשיכטע זעהר גערן און האט דערביי צוגעפוצט דעם עפיזאד, ווי אזוי דזשאָ האט געראטעוועט דאלי'ן אין ערווארבען אויף אייביג איהר דאנקבארקייט און ליעבע.

— זעהר גוט, — האט מיסטער טעפערטיט געזאגט, אויסהערענדיג די געשיכטע, און האט אויפגעשויבערט די האהר אויף זיין קאפ. — זיינע טעג זענען געצעהלטע.

— א, סימאן!

— איך זאג אייך, זיינע טעג זענען געצעהלטע. פערלאזט מיך. טראגט זיך ארויס פון דאנען!

מיגס האט זיך ארויסגעטראגען, נישט אזוי אויף זיין בעפעהל, ווי וויל זי האט געפיהלט א בעדערפניש צו רוהיקען א ביסעל אין געהיים. דערנאך איז זי אריין אין זאל, וואו גאבריעל, ארטנק דער רוהיגקייט אין הויז און „טאבי'ן", איז געזעסען א צופריעדענער און געווינט זיך א ביסעל דורכצושמועסען מיט זיין פרוי איבער די געשעהנישען פון טאג. דאס

איז געווען גענוג, אַז מיקעס וואַרטען זאָל זיך „דערפיהלען שלעפעריג" אין ווירקליך אַוועקגעהן אין בעט אַריין.

---

23. אין אַ זיידענער נעץ.

דער אָוונד האָט געמאַכט פּלאַץ פאַר די נאַכט, נאָר אין די קוואַרטאַלען, וואו די אַריסטאָקראַטישע „וועלט" שטעהט וואוינען, האָט זיך ערשט אָנגעפאַנגען דער עכטער „טאָג", די צייט, ווען די אַריסטאָקראַטיע לעבט איהר פרעהליך לעבען.

מיסטער טשעסטער דער עלטערער איז געזעסען אין זיין טואַלעט-צימער און געלעזען אַ בוך, ווען ביי דער טהיר פון זיין וואוינונג האָט זיך דערהערט עפּיס אַ גערויש; עס האָט אויסגעזעהן, ווי דער דיענער וואָלט נישט וועלען אַריינלאָזען עפּיס אַ אונגעווינשטען בעזוכער.

— עפּיס צו-שפּעט פאַר אַ פרעכען קרעדיטאָר, — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט און אויפגעהויבען די ברעמען מיט גלייכגילטיגער פערוואונדערונג, גלייך ווי דאָס וואָלט נישט געהאַט צו איהם די מינדסטע שייכות. — מסתמא די געוועהנליכע מענה: אַ גרויסע צאָהלונג מאָרגען. אַ רחמנות אויפ'ן מאַן, ער פערליערט נעבעך אומזיסט זיין צייט, און צייט איז געלד, זאָגט דאָס אויסגעצייכענטע שפּריכווארט — הגם איך פערזעהנליך האָב עס נאָך נישט אויסגעפונען. נו, וואָס איז שוין וויטער? דו ווייסט דאָך, אַז איך בין אין דער-היים נישטאָ.

— סער, — האָט געענטפערט דער דיענער, אַ נפש, וואָס איז אויף זיין אייגענעם אופן געווען נישט ווייניגער קאַלט-בלוטיג פון זיין הערן, — עפּיס אַ מענש האָט אָבגעבראַכט דאָס האַנד-בייטשעל, וואָס איהר האָט נעכטען פערלוירען. איך האָב איהם געזאָגט, איהר זענט אין גאַס, ער האָט אָבער נישט געוואָלט אָבטרעטען ביז איך וועל עס אייך נישט דערלאַנגען.

— ער איז גאַנץ גערעכט, אין דו ביזט אַ גולם, אַ מענש אָהן אַ ברעקעל פערשטאַנד. הייס איהם אַריינקומען און זאָג,

ער זאל פריהער אבווישען זיינע שיך נישט ווייניגער ווי פינף מינוטען נאכאנאנד.

דער דינער איז ארויס. מיסטער טשעסטער האט זיך גענומען פיהרען ווייטער זיין שמועס מיט זיך אליין:

— ווען צייט וואלט ווירקליך געווען געלד, וואלט איך געקאנט באפריעדיגען מיינע קרעדיטארען, געבענדיג זיי — א שטייגער, וויפיעל א טאג? א פריי שטיקעל צייט נאך מיטאג, א גוטע שטונדע, — איהר מעגט עס נעהמען, מיינע הערען, — מיט אלע כבוד'ן, — און מאכט דערפון וויפיעל איהר קאנט. און דערפריה, צווישען פריהשטיק און דער צייטונג, נאך א שטונדע, און וואס בעט איהר מיך קומען און דערנאך האלט איהר מיך דרויסען ביי דער טהיר?

— מיין פיינער בחור, — האט מיסטער טשעסטער געזאגט, באקוקענדיג איהם פון קאפ ביז די פיס, — עס פרעהט מיך זעהר דיך צו זעהן. וואס מאכסט דו?

א דריטע פאר מיטאג. דריי שטונדען — אהא! דאס וואלט געקלעקט פאר זיי. איך וועל זיי עס אנבאטען. א, מיין צענטויר, דו ביזט דא?

— דא בין איך, — האט יו געענטפערט אריינשפאציערענדיג אין צימער, און זיין הונד, אזוי ווילד און רוי ווי ער אליין, נאך איהם. — און קוים מיט צרות זיך דערשלאגען צו אייך. צו

— געזונד, — האט יו אונגעדולדיג געענטפערט.

— זעהסט אויס אויף חדושים געזונד. זיץ.

— איבעל בעסער שטעהן.

— ווי דו ווילסט, מיין גוטער יונג, — האט מיסטער טשעסטער געזאגט, אויסקוקענדיג זיך געגען שפיגעל, — ווי דיין הארץ גלוסט.

און מעהר האט ער זיך שוין אויף זיין גאסט נישט אומגעקוקט און זיך גענומען מאכען זיין טואלעט.

— אלזא, מיין הערר, איהר ווילט מיט מיר רייד'ען, צי ניין? — האט יו געפרעגט נאך א לאנגער פויזע.

דו ביזט איצט נישט אויפגערוימט, מיין ליעבער. איך וועל ווארטען, ביז דו וועסט זיך בערוהיגען. איך האב צייט.

די ווערטער און זייער טאן האבען געווירקט. זיי האבען יו'ן ערנידריגט און איהם אראבגעשלאגען פון טראפּ. אויף בייזע רייד וואלט ער געקאנט ענטפערן מיט דעמזעלבען, אויף קלעפּ — מיט נאך שטארקערע, נאר אזא קאלטע, שטאלצע און אויסערליך־העפליכע אויפנאהמע האט איהם געגעבען צו פיהלען זיין נידריגען שטאנד אין פערגלייך מיט'ן ווירטה פון הויז. דערצו האט אויף איהם שטארק געווירקט דער ארומיגער לוקסוס, וועלכער האט אפטמאל אנאיינפלוס אפילו אויף מעהר אויפגעקלערטע קעפּ. ער האט ווידער א צייט געשוויגען און דערנאך געפרעגט מיט א מין גראבען פערזוך זיך איבערצובעטען:

— אלזא, איהר'ט מיט מיר ריידען, צי איך זאל אוועקגעהן?

— רייד דו, מיין וואוילער בחור, — האט מיסטער טשעסטער געזאגט, — רייד דו. איך האב דאך שוין גערעדט, ניין אפשר? איך ווארט אויף דיר.

— לאמיר נור וויסען, — האט יו געזאגט נאך מעהר צימישט, — בין איך דער מענש, ביי וועמען איהר האט געלאזען אייער בייטש און געהייסען זי ברייגנען, ווען איהר וועט מיך דארפען?

— דו, אהן צווייפעל, סיידען עס עקזיסטירט אזא צווילינג אויף דער וועלט, — וועלכעס איז, דאכט מיר, אונגלויבליך.

— אלזא, סער, בין איך געקומען, געבראכט די בייטש און דערצו נאך עפּיס, — א בריעף, וועלכען איך האב צוגענומען ביי דער פערזאן, וואס האט עס געהאט אין די הענד.

— דו האסט עס גענומען מיט געוואלט, מיין ליעבער יונג? — האט מיסטער טשעסטער געפרעגט אהן דעם מינדסטען אויסדרוק פון איבעררא שונג אדער צופריעדענהייט.

— נישט גאר מיט געוואלט, — האט יו געזאגט. — צום טייל.

— ווער איז געווען דער שליח, ביי וועמען די האסט עס צוגענומען?

— א פרוי. א געוויסען וואַרדען'ס טאָכטער.

— אַזוי! — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט מיט א שמייכעלע. — און וואָס נאָך האסטו ביי איהר גענימען?

— וואָס נאָך?

— יאָ, יאָ, וואָס נאָך?

— נו, א קוש, — האָט זי געענטפערט נאָך א ביסעל ישוב-הדעת.

— און וואָס נאָך?

— גאָרנישט.

— איך דענק, — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט אין דעמזעלבען לייכטען טאָן, — אַז דאָרט איז געווען נאָך עפּיס אַזוינס. איך האָב געהערט ריידען וועגען א שטיקעל ציהרונג, גאָר אַ קליינינקייט, וועלכע די האָסט לייכט געקאָנט פערגעסען. דערמאָהנסטו זיך נישט עפּיס אַזוינס, — א בראַסלעט, למשל?

זי האָט מיט אַ פלוך אַריינגעלעגט די האַנד אין בוזעם, האָט אַרויסגענומען דעם בראַסלעט און געוואָלט איהם אַוועק-לעגען אויפ'ן טיש, נאָר דער ווירטה האָט איהם געחאַפּט פאַר די האַנד און געהייסען בעהאַלטען עס צוריק ביי זיך.

— דאָס האָסטו גענומען פאַר זיך, מיין אויסגעצייכענטער פריינד, — און ביי דיר זאָל עס בלייבען. איך בין נישט קיין גנב און נעהם קיין גנבות נישט צו. ווייז עס מיר נישט. איך וויל אַפילו נישט זעהן, וואו דו בעהאַלסט עס.

— איהר נעהמט נישט צו קיין גנבות! — האָט זי פער-דריסליך געזאָגט. — און ווי רופט איהר דאָס, מיסטער?

דערביי האָט ער אָנגעוויזען אויפ'ן בריעף.

— דאָס רוף איך גאַנץ אַנדערש, — האָט מיסטער טשעסטער קאַלטבלוטיג געענטפערט. — איך וועל עס דיר באַלד דערווייזען. איך דענק, דו ביזט דאָרשטיג?

— יאָ, — האָט זי גראָב געענטפערט.

— עפֿען דעם בופֿעט און ברײנג פֿון דאָרט אַ פֿלאַש און אַ גלאָז.

זי האָט געפֿאָלגט, און דער װירטה האָט איהם מכבד געװעזען מיט עטליכע גלעזער אײנס נאָכ'ן צװײטען.

— װיפֿיעל קאָנסטו אַרײנגיסען?

— װיפֿיעל איהר װעט מיר געבען. גיט נאָך. גיט מיר אַ סך, װעל איך הרגענען אַ מענשען, אויב איהר װעט עס פֿערלאַנגען!

— אַזוי װי איך פֿערלאַנג עס פֿון דיר נישט און דו קאָנסט עס טהון אומגעבעטען, אויב דו װעסט טרינקען נאָך מעהר, װעלען מיר דערבײ בלײבען שטעהן, — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט. — דו האָסט שוין פֿריהער אויך געטרונקען, נאָך אײדער דו ביזט אַהער געקומען.

— איך טרינק שטענדיג, אַז איך האָב נור װאָס! — האָט זי איסגעשריען, האַלטענדיג דאָס גלאָז אין דער הויך. — פֿאַר־װאָס דען נישט? האַ־האַ־האַ! װעלכע זאַך איז דען געװען צו מיר אַזוי גוט? װאָס האָט מיך געװאַרימט אין די ביטערע קעלטען און פֿערטריבען די יסורים פֿון הונגער? װאָס האָט מיר געגעבען דעם קוראַזש און די קראַפֿט פֿון אַ מאַן, װען מענשען האָבען מיך, אַ פּיצעל קינד, געלאָזען אויסגעהן פֿון הונגער? װער האָט מיך געמונטערט און געפֿרעהט מײן האַרץ, װען איך האָב זיך געפֿיהלט נידערגעשלאָגען? איך טרינק פֿאַר'ן טרינק, מיסטער, האַ־האַ־האַ!

און מיט דעם דאָזיגען מאָדנעם „לחיים" האָט זי איבער־געקעהרט דאָס גלאָז אין האַלז אַרײן.

— ביזט זעהר אַ לעבעדיגע יונגער־מאַן, — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט, אויפֿבינדענדיג זײן האַלזטוך פֿאַר'ן שפּיעגעל. — אַ גאַנץ פֿרעהליכער קאָמפּאַניאָן.

— איהר זעהט אָט די האַנד אין דעם אָרעם? אָהן דעם טרונק װאָלט עס שוין לאַנג געפֿילט אין דער ערד!

— מעגסט צוריק אראפרוקען דיין ארבעל, דער ארעם וועהט אינוויינינג אויך אויס געניג ממשות'דיג.

— און ווי וואלט איך געטמען קיראזש אקוש צו טהון דאס דאזיגע שענע מיידעל, — האט זי אויסגעשריען, — אויב ניט אין גלעזעל! עס איז געוועזן זיס ווי האניג, איך פערזיכער איך. גיסט אן נאכאמאל, מיסטער!

— די פערשפרעכסט וועהר פועל, — האט מיסטער טשעסטער געזאגט, נישט אכטענדיג אויף זיין פערלאנג, און האט אנגעטהון זיין ראק. — איך מוז דיך ווארענען, זאלסט זיך היטען פאר צו־פיעל טרינקען, קאנסט נאך קומען צו דער תליה פאר דיין צייט. ווי אלט ביזט דו?

— איך ווייס נישט.

— ווי די מעשה איז, ביזט נאך געניג יונג און קאנסט נאך אויסמיידען אין פערלויף פון עטליכע יאהר דאס, וואס פאר דיר קאן הייסען א נאטירליכער טויט. ווי אזוי טרויסטו מיר אן דיין לעבען, נאך אזא קורצער בעקאנטשאפט, און גיסט זיך מיר איבער מיט א שטריק אויס'ן האלז? מוזט האבען וועהר א צוטרויליכע נאטור!

זי האט געמאכט א טריט אהינטער מיט א בליק פון שרעק, איבערראשונג און פערדרוס. מיסטער טשעסטער, בעקוקענדיג זיך אין שפיעגעל, האט זיך ווייטער גערעדט אזוי העפליך און גלאטיג ווי פריהער.

— רויבעריי אויפ'ן קעניג'ס שליאך, מיין יונגער פריינד, איז וועהר א געפעהרליכע בעשעפטיגונג. עס איז אנגענעהם, איך צווייפעל דערין נישט, אבער ווי פיעל אנדערע תענוגים אויף אונזער זינדיגער וועלט, קאן עס זעלטען דויערן לאנג. און ווי באלד אז דו עפענסט דיין הארץ, מיט יוגענדליכער אויפריכטיגקייט, פאר יעדען איינעם, האב איך ווירקליך מורא, אז דיין קאריערע וועט זיין וועהר א קורצע.

— איך פערשטעה נישט, — האט זי געזאגט. — וואס רעדט איהר עס דא, מייסטער? ווער האט מיך דערויף אנגערעדט?

— ווער טאַקע ? — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט און האָט זיך שאַרף אומגעדרעהט צו איהם. — איך האָב נישט איינגעהערט. ווער, זאָגסטו, איז עס געווען ?

זי האָט גענומען עפּיס שטאַמלען.

— ווער פּאַרט איז עס ? — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט. — איך בין זעהר נייגיריג צו וויסען. עפּיס אַ דאָרפישע שענהייט מסתמא ? די אָבער פּאָרזיכטיג, מיין פריינד, די דאָזיגע בעשעפעני׳שען קאָן מען נישט שטענדיג טרויען. געדענק מיינע ווערטער, היט זיך.

און ער האָט זיך ווידער געווענדט צום שפּיגעל.

זי איז געווען אינגאַנצען בעזיגט. ער האָט נישט געצווייפעלט אַ האָהר, אַז ווען ער זאָגט: „איהר האָט מיך אָנגערעדט", וואָלט איהם יענער גלייך איבערגעגעבען צו דער פּאָליציי, און ער וואָלט אַזוי זיכער געשטאָרבען אויף דער תליה, ווי זיכער עס איז, אַז ער איז געבוירען געוואָרען. די אונטערשטע שורה איז געווען די, אַז זי איז אינגאַנצען אונטערגעפאַלען אינטער די ממשלה פון דעם דאָזיגען פיינעם איידעלגעבוירענעם דזשענטעלמען.

וועהרענד זי איז געשטאַנען פערזונקען אין די דאָזיגע געדאַנקען, האָט מיסטער טשעסטער געעפענט דעם בריעף און איהם דורכגעלעזען.

— פיין געשריבען, אויף מיינע נאמנות! אַן׳עכטער פרויען־בריעף, פול מיט אַזוי־גערופענער צערטליכקייט, איבערגעבענהייט, האַרץ און די איבעריגע זאַכעני׳שען פון דעם מין.

רייידענדיג האָט ער דעם בריעף צונויפגעלעגט און איהם אָנגעצונדען ביים פייער פון דעם ליכט. אַז ער האָט זיך גוט צוברענט, האָט ער איהם אַריינגעוואָרפען אין אייוווען.

— דער בריעף איז געווען אַדרעסירט צו מיין זוהן, און דו האָסט געטהון זעהר גלייך, וואָס דו האָסט איהם געבראַכט צו מיר. איך האָב איהם געעפענט אויף מיין אחריות. נאַ דיר פאַר דיין מרחה.

אַז זי האָט גענומען די מאַנעטע, וואָס ער האָט איהם דערלאַנגט, האָט דער ווירטה פאַרטגעזעצט:

— אויב דו וועסט געפינען נאָך עפּיס אַזוינס, וועסטו עס דאָך מסתּמא ווידער ברינגען אַהער, — אַיאָ, מיין פריינד?

דאָס איז געזאָגט געוואָרען מיט אַ שמייכעלע, וואָס האָט בעטייט: „דערוועג זיך נור דאָס נישט צו טהון, ביזטו נישט זיכער מיט'ן לעבען". זי האָט געענטפערט, אַז ער וועט אַזוי טהון.

— און זיי נישט בעאונרוהיגט וועגען דעם ביסעל היציגקייט, וואָס דו האָסט אַרויסגעוויזען. דיין האַלז איז אַזוי זיכער אין מיינע הענד, מיין וואוילער יונג, פּונקט ווי ער וואָלט געוועזען ביי אַ קינד אין די פינגער. נעהם נאָך אַ טרונק, דו ביזט איצט רוהיגער.

זי האָט גענומען דאָס גלאָז און שווייגענדיג איבערגעקעהרט צו זיך אין האַלז.

— טרינקסטו שוין נישט פאַר'ן טרונק? האַ-האַ!

— פאַר אייך, מייסטער, — האָט זי געענטפערט מיט אַ מין נויג. — פאַר אייער געזונד.

— איך דאַנק. זאָל דיך גאָט בענשען. אגב אורחא, ווי רופט מען דיך? דיין נאָמען איז ז., איך ווייס, אָבער דער צווייטער, דער פאַמיליען-נאָמען?

— איך האָב נישט קיין פאַמיליען-נאָמען.

— אַ מאָדנער חברה-מאַן! מיינסטו דערמיט, אַז דו ווייסט נישט קיין אַנדערן, אָדער דו ווילסט נישט זאָגען?

— איך וואָלט געזאָגט, ווען איך וואָלט געוואוסט. איך ווייס נישט וואָס צו זאָגען וועגען אַ פאָטער. איך בין אַלט געוועזען אַ יאָהר זעקס, ווען מ'האָט אויסגעהאַנגען מיין מוטער און געמאַכט דערפון אַ ספּעקטאַקל פאַר אַ פּאָר טויזענד מענשען. מ'וואָלט זי געמעגט לאָזען לעבען. זי איז געוועזען גענוג אָרים.

— אַך, ווי טרויעריג דאָס איז! — האָט מיסטער טשעסטער בעוויליגט צו זאָגען מיט אַ שמייכעל. — איך צווייפעל נישט, אַז זי איז געוועזען זעהר אַ פיינע פרוי.

— איהר זעהט אָט דעם הינד מײַנעם? — האָט זי אָבגעהאַקט געפרעגט.

— זעהר געטרײַ מסתמא? און פערשטענדיג דערצו? בעשעפענישען מיט פעהיגקײַטען און גוטע מדות, מענשען אָדער חיות, זענען אַלע מאָל אַזוי העסליך.

— אַזאַ הונד ווי דער, — האָט זי געזאָגט, — איז געווען די איינציגע לעבעדיגע בריאה, אויסער מיר, וואָס האָט געקלאָגט יענעם טאָג. פון די צוויי טויזענד מענשען, וואָס זענען דערבײַ געווען, האָבען נור מיר בײַדע רחמנות געהאַט. וואָלט ער געווען אַ מענש, וואָלט ער צופריעדען געווען, וואָס ער ווערט פון איהר פטור, ווײַל זי איז געווען אָרים, און ער פלעגט בײַ איהר פגר'ן פון הינגער; אַזוי ווי ער איז אָבער געווען נישט מעהר ווי אַ הונד, נישט האָבענדיג קײַן מענשען'ס פערשטאַנד, האָט ער איהם בּאַנג געטהון.

— געוויס איז עס געווען נאַריש פון דער חיה, — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט, — ווי עס פּאַסט פאַר אַ חיה.

זי האָט דערויף נישט געענטפערט, האָט אַ פּייף געטהון צו זײַן הונד און געזאָגט: „גיט-נאַכט".

— גוט-נאַכט, מײַן ליעבער! — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט. — געדענק, אַז דו ביזט זיכער מיט דײַן לעבען, 'אַזוי לאַנג ווי דו ביזט עס ווערטה — און איך האָף, אַז דו וועסט עס שטענדיג ווערטה זײַן, — האָסטו אין מיר אַ פרײַנד. היט זיך אָבער, איך בעט דיך זעהר, און פערגעס נישט, אין וואָס פאַר אַ סכנה דו האָסט געקאָנט זײַן. גוט-נאַכט. גאָט זאָל דיך בענשען!

זי האָט גוט פערשטאַנען דעם געהיימען מיין פון די דאָזיגע ווערטער און איז אַרויס מיט גאָר אַנ'אַנדער מינע, ווי די, מיט וועלכער ער איז אַרײַן. זײַן בעהערשער האָט געשמייכעלט.

— און דאָך, — האָט ער געזאָגט, נעהמענדיג אַ שמעק טאַבּאַק, — געפעלט מיר נישט, וואָס מ'האָט זײַן מיטער אויסגעהאַנגען: דער יונג האָט פײַנע אויגען, און איך בין זיכער, אַז זי האָט געמוזט זײַן אַ שענע פרוי. פון דער אַנדער זײַט, איז זעהר וואַהרשײַנליך, אַז זי איז געווען פערגרעבט, האָט אפשר געהאַט

אַרויסע נאָז און אומגעלומפּערטע פיס, — נו־נאַ, ס'איז, אָהן צווייפעל, אַלעם צום בעסטען.

---

24. אַרעטעניש

צוויי פוסגעהער האָבען זיך בעוועגט איבער'ן וועג פון לאָנדאָן קיין טשינגוועל.

דאָס זענען געוועזען מאַרגעריי און זיין מוטער. גריפּ, נאַטירליך, מיט זיי.

פאַר די אַלמנה איז דער וועג געוועזען זעהר שווער, נאָר מאַרגערי איז אַלע מאָל פערלאָפען פאָראויס, האָט לוסטיג געטאַנצט צווישען די פעלדער און זיך געשפּיעלט מיט גריפּ'ן. איהר קינדס פרעהליכקייט האָט איהר לייכטער געמאַכט דעם וועג.

דעם פּלאַץ, וואוהין זיי געהען איצט, האָט זי פערלאָזען מיט צוויי און צוואַנציג יאָהר צוריק, באַלד נאָך דער פּאַסירונג, וואָס האָט געענדערט איהר גאַנץ לעבען. און פאַר די גאַנצע צייט האָט זי נישט געהאַט דעם מוטה צו בעזוכען דאָס דאָרף, וואו זי איז געבוירען געוואָרען.

זיי זענען דורכגעגאַנגען דאָס דאָרף און האָבען אין גיכען דערגרייכט צו דעם „וואָרען־הויז''. דאָס איז געוועזען דער ענדפּונקט פון זייער וועג.

מיסטער הערדייל האָט אַרומגעשפּאַצירט אין גאָרטען, און דערזעהענדיג די געסט, האָט ער געעפענט דאָס אייזערנע טהירעל.

— ענדליך האָט איהר זיך פאָרט געמאַכט די הארץ צו בעזוכען דעם אַלטען פּלאַץ, — האָט ער געזאָגט צו דער אַלמנה. — דאָס פרעהט מיך.

— צום ערשטען מאָל, סער, און צום לעצטען, — האָט זי געענטפערט.

— איך האָף, אַז נישט צום לעצטען מאָל.

— צום סאַמע לעצטען.

— הערט, מערי, — האָט מיסטער הערדייל געזאָגט: — איך

האָב איך נישט איינמאָל געבעטען צו בעזעצען זיך דאָ. איך דענק, אַז דאָ וואָלט איהר געווען גליקליכער. נאָר איהר האַלט זיך פעסט ביי אייערן. גענוג פאַר מיר צו וויסען, אַז איהר זענט איך אַריינגעשלעפּט געוואָרען אין דאָס אומגליק, וואָס האָט ביי מיר אַוועקגעריסען מיין ברודער און ביי עממאַ'ן איהר פאָטער. זאָל איך דענקען, אַז איהר פאָרט אונז צונויף מיט'ן מענשען, וואָס האָט געבראַכט אויף אייך די אַלע צרות?

— אייך צוזאַמענפאָרען מיט איהם! — האָט זי אויסגעשריען.

— יאָ, איך דענק, אַז ביי אייך איז עס אַזוי, — האָט ער געזאָגט. — איך גלויב כמעט, אַז אַזוי ווי אייער מאַן איז געווען צוגעבונדען צו אונזער קרוב און איז געשטאָרבען אין זיין דיענסט און ביים פערטיידיגען איהם, האָט איהר סוף כל סוף ביי זיך אין האַרצען פערבונדען אונז מיט זיין ערמאָרדונג.

— אַך! — האָט זי געענטפערט. — ווייניג ווייסט איהר מיין האַרץ, סער. ווייניג ווייסט איהר דעם אמת.

— און עס איז גאַנץ נאַטירליך, — האָט ער ווייטער גערעדט, מעהר צו זיך ווי צו איהר. — ס'איז זעהר גלויבליך, אַז איהר פיהלט אַזוי, אַליין נישט וויסענדיג דערפון. אונזער הויז איז זעהר געפאַלען. געלד, אפילו געגעבען מיט אַן אָפענער האַנד, וואָלט איך געווען אַ קלעגליכע בעלוינונג פאַר אַלע אייערע ליידען. ווער שמועסט, אַזאַ מאָגערע שטיצע — איז נישט בעסער ווי אַ ביטערער חוזק. איך פיהל עס גאַנץ גוט, גאָט ווייסט דעם אמת.

— איהר האָט אין מיר אַ גרויסען טעות, סער, — האָט זי ערנסט געזאָגט. — און דאָך, אַז איהר וועט אויסהערען, וואָס איך האָב אייך צו זאָגען...

— וועל איך זיך ערשט איבערצייגען, אַז איך האָב געהאַט רעכט? — האָט ער איבערגעפרעגט. — זענט איהר געקומען אַהער ספּעציעל מיט'ן צוועק צו רעדען מיט מיר?

— יאָ.

— אויב אייך איז אזוי שווער געווען אהער צו קומען, פאַרוואָס האָט איהר נישט געשיקט נאָך מיר?

— איך האָב דערצו קיין צייט נישט געהאַט. ערשט לעצטע נאַכט האָב איך אָנגענומען מיין בעשלוס, און איך טאָר נישט פערליערען קיין טאָג, קיין שעה.

זיי האָבען דערווייל דערגרייכט די טהיר פון הויז. ער האָט אויף איהר געקוקט, ערשטוינט פון דער ענערגיע, מיט וועלכער זי האָט גערעדט, נאָר זעהענדיג, אַז זי קוקט מיט שרעק אויף די וועגה פונ'ם אַלטען הויז, וואָס איז געווען פאַר איהר פער־בונדען מיט אַזעלכע שווערע זכרונות, האָט ער זי אַריינגעפיהרט שנעל צו זיך אין ביבליאָטעק, וואו עממא איז געזעסען און גע־לעזען אַ בוך.

— ענדליך, — האָט די מילדה געזאָגט, — האָט איהר זיך אומגעקעהרט אַהער. בויטע, פעטער, קלינגט אָן — אָדער ניין, באַרנעבי וועט אַליין לויפען און ברינגען אַ ביסעל וויין...

— ניין, ניין! — האָט די אַלמנה אויסגערופען. — ער וואָלט געהאַט אַן'אַנדער טעם — ניין, איך קאָן דאָ קיין זאַך נישט פערזוכען. בלויז אַ מינוט רוה — מעהר דאַרף איך נישט.

אַלע האָבען געשוויגען אַ היבשע ווייַלע.

— איך ווייס נישט, ווי אָנצופאַנגען, — האָט די אַלמנה ענדליך איבערגעריסען דאָס שווייגען. — איהר וועט מיך האַלטען פאַר געריהרט פון זינען.

— מאַכט זיך האַריץ, — האָט ער וואַרים געזאָגט. — איהר זענט צווישען פריינד. יעדע עצה אָדער הילף, אויב איהר נוי־טיגט זיך אין זיי, וועט איהר קריגען. איהר האָט אַ רעכט דערצו.

— און ווי איז, אויב איך, וואָס האָב נאָך בלויז איין־איינציגען פריינד אויסער אייך, בין געקומען זיך אָבזאָגען פון אייער שטיצע און זיך פערלאָזען פון היינט אָן בלויז אויף מיינע אייגענע קרעפטען?

— אויב עס איז אַזוי, קאָנט איהר, נאַטירליך, אָנגעבען

וויכטיגע טעמים דערצו, — האט מיסטער הערדייל געלאסען געזאגט.

— אט דאס איז טאקע דאס ערנסטע אין מיין קלאגעדיגער לאגע, — האט זי געענטפערט. — איך האב איבערדיפט נישט די מעגליכקייט אנצוגעבען א וועלכען עס איז טעם. איך קאן בלויז אנבאטען מיין נאקעט ווארט. דאס איז מיין פליכט, מיין הייליגסטע פליכט. איך וואלט געוועזען א פערברעכערין, אויב איך וואלט זי נישט ערפילט. מעהר קאן איך קיין ווארט נישט זאגען.

זי האט איצט געקראגען מעהר קוראזש און געזאגט מיט א פעסטערער שטים:

— גאט איז מיין עדות און מיין הארץ איז מיין עדות, אז איך האב שטענדיג געלעבט אין איבערגעבענהייט אין האנקבארקייט צו אייער פאמיליע. גאט איז מיין עדות, אז וואו־הין איך זאל נישט געהן, וועלען די דאזיגע געפיהלען מיינע בלייבען אינפערענדערט, און טאקע זיי גופא צווינגען מיך צו האנדלען אזוי, ווי איך האב בעשלאסען.

— א מאדנע רעטעניש! — האט מיסטער הערדייל געזאגט.

— איך דער־וועלט, — האט זי געענטפערט, — וועט דאס דאזיגע רעטעניש פיליכט קיינמאל נישט געלעזען ווערען. איך יענער־וועלט — דארט וועט דער אמת ארויסקומען, ווי בוימאייל איפ'ן וואסער.

— לאזט מיך זיך איבערצייגען, — האט מיסטער הערדייל געזאגט, — אז איך האב אייך ריכטיג פערשטאנען, דען איך גלויב מיינע אויערן נישט. איהר זאגט, אז איהר ענטזאגט זיך פרייוויליג פון דער שטיצע, וואס איהר קריגט פון אונז; פון דעם יעהרליכען געהאלט, אויף וועלכען איהר לעבט; אז איהר פערלאזט אייער הויז און אייער ביסעל ארימקייט, כדי אנצוהייבען דאס לעבען איפ'ם ניי — און דאס אלץ צוליעב עפעס א געהיימען טעם, וואס קאן נישט ערקלערט ווערען, וועלכער האט זיך ערשט בע-

ליזען, וועהרענד די אַלע יאָהרען האָט ער געדרימעלט. אַזוי? אום גאָטעס ווילען, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פֿערבלענדעניש, אויף אייך אָנגעקומען?

— אַזוי ווי איך בין זעהר דאַנקבאַר, — האָט זי געזאָגט, — די אייגענטימער פֿונ'ם דאָזיגען הויז פֿאַר זייער פֿריינדשאַפֿט צו מיר; און אַזוי ווי איך וויל נישט, אַז די דאָזיגע ווענד זאָלען פֿאַלען אויף מיין קאָפּ אָדער אַרויסטריפֿען בלוט, בעת מיין נאָמען ווערט דערמאָהנט צווישען זיי — מוז איך און וועל קיינמאָל מעהר נישט נהנה זיין אַ פּרוטה פֿון דעם דאָזיגען הויז. איהר ווייסט נישט, — האָט זי פֿלוצים צוגעגעבען, — וואָס פֿאַר אַ נעבהיך אייער שטיצע קאָן האָבען, און וועלכע הענד זי קאָן אַריינפֿאַלען; איך ווייס עס און ענטזאַג זיך פֿון איהר.

— איהר פֿערברויכט דאָך די געווים פֿאַר זיך!

— אַזוי איז געווען. איצט נישט. דער איצטיגער פֿערברויך איז אַ חוזק איבער די טויטע און זייערע קברים. מיר קאָן דאָס געלד קיין מזל־ברכה נישט ברייגגען, עס קאָן נור ברייגגען עפּעס אַ נייע צרה אויף מיין קינד'ס קאָפּ. איך וויל נישט, ער זאָל ליידען פֿאַר זיין מוטער'ס שולד.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ ווערטער! — האָט ער פֿערוואונדערט איבערגעריפֿען. — און וואָס פֿאַר אַ געזעלשאַפֿט זענט איהר עס אַריינגעפֿאַלען? וואָס פֿאַר אַ שולד ליעגט אויף אייך?

— איך בין שולדיג — און אונשולדיג; איך בין אומגערעכט — און דאָך גערעכט. פֿרעגט מיך נישט מעהר, נאָר גלייבט מיר, אַז איך בין מעהר אומגליקליך ווי שולדיג, און דענקט פֿון מיר נישט קיין שלעכטס, אויב איהר קאָנט. איצט האָב איך מיינס אָבגעטהון און קאָן געהן. וואו איך וועל וואוינען פֿון היינט אָן, מוז בלייבען אַ סוד. איצט איז מיר גרינגער אויפ'ן האַרצען. זעהר מעגליך, אַז אפילו פֿאַר מיין טויט וועל איך אייך מיין געהיימניש נישט קאָנען אויפֿדעקען, אָבער פֿאַר דאָס, וואָס איך האָב היינט געטהון, וועט זי דעמאָלט גרינגער ליעגען אויף מיין

ברוסט. זענט מיר געזונד. איך וועל שטענדיג בעטען גאָט פאַר איך ביידען, און מעהר וועל איך איך נישט בעאונרוהיגען.

די גאַנצע צייט האָט גריפ אריינגעקוקט אין אַ בוך מיט אַזאַ מינע, פונקט ווי ער מאַכט זיך כלומר׳שט לעזענדיג, נאָר אין דער ווירקליכקייט לאָזט ער נישט הורך קיין איינציג וואָרט פינ׳ם געשפּרעך. און אפילו ווען זיי זענען שוין אַרויס פון הויז, איז דאָס דאָזיגע געשפּרעך ביי איהם, קענטיג, אַלץ נאָך פון קאָפּ נישט אַרויס, דען הגם ער האָט אַרויסגעגעבען אַ רייה בע־פעהלען וועגען אַ גרויסער צאָהל קעסלען צו קאָכען טהיי, האָט ער עס געטהון מיט זעהר אַ פּערטראַכטער מינע און בלויז פון יוצא־וועגען.

אין אַזוי האָט די אַלמנה פערלאָזען דעם אָרט, וואו זי איז געבוירען געוואָרען, וואו זי האָט געלעבט אַלס קינד, אַלס יונג מיידעל, אַלס גליקליכע כלה און פרוי — וואו זי האָט פערזוכט דאָס גליק פון לעבען, ווי אויך אַרויסגעטראָטען איפּ׳ן וועג פון פיין און פון די ביטערסטע יסורים.

אויף מאָרגען האָט מיסטער הערדייל געהאַט אַ געשפּרעך מיט גאַבריעל וואָרדען ביים לעצטען אין הויז.

— זענט איהר גאָרנישט איבערהאַשט דאָס צו הערען, וואָר־דען? יאָ, איהר זענט שטענדיג געוועזען איהר גאָהנטסטע פריינד אין מוזט זי פערשטעהן בעסער, איידער אַנדערע.

— ענטשולדיגט, מיין הערר, — האָט גאַבריעל געענטפערט. — איך האָב נישט געזאָגט, אַז איך פערשטעה זי. איך וואָלט עס נישט געזאָגט וועגען קיין פרוי. דאָס איז נישט אַזוי לייכט. נישט מעהר, איך בין נישט אַזוי איבעררהאַשט, ווי איהר האָט ערוואַרטעט.

— מעג איך פרעגען, פאַרוואָס?

— איך האָב געזעהן, — האָט גאַבריעל נישט גערן געענטפערט, — בנוגע צו איהר עפּוס אַזוינס, וואָס האָט מיך געמאַכט אינרוהיג און אינצינטרוליך. זי האָט זיך ערוואָרבען שלעכ־טע פריינד; ווי אַזוי אין ווען, ווייס איך נישט; אָבער אַז צו איהר

אין הויז קומט אַריין וועניסטענס איין רויבער און האַלז-שניידער, דאָס ווייס איך אויף זיכער. אָט האָט איהר עס, סער! דער סוד איז מעהר קיין סוד נישט.

— וואַרדען!

— מיינע אייגענע אויגען, סער, זענען עדות, און פון איהר טובה וועגען וואָלט איך בעסער געוואָלט זיין האַלב-בלינד, כדי איך זאָל קאָנען זיי נישט גלויבען. איך האָב געשוויגען ביז איצט, ווייטער וועט איך די זאַך בלייבען צווישען אינז, דאָס ווייס איך. איך זאָג אייך אָבער — מיט מיינע אייגענע אויגען האָב איך געזעהן ביי איהר אין הויז דעם רויבער, וואָס האָט פֿערוואונדערט מיסטער עדוואַרד טשעסטער און האָט מיך אַליין געסטראַשעט אין דערזעלבער נאַכט.

— סער, — האָט גאַבריעל געענטפֿערט, — זי האָט מיך נישט געלאָזען. זי האָט זיך אָנגעהאַנגען אויף מיר און מיך צוגעהאַלטען, ביז יענער איז פֿערשוואונדען.

— און איהר האָט נישט פּרובירט איהם פֿערהאַלטען?

און אַזוי ווי גאַבריעל איז שוין אַוועק אַזוי ווייט, האָט ער מיסטער הערדייל'ן דערצעהלט אַלץ, וואָס יענע נאַכט איז פֿאָרגעקומען צווישען איהם און דער אַלמנה.

— איך האָב עס קיינעם נישט דערצעהלט, — האָט ער פֿערענדיגט זיין געשיכטע, — ווייל איך האָב איהר נישט געוואָלט שאַדען. דעם אמת געזאָגט, האָב איך געהאָפֿט, אַז זי וועט עס מיר אַליין ערקלערען, אָבער זי האָט עס קיינמאָל נישט דערמאָהנט, אַיסער מיט אַ בליק. נישט מעהר, דער בליק האָט געהאַט אין זיך מעהר, איידער אַלע ווערטער האָבען געקאָנט האָבען. ער האָט קלאָר געבעטען: „פֿרעג נישט!" — האָב איך נישט געפֿרעגט. איך ווייס, אַז איך בין אַן אַלטער נאַר און איך איהר מעגט עס מיר זאָגען, אויב איהר ווילט.

— איך בין זעהר צוטראָגען פֿון דעם אַלעם, — האָט מיסטער הערדייל נאָך אַ פּויזע געזאָגט. — וואָס קאָן עס בע-

טײַטען? דוכט זיך, נישט מעגליך, זי זאל האבען חתונה געהאט צום צװײטען מאל?

— אהן אינזער װיסען — אונמעגליך, סער.

— אפשר האט זי געמײנט, אז איהרע גוטע פרײנד װעלען זיך שטעלען דאגעגען. זי איז געװעזען זעהר עלענד, האט זי אפשר אימגליקליך געהײַראט, און דער צװײטער מאן האט זיך ארױסגעװיזען פאר א נידערטרעכטיגען מענשען. דאס איז זעהר מעגליך, עס לעגט זיך אױף׳ן שכל און איז אימשטאנד צו ערקלערען איהר האלטונג בעת דעם נעכטיגען געשפּרעך. דענקט איהר, אז פארנעבי װײסט װאס װעגען דעם אלעם?

— אינמעגליך צו זאגען, — האט דער שלאסער געענטפערט, — און כמעט אונמעגליך צו דערװיסען זיך עס פון איהם אלײן. איב איערע השערה איז ריכטיג, סער, צװײפעל איך פאר דעם ארימען יונג׳ס שוקזאל — איהם איז לײַכט אראבצופיהרען פון װעג.

— װארדען, — האט מיסטער הערדײל נאך שטילער געזאגט, — קאן עס צומאל נישט טרעפען, אז זי האט אונז פערבלענדעט און גענארט די אלע יאהרען?.. אפשר האט זי געשלאסען די דאזיגע בעקאנטשאפט נאך פאר איהר מאנ׳ס לעבען און דאס האט געפיהרט צו זײַן און מײַן ברודער׳ס...

— אױ גאטעס װילען, סער! — האט גאבריעל איהם איבערגעשלאגען די רײד. — טראגט זיך נישט ארום מיט אזעלכע פינסטערע געדאנקען קײן אײנציגען אױגענבליק. װאו האט איהר געזעהן אזא מײדעל װי זי מיט פינף און צװאנציג יאהר צוריק? א פרעהליכע, א חנ׳עװדיגע, א לאכערין, מיט העלע, ליכטיגע אױגען! דערמאהנט זיך, װאס זי איז געװעזען, סער. דאס הארץ טהוט מיר װעה נאך איצט, חאטש איך האב שױן א דערװאקסענע טאכטער, אז איך טהו א קלער, װאס זי איז געװעזען און װאס פון איהר איז געװארען. מיר װערען אלע געענדערט, אבער מיט דער צײַט. די צײַט טהוט איהר ארבײַט ארענטליך, און צו איהר קאן מען גארנישט נישט האבען. נוצט-

איבּ אײַער צײַט װי געהעריג, װעט איהר זעהן, אַז דאָס איז אַ האַרציגע בּחור'טע, װאָס האָט פֿײַנד אונטערצושטעלען װעמען אַ פֿוס. אָבּער דאגות און צרות — דאָס זענען שדים, סער, פֿער־בּיסענע, בּלוט־זױגענדע טײַװאָלים, װאָס מאַכען אָן מעהר חורבן אין אַ מאָנאַט, אײדער די צײַט מאַכט אין אַ יאָהר. דערמאָהנט זיך, װאָס זי איז געװען אײדער זײ האָבּען זיך גענומען צו איהר האַרץ און פּנים, װעט איהר זעהן, איבּ אַזאַ פֿערדאַכט איז מעגליך.

— איהר זענט אַ װױלער חברה־מאַן, װאַרדען, — האָט מיסטער הערדײל געזאָגט, — און האָט פֿאָלשטענדיג רעכט. איך האָבּ אַזױ לאַנג געטראַכט װעגען יענער געשיכטע, אַז דער מינדסטער פֿערדאַכט װענדט מיך צוריק אַהין.

— סער, — האָט גאַבּריעל אױסגערופֿען מיט ליכטיגער געװאָרענע אױגען, — נישט דערפֿאַר, װאָס איך האָבּ זיך צו איהר געשידכ'נט פֿריהער פֿאַר ראַדוש'ן, און אָהן ערפֿאָלג, זאָג איך, אַז זי איז געװען צו־גוט פֿאַר איהם. פֿאַר מיר װאָלט זי אױך געװען צו־גוט. אָבּער זי איז פּ אָ ר ט געװען פֿאַר איהם צו־גוט: ער איז נישט געװען גענוג אױפֿריכטיג און אָפֿענהערציג פֿאַר איהר. איך מײן דאָ נישט צו מאַכען פֿאָרװירפֿע דעם אָרימען יונג'ם אָנדענקען. איך װיל זי בּלױז פֿאָרשטעלען פֿאַר אײַך װי זי איז געװען אין יענע יאָהרען. פֿאַר מיר בּלײַבּט זי שטענדיג דיזעלבּע, און זאָל מיך דער רוח האַפּען, סער — ענטשולדיגט פֿאַר'ן װאָרט — איבּ איך װאָלט נישט געבּליבּען איהר איבּער־געבּענסטער פֿרײַנד אַפֿילו דאַן, װען זי װאָלט געהײראַט פֿופֿציג רױבּער אין אײן יאָהר; און איך װאָלט נאָך דערצו געדענקט, אַז דאָס איז אין גײַסט פֿונ'ם „האַנדבּוך פֿאַר פּראָטעסטאַנטען", הגם מאַרטאַ בּעהױפּטעט, אַז עס איז נישט אַזױ!

װען דאָס צימער װאָלט פֿלוצים, אין אײן מאָמענט, בּע־פֿרײַט געװאָרען פֿון אַ געדיכטען נעבּעל, װאָלט עס נישט געקאָנט אױסזעהן הײַטערער און פֿרעהליכער, װי עס האָט אױסגעזעהן נאָך דעם פֿלוצלינגען אױסבּרוך פֿונ'ם גוטהאַרציגען שלאָסער.

כמעט מיט אזא מונטערער שטים, ווי גאבריעל'ס אליין, האט מיסטער הערדייל אויסגערופען:

— גוט געזאגט, וואַרדען!

דערנאך האט ער גאבריעל'ן געבעטען געהן מיט איהם צו דער אלמנה און העלפען איהם זי איבעררייד'ן צו נעהמען צוריק איהר בעשלוס. גאבריעל האט גערן איינגעשטימט, און ביידע זענען אוועק צו דער אלמנה'ס הייזעל.

25. סים אין די הויכע פענסטער.

ווי האבען אנגעקלאפט אן טהיר פונ'ם הייזעל, וואו די אלמנה ראדזש האט געוואוינט און וועלכעס האט געהערט צו מיסטער הערדייל'ן, נאר קיינער האט נישט געענטפערט. דער צווייטער קלאפ איז אויך געבליבען אהן ענטפער, און ערשט נאכדעם ווי זיי האבען אנגעקלאפט צום דריטען מאל און שטארקער ווי פריהער, האט זיך איינס פון די פענסטער אויפגעהויבען און א מוזיקאלישע שטים האט אויסגערופען:

— הערדייל, מיין פריינד, עס פרעהט מיך זעהר דיך צו זעהן. דו קוקסט איצט אויס אנ'ערך נישט בעסער ווי דאס לעצטע מאל, ווען מיר האבען זיך געזעהן. וואס-זשע מאכסטו?

מיסטער הערדייל האט אויפגעהויבען די אויגען צום פענסטער. דארט איז געשטאנען מיסטער דזשאן טשעסטער און האט איהם געגריסט מיט'ן העפליכסטען שמייכעל.

— מ'עפענט באלד, — האט ער געזאגט. — פאר אזעלכע העפליכטען געפינט זיך דא אין הויז בלויז א צובראכענע זקנה, וועלכע איז, נאטירליך, נישט זעהר פלינק. אין א העכערער נעוועלשאפט וואלט זי געהאט פארגאנה, נאר זענענדיג איינע פון די „האלצהעקער און וואסער-שעפער", האט זי בלויז רעומאטיזם. דאס זענען נאטירליכע קלאסען-אונטערשיעדען, מיין ליעבער הערדייל, מעגסט מיר גלויבען.

די טהיר האט זיך ענדליך געעפענט און מיסטער הערדייל

מיט גאַבריעל'ן זענען אַרײַנגעקומען. דער ערשטער האָט ערשטינס בעקוקט די אַלטע, וואָס האָט געשפּענט, און האָט געפרעגט, וואו זענען מיסעס ראָדזש און באַרנעבי. די אַלטע האָט געזאָגט, אַז זיי זענען אַוועק. אין צווייטען צימער געפינט זיך אַ דזשענטעלמען, וועלכער קאָן זיי אפשר מיטטיילען געניערעס וועגען דעם. זי ווייסט מעהר גאָרנישט.

— סער, — האָט הערדייל זיך געווענדט צו מיסטער טשעסטער'ן, אַרײַנגעהענדיג אין גאַסטצימער, — וואו איז די פּערזאָן, צו וועלכער איך בין געקומען?

— מײַן ליעבער, גוטער הערר, — האָט מיסטער טשעסטער האָב וועגען דעם קיין אַהנונג נישט.

— אײַער קאַטאָוועס טרײַבען, — האָט מיסטער הערדייל מיט אַ צוריקגעהאַלטענעם טאָן געזאָגט, — איז נישט אין צײַט און נישט אַם פּלאַץ. לאָזט עס איבער פאַר אײַערע פרײַנד און פערשפּרייט עס נישט אויף מיר. איך זוך נישט דעם דאָזיגען כבוד און בין אידם אײַך מוחל.

— מײַן ליעבער פרײַנד, — האָט יענער געענטפערט, — איך געזאָגט, — איהר זענט צוהיצט פונ'ם גאַנג. זיצט, איך בעט אײַך. אונזער פרײַנד איז... — האָט ער צוגעגעבען קוקענדיג איפ'ן שלאָסער.

— נישט מעהר ווי אַנ'איינפאַכער ערענטליכער מענש, — האָט מיסטער הערדייל געענטפערט, — און איז כלל נישט ווערטה אײַער איפּמערקזאַמקייט.

— מיט'ן נאָמען גאַבריעל וואַרדען, סער, — האָט דער שלאָסער קורץ געזאָגט.

— אַ געעהרטער ענגלישער בעל-הבית! — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט. — אַ זעהר געעהרטער בעל-הבית, וועגען וועמען איך האָב נישט איינמאָל געהערט פון מײַן זוהן. וואַרדען, מײַן ליעבער פרײַנד, עס פרעהט מיך, זיך מיט אײַך צו בעקענען. איהר וואונדערט זיך אודאי, — האָט ער זיך געווענדט צו מיסטער הערדייל'ן, — וואָס איהר טרעפט מיך דאָ?

מיסטער הערדייל האט איך אידם אקוק געטהון — ניט מיט צו-פיעל ליעבשאפט — און האט געשוויגען.

— די מינוט בעשייד איך דאס רעטעניש, — האט מיסטער טשעסטער ווייטער געזאגט, — טאקע דיזעלבע רגע. אט קומט אין א ווינקעל איף איין איינענבליק. געדענקסט, — האט ער ווידער אנגעהויבען מיט זיין בעזונדערער מילדקייט, — אונזער קליינע בעראטונג בנוגע צו מיין נעד'ן און דיין ליעבער פלימע-ניצע? געדענקסט מסתמא, אז די צוויי פארשוינען זענען געווען פון זייערע מיטהעלפער? קאנסט אבגעבען מזל-טוב מיר און דיר אליין: איך האב זיי אבגעקויפט.

— איהר האט זיי וואס?!

— אבגעקויפט. איך האב איינגעזעהן, אז מ'מוז עפּיס טהון געגען דער ליעבע פון די צוויי יונגע מענשען, און האב געמאכט א התחלה — איך האב אװעקגעקויפט אט די צוויי אגענ-טען זייערע. וואונדערסט זיך? ווער קאן דען בייששטעהן געגען נסיון פון געלד! זיי האבען זיך דערין געניטיגט, האב איך זיי געקויפט. איצט האבען מיר פאר זיי נישט וואס מורא צו האבען. זיי זענען אוועק.

— אוועק! וואוהין?

— איך ווייס נישט, מיין ליעבער, דאס ווייסט נור גאט דער לעבעדיגער. צווישען מיר און דיר האבען זיי נאך זייערע אייגענע טעמים, אבער אין דעם פונקט האב איך פערשפּראכען צו בלייבען שטום. זי האט מיט דיר אבגערעדט צו זעהן זיך דא היינט ביי-נאכט, איך ווייס, אבער זי האט עס געפונען פאר איינבעקוועם און האט נישט געקאנט ווארטען. דא האסטו דעם שליסעל.

מיסטער הערדייל איז געשטאנען מיט'ן שליסעל אין האנד, נישט וויסענדיג וואס צו טראכטען וועגען דער דאזיגער געשיכטע. מיסטער טשעסטער האט דערוויייל אנגעטהון זיינע הענטשקעס און געפרעגט ביי אידם, צי געהען זיי נישט אין איין ריכטונג.

— ניין, — האט יענער געענטפערט, — אונזערע וועגען

געהען זיך פונאנדער, און גאנץ ווייט, ווי איהר ווייסט. גוט-נאכט.

מיסטער טשעסטער האט זיך געמאכט נישט בעמערקענדיג דעם קאלטען „גוט-נאכט" און דעם מאך מיט דער האנד פון זיין „ליעבען פריינד" און האט זיך געווענדט צום שלאסער מיט דער פראגע, אין וועלכער ריכטונג געהט ער.

— געהן מיט אייך, סער, וואלט געווען צו-פיעל כבוד פאר א מענשען פון מיין גראד, — האט גאבריעל געענטפערט.

— איך בעט אייך בלייבען דא א ווייליע, ווארדען, — האט מיסטער הערדייל געזאגט, נישט קוקענדיג צו זיי, — איך האב מיט אייך וואס צו ריידען.

— איך וועל אייך מעהר נישט שטערען, — האט מיסטער טשעסטער איסערסט העפליך געזאגט. — זאל אייך גאט בענטשען!

געהענדיג איבער דער גאס האט ער גערעדט צו זיך אליין:

„א ווילדער פארשוין, דער הערדייל! א בער, וואס נאגט זיך אליין אויס. בעת די לעצטע צוויי בעגעגנישען האט זיך מיר אפשר פופציג מאל געוואלט זיך א ווארף טהון אויף איהם. פינף מענשען פון זעקס וואלטען נישט איינגעהאלטען זייער צארן. מיט מיין קאלטקייט אבער מאך איך איהם טיעפערע וואונדען אידער מיט'ן שארפסטען שווערד. הי, — האט ער צוגעגעבען, לאכענדיג די האנד אויף זיין שווערד, — ביזט דאס מאמע לעצטע מיטעל ביי א קלוגען מענשען. צו דיר דארף מען זיך ווענדען ערשט דאן, ווען אלץ איז שוין געזאגט און געטהון געווארען, וואס נור מעגליך איז. זיך נעהמען גלייך צו דיר און פערשפארען אזוי ארום דעם שונא די לעבעדיגע ליידען — דאס איז א בארבארישע קריעגס-מעטאדע אין פאסט נישט פאר א ציווילזירטען מענשען מיט דעליקאטע געפיהלען און איידעלקייט".

צופריעדען פון'ם דאזיגען געדאנקענגאנג, האט ער גענומען שמייכלען אזוי מילד, אז דאס האט געגעבען א בעטלער קוראזש צו בעטען ביי איהם א נדבה. ער האט איהם ערלויבט נאכגעהן זיך א שטיק וועגס, ביז ער האט גענומען א טראג-שטוהל

אין האָט איהם איבערגעלאָזען אויף דער גאַס, אפילו אָהן אַ נדבה, דערפאַר אָבער מיט אַ וואַרימער ברכה.

— דאָס איז פונקט אַזוי לייכט, ווי געבען אַ קללה, — האָט האָט ער צו זיך געזאָגט, זעצענדיג זיך אין'ן שטוהל, — און פּאַסט מעהר צום פנים.

— קיין קלערקענוועל, זענט אַזוי גוט, מיינע וואילע פריינד, — האָט ער געזאָגט צו די טרעגער.

געקומען אַהין, האָט ער די בעצאָהלט — וועניגער ווי די האָבען ערוואַרטעט פון אַזאַ פריינדליכען פּאַרשוין — און איז אַוועק צום שלאָסער'ס הויז.

וואָס האָט ער געדאַרפט ביי גאַבריעל'ן אין הויז? אום דאָס צו ערקלערען, מיזען מיר ערצעהלען וועגען אַ בעזוך, וועלכען ער האָט געהאַט אין דער-פריה פון דעמזעלבען טאָג.

בעת ער איז נאָך געזעסען ביי זיך אין בעט און געטרינקען קאַווע, האָט איהם דער דיענער דערלאַנגט אַ פער'התמ'עט שטיקעל שמוציג פּאַפּיר. ער האָט עס געעפענט און איבערגעלעזען אויף דער צווייטער זייט פאָלגענדע ווערטער, געשריבען מיט גאַנץ היבשע בוכשטאַבען: „אַ פריינד. וויל זיך דורכריידען. תיכף. בסוד. פערברענט עס נאָכ'ן לעזען".

— וואו האָסטו עס דערטאַפּט, איך בעט דיך? — האָט מיסטער טשעסטער געפרעגט.

דער דיענער האָט געענטפערט, אַז דאָס האָט איהם דערלאַנגט עפּיס אַ מענש, וועלכער וואַרט דאָרט ביי דער טהיר.

— מיט אַ שוואַרצען מאַנטעל און אַ שווערד? — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט.

— ניין, מיט נישט קיין געפעהרליכערע כלי-זין, ווי אַ לעדערנעם שירץ און אַ קויטיג פנים.

— זאָל ער אַריינקומען.

ער איז אַריינגעקומען — מיסטער טעפּערטיט, בכבודו ובעצמו. ער האָט געהאַלטען אַ גרויסען שלאָס, וועלכען ער האָט אַוועקגעלעגט אין מיטען צימער אויף דער פּאָדלאָגע, פונקט ווי ער וואָלט

געוועזען אונבעדינגט נויטיג צו דעם, וואס ער קלויבט זיך צו זאגען אדער טהון.

— סער, — האט מיסטער טעפּערטיט געזאגט מיט א נויג, — איך דאנק פאר אייער גענאד, און עס פרעהט מיך אייך צו זעהן. ענטשולדיגט דעם נידריגען פאסטען, וואס איך פערנעהם, אין פער־שפּרייט אייער סימפּאטיע אויף איינעם, וואס הגם ער האט אזא בעשיידען אויסזעהן, פערמאגט ער אין זיך פונדעסטוועגען א אי־גערליכע טהעטיגקייט, וועלכע איז פיעל העכער פון זיין שטעלונג אין דער געזעלשאפט.

מיסטער משעסטער האט א ביסעל אבגעבויגען דעם פּאר־האנג פון בעט אין בעטראכט דעם גאסט מיט א טונקעלן געדאנק, אז דאס מוז זיין א משוגע'נער, וואס האט אויפגעריסען די טהיר פון דיל־הויז און האט נאך מיטגענומען מיט זיך דעם שלאס. מיסטער טעפּערטיט האט זיך ווידער פערנויגט און האט ארויס־געוויזען זיינע פיס אין דער בעסטער שיין.

— סער, — האט ער וויטער געזאגט, לעגענדיג זיין האנד אויף די ברוסט, — איהר האט פיליכט געהערט וועגען ג. הארדען, שלאסער און גלאקען־הענגער, אין רעפּאראטורען פון געמאכט, אין שטאדט און אויסער דער שטאדט, פון קלערקענוועל, לאנדאן?

— איז וואס? — האט מיסטער משעסטער געפרעגט.

— איך בין זיין לעהר־יונג, סער.

— איז וואס פארט?

— הם... — האט מיסטער טעפּערטיט געזאגט. — וועט איהר, סער, מיר ערלויבען פערשליסען די טהיר און וועט איהר מיר געבען אייער עהרען־ווארט, אז אלץ, וואס וועט פארקומען צווישען אונז, וועט בלייבען א סוד פאר די גאנצע וועלט?

מיסטער משעסטער האט זיך געלאסען אוועקגעלעגט אויף זיין געלעגער און געבעטען דעם מאדנעם גאסט ארויסצוגעהן מיט דער שפּראך.

— אלערערשטענס, סער, — האט מיסטער טעפּערטיט גע־זאגט, ארויסנעהמענדיג זיין נאז־טיכעל, — אזוי ווי איך האב נישט

קיין וויזיט-קארטע מיט זיך (די קנאה פון די מייסטערס ערלויבט עס אונז נישט), מוז איך אייך געבען אנשטאט דעם אנ'אנדער צייכעניש. אויב איהר וועט עס נעהמען אין האנד און ווארפען א קוק אין ווינקעל, וועט איהר דארט געפינען מיינע פאלמאכטען.

— א דאנק, — האט מיסטער טשעסטער געענטפערט, נעהמענדיג דאס טיכעל און לעזענדיג די רויטע אויסגענייהטע אויפשריפט: — מיער. סיימאן טעפערטיט. איינס. איז דאס דער...

— אויסער די ציפער, סער, — האט מיסטער טעפערטיט געזאגט, — דאס איז מיין נאמען. די ציפער, זענען געמאכט פאר די וועשין און האבען קיין שייכות נישט צו מיר אדער צו מיין משפחה. איי ער נאמען, סער, — האט ער פארטגעזעצט, קוקענדיג אויף דיין נאכט-מיצעל, — איז, מיין איך, טשעסטער? איהר דארפט עס נישט אראבנעהמען, סער, איך דאנק. איך וועה פון דאנען די בוכשטאבען ד. ט. דאס איז גענוג.

— זאגט מיר, איך בעט אייך, — האט מיסטער טשעסטער געפרעגט, — האט דאס דאזיגע קונציגע שטיק שלאסעריי, וואס איהר האט אזוי פריינדליך אריינגעבראכט אהער, א וועלכע ס'איז נאהנטע שייכות צום ענין, וואס מיר דארפען דא ארומריידען?

— ניין, עס האט קיין שייכות נישט, סער. דאס דארף מען אריינמאכען אין א מאגאזין אויף טיימו-סטריט.

— אויב אזוי, וועט איהר מיר אפשר טהון די טובה און עס ארויסלעגען אויף יענע זייט טהיר? דער אייל-געריך דערפון איז שטארקער ווי יענער, מיט וועלכען איך בין געוועהנט צו דערפרישען מיין שלאף-צימער.

— מיט'ן גרעסטען פערגעניגען, סער, — האט סים געענטפערט, געריידט און געטהון.

— איך האף, איהר האט קיין פאראיבעל נישט אויף מיר? — האט מיסטער טשעסטער געזאגט.

— איהר דארפט זיך נישט פערענטפערן, סער. נו, איצט צום עיקר.

די גאנצע צייט פונ'ם דאזיגען שמועס האט מיסטער, טשעסטער

זיך נישט ערלויבט אפילו א שמייכעל צו טהון. סיס האט געהאט חנגען זיך וועדר א העליכע מיינונג, און איהם איז אפילו נישט איינגעפאלען, אז עמיצער זאל קאנען פון איהם חוזק מאכען. ביי איהם איז געבליבען, אז אזא אויפנאהמע איז שוין פועל-ווענ-
עהנליך צו דעם כבוד, וואס ער איז ווערטה.

— דערפון, וואס קומט פאר ביי אונז אין הויז, — האט ער אנגעהויבען, — ווייס איך, אז אייער זוהן פידרט בעקאנטשאפט מיט א יונגער ליידי געגען אייער ווילען. סער, אייער זוהן האט מיך נישט גוט בעהאנדעלט.

— מיסטער טעפערטיט, איהר פערשאפט מיר די גרעסטע שמערצען.

— א דאנק, סער. עס פרעהט מיך דאס צו הערען פון איך. אייער זוהן איז וועדר שטאלץ, איז ער; וועדר שטאלץ.

— איך האב מורא, אז ער איז טאקע צו-שטאלץ, — האט מיסטער טשעסטער געזאגט. — איך האב נאך פריהער דערפאר מורא געהאט, און איהר בעשטעטיגט עס איצט.

— מ'זאל וועלען אויסרעכנען אלע נידריגע שליחות'ן, וואס איך האב פאר איהם געטהון, די שטיהלען, וואס איך האב איהם דערלאנגט, די טרעגער, וואס איך האב פאר איהם גערופען, און נאך אזעלכע זאכען — וואלט מען געקאנט אנפילען א בוך. אויסער-דעם, סער, איז ער אליין אויך נאר גאר א יונגער-מאן, און יא קורצען: „א דאנק, סיס" האלט איך נישט פאר א פאסיגע פארם פון בענעהמינג ביי אזעלכע געלעגענהייטען.

— מיסטער טעפערטיט, אייער חכמה איז נישט נאך אייערע יאהרען. רעדט ווייטער, איך בעט איך.

— איך דאנק איך, סער, פאר אייער גוטע מיינונג, — האט דער לעדר-יונג געזאגט. — אלזא, צוליעב דעם (און צוליעב נאך א פאר אנדערע טעמים, אין וועלכע איך לאז מיך דא נישט אריין) בין איך אויף אייער זייט. און אט וואס איך זאג איך: אזוי לאנג אונזערע לייט לויפען ארום הין און צוריק צו דער „מייפאיל" און פון דער „מייפאיל", און טראגען בריעף, און קוויטלעך,

און צעטעלעך — קאנט איהר גארנישט טהון געגען זיין בעקאנט־שאפט מיט יענער ליידי. איצט קום איך צום הויפט־פונקט. איהר'ט פרעגען, וואס קאן מען דא טהון? וועל איך אייך זאגען: אויב אנ'ארענטליכער, העפליכער, שמייכלענדער דזשענטעלמען ווי איהר זענט...

— מיסטער טעפערטיט, כ'לעבען...

— ניין, ניין, סער, איך מיין עס גאנץ ערנסט, בנאמנות, או איך רייד ערנסט. אלזא: אויב אזא ארענטליכער, העפליכער, שמייכ־לענדער הערר, ווי איהר, וועט זיך דורכשמיעסען מיט דער אלטער, מיט מיסעס ווארדען מיין איך, אין פערלויף פון א וועלכע צעהן מינוט, וועט איהר ביי איהר זיכער פועל'ן, זי זאל נישט לאזען איהר טאכטער טראגען אייער וועג'ס בריוועלעך. איידער איהר האט דאס אויסגעפיהרט, קאנט איהר גארנישט מאכען.

— מיסטער טעפערטיט, אייער בעקאנטשאפט מיט דער מענש־ליכער נאטור...

— ווארט א ווילע, — האט סים געזאגט, צוגויפלעגענדיג די הענד מיט א מורא'דיגער רוהיגקייט, — איצט ערשט קים איך צום רעכטען פונקט. סער, אין דער „מייפאיל" איז פארהאן א לומפ, א ווילדע חיה אין מענשען־געשטאלט, א נידערטרעכטיגער שלעפער, וואס אויב איהר וועט נישט זעהן פון איהם פטור צו ווערען, וועט ער פערהייראטען אייער וועהן מיט מיס הערדייל אזוי זיכער, ווי ער וואלט געווען דער ערצבישאף פון קענטערבערי אליין. ווען איהר וואלט וויסען, וואס פאר א שנאה ער האט צו אייך, וואלט איהר איהם פיינד געהאט נאך מעהר איידער איך. נאך מעהר, אויב דאס איז מעגליך, — האט ער צוגעגעבען, קריצענדיג מיט די ציינער און אויפשויבערנדיג זיינע האר. — ער הייסט דזשאזעף הילעט.

— פארהאן א ביסעלע פערזענליכע נקמה דא אין דער מיט, מיסטער טעפערטיט, א?...

— פערזענליכע נקמה, אדער דער נוצען פון דער געזעל־שאפט — ווי די מעשה איז, צושמעטערט איהם, פערניכטעט איהם! מיגס זאגט אויך אזוי. מיר ביידע קאנען נישט פערטראגען

די עולות, וואס ביי אונז ווערען אפגעטהון. בארנעבי ראדוש ואין זיין מוטער זענען אויך אין דער מיט, נאר דער הויפט-פערברעכער איז דער דאזיגער דזשאו ווילעט. פערניכטעט איהם, סער! צושמע-טערט איהם. ראט איהם אוים פון דער וועלט. אין בלייבט גליקליך.

און כדי דער עפעקט פון זיין רעדע זאל זיין שטארקער, האט ער צונויפגעלעגט זיינע הענד און איז פערשוואונדען, — פונקט ווי עס ווערט געטהון אין די שרעקליכע געשיכטען, וואס ער האט געלעזען.

מיסטער טשעסטער האט איצט ערלויבט א שמייכעל ארוים-צוטרעטען אויף זיין פנים.

— דאס איז א גוטע איבונג, — האט ער געזאגט. — עס איז קיין צווייפעל ניט, אז איך קען בעהערשען דעם אויסדרוק פון מיין געזיכט. אין דערווייל קען מיר צו-ניץ קומען דאס, וואס דער נפש האט געזאגט. שטומפיגע וואפען העלפען אמאל דארט, וואו שארפע קאנען גארניט מאכען. איך האב מורא, אז איך וועל מוזען אנמאכען א שטיקעל הירבן צווישען די דאזיגע גוטע מענשען. א טרויעריגע נויטווענדיגקייט. איך האב אויף זיי, כ'לע-בען, רחמנות.

און גלייך דערנאך איז ער זיך רוהיג איינגעשלאפען.

אין אווענד האט ער זיך בעוויזען אויף דער שוועל פון גאבריעל'ס הויז.

26. מיסעס ווארדען בעצויבערט.

מיסטער טעפערטיט האט געארבייט ביי א לאמפ און איז גע-ווען שטארק פערטהון אין זיין ארבייט, נאר פלוצים האט ער דער-פיהלט א האנד אויף זיין אקסעל, האט זיך א צאפעל געטהון און אומגעווענדט דעם קאפ. פאר איהם איז געשטאנען מיסטער טשעסטער דער עלטערער.

— פלייסיגקייט איז די נשמה פון דער אינדוסטריע און דער ווינקעל-שטיין פון ערפאלג און רייכטום, — האט דער

טאַסט געזאָגט. — מיסטער טעפּערטיט, איך ערוואַרט פון אייך אַנאַיילאַדונג צו מיטאָג, ווען איהר וועט ווערען לאָנדאָנער לאָרד-מעיאָר.

— סער, — האָט דער לעהר-יונג געענטפערט, — איך פער-אַכטע דעם מעיאָר אין אַלץ, וואָס האָט מיט איהם אַ שייכות. מיר מוזען האָבען פריהער אַנאַנדער סאָציאַלע אָרדנונג, איידער איהר בּאַקט מיך אויפ'ן לאָרד-מעיאָר'ס טראָהן. ווי פיהלט איהר זיך, סער?

— אויסגעצייכענט, און בעזונדערס דאַנק דעם, וואָס איך קוק ווידער-אַמאָל אין אייער געניאַל פּנים. איז מיסעס וואַרדען אין דער-היים?

— יאָ. אויב איהר ווילט זי זעהן, געדט מיר נאָך. וועט איהר מיר ערלויבען אייך זאָגען אַוואָרט אין אייער אויער?

— גאַנץ געוויס.

מיסטער טעפּערטיט האָט זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער, האָט דערנעהערט זיין געזיכט צו מיסטער טשעסטער'ס אויער, איז אָבגעשפּרונגען צוריק, נישט זאָגענדיג גאָרנישט; דערנאָך האָט ער שאַרף אַקוק געטהון דעם גאַסט אין געזיכט, האָט זיך ווידער צוגערוקט צו יענעמ'ס אויער, איז ווידער אָב-געשפּרונגען אַהינטער און האָט ענדליך אַרויסגערעדט:

— דער נאָמען איז דושאָזעף ווילעט. ש—שאַ! מעהר זאָג איך גאָרנישט...

דערנאָך האָט ער צוגעפיהרט דעם גאַסט מיט אַגעהיימ-ניספולער מינע צו דער טהיר פון גאַסט-צימער און האָט גע-מאָלדען:

— מיסטער טשעסטער. און נישט מיסטער עדוואַרד, נאָר זיין פאָטער.

— אָבער, — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט, וואַרינקי-מענדיג מיט'ן הוט אין האַנד, — זאָל זיין פאָטער אייך ניט שטע-רען אין אייערע הויז-בעשעפטיגונגען, מיס וואַרדען.

— אָ, אָט איז עס! איהר הערט! וואָס האָב איך אייך

געזאָגט, יאָ! — האָט מיגס אויסגעשריען, פּאַטשענדיג מיט די הענד. — ער האָט אָנגענומען די מיסעס פאַר איהר אייגענע טאָכטער. נאָר עלטער זעהט זי טאַקע נישט אויס, וואָס אמת איז אמת.

— ווי? — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט אין זיין מילדסטען טאָן. — איז עס מעגליך, אַז דאָס איז מיסעס וואַרדען? איך בין ערשטוינט! און דאָס איז דאָך נישט אייער טאָכטער, מיסעס וואַרדען? ניין, ניין, דאָס איז געוויס אייערע אַ שוועסטער!

— טאַקע מיין טאָכטער, סער, — האָט מיסעס וואַרדען געזאָגט, ווערענדיג רויט ווי אַ יונג מיידעלע.

— אַך, מיסעס וואַרדען! — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט. — אַך, מעם — דער מענש איז ווירקליך אַ גליקליך בעשעפעניש, אויב ער קאָן זיך ווידערהאָלען אין אַנדערע מענשען און דאָך בלייבען אַזוי יונג ווי די לעצטע. איהר מוזט מיר ערלויבען צו בעגריסען אייך לויט'ן מנהג פון אונזער לאַנד, און אייער טאָכטער אויך.

דאָלי האָט נישט אַרויסגעוויזען קיין בעזונדערן חשק צו דער דאָזיגער צערעמאָניע, נאָר די מוטער האָט איהר שאַרף אויסגערעדט פאַר איהר גאוה, וואָס דאָס איז אָהן צווייפעל איינע פון די זיעבען טויט-זינד, אַזוי אַז דאָלי האָט זיך געמוזט לאָזען אַ קוש טהון, צוגלייך מיט איהר מוטער, בעזונדערס אַז יענע האָט איהר געגעבען צו פערשטעהן, אַז דאָס, וואָס זי, די מוטער, טהוט, מעג זי נאָכטהון אָהן דעם מינדסטען ישוב-הדעת. דאָס מיידעל האָט איבערגעטראָגען די אָפּעראַציע מיט אַ פלאַמענדען געזיכט און מיט פערדרוס, דען זיין בליק אויף איהר איז געווען נישט איבעריגס צניעות'דיג.

— מיין פריינד מיסטער וואַרדען, מיט וועמען איך האָב זיך ערשט בעקענט, מוז זיין אַ גליקליכער מענש, מיסעס וואַרדען, — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט.

— אַך! — האָט מיסעס וואַרדען אָבגעזיפצט און אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ.

— אַך — האָט מיִנס אונטערגעהאָלפען.

— אָזוי! — האָט מיסטער טשעסטער מיטפיהלענדיג אויסגערעדט. — גאָט מיינער!

— דער מייסטער מיינט נישט קיין שלעכטס, סער, — האָט מיִנס געזאָגט, — און וויל אודאי זיין דאַנקבאַר פאַר אַלץ, וואָס ער בעזיצט און וועלכעס ער איז אימשטאַנד צו שעצען. אָבער, סער, מיר וויסען קיינמאָל נישט דעם אמת'ן ווערטה פון געוויסע ווײַנשטאָקען און פייגענביימער, ביז מיר ווערען זיי נישט אָן. און דערנאָך האָבען מיר געוויסענסביסע, ווען עס איז שוין צו־שפּעט.

דערהערענדיג מיִנס'עס נביאה, אַז אין אַ שענעם פריה־מאָרגען קאָן זי פאַלען אונטער איהר לאַסט, און איהר גייסט זאָל אַוועקפליהען צו די שטערען, איז מיסעס וואַרדען תיכף געוואָרען זעהר טרויעריג און האָט גענומען אין האַנד אַריין דאָס „האַנדבוך פאַר פּראָטעסטאַנטען". מיסטער טשעסטער האָט עס בעמערקט, האָט גענומען דאָס בוך פון איהר האַנד און עס גענומען בלעטערן.

— דאָס איז מיין ליעבלינגס־בוך. ווי אָפט האָב איך פון די דאָזיגע עמודים געשעפּט מאָראַלישע לעקציעס פאַר מיין ליעבען זוהן! איהר קענט נעד'ן?

מיסעס וואַרדען האָט געדאַכט די דאָזיגע עדה. זעהר אַ לייטישער יונגער־מאַן!

— איהר זענט אַ מוטער, מיסעס וואַרדען, — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט, נעהמענדיג אַ שמעק טאַבאַק, — און מוזט וויסען, ווי אַנגענעהם עס איז פאַר אַ פאָטער צו הערען, ווי מ'ליבט זיין קינד. איך מוז אָבער זאָגען, אַז ער פערשאַפט מיר אַ ביסעל יסורים — אַ היבשי ביסעל יסורים. ער האָט אַזאַ לייכטע נאַטור, אַ פליהענדיגע נאַטור. ער וואָלט נור אַרומגעפלאַטערט פון איין בלום צו דער צווייטער — פון איין פערגניגען צום צווייטען. נישט מעהר, ער איז יונג, דאָס איז זיין שמעטערלינגס־צייט, האָפען מיר נישט זיין צו־שטרענג צו איהם.

ער האָט געחאַפּט אַ קוק אויף דאַלי'ן. זי האָט זיך גוט איינגעהערט צו זיינע רייד. דאָס טאַקע האָט ער געוואָלט.

— דאָס איינציגע, וואָס מיך אַרט אין איהם, — האָט מיסטער טשעסטער פאָרטגעזעצט, — איז דאָס, וואָס ביי דער דאָזיגער לייכטזיניגקייט זיינער איז ער אַ ביסעל נישט אויפריכטיג. אָט ווי איך האָב איהם ליעב, קאָן איך פון זיך נישט בעהאַלטען זיין נישט-אויפריכטיגקייט. אויב מיר זענען נישט אויפריכטיג, זענען מיר גאָרנישט. לחלוטין גאָרנישט. מיר מוזען זיין אויפריכטיג, מיין ליעבע מאַדאַם...

— און פּראָטעסטאַנטיש, — האָט מיסעס וואַרדען אַרויסגעמורמעלט.

— און פּראָטעסטאַנטיש פאַר און מעהר פון אַלעם. מיר דאַרפען זיין פּראָטעסטאַנטיש, שטרענג מאָראַליש, שטרענג אָרענטליך, שטרענג טריי און אויפריכטיג — וועלען מיר האָבען אונזער שכר פאַר אונזערע מעשים. דאָס איז, נאַטירליך, אַ נעבען-זאַך, דאָך איז עס עפּיס.

מיסעס וואַרדען איז געוואָרען בעצייבערט. זי האָט דייטליך דערזעהן, אַז זי האָט דאָ צו טהון מיט אַן אמת'ן קריסט, וואָס האָט שוין לאַנג אַנגעזאַמעלט אַלע מדות טובות אויף די עקען און האָט זיי געפּאַקט איינע נאָך דער צווייטער, נאָר עס איז איהם נאָך ווייניג, — ער שטרעבט נאָך צו ווערען מעהר צדיק. מיסטער טשעסטער האָט בעמערקט דעם איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט, און האָט זיך גענומען איהם פערשטאַרקען. ער האָט גערעדט לאַנג און זיס, אַזוי אַז סוף כל סוף זענען אַלע פון איהם געוואָרען ענטציקט. אמת, ער האָט געשאָטען מיט אַלטע, אויסגעדראָשענע מליצות, וואָס אפילו אַ קינד אין וויעג ווייסט שוין פון זיי, נאָר אַרויסגעזאָגט האָט ער זיי מיט אַזאַ זיסער שטים, אַז סוף כל סוף האָט ער געמאַכט אַן איינדרוק אפילו אויף דאָלי'ן. וועגען מיגס'ן און סים'ן איז שוין גאָר נישטאָ וואָס צו רעדען.

אַז ער האָט געזעהן, ווי ער האַלט דאָ מיט'ן עולם, האָט

ער אָבגעריסען מיסיס וואַרדען אין דאָס צווייטע צימער, וואָגענדיג, אַז ער דאַרף מיט איהר עפּיס ריידען.

— ליעבע מאַדאַם, — האָט ער געזאָגט, אַ קוש טהועענדיג איהר האַנד, — זעצט זיך אַנידער.

מיסעס וואַרדען האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אַ מינע פון אַ מלכה.

— איהר פערשטעהט שוין מיין כונה? — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט, נעהמענדיג אַ שטוהל. — איך בין אַ היסיגער פּאַטער, מיסעס וואַרדען.

— דערין בין איך איבערצייגט, סער.

— אַדאַנק. עלטערן טראָגען אַ שווערע מאָראַלישע פערהאַנטוואָרט־ליכקייט, מאַדאַם.

מיסעס וואַרדען האָט אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ, ווי איינער רעדט: „ווער ווייסט עס נאָך אַזוי ווי איך?"

— איך קאָן זיך אייך פערטרויען, מעם, — האָט מיסטער טשעסטער פאָרטגעזעצט. — איך האָב זעהר ליעב מיין זוהן, און אַזוי ווי איך האָב איהם ליעב, קאָן איהם נישט דערלאָזען צו בעגעהן אַן עולה. איהר ווייסט דאָך זיינע געפיהלען צו מיס דעהדייל. איהר האָט איהם אַליין געהאָלפען דערין — און איך בין אייך דאַנקבאַר פאַר אייער גוטסקייט — זעהר דאַנקבאַר. אָבער, ליעבע מאַדאַם, איהר האָט זיך טועה געווען, איך פער־זיכער אייך.

מיסעס וואַרדען האָט אַריסגעשטאַמעלט, אַז זי בעדויערט...

— בעדויערן, וועטהע מאַדאַם! — האָט מיסטער טשעסטער איבערגעשלאָגען. — איהר האָט נישט וואָס צו בעדויערן אייער גוטסקייט און ליעבענס־ווירדיגקייט. אייער כונה איז געווים געווען אַ גוטע. נאָר עס זענען פאַראַן ערנסטע אורזאַכען, וויכטיגע פאַמיליען־אַנגעלעגענהייטען, און איבערהויפּט דער רעליגיעזער אונ־טערשייד — און דאָס אַליין מאַכט דעם דאָזיגען שדוך פאַר אונ־מעגליך: לחלוטין אונמעגליך. איך וואָלט זיך דורכגערעדט מכח דעם מיט אייער מאַן, נאָר — האָט קיין פּאָראיבעל נישט, וואָס

איך זאָג עס — ער פֿערמאָגט נישט קיין שאַרפֿן פֿערשטאַנד און אַזאַ טיעף מאָראַלישע געפֿיהל, ווי איהר האָט. — אַך, ס'איז אַ לוסטיג הויז דאָס איז און ווי שיין אַלץ איז דאָ איינגעריכטעט! פֿאַר מיר, אַן אַלמן שוין יאָהרען־לאַנג, האָבען אָט די אַלע שפּיזען פֿון אַ פּריצ'ס האַנד און האַרץ אַ גאַנץ בעזונדערן צויבער.

מיסעס וואַרדען האָט אָנגעהויבען צו דענקען, אַליין נישט ווייסענדיג פֿאַרוואָס, אַז דער יונגער מיסטער טשעסטער מוז זיין אויסגערעכט, און דער עלטערער מיסטער טשעסטער — גערעכט.

— מיין זוהן נעד, ווי איך האָב געהערט, איז נישט איינמאָל געשטיצט געוואָרען פֿון אייער ליעבער טאָכטער און פֿון אייער אָפּגעהערציגען מאַן.

— פֿיעל מעהר פֿון מיר, — האָט מיסטער וואַרדען געזאָגט. — אַ שיין ביסעל מעהר. איך האָב, דעם אמת געזאָגט, געהאַט ספקות. דאָס איז...

— ... אַ שלעכטער ביישפּיעל, — האָט מיסטער טשעסטער איבערגעכאַפּט, — געוויס איז עס אַ שלעכטער ביישפּיעל פֿאַר קינדער. איך אייער טאָכטער קאָן עס שלעכט ווירקען. איהר זענט גאַנץ גערעכט. איך וואָלט דאָס אַליין בעדאַרפֿט וויסען, נאָר מיר איז עס נישט איינגעפֿאַלען. אייער געשלעכט האָט אַ סך אַ שאַרפֿערן און טיעפֿערן פֿערשטאַנד פֿון אונז מענער.

מיסעס וואַרדען האָט געמאַכט אַ מינע פֿון אַ חכמה. זי האָט געגלויבט באמונה שלמה, אַז זי האָט ווירקליך אַרויסגעזאָגט עפּעס זעהר אַ טיעפֿען געדאַנק.

— איהר גיט מיר דעם מוטה צו רעדען אָפֿען, מיין ליעבע מאַדאַם, — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט. — איך מיט מיין זוהן זענען נישט איינשטימיג אין דעם פּונקט. דאָס מיידעל און איהר ערציהער — איך ניט. איבערדעם איז מיין זוהן פֿערפֿליכטעט צו הייראַטען אַן אַנדערע.

— פֿערקנס'ט צו אַן אַנדערער! — האָט מיסעס וואַרדען אויסגערופֿען.

— ערצויגען, געלערנט און געבילדעט ספּעציעל צו דעם

צוועק, — ספּעציעל אין איסדריקליך! מיס הערדייל, אָהן צווייפעל, איז אַנ'אויסגעצייכענטע יונגע ליידי, און דעריבער — חאָטש זי איז אַ קאַטוילין — קאָן איך נישט דערלאָזען, אַז זי זאָל זיך מקריב זיין פאַר אַ יונגען־מאַן, וואָס האָט קיין האַרץ נישט. עס איז גאָר קיין וואונדער נישט: יונגע־לייט, וואָס לעבען אין אונזער צילאָזענער העכערער געזעלשאַפט, קאָנען גאָר נישט האָבען קיין האַרץ פאַר דרייסיג יאָהר. איך גלויב נישט, אַז איך האָב עס געהאַט, בעת איך בין געוועזען אין מיין זוהנ'ס יאָהרען.

— אָ, סער! — האָט מיסעס וואַרדען פּראָטעסטירט. — איך הענק, איהר האָט עס יאָ געמוזט האָבען. ס'איז אוממעגליך, אַז איהר, וועלכער בעזיצט אַזוי פיעל האַרץ, זאָל געהאַט ווען־עס־איז זיין אינגאַנצען אָהן אַ האַרץ.

— איך האָף, אַז איך האָב אַ ביסעל; אַ קליין ביסעלע! נאָר לאָמיר זיך אומקעהרען צו נעד'ן. ער מוז ערפילען זיין פליכט, וועגען וועלכער איך האָב פריהער דערמאָהנט; אויסערדעם, בעקומט ער דערביי אַנ'עשירות, און ער איז געוועהנט צו לעבען זעהר ברייט, ער איז אַ גרויסער פערשווענדער, — האָט ער דאָס פערמעגען זעהר נויטיג. אויב ער וועט מיט איהר חתונה האָבען, וועט ער נישט קאָנען צופריעדענשטעלען זיינע פערשווענדערישע געוועהנהייטען און וועט סוף כל סוף אויסלאָזען צו איהר, דאָס צובּרעכען איהר האַרץ. פרעג איך איך, ליעבע מיסעס וואַרדען, מעג מען דערלאָזען אַזאַ זאַך? האָט שוין אַ פרייען־האַרץ גאָר קיין ווערטה נישט, אַז מ'זאָל מעגען מאַכען זיך דערפון אַ שפּיעלכעל?

מיסעס וואַרדען האָט בעשלאָסען, אַז דער דאָזיגער הערר איז פשוט אַ הייליגער. פונדעסטוועגען האָט זי געזאָגט:

— אויב איהר נעהמט אַוועק מיס עמא'ס געליעבטען, סער, וועט דאָס דען נישט צובּרעכען איהר האַרץ?

— וועגען דעם טאַקע האָב איך געוואָלט רעדען, — איז מיסטער טשעסטער ביי זיך ניט אַראָבגעפאַלען. — אויב זיי וועלען הייראַטהען איינער דעם אַנדערן, וועל איך מוזען זיך אָבזאָגען פון מיין זוהן. עס וועט זיך אָנפאַנגען אַ לעבען אין דחקות..

און אין צוועלף מאָנאַטען וועלען זיי זיך פונאַנדערגעהן. דער־מאָלט ערשט וועט די אָרימע פרוי ליידען! אָבער איצט איז עס דערווייל מעהר איינריידעניש, איידער ווירקליכע צוגעבונדענקייט; שיידען זיך איצט קאָן קאָסטען דעם מיידעל עטליכע טרעהרען און דערנאָך איז זי ווידער גליקליך, דאָס וויסען מיר דאָך ביידע גאַנץ גוט. אָט נעהמט פאַר אַ ביישפּיעל אייער אייגענע טאָכ־טער, וואָס איז אַ לעבעדיג בילד פון איך אַליין. שטעלט אייך פאָר אַזאַ זאַך: פאַרהאַן עפּעס אַ יונגער בחור (איך מוז, ליידער, זאָגען — אַ צילאָזענער, פּוסטער יונג), נעה האָט מיר דערצעהלט וועגען איהם — עפּעס איינער אַ בולעט — פולעט — מולעט — —

— פאַרהאַן אַ יונגער־מאַן מיט'ן נאָמען דזשאָזעף ווילעט, — האָט מיסעס וואַרדען געזאָגט.

— יאָ־יאָ, דאָס איז ער! איצט שטעלט זיך פאָר, אַז דער דאָזיגער דזשאָזעף ווילעט זאָל וואַרפען אַן אויג אויף אייער רייצענדע טאָכטער און געווינען איהר ליעבע!

— דאָס וואָלט געווען אַ חוצפּה פון זיין זייט! — האָט מיסעס וואַרדען געזאָגט!

— געוויס וואָלט עס געווען אַ חוצפּה, ווי עס איז אַ חוצפּה פון מיין זוהנ'ס זייט צו טהון, וואָס ער האָט געטהון. נו, פרעג איך אייך, וואָלט איהר דען געקוקט אויף אייער שענער טאָכ־טער'ס אַ פּאָר טרעהרען און וואָלט נישט איבערגעהאַקט אין וואָר־צעל אַזעלכע אונפּאַסיגע בעציהונגען? איך האָב געוואָלט זיך דורכריידען וועגען דעם מיט מיסטער וואַרדען, ווען איך האָב איהם היינט געטראָפען ביי מיסעס ראָדזש...

— מיין מאַן, — האָט מיסעס וואַרדען אויפגערעגט איבער־געריסען, — וואָלט בעסער געמעגט זיצען אין דער־היים, איידער געהן אַזוי אָפט צו מיסעס ראָדזש. איך ווייס נישט, וואָס ער טהוט דאָרט. איך זעה נישט איין, וואָס פאַר אַ נוץ עס איז איהם צו מישען זיך אין איהרע געשעפטען.

— איך איך דריק נישט אויס אַזאַ שטאַרקען פערדחם, ווי איהר וואָלט געוועזן הערען, — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט, —

איז עס דערפאר, וואס זיין זיצען דארט און זיין נישט־לאזען זיך רײדען האט מיך געבראכט אהער און פערשאפט מיר דאס גליק צו בעקענען זיך מיט אייך׃

סוף כל סוף האט מיסטער טשעסטער אויסגעפֿירט זיינס: מיסעס וואַרדען איז איבערגעגאנגען אויף זיין זייט און פערשפראכען, אז פון איהר הויז וועט קיינער זיך נישט הערוועגען צו העלפען עדוואַרד׳ן אין זיינע בעציהונגען צו מיס הערדייל. זעהר צופריעדען פון דעם דאזיגען רעזולטאט, האט מיסטער טשעסטער זיך העפליך געזעגענט און איז אוועקגעגאנגען. פאר׳ן אוועקגאנג האט ער נאך בעצויבערט מיגס׳ן, פרעגענדיג, אויב „די דאזיגע יונגע ליידי" וועט איהם צולייכטען ביי דער טהיר.

— אָ, מעם! — האט מיגס אויסגערופען, קומענדיג צוריק מיט׳ן ליכט. — אך, גאטעניו, אט דאס הייסט א דזשענטעלמען! און דערמאהנט זיך נור: אייך האט ער אנגענומען פאר מיס דאלי׳ן און מיס דאלי׳ן פאר אייער שוועסטער! ווען איך וואלט געווען דער מייסטער, וואלט איך געווען אייפערזיכטיג אויף איהם.

מיסעס וואַרדען האט איהר אויסגערעדט פאר די דאזיגע „נארישע רייד", אבער זעהר מילד, מ׳קאן זאגען מיט א שמייכעל אויף די ליפען.

— און מיר דאכט זיך, — האט דאלי פערטראכט געזאגט, — אז מיסטער טשעסטער איז אליין א סארט מיגס אין דעם פרט. ביי זיין גאנצער העפליכקייט און גלאטע ריידעלעך, בין איך זיכער, אז ער האט פון אונז חוזק געמאכט.

מיסעס וואַרדען איז ארויס פון די כלים.

— אויב דו׳סט זיך דערוועגען נאכאמאל זאגען אזא זאך און בערײדען מענשען הינטער זייערע אויגען, וועסטו ביי מיר תיכף געהן שלאפען! וואס איז דאס פאר א העזה, דאלי? איך ווייס גארניט, ווי קומט עס צו דיר! דעם גאנצען אָוונד האסטו זיך געהאלטען זעהר גראב. האט מען שוין אוועלכעס געהערט אָדער געזעהן, — האט זי ארויסגעפלאצט אין טרערען, — א

מאַכטער זאָל זאָגען אויף איהר אייגענער מוטער, אַז מ'מאַכט פון איהר חוזק!..

27. פאַלשקייט גילט.

צופריעדען פון זיין ערפאָלג ביי מיסעס וואַרדען, איז מיסטער טשעסטער אַוועק אין איינס פון די בעסטע קאַפע־הייזער אין קאָווענט־גאַרדען, האָט בעשטעלט אַ פיין נאַכט־עסען, איבער וועלכען ער איז אָפגעזעסען אַ היבשע צייט, און איז געקומען צו זיך אַהיים ערשט שפּעט אין דער־נאַכט. ער האָט שטענדיג געטראָגען ביי זיך אַ שליסעל פון זיין וואָהנונג, און אין קאָרידאָר פלעגט זיין אָנגעגרייט אַ ליכט, אַזוי אַז ער האָט געקאָנט אַריינקומען צו זיך אין די צימערן, נישט וועקענדיג זיין דיענער. בעת ער האָט געהאַלטען אין אָנצינדען דאָס ליכט, האָט ער פלוצים דערהערט עפּיס אַ מאָדנעם קלאַנג אין קאָרידאָר. ער איז געבליבען שטעהן אַ ווײַלע און זיך צוגעהאָרכט. עמיצער האָט געשנאָרכט אין דער פינסטער, מיט עטליכע שטיגען העכער. נייגיריג צו וויסען, וואָס פאַר אַ בריאה האָט זיך עס דאָ געמאַכט אַ שלאָף־צימער, האָט ער איבערגעהויבען דאָס ליכט איבער'ן קאָפּ און זיך דערנעהערט צום שלאָפענדען מענשען.

דער מעכטיגער קערפּער צעוואָרפען איבער די שטיגען, די לאַנגע האָהר צושויבערט און דאָס פּנים געווענדט אַרויף — איז זיך געמיטליך דאָרט אין דער פינסטער געלעגען י פון דער „מייפּאָיל" און געשלאָפען ווי ביים טאַטען אין וויינגאָרטען.
מיסטער טשעסטער האָט שוין געהאַט אויפגעהויבען אַ פוס, אויפצוועקען איהם מיט אַ שטורך אין זייט, נאָר דערזעהענדיג דעם יונגען־מאַנ'ס געזיכט, איז ער פלוצים געבליבען שטעהן.

אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען אומבעוועגליך, דערנאָך האָט ער זיך אָנגעבויגען מיט'ן ליכט אין דער האַנד און האָט אויפמערקזאַם בעטראַכט יו'ס געזיכט. ער האָט געקוקט לאַנג, אָבער דאָס איז איהם אַליין נאָך געווען ווייניג; ער איז אַריבער

אויף די צווייטע זייט און ווידער גענומען בעקוקען דעם שלאָפענדען יונגען-מאַן, פֿיהרענדיג דאָס ליכט אַרום זיין געזיכט פֿון אַלע זייטען.

בעת ער איז דאָ געווען פֿאַרטהאָן אין דער דאָזיגער אינספּעקציע, האָט יי פּלוצים, אָהן דעם מינדעסטען ריהר אָדער צאַפּעל, געעפֿענט די אויגען. דאָס איז פֿאָרגעקומען אַזוי אומגעריכט, אַז מיסטער טשעסטער האָט נישט בעוויזען אָבצווענדען זיינע אויגען, און אַזוי האָבען די ביידע אַ ווײַלע געקוקט ווי בעצויבערט איינער אויפ'ן צווייטען. ענדליך האָט מיסטער טשעסטער איבערגעריסען דאָס שווייגען און שטיל געפֿרעגט, וואָס ליעגט ער עפּיס דאָ און שלאָפֿט.

— איך האָב געמיינט, — האָט יי געענטפֿערט און זיך אויפֿגעזעצט, — איהר זענט אַ טייל פֿון מיין חלום. אַ מאָדנער חלום געווען. הלואי, מיסטער, זאָל ער קיינמאָל נישט מקוים ווערען.

— וואָס ציטערסטו אַזוי?

— פֿון קעלט, מסתמא, — האָט יי אַרויסגעבראָכט, אויסגלייכענדיג די ביינער. — איך ווייס קוים, וואו איך געפֿין זיך.

— מיך דערקענסטו?

— יאָ, איך דערקען אייך. איהר האָט זיך מיר גע'חלמ'ט. מיר זענען נישט דאָרט, וואו מיר האָט זיך געדאַכט מיר געפֿינען זיך. איז אודאי בעסער.

ער האָט אַלץ געקוקט אַרום זיך און בעזונדערס אַרויף, ווי ער וואָלט ערוואַרטעט צו דערזעהן איבער זיין קאָפּ עפּיס אַזוינס, וואָס ער האָט געזעהן אין חלום. דערנאָך האָט ער אויסגעריבען זיינע אויגען, האָט זיך נאָכאַמאָל אויסגעגלייכט די ביינער און איז אַריין נאָך מיסטער טשעסטער'ן צו יענעם אין די וואוינונג.

מיסטער טשעסטער האָט אָנגעצונדען די ליכט, וואָס ביי איהם אויפ'ן טואַלעט-טישעל, האָט צוגערוקט אַ שטוהל צום קאַמין און בעפֿוילען זיין גאַסט, ער זאָל איהם אַראָבציהען די שטיוועל.

זי האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויף איין קניה און גענומען ערפֿילען זיין בעפֿעהל.

— אַהאַ, מיינער בחור, האָסט שוין ווידער געטרונקען, — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט.

— זאָל איך אַזוי לעבען, מיסטער, אַז איך האָב נישט טועם געווען קיין געטראַנק פֿון מיטאָג־צייט אָן.

— און שלאָפֿען קאָנסטו בעסער ביי זיך אין שטאַהל, נישט דאָ. און האָרך נור, מיין ליעבער יונגער העלד, ווייטער אַז דו וועסט האָבען חלומות, זאָלען זיי זיין נישט וועגען מיר, נאָר וועגען עפּעס אַ פֿערד אָדער אַ הונד, מיט וועלכע דו ביזט נעהנטער בעקאַנט. — פֿאָרלויפֿיג גיב זיך דיר אָן אַ גלעזעל פֿון יענער משקה, דו ווייסט שוין, וואו זי שטעהט.

זי האָט געפֿאָלגט מיט גרויסען חשק.

— און איצט זאָג, וואָס דו ווילסט פֿון מיר.

— פֿאַרהאַן אַ ביסעל נייעס, — האָט זי געענטפֿערט. — אייער זוהן איז געוועזען היינט ביי אונז. ער האָט געזוכט צו זעהן די יונגע לעידי, נאָר דאָס האָט זיך איהם נישט איינגעגעבען. ער האָט איבערגעלאָזען ביי דזשאָ'ן עפּעס אַ בריעף פֿאַר איהר, נאָר אונזער אַלטער האָט איהם נישט געלאָזען אָבטראָגען.

— דער אַלטער איז אַ נאַלד, — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט, — און דאָס, וואָס ער איז אַזאַ גולם, איז נאָך בעסער. אַלזאָ?

— וואַרדען'ס טאָכטער — יענע, וואָס איך האָב אַ קוש געטהון —

— און אַוועקגעהיפּט ביי איהר דעם בראַסלעט, — האָט מיסטער טשעסטער צוגעגעבען, — יאָ, איז וואָס איז מיט איהר?

— זי האָט אָנגעשריבען ביי אונז אַ צעטעלע צו מיס הער־דייל, אַז זי האָט פֿערלוירען יענעם בריעף, וועלכען איך האָב איהר דעמאָלט געבראַכט. דזשאָ האָט עס געדאַרפֿט אָבטראָגען, נאָר אַזוי ווי דער אַלטער לאָזט נישט, האָט ער עס איבערגעגעבען מיר. אָט דאָ איז עס.

— האסט עס, הייסט עס, נישט אפגעטראגען? — האט מיסטער טשעסטער כלומר'שט איבערראשט געפרעגט.

— איך האב געמיינט, איהר ווילט עס האבען, ווי יענעם בריעף.

— מיין ליעבסטער פריינד, — האט מיסטער טשעסטער געזאגט, — פערשטעהסטו נישט דעם אונטערשיעד צווישען בריעף, וואס ווענען אדרעסירט צו מיין זוהן און צו מיר אין היין — און בריעף צו אנדערע מענשען?

— גיט מיר דאס צעטעלע צוריק, אויב איהר ווילט עס נישט האבען, — האט יו בעליידיגט געזאגט.

— איך וועל עס אליין איבערגעבען. געהט דאס פריילין שפאצירען אין א שענעם פריה־מארגען?

— יא, ארום האלבען טאג.

— אליין?

— אליין.

— אין וואו?

— אין פעלד נעבען היין.

— גוט, אויב עס וועט זיין א שענער טאג, וועל איך זי דארט זעהן. און פערשרייב זיך דיר דאס אויפ'ן שטערן, מיסטער יו: טאמער זעהסטו מיך אמאל אין דער „מייפאול" אדער ערגיץ אנדערש־וואו, קענסטו מיך בלויז פון איינמאל זעהן ביי זיך אין שיינק און מעהר נישט. פערשטעהסט?

ער האט איהם מכבד געוועזען מיט נאך א טרונק, האט איהם ווידער געגעבען צו פערשטעהן, אז ער זאל איהם פאלגען אין אלעם, ווייל ער האט איהם פעסט אין די הענד, — און יו איז אוועקגעגאנגען.

פאר'ן אוועקגאנג האבען זיי זיך ווידער בעגעגענט מיט די אויגען און האבען זיי ביידע שנעל אבגעווענדט אן א זייט. מיסטער טשעסטער איז דערנאך געזעסען א היבשע ווילע טיעף פערטראכט, דערנאך האט ער א מאך געטהון מיט דער האנד, ווי ער וואלט פערטרייבען עפיס א שווערען געדאנק, און געזאגט:

— וואַלזאָ, די אינטריגע איז שוין רעכט פערפלאָנטערט. די באָמבע האָב איך אונטערגעלעגט. אין גיכען וועט זי איפרייסען אין פונאַנדערשליידערן אָט די אַלע גוטע מענשען אין אַלע זייטען.

אייף מאָרגען אין דער־פריה, בעת מיס הערדייל האָט געמאַכט איהר געוועהנליכען שפּאַציר־גאַנג, האָט זי בעגעגענט אַן עלעגאַנט־געקליידעטען עלטערן הערין, וועלכער האָט איהר אָבגעטראָטען דעם וועג אין געלאָזען פאַרבייגעהן; נאָר דערנאָך, ווי איהם וואָלט פלוצים איינגעפאַלען עפּיס אַ געדאַנק, האָט ער זיך האַסטיג אומגעקעהרט צו איהר און מיט אַנ'איפגערעגטער שטים געפרעגט:

— איך בעט ענטשולדיגונג — זעה איך פיליכט פאַר זיך מיס הערדייל?

זי איז געבליבען שטעהן אין געענטפערט:

— יאָ.

מיסטער טשעסטער האָט מיט'ן בליק געמאַכט אַ קאָמפּלימענט איהר שענקייט אין געזאָגט:

— דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס זענט איהר מיס הערדייל, איך טראָג אַ נאָמען, וועלכער איז אייך נישט אינבעקאַנט אין וואָס קלינגט אַנגענעהם אין אייערע איערן; איך שמאָלציר דערמיט אין אין דערזעלבער צייט פערשאַפט עס מיר שמערצען. איך בין דער פאָטער פון דעם מענשען, וועלכען איהר אַכטעט אין שעצט מעהר פון אַלע אַנדערע. קאָנט איהר מיר שענקען אַ מינוט צייט פאַר אַ געשפּרעך צוליעב וויכטיגע טעמים?

זי האָט געגעבען איהר צושטימונג דורך אַ ניג מיט'ן קאָפּ.

— אַ טראָט ווייטער צווישען די ביימער, זייט אַזוי גוט. נעהמט מיין האַנד — זי געהערט צו אַן'אַלטען מאַן און איז אַן ערענטליכע, איהר מעגט מיר גלויבען.

זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אייף זיין האַנד אין זיך געלאָזען צו־פיהרען צו אַ באַנק.

— איהר שרעקט מיך, — האָט זי געזאָגט. — ברינגט איהר מיר נישט צומאָל קיין שלעכטע נייעס?

— נישט פון דעם פארט, ווי איהר קאנט מיינען, — האט ער געענטפערט, זיך זעצענדיג נעבען איהר. — עדוואַרד איז גע־זונד, פאלשטענדיג געזונד.. איך וויל ריידען טאקע וועגען איהם, אבער איך ברענג נישט קיין שלעכטע בשורות.

זי האט זיך נאכאמאל פערנייגט אין געוואַרט, וואס ווייטער וועט קומען

— מיין ליעבע מיס הערדייל, איך אליין האב נאך נישט אזוי פאלשטענדיג פערגעסען מיינע געפיהלען פון די יונגערע יאה־רען, אז איך זאל נישט פערשטעהן, ווי איהר קוקט אויף מיר. איהר האט מסתמא געהערט מיך שילדערן אלס א קאלט־הערציגען, איינגערעכענטען, עגאאיסטישען מענשען...

— סער, — האט זי איהם איבערגעשלאגען מיט א בע־סטער שטים, — איך האב קיינמאל נישט געהערט ריידען וועגען אייך אהן רעספעקט. איהר טהוט עדוואַרד'ן אַנ'אומרעכט, אויב איהר האלט איהם פאר פעהיג צו אזא האנדלונג.

— ענטשולדיגט, ליעבע יונגע ליידי, אבער אייער פעטער...

— מיין פעטער האט אויך נישט אזא נאטור, — האט זי געענטפערט, ווערענדיג פארביגער אויפ'ן געזיכט. — ס'איז נישט זיין טבע צו שטעכען עמיצען אין דער פינסטער, ווי אויך איך בין נישט קיין ליעבהאבערין פון אזעלכע געננ.

זי איז אויפגעשטאנען, ווי זי וואלט וועלען איהם פערלא־זען, אבער ער האט זי פערהאלטען אין א זאג געטהון סתם אין די לופט אריין:

— אין אזא אפענהערציגע, אויפריכטיגע, אידעלע נאטור, נער, האסטו א האַרץ צו פערוואונדען! שעמען מעגסטו זיך, בחור!

זי האט האסטיג אומגעקעהרט איהר קאפ צו איהם מיט חדוק אין איהר בליק. מיסטער טשעסטער'ס אויגען זענען פיל געווען מיט טרעהרען, נאר ער האט זיי אוועקגעמאַכט מיט דער האנד, ווי ער וואלט וועלען פערבארגען זיין שוואַכהייט, און געקוקט אויף איהר מיט ענטציקען און מיטלייד.

— איך וואלט קיינמאל נישט געגלויבט, — האט ער געזאגט, — אז דער לייכטזין פון יונגע-לייט זאל מיך אזוי קאנען ריהרען, ווי מיך האט גערירט די אויפפיהרונג פון מיין אייגענעם זוהן. איך האב קיינמאל נישט געוואוסט אזוי גוט דעם ווערטה פון א פריעדען-הארץ, וועלכעם יונגע-לייט געווינען אזוי לייכט און שליידערן אזוי לייכט אוועק.

זי האט געשוויגען און געקוקט אויף איהם שטאלץ און דורכדרינגענד, ווי זי וואלט וועלען פערקוקען צו איהם אין הארץ.

— איך וועל נישט אכטען דערויף, וואס דאס איז מיין אייגענער זוהן, — האט מיסטער טשעסטער ווייטער געזאגט, — און וועל אייך זאגען דעם ריינעם אמת. מיס הערדייל, מיין אונווירדיגער זוהן און אייער אונווירדיגער געליעבטער האט אייך בעטראגען

זי האט אלין געקוקט אויף איהם, נישט זאגענדיג קיין ווארט.

— איך בין שטענדיג געווען הערגעגען זיינע ערקלערונגען און ליעבע צו אייך; על פי יושר טארט איהר דאס נישט פערגעסען, ליעבע מיס הערדייל. אמאל, אין די יונגע יאהרען, זענען מיר געווען שונאים, איך און אייער פעטער, און ווען איך וואלט וועלען זוכען נקמה, וואלט איך זי לייכט געקאנט געפינען ביי דער דאזיגער געלעגענהייט. אבער וואס עלטער מיר ווערען, ווערען מיר קליגער — אויב בעסער — בין איך אין צווייפעל — איז מיר דעריבער די גאנצע געשיכטע געווען דערווידער פון אנפאנגען. איך האב פאראויסגעזעהן דעם סוף און געוואלט אייך פערהיטען, אויב מעגליך.

— רעדט קלארע דבורים, סער, — האט זי געזאגט. — איהר נארט מיך אדער איהר נארט זיך אליין. איך גלויב אייך נישט — איך קאן נישט — איך טאר נישט.

— אלערשטענס, — האט ער געזאגט, — געבענדיג איהר א שטיקעל פאפיר, — נעמט אייך אוועק א בריעף, וואס איז געשיקט צו אייך און איז על פי טעות אריינגעפאלען צו מיר אין די הענד. דא איז פאראן אן ערקלערונג פאר מיין זוהנ'ס נישט ענטפערן

איך גיב אייערן א בריעף. גאָט בעוואהר, אז איהר זאָלט האָבען אומזיסטע אורזאַכען צו קריעגען זיך מיט איהם. דאָ וועט איהר זעהן, אז דאָס מאָל איז ער נישט שולדיג געווען.

דער טאָן איז געוועזן אזוי אויפריכטיג אין די טהאַט גיפּא אזוי שטרענג-אָרענטליך, אז דער מענש האָט אויסגעזעהן צו פערדיענען דעם גרעסטען צוטרוי — און צום ערשטען מאָל אין פערלויף פון דעם געשפּרעך האָט זיך ביי עממאַ'ן אָבגעריסען אין הארצען. זי האָט זיך אָבגעקעהרט אָן א זייט און אויסגעפלאַצט אין טרעהרען.

— הלואי, ליעב מיידעל, וואָלט איך אימשטאַנד געווען צו פערשפּאָרען אייך די דאָזיגע יסורים, — האָט ער צערטליך געזאָגט. — מיין פערפיהרטער זוהן — איך וועל איהם נישט רופען פערברעכערישער, ווייל יונגע-לייט, וואָס זענען א צוויי-דריי מאָל געווען אינטריי, טהוען עס געוועהנליך אונבעוואוסטזיניג — מיין פערפיהרטער זוהן, זאָג איך, וועט ברעכען זיין שבועה צו אייך; ער האָט זי שוין געבראָכען. זאָל איך זיך בעגנוגענען מיט דער התראה, אָדער איך זאָל אויסזאָגען אַלץ ביז'ן סוף?

— רעדט ווייטער אין קלערער, אים יושר צו איהם זוי צו מיר.

— גוט, עלזאַ, — האָט ער געענטפערט. — מיין ליעב מיידעל, וועלכעס איך וואָלט גערן אָנגערופען טאָכטער, נאָר ליידער איז עס נישט בעשערט, — עדוואַרד קלייבט זיך אָבצוזאָגען מיט אייך אונטער א פאַלשען אויסרייד. ענטשולדיגט, אָבער — ער איז מיין זוהן: זיין אויפפיהרונג, זיין עהרע אינטערעסירען מיך זעהר טיעף, האָב איך געמוזט אויף איהם אַכטונג געבען, איהם נאָכשפּירען. עלזאַ, ביי איהם אויפ'ן טיש האָב איך געזעהן א בריעף, געשריבען צו אייך, אין וועלכען ער דערצעהלט אייך א מעשה, אז אונזער אָרימקייט פערוועהרט איהם צו פערבינדען זיך מיט אייך; ער בעפרייט אייך, שרייבט ער, פון אייער וואָרט, און רעדט מיט הייכער מליצה (מענער טהוען אַלע מאָל אזוי אין אַזעלכע פעלען) וועגען דעם, אז ער איז אייך נישט ווערטה, און אזוי ווייטער. קורץ, אין דעם דאָזיגען בריעף נאַרט ער אייך צוליעב אן אַנדער

פֿערזאָן, וואָס איהר גלײַכגילטיגקײט פֿריהער האָט אין איהם אָנ־געצונדען אַ קורץ־דויערנדע לײַדענשאַפֿט צו איך, און וויל איך נאָך אײַנשמייכלען, אַז דאָס איז אַ גרויסע פֿײַנקײט פֿון זײַן זײַט.

זי האָט געוואָרפֿען אויף איהם אַ שטאָלצען בליק און גע־זאָגט מיט פֿערשטיקטען הארצוועהטאָג:

— איב דאָס, וואָס איהר דערצעהלט, איז אמת, איז ער זיך אומזיסט אַזוי פֿיעל מטריח. ער קימערט זיך צופֿיעל וועגען מײַן הדה, איך בין עס איהם מוחל.

— אַז עס איז אמת, ווערט איהר זעהן, ווען איהר וועט ער־האַלטען דעם בריעף. — אָ, הערדייל, מײַן ליעבער פֿרײַנד, עס פֿרעהט מיך זעהר דיך צו זעהן. וואָס מאַכסטו גוטס?...

עממאַ האָט איפֿגעהויבען איהרע אויגען און האָט ווירקליך דערזעהן איהר פֿעטער, וועלכער איז געשטאַנען נעבען זיי און געקוקט פֿון איהר אויף מיסטער טשעסטער'ן און פֿון יענעם צוריק אויף איהר. נישט זעהענדיג אומשטאַנד אין דער מינוט צו ריידען אָדער צו הערען, האָט זי זיי שנעל פֿערלאָזען און איז אַוועקגע־לאָפֿען אַהיים.

אַ היבשע ווײַלע האָבען זיי ביידע איהר נאָכגעקוקט, נישט אַרויסריידענדיג קיין וואָרט.

28 אַרויסגעטריבען.

— וואָס בעטײַט עס? — האָט מיסטער הערדייל נאָך אַ לאַנגען שווײַגען געפֿרעגט. — וואָס טהוסטו דאָ און ווי קומסטו צו איהר?

— מײַן ליעבער פֿרײַנד, — איז מיסטער טשעסטער תיכף אַרײַנגעפֿאַלען אין זײַן געוועהנליכען טאָן און זיך אַראָבגעלאָזען אויף די באַנק מיט אַ מיעדער מינע, — נישט זעהר לאַנג צוריק, אין דײַן פּראַכטפֿולען אַלטען שיינק, האָסטו מיר געזאָגט, אַז איך האָב דעם קאָפּ און דאָס האַרץ פֿון דעם אשמדאי אין אַלע אָנגע־לעגענהייטען פֿון שווינדעל און בעטרוג. איך האָב דעמאָלט גע־מיינט, אַז דו לויבסט מיך מעהר ווי איך האָב פֿערדיענט. איצט

אָבער הויב איך אָן צו בעוואונדערן דײַן שאַרפזיניגקײט און גלויב ווירקליך, אַז דו האָסט געהאַט רעכט. האָסט אַמאָל פּראָבירט נאָכמאַכען די עכטעסטע אויפריכטיגקײט און גאָטספאָרכטיגען צאָרן פון מײַן בעסטער פרײַנד, אויב דו האָסט קײנמאָל נישט פּראָבירט, האָסטו קײן בעגריף נישט, ווי דאָס שוואַכט אָב די כּחות פון אַ מענשען!

מיסטער הערדײל האָט איהם בעקוקט מיט קאַלטער פעראַכטונג.

— דו מײַדסט אויס אַן ערקלערונג, — האָט ער געזאָגט.

— כּלל נישט, כּלל נישט, מײַן ליעבער! איך ערקלער עס באַלד. דאָס איז די אײנפאַכסטע זאַך אין דער וועלט. נעד האָט אָנגעשריבען אַ בריעף צו איהר, — אַ יונגעלשע, עהרליכע, סענטימענטאַלע פערפאַסונג, וועלכע ליעגט נאָך בײַ איהם אויפ'ן טיש, ווײַל ער האָט נאָך קײן האַרץ נישט איהם אַוועקצושיקען. אַלס געטרײַער, ליעבענדער פאָטער האָב איך מיר גענומען דאָס רעכט דורכצילעזען דעם בריעף און איבערגעבען דעם אינהאַלט דײַן פּלימעניצע (אַ בעצויבערנדעס מיידעל, הערדײל, אַ מלאך אין מענשענגעשטאַלט!), נאָר אַ ביסעלע צוגעפאַרבט און צוגעפּוצט. פּאַרטיגאיצט איז אַ סוף פון אַלעם. קײן שליחים האָבען זײ מעהר נישט, איהר שטאָלץ און אײפערזוכט זענען ערוועקט, און ווער עס זאָל זײ ערקלערען דעם טעות איז נישטאָ, — וועלען זײ זיך שײדען גלײַך נאָך איהר ענטפער. קײן דאַנק ביזטו מיר נישט שולדיג, ווײַל געטהון האָב איך דאָס אַלץ צוליעב זיך, און צוליעב זיך טאַקע האָב איך מיט דיר דעם אָבמאַך געשלאָסען.

— איך פערשילט דעם דאָזיגען אָבמאַך, ווי דו ריבסט עס, פון גאַנצען האַרצען, — האָט מיסטער הערדײל געענטפערט. — ער איז געשלאָסען געוואָרען אין אַ בײזער שעה. איך האָב זיך געצוואונגען צו לײַדען; איך האָב זיך פעראײניגט מיט דיר; און הגם דאָס איז געטהון געוואָרען אויס רײנע מאָטיווען, פונדעסטוועגען האָס איך און פעראַכטע זיך דערפאַר.

— דו היצסט זיך, — האָט יענער מיט אַ שמײכעלע געזאָגט.

— איך בין צוהיצט פון דײַן קאַלטקײט. הער זיך אײַן,

טשעסטער, ווען דאס בלוט אין דיינע אדערן וואלט געווען א ביסעל הייסער, און ווען איך וואלט נישט געהאט קיין וויכטיגע אורזאכען, וואס האלטען מיך צוריק — נאר, מילא, גארנישט. די זאך איז אפגעטהון. די זאגסט עס, און אין אזעלכע זאכען מעג מען דיר גלויבען. ווען מיין געוויסען וועט מיך נעהמען פלאגען פאר אט די פעררעטעריי גאר שטארק, וועל איך זיך דערמאהנען אן דיין היראט און דערמיט זיך פערענטפערן דערפאר, וואס איך האב געהאלפען אפרייסען עממא'ן פון דיין זוהן. אונזער פעראייניגונג איז איצט בטל געווארען, און מיר קאנען זיך פונאנדערגעהן.

מיסטער טשעסטער האט גראציעז א קוש געטהון זיינע פינגער צום געזעגנען און איז ווייטער געבליבען זיצען אויף דער באנק, נאכקוקענדיג מיסטער הערדייל, וועלכער איז אוועק מיט שנעלע טריט.

— מיין כפרה-היהנדעל אין שול, — האט ער געזאגט, — מיין פריינד אין די שפעטערע יאהרען, וועלכער איז נישט אימשטאנד געווען צו בעהאלטען זיין געליעבטע פאר זיך און געלאזען מיך זי אויסהאפען, — איך טריאומפיר איבער דיר אין דער געגענווארט, ווי איך האב דיך גובר געווען אין דער פערגאנגענהייט. ביל ווייטער, שלים-מול'דיגער הונד; דאס מול איז שטענדיג געווען אויף מיין זייט — און איך האב ליעב צו הערען דיין געביל.

מיט א היבשער שטרעקע ווייטער האט מיסטער הערדייל זיך צופעליג אימגעקוקט, און דערזעהענדיג, ווי זיין שונא קוקט איהם נאך, איז ער געבליבען שטעהן א ווייל'ע, ווי ער וואלט אויף איהם געווארט.

— עס קאן נאך קומען דערצו אויך, אבער נישט איצט, — האט מיסטער טשעסטער געזאגט צו זיך, האט א מאך געטהון צו יענעם מיט דער האנד, ווי זיי וואלטען זיין די בעסטע פריינד, און זיך אפגעקעהרט אן א זייט. — נאך נישט, הערדייל. דאס לעבען איז פאר מיר גאנץ אנגענעהם, פאר דיר — גענוג שווער און פול מיט ליידען. ניין. פרובירען די שווערדען מיט אזא

מענשען — מהון אידם די ליעב, ווען מ׳קאָן עס נאָך פערמיידען — דאָס וואָלט געווען אַ שוואַכהייט.

פונדעסטוועגען האָט ער אַרויסגעצויגען זיין שווערד און האָט עס אויסמערקזאַם בעטראַכט פון הענטעל ביזן שפּיץ גיטע צוואַנציג מאָל. נאָר גלייך האָט ער זיך דערמאָהנט, אַז טראַכטען מאַכט קנייטשען אויפ׳ן שטערן, — ער האָט אַריינגעלעגט דאָס שווערד צוריק אין שייד, און אונטערברומענדיג אַ ליעדעל, איז ער אַוועק צו דער „מייפּאָיל״ עסען מיטאָג, איידער ער פאָהרט צוריק קיין לאָנדאָן.

אויף מאָרגען אין אָוענד זענען די ביידע טשעסטערס, פאָטער און זוהן, געזעסען אין זייער וואוינונג אין לאָנדאָן און האָבען געשוויגען. דער פאָטער איז געווען זעהר אויפגעלעגט, נאָר אַזוי ווי עדוואַרד האָט אויסגעזעהן צו זיין פערזינקען אין שווערע געדאַנקען, האָט מיסטער טשעסטער נישט געהאַט קיין חשק צו פערפירען אַ געשפּרעך מיט אַ מענשען אין אַ שלעכטער שטימונג. ער איז דעריבער געזעסען און געטרונקען ווין, נישט שטערענדיג עדוואַרד׳ן צו טראַכטען. סוף כל סוף האָט ער פאָרט אָנגעהויבען צו רעדען:

— נישט גלייך, עדוואַרד, וואָס דו פילסט נישט אָן דיין גלאָז. אַ ביסעל ווין — נישט צו־פיעל, ווייל דאַן מאַכט עס דעם מענשען העסליך — האָט טויזענד גוטע ווירקונגען. עס מאַכט גלאַנציגער די אויגען, קלינגענדיגער די שטים און לעבעדיגער דעם געדאַנק און דאָס געשפּרעך. אָט טרינק נעהם אַ ביסעל.

— אַך, טאַטע! — האָט עדוואַרד אָנגעהויבען.

דער פאָטער האָט האַסטיג אַוועקגעשטעלט זיין גלאָז מיט אַ דערשראָקענער מינע.

— מיין וואוילער יונג! — איז ער איהם אַריינגעפאַלען אין די רייד. — רוף מיך נישט, איך בעט דיך, מיט דעם דאָזיגען אַלט־מאָדישען נאָמען. זיי אַ ביסעל דעליקאַטער. וואָס בין איך — גרוי, אָדער געקנייטשט? געה איך אפשר אויף קוליעס, אָדער איך

האָב מײַנע צײַהן פֿערלוירען, וואָס די טיטולירסט מיך אַזוי? דאָס קלינגט אַזוי גראָב!

— איך האָב געוואָלט מיט אײַך רײדען ערנסט, סער, — האָט עדוואַרד געענטפֿערט, — פֿונ'ם האַרצען, אין איהר האַקט מיר אָב בײַם ערשטען וואָרט.

— טהו מיר אַ טובה, נעדי, איך בעט דיך זעהר, — רייד נישט אַזוי ווילד. „רײדען פֿון האַרצען"! ווייסט דען נישט, אַז דאָס האַרץ איז אײנפֿאַך אַ געוויסער טייל פֿון אונזער גוף — דער מיטעל-פּונקט פֿון דעם בלוט-סיסטעם, און אַזוי ווייטער — און האָט צו דעם, וואָס די טראַכסט אָדער זאָגסט, נישטאָ מעהר שייכות פֿון דײַנע קניה? ווי קאָנסטו רײדען אַזוי וואולגאַר און זינלאָז? אַזעלכע אַנאַטאָמישע מליצות פּאַסען פֿאַר די העררען פֿון דער מעדיצינישער פּראָפֿעסיע. אין אַ געזעלשאַפֿט זענען זיי זעהר אומ-אַנגענעהם. כ'לעבען, עס וואונדערט מיך אויף דיר, נעד!

— נו, יאָ! — האָט עדוואַרד געענטפֿערט. — אַזעלכע זאַכען עקזיסטירען גאָרנישט, און מ'קאָן זיי נישט פֿערוואונדען, אָדער היילען, אָדער איבערהויפּט זיך קימערן וועגען זיי. איך ווייס שוין די עיקרים פֿון אײַער אמונה, סער, און זאָג מעהר גאָרנישט.

— און ווידער ביזטי אומגערעכט, — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט, געהמענדיג אַ זופּ פֿון זײַן גלאָז. — איך זאָג אויסדריקליך, אַז אַזעלכע זאַכען זענען יאָ פֿאַרהאַן. די הערצער פֿון היות — פֿון קיה, שאָף, און אַזוי ווייטער — ווערען, זאָגט מען, געקאָכט און געגעסען מיט פֿערגניגען צווישען די נידריגע קלאַסען. מענשען ווערען טיילמאָל געשטאָכען אין האַרץ אָדער געשאָסען אין האַרץ; אָבער רײדען פֿון האַרצען, אָדער צום האַרצען, האָבען אַ ווייך האַרץ, אָדער אַ שטיינערן האַרץ, אָדער זײַן גאָר אָהן אַ האַרץ — ווייס איך וואָס! דאָס אַלץ איז אונזין, נעד.

— געוויס, געוויס! — האָט נעד געענטפֿערט.

— אָט, אַ שטייגער, הערדייל'ס פּלימעניצע, דײַן געוועזענע סימפּאַטיע, — האָט מיסטער טשעסטער צוגעגעבען בלאָהז יד, אַלס אילוסטראַציע צו זײַנע ווערטער. — איך בין זיכער, אַז לויט דײַן

מיינונג איז, זי פריהער געהאַט אינגאַנצען האַרץ. איצט האָט זי שוין גאָר קיין האַרץ נישט. און דאָך איז זי דערוועלבער מענש, נעד, פונקט דערזעלבער, וואָס פריהער.

עדוואַרד איז רויט געוואָרען.

— זי איז געענדערט, סער! — האָט ער אויסגערופען. — איך געענדערט, ווי איך דענק, דורך געמיינע מיטלען.

— מ'האָט דיר געוויזען דעם הרך, וואָס? — האָט דער פאָטער געזאָגט. — אַרימער נעד! איך האָב דיר פאָראויס געזאָגט, אַז אַזוי וועט זיך עס ענדיגען. דערלאַנג מיר געפעליגסט דאָס קנאַקניפעל.

— מ'האָט זי אָבגענאַרט, — האָט דער זוהן געזאָגט, אויפשטעהענדיג פון אָרט, — מ'האָט זי בעשווינדעלט. איך וועל קיינמאָל נישט גלויבען, אַז דאָס איהר דערוויסען זיך, פון מיר אַליין, וועגען מיין מאַטעריעלער לאַגע, האָט געמאַכט אין איהר אַזא ענדערונג. און הגם צווישען אונז איז אַלץ געענדיגט, גלויב איך נישט, אַז אַ וועלכע נידעריגע מאָטיווען אָדער איהר אייגענע פרייער ווילען זענען דערין שולדיג.

— מיר איז אַ חרפּה פאַר דיין נאַרישקייט, — האָט דער פאָטער שפּיעלענדיג געזאָגט, — איך האָף, אַז דו האָסט זי נישט בעזוכט פון מיר. וואָס אַנבעלאַנגט די יונגע ליידי, האָט זי געטהון דאָס, וואָס איז זעהר נאַטירליך און געהעריג; דאָס, וואָס דו אַליין האָסט אָנגעבאָטען, ווי איך האָב זיך דערוואוסט פון העראַלדין; און דער עיקר — דאָס, וואָס איך האָב דיר פאָראויסגעזאָגט. זי האָט געמיינט, דו ביזט רייך, לאָזט זיך אויס, דו ביזט אָרים. די הייראַט איז אַ געשעפט, אַ ציווילער אָבמאַך; מענשען הייראַטען, כדי צו פערבעסערן זייערע געשעפטען; דאָס איז אַ פראַגע פון אַ הויז, מעבעל, לאַקייען, אַנ'אייגענעם שפּאַן און דעמגלייכען. אין אַזוי ווי איהר זענט ביידע אָרים, איז דאָס געשעפט קיין געשעפט נישט. איך טרינק פאַר'ן קלוגען מיידעל'ס געזונד. פיל אָן דיין גלאָז, נעד. דאָס איז אַ לעקציע פאַר דיר.

— אַ לעקציע, — האָט דער זוהן געענטפערט, — פון וועלכער

איך האָב קיינמאָל נישט צו לערנען. אויב יאָהרען אין געגיטקייט שטעמפּלען זי אָב אויף —

— זאָג נישט „אויף דאָס האַרץ", — האָט דער פאָטער אַריינגעשטעלט.

— אויף מענשען, װאָס די געזעלשאַפט און איהר צביעות האָט זיי פערדאָרבען, — האָט עדוואַרד היים פערענדיגט, — טאָ זאָל מיך גאָט אָבהיטען פון אַזאַ חכמה.

— הערט נור אויס, מיין העדר, — האָט דער פאָטער געזאָגט, אויפהויבענדיג זיך אַ ביסעל און קיקענדיג גלייך אויפ'ן זוהן, — אַ סוף זאָל עס נעהמען. זייט אַזוי גוט צו געדענקען אייערע אינטערעסען, אייערע פפליכטען, אייער קינדער-ליעבע און די איבעריגע זאַכעניש פון דעם סאָרט. בעטראַכט זיך גיט, װאָרום אויב נישט, װעט איהר חרטה האָבען.

— איך װעל קיינמאָל נישט חרטה האָבען דערויף, װאָס איך היט מיין זעלבסט-רעספּעקט, — האָט עדוואַרד געענטפערט. — ענטשולדיגט, אָבער איך װעל מיין װירדע נישט אָפּפערן אויף אייער בעפעהל און װעל נישט געהן אין דעם װעג, װעלכען איהר האָט מיר אָנגעצייכענט און װאוהין איהר האָט געציעלט מיט אייער געהיימען אָנטייל אין דער נאַר-װאָס געשעהענער צושיידינג.

דער פאָטער האָט זיך אויפגעהויבען נאָך אַ ביסעל העכער, דערנאָך האָט ער זיך צוריק אַראָבגעלאָזען אויף דין פלאַץ און געזאָגט גאַנץ געלאַסען, קנאַקענדיג בעת מעשה זיינע ניס:

— עדוואַרד, מיין פאָטער האָט געהאַט אַ זוהן, װעלכער איז געװען אַזאַ שוטה װי דו אין איז אויך געװען אַזוי געמיין און אונגעהאָבלטער. דעם דאָזיגען זיהן האָט מיין פאָטער פערשאָלטען און מעביר נחלה געװען אין אַ געװיסען פריה-מאָרגען נאָך פריהשטיק. איך געדענק עס אַזוי גוט, װי עס װאָלט נעכטען געשעהן; איך געדענק נאָך, אַז איך האָב דעמאָלט געגעסען שטרודעל ימיט מאַרמעלאַד. ער האָט געפיהרט אַ קלאָגעדיג לעבען (דער זוהן, מיין איך) און איז יונג געשטאָרבען; און זעהר גלייך, װייל ער האָט פערשװאַרצט דאָס פנים דער גאַנצער משפחה. עס איז טרוי-

עריג, עדוואַרד, ווען אַ פאָטער איז געצוואונגען אָנצונעהמען אַזעלכע שטרענגע מיטלען.

— יאָ, — האָט עדוואַרד געענטפערט, — און נישט ווייניגער טרויעריג איז, ווען אַ זוהן באָט אָן זיין ליעבע אין פפליכט-געפיהל אין זייער בעסטען און ריכטיגסטען זינען — אין ווערט צוריקגעשטויסען און געצוואונגען נישט צו פאָלגען. טייערער פאָטער, — האָט ער צוגעגעבען ערנסטער און צערטליכער אין דערועלבער צייט, — איך האָב גוט אַריינגעקלערט די זאַך. לאָמיר זיך דורכריידען אויפריכטיג; נישט אין דער פאָרם, נאָר אין דער ווירקליכקייט. הערט אויס, וואָס איך האָב צו זאָגען.

— אַזוי ווי איך שטוים מיך אָן, וואָס דו ביסט זאָגען, עדוואַרד, — האָט דער פאָטער קאַלט געענטפערט, — וויל איך נישט הערען. איך קאָן עס באין אופן נישט. דאָס וועט מיך זיכער צורייצען, און דאָס וויל איך נישט ליידען. אויב דו האָסט זיך פעסט באַשלאָסען צו געהן אין דיין אייגענעם וועג, געה, און נעהם מיט דיין קללה מיט זיך. עס טהוט מיר לייד, אָבער קיין אַנדער ברירה איז דאָ ווירקליך נישטאָ.

— איהר קאָנט אַרויסזאָגען אייער קללה, — האָט עדוואַרד געענטפערט, — אָבער דאָס איז נישט מעהר ווי הוילע ריד. איך גלויב נישט, אַז עמיצער זאָל קאָנען דעם אַנדערן — ווער שמועסט זיין אייגענעם זוהן — פערשעלטען, ווי ער קאָן נישט אַרויסרייסען פון די וואָלקענס קיין איינציגען רעגענטראָפּען אָדער קיין איינציגע שנייעלע. בעקלערט זיך וואָס איהר טהוט, סער.

— דו ביזט אַזוי נישט-רעליגיעז, — האָט דער פאָטער געזאָגט, ווענדענדיג זיין פנים צום זוהן פויל און לאַנגזאַם, און האָט צוקנאַקט נאָך אַ ניסעל, — אין אַזוי אונגעהאָרזאַם, אַז איך מוז דיך דאָ אָבשטעלען. עס איז אונמעגליך פאַר אינז צו לעבען אַזוי ווייטער. אויב דו ווילסט זיין אַזוי גוט אָנצוקלינגען, וועט דיר דער דיענער ווייזען די טהיר. קום נישט מעהר צוריק, איך בעט דיך זעהר. געדענק, סער, אַז איהר האָט יאָ אין זיך נישט קיין געפיהל

פאַר מאָראַל און פּפליכט; גערט איך צום טייוועל, דאָס איז מיין אויסדריקליכער וואונש. אַ גוטען טאָג.

עדוואַרד איז אַרויס פון צימער, נישט זאָגענדיג קיין וואָרט. דעם פּאַטער'ס געזיכט איז געווען אַ ביסעלע פאַרביגער, אָבער אין אַלע אַנדערע הינזיכטען איז ער געבליבען אַזוי רוהיג ווי אַלע מאָל. ער האָט אָנגעקלונגען. דער דינער איז אַריין

— פּיק, — האָט מיסטער טשעסטער געזאָגט.—אויב דער הערר, וואָס איז נאָר-וואָס אַרויס פון דאַנען —

— ענטשולדיגט, סער — מיסטער עדוואַרד?

— האָסטו דאָ דען געזעהן עמיצען אַנדערש, גולם, וואָס די פרעגסט אַזעלכע שאלות? — אויב דער דאָזיגער הערר וועט שיקען נאָך זיינע קליידער, גיב זיי איהם אַוועק. אויב ער וועט קומען אַליין, זאָג איהם, אַז איך בין נישטאָ אין דער-היים. אַזוי זאָלסטו זאָגען — און פערשליסען פאַר איהם די טהיר.

29. אין די ווייטע וועלט אַריין.

מענשען, וואָס זענען געוועהנט צו געוועלטיגען איבער אַנדערע, האָבען שוין אַזאַ טבע, אַז וואָס מעהר מ'גיט זיי נאָך, אַלץ מעהר צובריגנט זיך ביי זיי דער חשק צו טרעטען יענעם אויפ'ן קאָפּ. נישט זוכענדיג קיין ביישפּיעל צווישען די גרויסע הערשער פון דער וועלט, וועלען מיר זיך בעגנוגען מיט אַ פינגער-טייט אויף דעם אַלטען רושאַן ווילעט.

וואָס מעהר רושאַו האָט איהם נאָכגעגעבען, איז דער פּאַטער געוואָרען אַלץ דעספּאָטישער און אַבסאָליטיסטישער. דערצו, ווי אַלע גרויסע מענשען, האָט ער געהאַט אַרום זיך אַ כניסיא שמייכלער און אינטערשטיפער, וואָס האָבען געמונטערט און געשטאַרקט זיין אַפּעטיט צו ממשלה, הגם ער האָט זיך אין ערמינטערונג כלל נישט גענויטיגט: דאָס זענען געווען אונזערע אַלטע בעקאַנטע פון משיגנזעל, ווילעט'ס שכנים, וואָס פלעגען קומען אין שיינק אַריין אַרביינגען אַנ'אָווענד נעבען קופּערנעם קאָכקעסעל, ביי אַגלע-

זעל משקה און אַ ליולקע טאַבאַק. בעזונדערס האָט זיך אויסגעצייכענט טאָם קאָב, וועלכער פלעגט דזשאָו'ן דערגעהן די יאָהרען מיט זיין מוסר. ער האָט זיך אַלץ בעמיהט צו געבען דזשאָו'ן צו פערשטעהן, אַז זיין פאָטער איז ניט אַבי־ווער, אַז הלואי וואָלט ענגלאַנד געהאַט אַ סך אַזעלכע פאָטער'ס, וואָלט דאָס לאַנד געווען גליקליך; אַז ער דערמאָהנט איהם, קאָב'ן, אָן זיין אייגענעם פאָטער, וועלכער האָט דעם זוהן קיינמאָל נישט געקאַרגט קיין שטיקל אין זייט, קיין זעץ אין ברוסט, קיין טערעבענץ איבער'ן קאָפּ און נאָך אַזעלכע נוצליכע פעטערליכע אָנציהערענישען. סוף כל סוף, האָט קאָב ערקלערט, איז עס פון דזשאָו'ס טובה־וועגען, און ער וועט נאָך דעם פאָטער אַמאָל דאַנקבאַר זיין דערפאַר, וואָרום אַ ראיה האָט אידר, אַז ער, טאָם קאָב, וואָלט קיינמאָל נישט געוואָרען וואָס ער איז, ווען זיין פאָטער זאָל איהם נישט געווען מדריך זיין אַזוי ענערגיש. דאָס האָט זיך ווירקליך געלאָזען הערען, דען קאָב איז געווען דער שטומפּיגסטער נפש אין דער גאַנצער קאָמפּאַניע.

די אונטערשטע שורה איז געווען די, אַז וואַהרשיינליך זעגען קיין איינציגען יונגען־מאַן אין דער גאַנצער וועלט זיינע אַרימיגע נישט געלעגען אַזוי אין האַרצען, ווי דעם אָרימען דזשאָו'ן.

נאָר יענעם טאָג, ווען מיסטער טשעסטער איז צום צווייטען מאָל געווען אין דער „מייפּאָול", האָט דער אַלטער דזשאָן, כדי צו ווייזען פאַר זיין גאַסט די גאַנצע פּראַכט פון זיין גרויסקייט, אַריבערגעשטיגען זיך אַליין. ער האָט דעם זוהן געדרודפּ'ט דעם גאַנצען טאָג און לסוף האָט ער איהם בעפוילען אַוועקציזעצען זיך אונטער אַרעסט אין זיין צימער און נישט דערוועגען זיך אַרויסצוגעהן פון דאָרט אָהן דעם פאָטער'ס אויסדריקליכער ערלויבניש.

און אַזוי איז דזשאָו געזיך אָבגעזעסען דעם גאַנצען טאָג ביי זיך אין צימער, קלערענדיג וועגען זיין פינסטערן מזל און וועגען די אונצעהליגע מעלות טובות פון דאָלי וואַרדען. ענדליך איז דער טאָג פאַרביי, און אַז עס האָט אָנגעהויבען טינקעל ווערען, איז מיסטער טשעסטער אַראָבגעגאַנגען פון אויבערשטען שטאָק צו

פאָרען אַהיים. זיין פערד איז שוין געשטאַנען ביי דער טהיר, נאָר אַזוי ווי דער אַלטער דזשאָן איז גראָד נישט געוועזען דערביי צו העלפען דעם גאַסט אַרויפשטייגען אויף דאָס פערד, איז דזשאָ אַראָב פון די שטיגען אין ערפילט פאַר'ן פאָטער די דאָזיגע פליכט. אין דער מינוט האָט דזשאָן זיך בעוויזען דרויסען און האָט געכאַפּט דעם זוהן פאַר'ן קאָלנער.

— דאָס נישט, סער, — האָט דזשאָן געזאָגט, — דאָס נישט. ווער האָט דיר ערלויבט אַרויסצוגעהן פון דיין צימער, אַ? ווילסט זיך שוין אַרויסדרעהען, סער, אַ? וואָס טראַכטסטו זיך, סער, אַ?

— לאָזט מיך אָב, טאַטע. דאָס איז שוין צו-פיעל! ווער וויל זיך אַרויסדרעהען, ווער!

— ווער עס וויל זיך אַרויסדרעהען! — האָט דער פאָטער אויס-געשריען. — דו, פערשטעהסט זיך, דו, סער, — ווער נאָך זאָל וועלען? ווילסט זיך אַריינמאַכען אין פרעמדע הייזער און אָנמאַכען מחלוקת'ן צווישען פאָטער און זוהן, אַ? האַלט ס'מויל, סער!

דזשאָ האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך אַרויסגעריסען פונ'ם פאָטער'ס הענד און איז אַריין אין שיינק.

„נאָר צוליעב איהר, צוליעב דאָלי'ן, טראָג איך דאָס אַלץ איבער, — האָט ער געטראַכט. — איך וויל נישט, אַז זי זאָל מיך האַלטען פאַר אַ לומפּ, פאַר אַ שלעפער, — ווען נישט דאָס, וואָלט איך שוין לאַנג פון דאַנען אַוועק“.

דזשאָן האָט זיך אומגעקעהרט אין שיינק אַריין, צו זיין קאָכ-קעסעל. זיין כנופיא איז שוין דאָרט געזעסען, און אַזוי ווי זיי האָבען אַלץ געזעהן דורך דאָס פענסטער, האָבען זיי דעם אַלטען ערקלערט זייער רעספּעקט פאַר זיין האַנדלונג געגען דעם זוהן.

— מיר'ן שוין זעהן, — האָט דזשאָן געזאָגט נאָך אַ לאַנגער פּויזע, — ווער עס איז בעל-הבית דאָ אין הויז. מיר'ן שוין זעהן, צי יונגלעך וועלען הערשען איבער מענער, אָדער מענער איבער יונגלעך.

— גאַנץ ריכטיג, — האָט סאָלאָמאָן דייזי צוגעשטימט. — גוט געזאָגט, מיסטער ווילעט. בראַוואָ, סער.

— אַז איך וועל דאַרפֿען אַ יישר כח פֿון אייך, וועל איך עס בײַ אײַך בעטען, סער. אידר לאָזט מיך געמאַך, סער, איך האָב, אַז איך קאָן אויסקומען אָהן אײַך. פֿערהערט זיך נישט מיט מיר, סער, איך בעט אײַך ווידער.

— און ווער ביזטו? דאָס אַזעלכער, וואָס מיטאָר צו דיר נישט רייִדען? — האָט דער לאַנגער קאָב געפֿרעגט מיט אַ גיפֿ־טיג שמייכעלע.

בײַ דזשאָו'ן האָט אינגאַנצען געפּלאַצט די געדולד. ער איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט, האָט איבערגעקערט דעם טיש, גע־האַפּט זײַן לאַנגען געגנער פֿאַר'ן קאָלנער און איהם אַ שלײַדער געטהון אין אַ ווינקעל פֿון צימער, וואו עס האָט זיך געפֿונען אַ גאַנצער הויפֿען שפּײַ־קעסטלעך. קאָב איז אַרײַנגעפֿלויגען אין דעם הויפֿען מיט'ן קאָפּ פֿאָראויס און מיט גרויס טאַראַראַם אין איז דאָרט געבליבען ליגען פֿערטויבט פֿונ'ם פֿאַל.

דזשאָו איז תיכף אַרויסגעלאָפֿען צו זיך אין צימער און האָט פֿערבאַריקאַדירט די טהיר מיט'ן מעבעל.

— פֿאַרטיג! — האָט ער געזאָגט, אָפּקילענדיג זיך אויפֿ'ן בעט און אָבווישענדיג דעם שווייס פֿונ'ם פּנים. — אָבגעטהון! איך האָב געוואוסט, אַז דאָס וועט זײַן דער סוף. איצט מיז איך אַוועק פֿון דער מײַפֿאָיל. איצט בין איך אַ שלעפּער, און זי וועט מיך נאָך מעהר פֿײַנט קריגען — אויס!

אַ היבשע צײַט האָט ער געוואַרט אויף אַנ'איבערפֿאַל, נאָר אַזוי ווי קײנער איז נישט געקומען, איז ער סוף כל סוף אַנט־שלאָפֿען געוואָרען און האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, ווען עס האָט אָנ־געהויבען צו טאָגען. ער האָט זיך אויף שנעל געמאַכט אַ פּעקעלע פֿון זײַנע נויטווענדיגסטע חפצים און איז אַרויסגעשפּרונגען דורך דאָס פֿענסטער.

ער האָט געוואָרפֿען אַ לעצטען בליק אויף די „מײַפֿאָיל“. „גאָט זאָל דיך בענשען“! האָט ער צוגעוואונשען דעם אַלטען הויז און מיט זײַן פּעקעל אויף די פּלייצעס אין דעם שטעקען אין האַנד איז ער אַוועק קיין לאָנדאָן.

דעם גאַנצען טאָג האָט ער זיך אַרומגעדרעהט איבער דער שטאָדט, האָפענדיג, אַז אין אָווענד וועט מיסעס וואַרדען ערגיץ אַוועקגעהן, וועט ער אפשר טרעפען דאָלי'ן אַליין אין דער־היים.

פאַר־נאַכט, ווען ער האָט זיך דערנעהנטערט צו וואַרדען'ס הויז, האָט ער דערזעהן עפּוס אַ קליידעל פלאַטערן ביי דער טהיר. דאָס איז, נאַטירליך, געווען דאָלי'ס קליידעל — וועמעס דען האָט געקאָנט אָט אַזוי פלאַטערן אין דער לופט?.. ער איז איהר נאָכגעלאָפען און אַז ער האָט זיך בעוויזען אויף דער שוועל, האָט זי אומגעקעהרט איהר פּנים צו איהם און געזאָגט, אַז עס פרעהט זי, איהם צו זעהן און עס טהוט איהר אַזוי לייד, וואָס דער פאָטער און די מוטער זענען נישטאָ אין דער־היים; דושאָ האָט פערזיכערט, אַז עס איז אָהן סכנות, און זי געבעטען, זיך נישט ערגערן דעריבער.

— איך בין געקומען, — האָט דושאָ געזאָגט, — זיך געזעגנען מיט איך, — געזעגענען זיך אויף לאַנג, אפשר אויף אייביג. איך פאָהר אַוועק.

— טאַקע? — האָט דאָלי איבערגעפרעגט, — און תוך כדי דבור צוגעגעבען, אַז ס'איז וועהר אַ שענע נאַכט.

— איך האָב נישט געקאָנט אַוועק, — האָט דושאָ געזאָגט, — אָהן אַ „זיי־געזונד“ צו איך. איך האָב קיין האַרץ נישט געהאַט.

דאָלי האָט וועהר בעדויערט, וואָס ער האָט זיך אַזוי מטריח געווען, — אָהער איז דאָך אַזאַ שטיק וועג, און ער האָט אודאי געמוזט האָבען אַזוי פיעל אַרבייט; און וואָס מאַכט מיסטער ווילעט — דער ליעבער אַלטער דושענטעלמען? —

— איז דאָס גאַר, וואָס איהר האָט מיר צו זאָגען! — האָט דושאָ אויסגעשריען, איבעראַשט אין ערשטוינט פון אַזאַ קאַלט בענעהמען.

— גוד ביי!*) — האָט דאָלי געענטפערט מיט אַזאַ אַנגענעהם שמייכעלע, פּונקט ווי ער וואָלט געגאַנגען אין די שכנישע גאַס און וועט צוריקקומען צו וועטשערע. — גוד ביי.

*) אַדיע.

— דאלי, טייערע, — האט דושאָ געזאגט, אויסשטרעקענדיג זיינע ביידע הענד, — לאָמיר זיך אזוי נישט שיידען. איך האב אייך ליעב מיט'ן גאנצען הארצען; אזוי ערנסט און אויפריכטיג, ווי א מאן האט הען געליעבט א פרוי אין דער גאנצער העלט, אזוי גלויב איך. איך בין אן'ארימער יונג, ווי איהר ווייסט — נאך ארימער ווי פריהער, דען איך בין אנטלאָפען פון דער־היים, ווייל איך קאָן עס שוין נישט איבערטראָגען, און מיז זיך מיר איצט אליין דורכשלאָגען א וועג, אהן הילף אין שטיצע פון וועמען ניט איז. איהר, ווידער, זענט שען, געליעבט, פערהעטערט פון יעדען איינעם, בעוואָרענט און גליקליך; הלואי אויך ווייטער! זאל מיך גאט אבהיטען פון ברייגען אייך אין אן'ערגערע לאגע; אבער גיט מיר עפיס א טרייסט־וואָרט. איך האב קיין רעכט נישט עס צו פערלאנגען, איך ווייס, אבער איך בעט עס, ווייל איך ליעב אייך. דאלי, טייערע, האט איהר מיר גארנישט וואס צו זאגען?

— איך האב דאך געזאגט „גוד ביי", — האט דאלי געענטפערט. — צוויי מאל. געהמט אוועק אייער האנד, מיסטער דושאָזעף, אויב נישט רוף איך ארייַן מיגסין.

— איך קאָן צו אייך קיין טענות נישט האבען, — האט דושאָ געזאגט. — דאס איז מיין אייגענע שולד, אהן צווייפעל. צייטענווייז האט זיך מיר געדאכט, אז איהר פעראכטעט מיך נישט אזוי שטארק, אבער איך האב זיך גענארט. עס קאָן אנדערש נישט זיין ביי דעם יעדען איינעם, וועלכער האט געזעהן, וואס פאר א לעבען איך האב געפיהרט. זאל אייך גאט בענשען!

ער איז אוועק, אוועק טאקע אויף אן'אמת. דאלי האט א ביסעל געוואַרט, מיינענדיג, אז ער וועט צוריקקומען, האט ארויסגעקוקט פון דער טהיר, געוואָרפען א בליק אין די לענג פון דער גאס, זיך אומגעקעהרט אין הויז, האט ווידער געוואַרט א ביסעל, דערנאָך איז זי אוועק צו זיך אין צימער, זיך פערשלאָסען, איינגעגראָבען דעם קאָפּ אין קישען און זיך אזוי פונאנדערגעהליפּעט, ווי איהר הארץ וואָלט זיך געקליבען צושפּרינגען ווערען.

אזוי שנעל ווי זי איז אוועק צו זיך, האט זיך פון הינטער'ן

גליה־אײַזען בעווײַזען אַ פּנים, דערנאָך אַ האַנד, דערנאָך אַ פוס — און מיסטמע סיס טעפּעריטש איז אַרויסגעשפּרינגען פון ווינקעל, וואו ער איז די גאַנצע צײַט געווען פערבאָרגען.

— זאָל איך מײַנע אויערן גלויבען? — האָט ער אויסגערופען, טאַנצענדיג פאַר שמחה, — ציטער, אַ ווילעט — זי איז מײַנע! זי איז מײַנע!

נאָך אין דעמועלבען אָוועַנד האָט זיך דושאָו פערשריבען פאַר אַ זעלנער, און אויף מאָרגען אין דער־פריה האָט איהם אַ קריעגס־שיף אַוועקגעפיהרט צוזאַמען מיט אַ פּאַרטיע אַנדערע יונגע־לײַט מעבר לים, אין איינע פון די ווײַטע ענגלישע קאָלאָניעס.

אַזוי זענען פערלאָפען פינף יאָהר.

---

30. דער מת.

עס איז געווען אַ ווינטערדיגער אָוועַנד אין יאָהר 1780. אַ פיסטערער שטורם האָט געווילדעוועט אין שטאָדט און אין פעלד, און קיין מענש האָט זיך נישט דערוועגט די נאָז אַרויסצושטעקען פון הויז, און ווער עס האָט נור געהאַט די מעגליכקייט, האָט זיך געטוליעט ערגיץ אין אַ ווינקעל בײַ אַ העלען פײַער.

אַזאַ פײַער האָט געברענט אין דער „מײַפּאָול“. דער אַלטער דושאָן איז געזעסען אויף זײַן געוועהנליכען פּלאַץ בײַם קאָכקעסעל און נעבען איהם צוויי פון זײַנע שכנים, טאָם קאָט און פיל פּאַרקס.

אויף איינער פון די ווענד אין שײַנק איז געהאַנגען אַנאַפּישע, אויף וועלכער עס איז געווען אויסגעמאָלען אַ יונגעל מיט אַ פּעקעל אויף די פּלייצעס און מיט אַ שטעקען אין האַנד, וועלכער אַנטלויפט העגדום־פּעגדים, און אונטען איז געקומען אין ווערטער די געשיכטע פון דושאָ'ס אַנטלויפען. אַ בעלוינונג פון הונדערט שילינג האָט ערוואַרטעט דעם, וואָס וועט איהם ברענגען אין די „מײַפּאָול“ גאַנץ אָהן אַ פּגימה.

פאַר די פינף יאָהר, וואָס זענען אַוועק פון דער דאָזיגער פּאַסירונג אָן, האָט מיסטער ווילעט מיט קיין איינציגען וואָרט נישט

דערמאָהנט וועגען דעם און אויך קיין אַנדערן נישט ערלויבט צו דערמאָהנען, אַזוי אַז קיינער האָט נישט געוואוסט דײַנע געדאַנקען איבער דעם דאָזיגען ענין.

נאָך אַ לאַנגען שטיל שווײַגען האָט דזשאָן זיך געווענדט צו פאַרקס'ן מיט אַ פראַגע:

— האָט איהר ווען געהערט דעם ווינד זאָגען „מיזפאָול''?

— ווי הייסט? — האָט פאַרקס אָבגעענטפערט. — ווער האָט אַזעלכעס יאָ געהערט?

— און „אַהאָי!'' מסתמא אויך נישט?

— ניין. דאָס אויך נישט.

— זעהר גוט, סער, — האָט דזשאָן פאָרטגעזעצט, נישט גערידט אויף אַ האָר, — אַלזאָ, וואַרט אַ ווײַלע, וועט איהר הערען די ביידע ווערטער גאַנץ דײַטליך.

אין אַ מינוט אַרום האָבען זיי ווירקליך דערהערט, צווישען דעם טומעל פונ'ם שטורם, עמיצען אַרויסלאָזען דעם דערמאָהנטען אויסגעשריי, און דערצו אַזוי ענעהיש, ווי דער שרײַער וואָלט געווען אין אַ צרה אָדער אין אַ שרעק. זיי האָבען אַ קוק געטהאָן איינער אויפ'ן צווייטען, געוואָרען בלאַס און אײַנגעהאַלטען דעם אָטעם. קיינער פון זיי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

נור מיסטער ווילעט איז געבליבען רוהיג. ער האָט געקוקט אַ ווײַלע אויף זײַנע צוויי חברים, דערנאָך האָט ער זיך אַ פאַטש געטהאָן מיט די הענד אין ביידע באַקען אין אַרויסגעלאָזען אַ בריל, פון וועלכען די פענסטער האָבען גענומען קלינגען. מיט אַ פנים רויט ווי צונטער פון אָנשטרענגונג, האָט ער זיך צוגערוקט נעהנטער צו'ם פײַער און אַרויסגעזאָגט מיט זעלבסט-ווירדע:

— אויב דאָס קאָן עמיצען נוצען ברענגען, זאָל עס איהם וואויל בעקומען. אויב נישט, בעדויער איך איהם. אויב עמיצען פון אײַך, מײַנע הערען, איז אינטערעסאַנט צו וויסען, וואָס דאָרט קומט פאָר, קאָנט איהר אַרויסגעהן און זעהן. איך בין נישט נײַגיריג.

אין דעם מאָמענט איז דאָס געשריי געקומען נעהנטער, עמיצער

האָט אויסגעריסען די טהיר — און סאַלאָמאָן דייזי, מיט אַ לאָמטערן אין האַנד און דורכגעוועקט פון רעגען, איז אַריינגעפאַלען אין שינק.

ער איז געוועזען אַזוי צושויבערט און דערשראָקען, אַז זיין שרעק האָט זיך גלייך איבערגעגעבען צו זיי. ער איז געשטאַנען און געציטערט אין טיעף געטעמט, נישט ריידענדיג קיין וואָרט, ביז ווילעט איז פּלוצים ווילד געוואָרען, האָט איהם געהאַפּט פאַר'ן שניפּס און איהם געטרייסעלט אַזוי לאַנג, ביז זיינע ציינער אין מויל האָבען אָנגעהויבען צו קלינגען.

— זאָגט אונז, וואָס איז געשעהן, מער, — האָט דזשאָן אויסגעריפען, — אויב נישט, טויט איך אייך אויס'ן אָרט. ווי דערוועגט איהר זיך אַזוי אויסצוזעהן? מ'זאָגט אייך נאָך, וואָס? וואָס הייסט עס? זאָגט עפּיס, ווארום איך מאַך אייך דעם טויט, מאַך איך אייך.

מיסטער ווילעט האָט געהאַלטען ביי מקיים זיין דעם דאָזיגען פערשפּרעכען בוכשטעבליך, און סאַלאָמאָן דייזי האָט שוין גענומען תּריפען, נאָר דאָ האָבען זיך אַריינגעמישט די אַנדערע צוויי און האָבען דעם אָרימען פאַרשוין אַרויסגעריסען פון זיין פריינד'ס הענד. מ'האָט איהם אַוועקגעזעצט אין אַ שטוהל, און דאַן האָט ער קוים אַרויסגערעדט, אַז מ'זאָל געבען עפּיס אַ זופּ און תּיכף פערשליסען די טהיר. די דאָזיגע ביטע איז ערפילט געוואָרען מיט דער גרעסטער שנעלקייט. ענדליך, נאָך אַלאַנגען זופּ פון בראַנפען מיט הייס וואַסער, האָט סאַלאָמאָן אַרויסגערעדט:

— אָ, דזשאָני, אָ, פּאַרקס, אָ, טאָמי קאָב! צו וואָס האָב איך געדאַרפט היינט אַרויסגעהן פון דאַנען — היינט, דעם ניינצעהנטען מערץ! קיין נאַכט אין יאָהר איז נישט אַזאַ אונגעוויטער ווי דעם ניינצעהנטען מערץ. איך האָב אייך שוין אַמאָל געזאָגט, אַז אין דער דאָזיגער נאַכט קומען מיר אַלע מאָל אַרויף אין אונזער געשפּרעך אויף יענע געשיכטע. און גראָד היינט דאַרף איך פערגעסען אָנצוצינדען דעם קירכען-זייגער. קוים מיט צרות געקומען אַהין און אָבגעטהון מיין אַרבייט, האָב איך שוין געוואָלט לאָזען זיך צוריק. פּלוצים האָב איך זיך דערמאָהנט, וואָס

פאַר אַ טאָג הײַנט איז און אין דעמועלבען אוינענבליק האָב איך דערהערט אַ שטים פון צווישען די קברים...

— וואָס האָט זי געזאָגט? — האָט קאָב געפרעגט;

— איך הײַס נישט, אויב זי האָט איבערהויפט עפּיס געזאָגט. איך האָב געהערט בלויז אַ געשרײַ, ווי יעדער איינער וואָלט אויסגעשריען, דערזעהענדיג פּלוצים עפּיס אַ שרעקליכע זאַך. אין דאָן איז עס פערשטאָרבען געוואָרען. אז איך האָב געעפענט די טהיר אויף אַרויסגעהן, איז עפּיס אַ פינגער פאַרבײַגעגאַנגען נאָהנט נעבען מיר. די פינגער איז געווען אָהן אַ היט אויפ'ן קאָפּ. זי האָט געווענדט איהר פּנים צו מיר. דאָס איז געווען אַ גײַסט — אַ מת.

— ווער? — האָבען זײַ אַלע דרײַ אויסגעשריען.

— פרעגט בעסער נישט. דער גײַסט פון אַ געמאָרדעטען מענשען. הײַנט איז דער נײַנצעהנטער מערץ.

אַ טיעפע שווייגעניש האָט געהערשט אַ שטיק צײַט.

— און אויב איהר ווילט פאָלגען מײַן עצה, — האָט דזשאָן ווידער געזאָגט, — וואָלט איך געזאָגט, אז די געשיכטע זאָל בלײַבען צווישען אונז. אין דעם וואָרדען-הויז האָט מען אַזעלכע מעשות נישט ליעב, און סאָלאָמאָן קאָן אָנווערען דײַן שטעל.

די חברים האָבען צוגעשטימט. דערנאָך האָבען זײַ זיך געזעצט עסען זייער וועטשערע און גלײַך נאָכ'ן עסען זענען אַלע זיך פונאַנדערגעגאַנגען. קאָב אין פּאַרקס האָבען בעגלייט דזשזשין אַהיים און זענען דעם גאַנצען וועג געווען נערוועזער פון איהם. וואָס אַנבעלאַנגט דעם אַלטען שײַנקער, האָט ער זיך, נאָך זייער אַוועקגאַנג, צוגעזעצט צים קאָכקעסעל, כדי צו ברײַנגען זײַנע געדאַנקען אין אָרדנונג.

31. נײַע פאָרשונגען.

מיסטער ווילעט האָט בעשלאָסען, אַלײַן צו וויסען געבען מיסטער הערדייל וועגען דער נאַכט-פּאַסירונג נאָך איצט, איידער די געשיכטע וועט צו איהם דערגעהן דורך אַנדערע. ער האָט אויפגעוועקט יע'ן אין מיט איהם אַוועק צום וואָרדען-הויז.

אין א האלב שעה ארום זענען זיי געשטאנען נעבען אלטען הויז. עס איז געווען פינסטער און חמורנע, נאר אין איין פענסטער אין טורם האט געפינקעלט א שיין.

זיי האבען אנגעקלאפט אין טהיר און מיסטער הערדייל אליין האט זיי געעפענט.

פיהרענדיג זיי אין הויז אריין, האט מיסטער הערדייל געווארפען אויף יי'ן א בליק, וועלכער האט קלאר געוויזען, אז דער יונג איז איהם נישט זעהר געפעלען.

— קומט אריין, — האט ער געזאגט נעבען דער טהיר פון זיין צימער. — ניין, נישט דו, פריינד, — האט ער האסטיג צוגעגעבען צו יי'ן, — דו בלייב דא.

מיסטער ווילעט האט איבערגעגעבען דזשי'ס געשיכטע מיט אלע איינצעלהייטען. די ערצעהלונג האט זיין ציהערער פעראינטערעסירט פיעל מעהר, איידער ווילעט האט ערווארטעט.

— איהר האט זעהר גוט געטהון, — האט מיסטער הערדייל געזאגט, ווען ווילעט האט געענדיגט. — דאס איז א נארישער איינפאל, אנ'איינבילדונג פון א שרעקענדיגען און אבערגלויביגען מענשען, אבער עממאן וואלט עס נישט געווען אנגענעהם, ווען די דאזיגע געשיכטע וואלט אנגעקומען צו איהר. זעהר גלייך, וואס איהר האט זיי געראטהען שווייגען, און איך דאנק אייך דערפאר.

דזשאן איז אויפגעשטאנען צו געהן אהיים. ביים ארויסגאנג ערשט האט ער בעמערקט, ווי בלאס און געעלטערט מיסטער הערדייל איז און אז זיין געזיכט האט זיך שרעקליך געענדערט פאר די עטליכע מינוט, וואס דער בעזוך האט געדויערט. דאס האט דעם שיינקער זעהר פערוואונדערט, אבער ער האט קיין קשיות נישט געפרעגט, זיך געזעגענט און איז ארויס פון הויז.

אין מיטען וועג צוריק האבען זיי בעגעגענט דריי רייטער און געפרעגט, ווי ווייט איז נאך ביז לאנדאן.

— דרייצעהן מייל, — האט דזשאן מילד געענטפערט.

— און ווייסט איהר אפשר וועלכע אכסניות ניט ווייט?

— קיין „אכסניות" זענען דא נישטא, — האט דזשאן גע-

זאָגט. — דאָ איז פאַראַן אַנ׳אכסניא — בלויז איין אכסניא — די „מייפאָול“. דאָס איז שוין איינמאָל אַנ׳אכסניא. װעלכע װערט מען נישט אָפּט.

— איהר האַלט זי אפשר? — האָט דער רייטער מיט אַ שמייכעל געפרעגט.

— יאָ, סער, איך, — האָט דזשאָן געענטפערט, װאונדערנדיג זיך, װי אַזוי יענער האָט זיך עס דערװאוסט.

— און װי װייט איז עס פון דאַנען?

— אונגעפעהר אַ מייל.

— האָט איהר איין אויסגעצייכענט בעט — אַ לופטיגס, אַ ריינס — אַ בעט, אין װעלכען עס זענען געשלאָפען געשעצטע און געאַכטעטע פערזאָנען?

— מיר נעהמען נישט אַריין אַבי־װעמען, סער, — האָט דזשאָן געענטפערט, — און דאָס בעט אַליין...

— זאָגט בעסער דריי בעטען, — האָט דער צװייטער רייטער איבערגעשלאָגען, — מיר דאַרפען דריי בעטען.

— ניין, ניין, מילאָרד, — האָט דער דריטער זיך אָבגערופען, — איהר זענט צו־גוט, צו־פריינדליך. אייער לעבען איז צו־װיכטיג פאַר די נאַציאָן ביי היינטיגע שװערע צייטען און קאָן נישט, פערגליכען װערען מיט אַזאַ אונבעדייטענדער לעבען װי מיינס. איך װעל שלאָפען אויף שטוהלען, אויף דער פּאָדלאָגע — װאו עס װעט זיך מאַכען. און װאָס מאַכט עס אויס, אויב דזשאָן גרובי װעט נעכטיגען דרויסען? דערפון װעט קיינער מעהר נישט ליידען. אויף אייך אָבער — פערגעסט נישט, אַז די אויגען פון פערציג טויזענד מענשען פון איזנער אינזעל, אויסער װייבער און קינדער, זענען געװענדט צו לאָרד דזשאָרדזש גאָרדאָן און בעטען גאָט פאַר דיין געזונד פון פריה ביז נאַכט. מילאָרד, די זאַך, װעלכע איהר פערטיידיגט, איז אַ מעכטיגע — און טאָר נישט געשטעלט װערען אין געפאַהר; מילאָרד, די זאַך איז אַ הייליגע — און טאָר נישט פערלאָזען װערען!

— יא, די זאך איז ווירקליך א הייליגע, — האט דער לארד אויסגערופען, אויפהויבענדיג זיין הוט איבערן קאפ. — אמן!

מיסטער ווילעט האט ערקלערט, אז ער האט גענוג בעטען פאר אלעמען און אלע אנדערע בעקוועמליכקייטען.

— בעשליסט איהר, גאשפארד, — האט דער לארד געזאגט צו זיין סעקרעטאר, — וואיהין מיר זאלען פאהרען.

— איך דענק, — האט יענער געענטפערט, — אז אייער געזונד, וואס איז אזוי וויכטיג פאר אונזער זאך, פערלאנגט אנ' אבריזה און —

— אלזא, פאהרען מיר אין די אכסניא.

— מילארד, — האט דושאן גרובי שטיל געזאגט, — ערלויבט מיר צו פאהרען פאראוס, נעבען דעם שיינקער'ס חבר. דער בחיר זעהט אויס נישט זעהר סימפאטיש, און עס איז גלייכעט צו האלטען אנ'אויג אויף איהם.

מיט די ווערטער איז ער ארויסגעריטען פאראויס און געהייסען יו'ן ווייזען דעם וועג.

32. דער סעקרעטאר און דער דיענער.

אין א שטונדע ארום האבען שוין די געסט געהאלטען נאך נאכט-עסען, און דער לארד מיט זיין סעקרעטאר זענען געזעסען ביי א פייער אין דעם בעסטען צימער פון דער „מייפאיל" און געשמועסט ביי א גלעזיל הייסען וויין.

— אט אזוי, מילארד, — האט גאשפארד געזאגט, אנפילענדיג זיין גלאז, — ענדיגט זיך די געבענשטע ארבייט פון א געבענשטען טאג.

— און פון א געבענשטען נעכטען, — האט דער לארד צוגעגעבען.

— אך! — האט דער סעקרעטאר א פאטש געטהון מיט די הענד. — ווירקליך א געבענשטער נעכטען! די פראטעסטאנטען פון סאפפאלק זענען גאטספארכטיגע מענשען.

— ווי מיינט איהר, גאשפארד, איך האב זיי גערירט?

— גערידרט! איהר האט זיי בעגייסטערט, מילארד! זיי האבען געשריען, מ'זאל זיי פירען געגען די פאפיסטען, געשווארען נקמה און געברומט מיט א דונערנדען אויסגעשריי: „נא פאפערי!*) הורא פאר לארד גארדאן!" דעמאלט, מילארד, האט איהר זיי געקאנט פירען וואוהין איהר ווילט מיט איין מאך פיך אייער האנד. דעמאלט האב איך זיך געפרעגט: וואו איז פארהאן נאך אזא מאכט ווי די, וואס איהר בעזיצט?

— געוויס איז עס א גרויסער כבוד אנצופירען די מאסען. זיי מעגען הוסטען, אין פייפען, און לאכען שארט אין פארלאמענט, און מיך רופען משוגע'נער — ווער אבער פון זיי איז אימשטאנד אויסצורעגען דעם דאזיגען מענשליכען ים אין איהם פירען נאך זיך?

— קיין איינציגער פון זיי.

— און ווער פון זיי קאן זיך בעריהמען, אז זיי וועגען געווען אזוי עהרליך נישט אנצונעהמען פינ'ם מיניסטער א שוחד פון טויזענד פונט פאר אבטרעטען עמיצען אנדערש זיין מאנדאט אין פארלאמענט? מיר וועגען, אלזא, עהרליך און געטריי, אין אונזער זאך איז הייליג. מיר'ן אויפהויבען געגען די פאפיסטען א געשריי ווי א דונער. איך וועל ווערטה זיין דעם דעוויז אויף מיין פאנצער: „גערופען, אויסדערוועהלט אין טריי".

דער לארד איז אויפגעשטאנען צו געהן אין זיין שלאפצימער, בעטענדיג גאשפארד'ן, ער זאל שפעטער אריינקומען צו איהם, וועלען זיי נאך ארבייטען א ביסעל פאר'ן שלאף.

אין עטליכע מינוט ארום איז דושאן גרובי אריינגעקומען אין צימער, וואו דער סעקרעטאר איז געזעסען.

— מיסטער גאשפארד, — האט דער דיענער געזאגט, — זיין לארדשאפט איז שוין אין בעט.

— גאנץ גוט, — האט גאשפארד מילד געענטפערט, — איך דאנק, דושאן. איהר קאנט געהן שלאפען, איך ווייס, וואו מיין צימער איז.

---

* ניעדער מיט'ן פאפיזם.

דישאַן האָט זיך געמאַכט נישט הערענדיג און זיך גע־דיעדט זיינם:

— צווישען די אַלע בלוטיגע מערים, אין בלויע קאָקאַרדען*), און היהמפולע קעניגין — עליזאַבעטעס, און „נאָ־פּאָפּערים", און פּראָטעסטאַנטישע פעראיינען, און אַלערליי דרשות — האָט מילאָרד האַלב פערלאָרען זיין קאָפּ. געהען מיר אין גאַס, לויפען אונז נאָך אַלערליי שלעפּערס און שרייען: „לעבען זאָל גאָרדאָן!", אַזוי אַז איך וויים נישט, וואו צו בעהאַלטען זיך פאַר הרפה. דיצען מיר אין דער־היים, שרייען זיי אונטער די פענסטער, און מילאָרד, אָנשטאָט צו היסען זיי אַוועקטרייבען, געהט צו זיי אַרויס אויפ'ן באַלקאָן און האַלט רעדעס, און רופט זיי: „מענער פון ענגלאַנד" און „לאַנדסלייט", און זיי הירזשען ווי די פערד. און עפּום איז דאָס ביי זיי איבער געמישט מיט דער שלים־מזלדיגער בלוטיגער מערי, און זיי שרייען איהר נאָמען אַזוי לאַנג, ביז זיי ווערען הייזעריג. און אַלע זענען זיי פּראָטעסטאַנטען, — אַלע, ביז'ן לעצ־טען שנעק צווישען זיי. און פּראָטעסטאַנטען האָבען זייער ליעב לעפעל, ווי איך זעה, און זילבער־געשיר אים אַלגעמיין, ווען מען פערגעסט נור פערשליסען די טהיר. אין הלואי וואָלט שוין דאָס געווען דאָס ערגסטע; איך זאָג אייך אָבער, מיסטער גאַשפאָרד, אַז אויב איהר וועט זיי ביי־צייטענס נישט אָבשטעלען (איך קען אייך, איהר אַליין צובלאָזט דאָס פייער), וועט איהר אויסגעפינען, אַז זיי זענען אַ ביסעל צו־שטאַרק פאַר אייך. נישט היינט איז מאָרגען, אַז דאָס וועטער וועט ווערען הייסער און די פּראָטעסטאַנטען וועלען דערפיהלען דאָרשט — וועלען זיי מאַכען אַ תל פון גאַנץ לאָנדאָן, — און איך האָב קיינמאָל נישט געהערט, אַז די בלוטיגע מערי זאָל ווען געווען פערקריכען אַזוי וויים.

גאַשפאָרד איז שוין לאַנג פערשוואונדען פון צימער, און גרובינ'ס דרשה איז אַזוי אַרים אַרויסגעשאָסען געוואָרען אין די לופט. ער איז אָבער פון דער דאָזיגער ענטדעקינג ביי זיך נישט

*) דער צייכען פון דער אַנטי־קאַטוילישער בעוועגונג.

אַראָבּגעפּאַלען. אוים'ן בּעפעהל פון זיין העררן, האָט דער דינער געטראָגען אויף זיין היטעל אַ בּלויע קאָקאַרדע, צו וועלכער ער האָט זיך בּעצויגען מיט גרויסער פערראַכטונג. אַז דאָס דאָזיגע היטעל האָט ער אָנגעדרוקט אויפ'ן שטערן מיט'ן פאָרנט אויף הינטען, כּדי ער זאָל די קאָקאַרדע ניט זעהן, און איז אַוועק שלאָפען.

33. דער פרומער הענקער.

זיצענדיג אַ קאַפּיטעל תהלים אונטער דער נאָז, איז גאַשפּאַרד אַוועק צו זיין העררן אין צימער. דער רבּי איז אויף זיין פּנים געלעגען אַ בּעזונדערער אויסדריק, וואָס האָט איהם געמאַכט נאָך מעהר אָבּשטויסענד: זיינע בּרעמען האָבּען פערשאָטענט די אויגען, די ליפּען האָבּען זיך פערשלייפט אין אַ שמייכעל פון פעראַכטינג און אפילו זיינע אַקסלען אין די גרויסע, פלאַכע אויערן האָבּען ווי אויסגעדריקט הוזק.

— ש—ש—ש! — האָט ער געזאָגט, אַריינקוקענדיג אין צימער. — ער שלאָפט. דאַנקען גאָט דערפאַר! צו־פיעל אַרבּייט, צו־פיעל דאגות, צו־פיעל מחשבות. גאָט זאָל איהם בּעשיצען, ער איז אַן אמת'ער צדיק!

— גאַשפּאַרד! — האָט דער לאָרד אַרויסגערעדט פון בּעט.

— מילאָרד! — האָט גאַשפּאַרד אויסגערופען כּלומר'שט איבּערראַשט. — איך האָבּ אייך אויפגעוועקט?

— איך בּין ניט געשלאָפען.

— ניט געשלאָפען! — האָט דער סעקרעטאַר פערשעמט אויסגערופען. — און איך האָבּ אַרויסגעצייגט פאַר אייך מיינע געפיהלען!...

— בּעדויערט עס ניט, גאַשפּאַרד, — האָט דער לאָרד מיט געפיהל געזאָגט. — אידר האָט מיך ליעבּ, איך ווייס שוין צו־פיעל; איך בּין עס גאָרניט ווערטה.

דער סעקרעטאַר האָט ניט געענטפערט, ער האָט בּלויז גענומען זיין העררנ'ס האַנד און זי אַ קוש געטהון.

— וויפיעל מיטגליעדער האָבען מיר איצט? — האָט דער לאָרד געפרעגט. — האָבען מיר שוין טאַקע פערציג טויזענד, אָדער מיר ריידען נאָך אַלץ אין קלענערע ציפער?

— מיר האָבען שוין מיט דריי און צוואַנציג מעהר, — האָט דער סעקרעטאַר געענטפערט, קוקענדיג אין זיינע פּאַפּירען

— און דער פאָנד?

— נישט פיעל בעסער; פונדעסטוועגען, פאַרהאַן אַ ביסעל מן אין דעם מדבר. פרייטאָג איז אַריינגעפאַלען: פון פערציג גאַסענקעהרער — דריי שילינג פיער פעניס; פון אַן אַלטען דיענער אין דער קירך פון היילינגען מאַרטין — זעקס פעניס; פון די אַנטיפאַפּוכטישע אַרעכטאַנטען אין דער טורמע ניי-גייט, — פינף שילינג פיער פעניס; פון אַן אַנדער געזעלשאַפט — דריי שילינג, איינער אַ שלעכטער; פון אַ פריינד אין בעדלאַם *) — צוויי מיט אַ האַלבען שילינג; פון דעניס דעם הענקער — איין שילינג.

— אָט דער דעניס, — האָט דער לאָרד געזאָגט, — איז אַן ערנסטער מענש.

— אַ זיכערער מענש, — האָט דער סעקרעטאַר געענטפערט: — פעסט, אויפריכטיג, איבערגעבען.

— פערשרייבט איהם. איך וויל מיט איהם ריידען.

דער סעקרעטאַר האָט געלעזען זיין צעטעל ווייטער. נאָך איינינע אַנדערע געזעלשאַפטען האָט ער אָנגערופען „די פעראייניגטע בולדאָגען *).

— וואָס איז דאָס פאַר אַ חברה? — האָט דער לאָרד געפרעגט, בייסענדיג זיינע נעגעל.

— די געוועזענע „לעהרלינג-ריטער". דער פריהעריגער אָרדען איז אויפגעלעזט און איף זיין אָרט זענען געגרינדעט „די פעראייניגטע בולדאָגען". זייער פרעזידענט איז מיסטער סאַמאָן טעפּערטיט.

*) דולהויז.

*) אַ כאַרט הינד.

— אַ, איך געדענק איהם.

— ער איז איינער פון אונזערע בעסטע מענער. דאָס איז שוין אַלץ, אויסער מיסעס וואַרדען'ס פושקע (געעפענט צים פער־צעהנטען מאָל) — אַכטצעהן שילינג, און פין מינס'ן דריי שילינג און זעקס פעניס.

— ווער איז מינס, אַ מאַנסביל?

— דער נאָמען שטעהט צווישען די פרויען. איך גלייב, דאָס איז דיזעלבע, וואָס קומט אָפט מיט טעפּערטיט'ן אין מיט מיסעס וואַרדען.

— מיסעס וואַרדען, — האָט דער לאָרד געזאָגט, — איז אַ געטרייע שוועסטער. וואָס הערט זיך מיט איהר מאַן?

— אַ רשע, — האָט דער סעקרעטאַר געענטפערט. — ער האַלט זיך ביי זיין פינסטערניש און וויל נישט אַריינטרעטען צו אונז.

— זאָלען די פאָלגען פאַלען אויף זיין קאָפּ.

גאַשפאָרד האָט מיט הכנעה אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ. דער לאָרד האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויף זיין קושען. הגם ער איז געווען קאָמיש, וואָלט ער ביי אַ גוטהערציגען מענשען אפילו קיין שמייכעל נישט אַרויסגערופען, ווייל דער מענש איז געווען ערליך און אויפריכטיג. זיינע גרעסטע חסרונות זענען געווען פאַלשער ענטוזיאַזם און דער וואונש צו זיין אַ פאָלקס־פיהרער, דאָס איבעריגע — נישט מעהר ווי שוואַכהייט; לײַדער אָבער פיהרען גאַנץ אָפט ביי שוואַכע מענשען זייערע מעלות אפילו איך צו בייזען.

דער סעקרעטאַר האָט ענדליך פערלאָזען דאָס צימער, לאַכענדיג צו זיך פון זיין הערר'ס טפשות. פאַר'ן שלאָף האָט ער נאָך צעוואָרפען עטליכע פאַפּירען נעבען הויז און אונטער די טרעפּ. דאָס זענען געווען פּראָקלאַמאַציעס מיט פאָלגענדען אינהאַלט:

„מענשען און ברידער. ווער עס וועט געפינען דעם דאָזיגען בריעף, זאָל עס אָנגעהמען פאַר אַ התראה אָנצושליסען זיך תיכף אָן די פריינד פון לאָרד דזשאָרדזש גאָרדאָן. עס קימען אָן גרויסע געשעהענישען; די צייט איז אַ געפעהרליכע און אַ אונרוהיגע. ליעזט

דאָס אויפמערקזאַם, האַלט עס ריין און וואַרפט עס אינטער פּרינץ אַנדערס. פאַר'ן קעניג און פאָטערלאַנד. פעראייניגינג".

— געזייט און געזייהט! — האָט גאַשפּאַרד צו זיך געזאָגט. — ווען וועט שוין קומען דער שניט!

* * *

דאָס בעסטע מיטעל צו מאַכען אָנציהענד אפילו די נישטיגסטע זאַך איז — אַרומוויקלען זי מיט אַ געהיימניספולען שלייער. אין פּאַרלאַמענט איז אַריינגעטראָגען געוואָרען אַ געזעץ-פּראָיעקט וועגען אָבשאַפען די בעגרענצונגען אין שטראָף-געזעצען פאַר קאַטוילען, וואָס האָבען עקזיסטירט שוין פון פיעל יאָהרען. ווען די אַגיטאַציע פון די געגנער פינ'ם געזעץ-פּראָיעקט וואָלט געפירט געוואָרען עפענטליך, וואָלטען זיי אַריבערגעצויגען אויף זייער זייט אפשר אַ צוויי-דריי צעהנדליג מענשען. האָט מען אָבער אַרויסבעלאָזען פערשיעדענע געהיימניספולע קלאַנגען: אַ געהיימע מעכטיגע אָרגאַניזאַציע קעמפפט דאָ געגען דער רעגירונג; די פּאַפּסטישע קרעפטען האָבען זיך פעראייניגט, כדי צו ערנידריגען ענגלאַנד, איינפירען אין לאָנדאָן די אינקוויזיציע און פערקנעכטען דאָס פאָלק; דאָס פאָטערלאַנד און די פרייהייט זענען אין געפאַהר; אינטער יעדער טהיר האָט מען געפונען פּראָקלאַמאַציעס, אויף די גאַסען האָבען זיך געוואַלגערט, פון יעדען סלופּ האָט מיט גרויסע בוכשטאַבען אַראָבגעשריען: „נאָ פּאָפּערי!", „שליסט אייך אָן אָן די פּראָטעסטאַנטישע ליגע", „ראַטעוועט ענגלאַנד!". — דער סוף איז געווען, אַז צו דער בעוועגונג זענען ווירקליך צוגעשטאַנען פערציג טויזענד מענשען, גרייט צו קעמפפען נישט וויסענדיג פאַרוואָס און געגען וועלכער געפאַהר.

אַזוי, וועניגסטענס, האָט לאָרד גאָרדאָן אַליין, דער פּרעזידענט פון דער ליגע, ערקלערט אין פּאַרלאַמענט אין מערץ 1780. צי עס איז ריכטיג, צי נישט — וועגען דעם האָט זיך קיינער נישט בעקימערט. מ'האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ משוגע'נעם און זיך מיט איהם נישט גערעכענט. און דער גאַנצער אויסברוך איז פאַר אַלע-

מען, אויסער איינינע מענשען, וואס האבען איהם אליין פארבע-רייטעט, געקומען גאנץ איבערראשט.

אויף מארגען איז גאשפארד געזעסען איבער זיינע פאפירען אין דעם לארד'ס קאבינעט אין לאנדאן, ווערענד דער לארד אליין איז געוועזען אוועקגעגאנגען. אין א שטיקעל צייט ארום איז דזשאן גרובי אריינגעקומען און געמאלדען, אז עפּעס א מענש וויל זעהן דעם סעקרעטאר.

— זאל ער אריינקומען.

דזשארדזש האט דעם בעזוכער אריינגעלאזען, אליין ארויס און פערמאכט די טהיר הינטער זיך.

דער גאסט איז געוועזען א דיקער פארשוין, מיט א נידריגען שטערן און צוויי קליינע אויגעלעך, וואס זענען געשטאנען זעהר נאהנט איינס צום צווייטען. א ברייטע טיכעל האט ארומגעוויקעלט זיין רויטען האלז, און אין האנד האט ער געהאלטען א דיקען שטעקען. די גאלקע פונ'ם שטעקען איז געוועזען געשניצט און האט פארגעשטעלט א גראבע אבבילדונג פינ'ם פארשוין אליין.

— א, דעניס! — האט דער סעקרעטאר געזאגט. — זיצט. איך האב געהערט וועגען אייך מיט'ן לארד — ער האלט אייך פאר אן ערנסטען הברה-מאן.

— איך בין עס טאקע, — האט דער הענקער געענטפערט.

— און דענקט, אז איהר האסט ווירקליך די פאפיסטען.

— הערט אויס, מאסטער גאשפארד, — בע-מערקט: איך בין א קאנסטיטוציאנעלער בעאמטער, וועלכער פערדיענט זיין ברויט און טהוט זיין ארבייט ארענטליך. מיין ארבייט איז א נוצליכע, פראטעסטאנטישע, קאנסטיטוציאנעלע, ענגלישע ארבייט. אזוי אדער נישט?

— קיין לעבעדיגער מענש קאן דארין נישט צווייפלען.

— קיין טויטער אויך נישט. דער פארלאמענט זאגט אט וואס: „אויב א מאן, א פרוי אדער א קינד טהוט וואס געגען די געזעצען, מוז דער מאן, די פרוי אדער דאס קינד בעארבייט ווערען פון דעניס'ן“. אויב זייער צאהל איז שוין זעהר גרויס צום ענד

פון אַ פּעסיע, מישט זיך דזשאַרדזש דער דריטער אַרײַן און זאָגט: „אַ העלפט פאַר מיר, אַ העלפט פאַר דעניס'ן". אַמאָל וואַרפט ער מיר נאָך צו אַנ'איבעריגען נפש, ווי מיט דרײַ יאָהר צוריק, בעת ער האָט מיר אַוועקגעשענקט די נײַנצעהן־יעהריגע מערי דזשאָנס, וועלכע איז געקומען צו דער תליה מיט אַ קינד בײַ דער ברוסט, פאַר פּרובען גנב'ענען אַ שטיקעל געוואַנד אין אַ קראָם. אַלזאָ, זענען דאָך אַזעלכע געזעצען און אַזאַ פּראַקטיק אַ כבוד פאַר ענגלאַנד, ניין אפשר?

— געוויס, — האָט גאַשפּאַרד געענטפערט.

— און איצט, שטעלט זיך פאָר, אַז אויב די פּאַפּיסטען וועלען בעקומען די מאַכט, וועלען זיי אָבשאַפען דאָס הענגען און אײַנפיהרען קאָכען אָדער בראָטען אָנשטאָט דעם. וואָס־זשע וועט דאַן פון מײַן גאַנצער אַרבייט? וואָס וועט זײַן מיט די געזעצען, מיט דער רעליגיאָן, מיט'ן גאַנצען לאַנד? — איך בין געוועזען אַמאָל אין דער קירך, און אַז איך האָב דערהערט, ווי מ'איז מתפלל פאַר'ן פּאַרלאַמענט, האָב איך אײַנגעזעהן, אַז דאָס איז מען מתפלל פאַר מיר. אַלזאָ, מײַן הערר, — האָט ער פערענדיגט, נעהמענדיג זײַן שטעקען אין האַנד מיט אַ בלוטדורשטיגער מינע, — קיינער טאָר מײַן פּראָטעסטאַנטישע אַרבייט נישט אָנריהרען, ווי אויך נישט ענדערן אָט די גאַנצע פּראָטעסטאַנטישע אָרדנונג אַפילו אויף אַ האָאר. איך וויל נישט ליידען קיין קאָכען, קיין בראָטען, קיין פּרעגלען — קיין זאַך אויסער הענגען. מילאָרד, מעג טאַקע זאָגען, אַז איך בין אַנ'ערנסטער הברה־מאַן. כדי צו בעשיצען דעם דאָזיגען גרויסען פּרינציפּ, בין איך בעריט צו צינדען, צו שלאָגען, צו טויטען — צו טהון אַלץ, וואָס איהר'ט מיך הייסען, אַפילו ווען דאָס זאָל מיך אַליין ברינגען צו דער תליה. — פערשטעהט איהר מיך?...

34. אַלטע בֶּעקאַנטע.

גאַשפּאַרד האָט זיך אָנגעלעהנט אויף זיין שטוהל אין גע־קוקט אַ ווייַלע אויפ'ן הענקער מיט אַ בעזונדערען שמייכעל, דערנאָך האָט ער לאַנגזאַם און דייטליך געזאָגט:

— איהר זענט ווירקליך אַן ערנסטער בחור, דעניס — דער בעסטער, פעסטעסטער מענש אין אונזערע רייהען. איהר מוזט זיך אָבער בערוהיגען, איהר מוזט זיך אויפפיהרען פריידליך, געזעצליך, מילד ווי אַ שעפעלע. איבעריגענס, איך בין זיכער, אַז איהר וועט זיך טאַקע אַזוי אויפפיהרען.

— נו־ני, מיר'ן שוין זעהן, מאַסטער גאַשפּאַרד, מיר'ן שוין זעהן. איהר'ט זיך נישט האָבען אויף מיר צו בעקלאָגען.

— איך צווייפעל דער'ן נישט אַ האָהר, — האָט דער סעקרע־טאַר געענטפערט אין העמזעלבען מולדען און פיעל־בעדייטענדען טאָן. — נעכסטען מאָנאַט אָדער אין מאַי, ווען דער פּאַפּיסטי־שער געזעץ־פּראָיעקט וועט פאָרגעבראַכט ווערען פאַר די מיטגליע־דער פון פּאַרלאַמענט, וועלען מיר דאַרפען מאַכען אַ דעמאָנסטראַ־ציע, בעווייזען אונזער קראַפט צים ערשטען מאָל. דער לאָרד דענקט וועגען אַ פּראָצעסיע איבער די גאַסען — נישט מעהר ווי אויף צו דעמאָנסטרירען אונזער קראַפט — און וועגען בעגלייטען אונזער פּעטיציע געגען די קאַטוילען גלייך צו די טהירען פון דער דע־פּוטירטען־קאַמער.

— וואָס גיכער איז בעסער, — האָט דעניס געזאָגט מיט אַ פלוך.

— מיר'ן מוזען צוטיילען אויף דיוויזיעס, און מיר דאַכט זיך, אַז איהר וואָלט געווען אַן אויסגעצייכענטער אָנפיהרער פאַר איינע פון די דיוויזיעס.

אין דעם אויגענבליק האָט זיך דושאָן גרובי בעוויזען אויף דער שוועל.

— אָט, — האָט דער דינער געזאָגט, — אָט איז נאָך אַ פּראָטעסטאַנט.

— אין אַנ׳אַנדער צימער, דזשאָן! — האָט גאַשפּאַרד אויסגערופען מיט זיין פריינדליכסטען טאָן. — איך בין שטאַרק בעשעפטיגט.

דער בעזוכער האָט אָבער נישט געוואַרט אויף ערלויבנישׁ און איז אַליין אַריין אין צימער. דאָס איז געווען יי פון דער מיפּאָויל.

דער סעקרעטאַר האָט איהם בעקוקט אַ ווײַלע און האָט גלייך געזאָגט:

— אַהאַ, איך דערמאָהן זיך. עס איז שוין רעכט, דזשאָן, איהר קאָנט געהן. און איהר, דעניס, בלייבט נאָך אַ ווײַלע.

— וואָס ברייִנגט איך אַהער פריינד? — האָט ער געפרעגט ביים גאַסט. — איך האָף, מיר האָבען גאָרנישט פערגעסען ביי איך?

יי האָט אַלאַך געטהין, האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר׳ל פון בוזעם און עס אַוועקגעלעגט אויפ׳ן טיש.

— גאָרנישט, אויסער דעם דאָזיגען פּאַפּיר׳ל.

— וואָס איז עס אַזוינס? — האָט גאַשפּאַרד כלומר׳שט פערוואונדערט געפרעגט, בעקוקענדיג די פּראָקלאַמאַציע. — וואו האָט איהר עס דערטאַפּט, מיין גוטער יונג, און וואָס בעטייט עס? איך הויב נישט אָן צו פערשטעהן.

יי איז אַ ביסעל אַראָבגעשלאָגען געוואָרען פון טראָפּ פון אַזאַ אויפנאַהמע.

— דאָרט שטעהט געשריבען, אַז דער, וואָס וועט עס געפינען, זאָל קומען אַהער, נישט אַזוי? — האָט ער געזאָגט. — איך אַליין בין נישט קיין גרויסער געלערנטער, איך האָב עס געוויזען מיינעם אַ פריינד, האָט ער עס מיר דורכגעלייענט.

— יאָ, אַזוי שטעהט דאָ טאַקע, — האָט דער סעקרעטאַר געזאָגט, עפנענדיג ברייט זיינע אויגען פון איבערראַשונג. — מערקווירדיג! וואו פּאָרט האָט איהר עס גענומען?

דער הענקער איז שטאַרק ענטציקט געוואָרען פון גאַשפּאַרד׳ס תמ׳עוואַטער מינע און האָט די דאָזיגע ענטציקונג אויסגעדריקט מיט אַ פערשטיקטען געלעכטער׳ל.

ציי יי האט עס בעמערקט, אדער ער האט זיך סתם געשטויסען, וואס דאס בעטייט, — ווי די מעשה איז, ער האט צוגענומען דאס פאפיר'ל און געזאגט:

— הערט! קוקט נישט אויף דאס פאפיר'ל, אויף וואס דארט שטעהט אדער שטעהט נישט געשריבען. איהר ווייסט הייגען דעם גארנישט — איך אויך נישט — און ער דארט אויך נישט. קיינער פון אינז ווייסט נישט, וואס דאס איז און פון וואנען עס שטאמט — און אסוף. איצט זאג איך אט וואס: איך וויל ווערען איינער פון די אנטי־קאטוילען; איך בין אנ'אנטי־פאפיסט; שרייבט מיך איין אין דעם פעראיין. צוליעב דעם בין איך אהער געקומען.

—שרייבט איהם איין, מאסטער גאשפארד, — האט דעניס בעגיטיגט. — אט דאס איז אגאנג — גלייך צום תוך, און פארטיג.

— וואס טויג מיר דארטען שיסען אין הימעל אריין, אלטער! — האט יי אויסגעריפען.

— פונקט מיינע געפיהלען! — האט דעניס צוגעגעבען. — אט דער העכט פאסט זיך אין מיין דיוויזיע אריין, מאסטער גאשפארד. פערשרייבט איהם. איכ'ל זיין ביי איהם טויף־פאטער, און זאל ער געטויפט ווערען אפילו ביי דער שרפה פון דער „ענגלישער באנק".

און דערביי האט ער געגעבען יי'ן אהארציגען טראך אין פלייצע, פון וועלכען יענער האט זיך נישט געפוילט צו דערלאגען איהם אויסגאב.

— נא פאפערי[1], ברודער! — האט דער הענקער אויסגערופען.

— נא פראפערטי[2], ברודער! — האט יי געענטפערט.

— פאפערי, פאפערי! — האט דער סעקרעטאר פעררכט מיט זיין געוועהנליכער מילדקייט.

---

[1] נידער מיט'ן פאפיזם. — [2] נידער מיט'ן אייגענטום.

— אלץ איינס! — האט דעניס אויסגעשריען. — שוין רעכט. הור–רא פאר די פראטעסטאנטישע רעליגיאן!

דער סעקרעטאר האט זיי ביידען בעקוקט מיט א ציפריעדע־נעם בליק. דעניס איז צוגעטראטען נעהנטער אין איהם געזאגט אין דער שטיל:

— דערמאהנט נישט די פראפעסיע פון א געוויסען קאנסטי־טוציאנעלען בעאמטען, מאסטער גאשפארד. געוויסע פאראירטיי־לען זענען זעהר פערשפרייט, קאן עס איהם נישט געפעלען. זאל ער פריהער ווערען מיט מיר נעהנטער בעקאנט. ער איז א יונג מיט ביינער, א?

— ווירקליך א קרעפטיגער בחור.

— זעהט נור א האלז! — האט דער הענקער געזאגט מיט דער ענטציקונג פון א הונגעריגען מענשענפרעסער. — האפט נור א קוק אויף דעם נאקען: פארהאן וואס אויסצושטרעקען!...

דער סעקרעטאר האט פארגעלעגט דעם נייעם מיטגליעד א פאר אונבעדייטענדע פראזען אין האט איהם פערשריבען אין די „גרויסע פראטעסטאנטישע אסאציאציע פון ענגלאנד“. דערהערענ־דיג, אז יו קאן נישט ניט שרייבען, ניט לעזען, איז דעניס נאך מעהר בעגייסטערט געווארען פאר זיין נייעם פריינד, ווייל נאך זיין מיינונג זענען די דאזיגע צוויי חכמות די גרעסטע פליך פאר א ציוויליזירטע געזעלשאפט און בריינגען דעם קאנסטיטוציאנעלען אמט, וועלכען ער האט געהאט די עהרע צו פערנעהמען, מעהר שאדען פון אלע אנדערע אינגינסטיגע אומשטענדען.

ענדליך האט מיסטער גאשפארד געגעבען זיינע געסט צו מערקען, אז ער וויל בלייבען אליין, און דעניס מיט יו'ן זענען ארויס אויף די גאס.

— געהסט, ברודער? — האט דעניס געפרעגט.

— וואוהין דו ווילסט, — האט יו געענטפערט.

— גוט. קים, איך וועל מיט דיר פארבייגעהן עטליכע פון די הייזער, וועלכע מיר וועלען אין גיכען דארפען בעארבייטען. זיי האבען זיך אראבגעלאזען צום וועסטמינסטער, וואו עס

האָבען זיך דעמאָלט געפונען ביידע קאַמערן פון פּאַרלאַמענט. די גאַסען זענען געווען זעהר בעלעבט. דעניס האָט געגעבען זיין חבר ערקלערונגען איבער פערשיעדענע הייזער און מענשען, איבער דעפּוטאַטען פון אונטער-הויז און איינינגע לאָרדען, האָט איהם אָנגעוויזען, ווער פון זיי עס סימפּאַטיזירט מיט די פּאַפּיסטען און ווער עס איז געגען זיי. צו זיין איבעראַשונג האָט יו בעמערקט, אַז איבער די גאַסען דרעהען זיך אַרום עפּיס מאָדנע פּאַרשוינען צו צוויי און צו דריי, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען אַזוי ווי דעניס, זיך צוגעקוקט צו אַלעס און געשמועסט צווישען זיך אין דער שטיל. פון צייט צו צייט איז יו'ן אויסגעקומען צו זעהן, ווי מ'וואַרפט אונטער פּראָקלאַמאַציעס אין הייזער און אין פּרעמדע קעשענעס, נאָר דעניס האָט איהם געהייסען זיך מאַכען נישט זעהענדיג.

נאָך אַ פּאָר שטונדען שפּאַצירען האָט דער הענקער פאָרגעלעגט אַריינצוגעהן אַ ביסעל אין די טאַווערנע „דער שטיוועל" און דערכשווינקען דעם האַלז, צו וואָס יו האָט געגעבען זיין פולשטענדיגע צושטימונג.

דער שיינק אונטער'ן נאָמען „דער שטיוועל" האָט זיך געפונען נישט וויים פון'ם „שפּיטאָל פאַר אונטערגעוואָרפענע קינדער". די געגענד איז דעמאָלט געווען אַ שטילע און אַ פערוואָרפענע, פונדעסטוועגען האָבען די צוויי חברים געטראָפען דעם שיינק געפּאַקט, און יו האָט דערקענט אין די געסט דיזעלבע פאַרשוינען, וועלכע ער האָט געזעהן אַרומדרעהען זיך איבער די גאַסען. אין דעם אַלעם האָט זיך געשפּירט, אַז עס פאָרבערייטעט זיך עפּיס אַזוינס וויכטיגעס און געפעהרליכעס, וואָס האָט יו'ן געשמעקט גאַנץ גוט.

דעניס און יו האָבען זיך צוגעזעצט צו אַ קאָמפּאַניע ביי אַ טישעל, און דער הענקער האָט אָנגעפאַנגען פון אַ „להיים" פאַר דאָס געזונד פון לאָרד דזשאָרדזש גאָרדאָן. אַלע האָבען אונטערגעהאַלטען, און אין אַ קורצער צייט אַרום איז די קאָמפּאַניע שוין געווען אַזוי „בגילופין", אַז ווען עמיצער האָט גענומען שפּיעלען אויף אַ פידעל, זענען יו מיט דעניס'ן אויסגעשפּרונגען פון זייערע

ערטער און האבען אבגעקלאפט א פייעריגען אנטי-פאפוסטישען טאנץ, צו דער גרעסטער בעגייסטערונג פון דער גאנצער געזעל-שאפט.

די טענצער האבען נאך נישט בעוויזען אבצוציהען דעם אטעם נאכ'ן ענערגישען טאנץ, ווי אין דער טאווערנע האט זיך בעוויזען א נייע קליינע גרופע מענשען, וועלכע דער עולם האט אויפגע-נומען מיט רעספעקט.

דאס זענען געווען איינגע מיטגליעדער פון די „פעראיי-ניגטע בולדאגען" מיט זייער פיהרער אין קאפיטאן — אונזער אלטען בעקאנטען מיסטער סיימאן טעפערטיט. פיזיש איז מיסטער טע-פערטיט, אזוי צו זאגען, געוואקסען צוריק, דען זיין גאנצע פיגור און בעזונדערס זיינע פיעל-געליעבטע פיס זענען געווארען נאך קלע-נער און איינגעשרומפענער ווי פריהער; דערפאר אבער פון מא-ראלישען שטאנדפונקט, אין זינען פון פערזענליכער ווירדע און זעלבסט-רעספעקט, איז ער אויפגעשוואלען געווארען צו דער מאס פון א ריעז. ער איז צוגעשטאנען צו דער פראטעסטאנטישער ליגע אין דער האפנונג צו פערנעהמען א גרויסען פאסטען אין די אנ-קומענדע פאליטישע פאסירונגען. צוזאמען מיט איהם האבען זיך אנגעשלאסען אן די אנטי-פאפיסטישע בעוועגונג זיין אמאליגער הויי-כער פליגעל-אדיוטאנט אין דער געוועזענער „לעהרלינג-ריטער" מארק דושילבערט.

— דושענטעל-לייט! — האט מיסטער טעפערטיט געזאגט, אראבנעהמענדיג זיין היטעל מיט דער מינע פון א גענעראל פאר זיינע סאלדאטען. — איך דאנק פאר די אויפנאהמע.

דעניס האט איהם בעקענט מיט'ן נייעם מיטגליעד, וועלכען ער האט שטארק אבגעלויבט.

— איך האס די פאפיסטען! — האט ער אויסגעשריען מיט א שכור'ער שטים. — זיי האסען מיך און איך האס זיי. זיי שאדען מיר וויפיעל זיי זענען אימשטאנד און איך וועל זיי טהון וואס איך וועל קאנען. הור-רא!

מיסטער טעפערטיט האט אויפמערקזאם בעטראכט דעם נייעם מיטגליעד, דערנאך האט ער איהם אפגערופען אן א זייט.

— הער נור, — האט ער געזאגט, — מיר דאכט, איך האב דיך שוין אמאל געזעהן?

— מעגליך, — האט יו גלייכגילטיג געענטפערט. — איך וויים נישט.

— דאס קאן מען לייכט אויסגעפינען, — האט סים געזאגט. — טהו נור א קוק אויף מיר. האסט דו מיך געזעהן? עס גלויבט זיך נישט, זאלסט מיך פערגעסען, אויב דו האסט מיך שוין געזעהן אמאל. קוק מיך אן. האב נישט קיין מורא; איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טהון. קוק מיך נור גוט אן — און פאל ביי זיך נישט אראב.

דער אופן ווי מיסטער טעפערטיט האט איהם געשטארקט און געהייסען זיך נישט שרעקען האט יו'ן אזוי פרעהליך געמאכט, אז ער האט זיך צולאכט ווי א משוגע'נער.

מיסטער טעפערטיט איז געווארען א ביסעל אונגעדולדיג פון דעם דאזיגען נישט־רעספעקטפולען געלעכטער.

— אלזא, דערקענסט מיך? — האט ער געפרעגט.

— ניין! — האט יו געענטפערט. — הא־הא־הא! איך קען דיך נישט. אבער איך וואלט וועלען דיך קענען.

— און איך וואלט געמעגט שווערען, — האט סים געזאגט, — אז דו האסט געדיענט אין דער „מייפאיל".

יו האט איהם אנגעקוקט מיט איבעראשונג.

— ווי, זאל עס זיין... — האט ער ארויסגעשטאמעלט.

— וואס דען, עס איז נישט?... — האט מיסטער טע־פערטיט געזאגט. — געדענקסט גאבריעל וואדען?

יו האט נאך געדענקט דאלי וואדען אויך, ער האט עס אבער פערשוויגען.

— געדענקסט, ווי דו ביזט איינמאל געקימען אהין זיך נאכ־פרעגען אויף אנ'אנטלאפענעם שלעפער, וואס האט אוועק־געווארפען זיין טרייסטלאזען פאטער, א?

— געוויס געדענק איך! — האט זי אויסגערופען. — אין דארט האב איך דיך געזעהן.

— א פראגע א ביסעל! איך וואלט א בעלן זיין זעהן, ווי זיי וואלטען געקאנט אויסקומען אהן מיר. געדענקסט, ווי איך האב געמיינט, אז דו ביזט בעפריינדעט מיט יענעם שלעפער, און האב זיך געוואלט מיט דיר צוקריגען, דערנאך האב איך אויסגעפינען, אז דו האסט איהם פיינד אזוי ווי א שפין, האב איך דיך גענומען אין א שיינק אריין?

— גאנץ געוויס!

— האסטו איצט אויך דיזעלבע געפיהלען?

— יא! — האט זי ארויסגעדונערט.

— ביזט א מענש, אויב אזוי, איך וועל דיר דריקען די האנד, — האט מיסטער טעפערטיט געזאגט, און די צוויי האבען דורכגעמאכט די דאזיגע צערעמאניע מיט א מינע פון ווארימער פריינדשאפט.

— האסט ווען געהערט וואס וועגען יענעם לומפ?

— קיין ווארט נישט, — האט זי געענטפערט. — און איך האף, אז ער איז שוין לאנג טויט.

— הלואי, — האט סיא געענטפערט, רייבענדיג זיין צודריקטע האנד אן א קניה און קיקענדיג אויף איהר. — איז דיין צווייטע האנד צומאל א ביסעל ריינער? ניין, אויך אזוי. ני, בלייב איך דיר שולדיג א צווייטען האנד-דריק.

זי האט זיך ווידער צילאכט, נאר מיסטער טעפערטיט האט זיך נישט געפונען בעליידיגט און האט נאך בעוויליגט מיטצושמייכלען. דערנאך האט ער פארגעלעגט יז'ן אריינצוטרעטען אלס מיטגליעד צו די „פעראייניגטע בילדאגען”.

— מאכט פון מיר, וואס איהר ווילט! — האט זי געהילכט. — איך בין אייערע. איך טהו אלץ, וואס מ'דיינסט מיר. אט דאס איז מיין קאפיטאן, מיין הויפט-מאן, הא-הא-הא! זאל ער נור זאגען א ווארט, געה איך זיך שלאגען געגען גאנצען פארלאמענט, אדער אונטערצינדען דעם קעניג'ס טראהן!

מיט די ווערטער האט ער סיס'ן דערלאנגט אזא קלאפ איבער'ן

רוקען, אז יענעמס קערפער איז געווארען אזוי קליין ווי גארנישט, און האט ווידער ארויסגעלאזען א הילכיג געלעכטער.

יו"ן איז דער גאנצער עסק זעהר געפעלען געווארען. דער געדאנק גופא, אז איהם נעהמט אינטער זיין שויך א מענשעלע, וואס ער קאן עס צוקוועטשען מיט'ן מינדסטען פינגער זיינעם — איך איהם פארגעקומען אזוי קאמיש, אז עפיס א ווילדע פרעהליכקייט האט איהם ארומגענומען און אונטערטעניג געמאכט זיין ברוטאלע נאטור. ער האט געהאלטען פאר א שענעם שפאס צו פאלגען סיט'ס בעפעהלען און צו האנדלען אפילו אהן בעשטימטע אינסטרוקציעס; און דעריבער, אז סיט האט זיך ארויסגעשטעלט אויף א פאס און גענימען האלטען א רעדע פאר'ן עולם, האט יו מיט זיין שטעקען געצוואונגען אלען אויסצוהערען זיין „קאפיטאן" מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט.

נאך דער רעדע האט מען ווידער געטרונקען אין געטרונקען, אזוי אז ווען סיט טעפערטיט, דעניס און יו זענען שפעט אין דער נאכט ארויס פונ'ם שיינק, האבען זיי שוין נישט געקאנט געהן שטיל איבער דער גאס און האבען אזוי לאנג געזונגען אנטיפאפיסטישע לידער, ביז זיי זענען געווארען היזעריג ווי די וואנד. נאר דעם הענקער'ס שטים האט זיך ארויסגעוויזען אלס קרעפטיגער און זיך געהאלטען לענגער איידער די שטימען פון זיינע חברים, וועלכע האבען געקראגען פאר איהם גרויס רעספעקט.

---

35. דער אונטערהעצער.

— ס'אר א מאדנער מענש איהר זענט! — האט סיט טעפערטיט געזאגט צו דעניס'ן, ווען יענער האט ענדליך אויפגעהערט צו זינגען. — פארוואס ווילט איהר קיינמאל נישט זאגען, וואס אייער פראפעסיע איז?

— ענטפער דעם קאפיטאן די מינוט! — האט יו אויסגעשריען, ארויסקלאפענדיג דעם הענקער זיין היטעל איפ'ן קאפ. — פארוואס זאגסטו נישט, וואס פאר א פראפעסיע דו האסט?

— איך האָב אַזאַ פיינעם בערוף, ברידער, ווי דער בעסטער מאַן אין ענגלאַנד — אַזאַ גרינגע מלאכה, אַז דער גרעסטער דזשענטעלמען קאָן זיך קיין גרינגערע נישט ווינשען.

— זענט איהר געווען אין דער לעהרע? — האָט מיסטער טעפערטיט געפרעגט.

— ניין. אַ געבוירענער טאַלאַנט, — האָט דעניס געענטפערט. — קיין לעהרע; עס איז געקומען פון דער נאַטור. מאַסטער גאַשפאָרד ווייסט מיין בערוף. איהר זעהט אָט די האַנד, מיינע? נישט איין שטיקעל אַרבייט האָט זי אָבגעטהון, אין אַזוי גלאַט און פיין, ווי קיינער האָט עס פריהער נישט בעוויזען. אַז איך קוק אויף די דאָזיגע האַנד אין דערמאָהן זיך, וויפיעל עלעגאַנטע שטיקלעך אַרבייט זי האָט געמאַכט, ווער איך מעלאַנכאָליש ביים געדאַנק, אַז זי וועט אַמאָל ווערען אַלט און שוואַך. אָבער אָט אַזוי איז שוין דעם מענשענ'ס לעבען.

ער האָט אַרויסגעלאָזען אַ שווערען זיפץ, האָט בעוואוסטזיניג אַרומגענומען אין בעטאַפּט יו'ם האַלז מיט זיינע פינגער און זיך בעגאָסען מיט טרעהרען.

— איהר מוזט זיין אַמין קינסטלער, יאַ? — האָט מיסטער טעפערטיט געזאָגט.

— יאָ, — האָט דעניס אויסגערופען, — יאָ. איך מעג זיך רופען קינסטלער — קינסט־אַרבייטער. די קינסט פערפאָלקאָמט די נאַטור — דאָס איז מיין דעוויז.

— און וואָס איז דאָס? — האָט מיסטער טעפערטיט געפרעגט, נעהמענדיג דעם הענקער'ס שטאָק אין האַנד.

— דאָס איז מיין פּאָרטרעט אויף דער גאַלגען. ווי דענקט איהר, ס'איז עהנליך?

— אַ ביסעל צו־שען, — האָט מיסטער טעפערטיט געענטפערט. — ווער האָט עס געמאַכט? איהר אפשר?

— איך? — האָט דעניס געזאָגט, קוקענדיג מיט ליעבשאַפט אויף זיין בילד. — הלואי וואָלט איך עס געקאָנט. דאָס האָט אויסגעשניצט מיינער אַ פריינד, וועלכער איז שוין איצט נישטאָ.

ער האט עס אויסגעשניצט מיט זיין טאשען-מעסער אין דעם טאג פון זיין טויט. „מיינע לעצטע מינוטען, האט ער געזאגט, וועל איך אוועקגעבען אויף מאכען דעניס'עס פרצוף“.

— א מאדנער איינפאל! — האט מיסטער טעפערטיט געזאגט.

— מ'קאן נישט זאגען — ס'איז טאקע געווען א מאדנער איינפאל. ער איז אבער איבערהויפט געווען א מאדנער פארשוין — א סארט ציגיינער — איינער פון די פיינסטע, פעסטעסטע מענשען, וואס איהר האט ווען געזעהן. א, ער האט מיר געזאגט א פאר זאכען, וואס איהר וואלט פון זיי אינטערגעשפרונגען — אט דער פריינד מיינער, דעם טאג ווען ער איז געשטארבען.

— איהר זענט געווען נעבען איהם צו יענער צייט, ווי? — האט מיסטער טעפערטיט געפרעגט.

— יא, — האט דעניס געענטפערט מיט א באזונדער קוק, — איך בין געווען דערביי. א, געוויס בין איך דערביי געווען! אהן מיר וואלט ער נישט אוועק פון דער וועלט אזוי בעקוועם. איך בין געווען נעבען דריי אדער פיער נפשות פון זיין פאמיליע אונטער דיזעלבע אומשטענדען. אלע געווען פיינע יונגען.

— זיי האבען אייך געמוזט ליעב האבען, — האט מיסטער טעפערטיט בעמערקט, קוקענדיג אויף איהם פון דער זייט.

— איך ווייס נישט גענוי, צי זיי האבען מיך אזוי ליעב געהאט, — האט דעניס געזאגט א ביסעל נישט זיכער, — אבער זיי האבען מיך אלע געהאט נעבען זיך בעת זיי זענען געשטארבען. איך האב געירשנ'ט זייערע קליידער נאך זיי. אט דאס טיכעל, א שטייגער, האב איך בעקומען פון יענעם, וואס האט מיין צורה געמאכט.

מיסטער טעפערטיט האט אבגעשוויגען און געלאזען זיין געהיימניספאלען בעקאנטען ריידען ווייטער.

— אט די הויזען — האט דעניס פארטגעזעצט, — טאקע דיזעלבע, וואס איהר זעהט — האט מיר איבערגעלאזען מיינער א פריינד, וואס האט זיך אויף אייביג ענטזאגט פון אזעלכע אינבעקוועמע, שטערנדע חפצים. אט דער ראק אויך דאס-

זעלבע — נישט איינמאל בין איך נאכגעגאנגען דעם דאזיגען ראק איבער די גאסען און זיך געפרעגט: וועט ער אמאל אנ-קומען צו מיר, אדער ניין. די שיך, ווידער, זענען געגאנגען א טאנץ אונטער אנ'אנדער מענשען וועניגסטענס א צוועלף מאל. וואס אנבעלאנגט מיין הוט — גאט מיינער! איך האב איהם געזעהן זיצען אויפ'ן פאדער-זיץ פון א דראושקע פיעל, פיעל טעג נאכ-אנאנד:

— איהר ווילט דאך נישט זאגען, אז זייערע פריהערדיגע טרעגער זענען אלע טויטע? — האט מיסטער טעפערטיט געזאגט, אבקוקענדיג זיך א ביסעל פון זיין חבר.

— אלע ביז איינעם, — האט דעניס געענטפערט. — יעדער איינער פון זיי.

אויף מיסטער טעפערטיט'ן האבען דעם הענקער'ס קליידער געמאכט אזא אונאנגענעהמען איינדרוק, אז ער האט זיך פלוצים דערמאהנט, אז ער דארף געהן אין אנ'אנדער זייט און האט דעניס'ן הערצליך געוואונשען א גוטע נאכט. דעניס'ן, ווידער, איז איינגעפאלען אריינצוגעהן אין א טירמע דערנעבען און דארטען פער-ברייגגען דעם אווענד מיט זיינע בעקאנטע טהיר-וועכטער — ער האט זיך געזעגענט מיט זיינע פריינד און איז אוועק.

— דאס איז עפיס א מאדנער סארט מענש, — האט מיסטער טעפערטיט געזאגט, נאכקוקענדיג דעם קיטשערשען היט; — איך חיים אסור וואס וועגען איהם צו דענקען. וואס קאן ער דא נישט בעשטעלען פאר זיך א פאר הויזען ביי א שניידער, אדער וועניגסטענס טראגען קליידער פון לעבעדיגע מענשען?

— ער איז א מזל'דיגער מענש, קאפיטאן! — האט יי אויס-געשריען. — הלואי וואלט איך געהאט אזעלכע פריינד, ווי ער האט. נאר שא! — האט ער זיך פלוצים א צאפעל געטהין, דערהערענדיג דאס שלאגען פון א זייגער ערגיץ נישט ווייט. — איך האב גאר פערגעסען: איך מוז נאך היינט ערגיץ געהן.

מיסטער טעפערטיט האט א קוק געטהין אויף איהם אינ-צופרידען, נאר זעהענדיג, אז יי איילט זיך ווירקליך ערגיץ,

האָט ער איהם פריינדליך געגעבען די ערלויבניש צו געהן. יי האָט אָבגעדאַנקט פאַר די ערלויבניש מיט אַ געלעכטער.

— גוט־נאַכט, קאַפּיטאַן! — האָט ער אויסגעשריען. איך בין אייערער ביז'ן קבר.

— צום ווידערזעהן! — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט. — זיי שטאַרק און דרייסט.

— נאָ פּאָסערי, קאַפּיטאַן!

— פריהער וועט ענגלאַנד זיך באָדען אין בלוט! — האָט דער קאַפּיטאַן אויסגעשריען.

יי האָט זיך ווידער צילאַכט און איז אַוועקגעלאָפען.

— דער מענש וועט מיר צו־ניץ קומען אין מיין חיל, — האָט סים געזאָגט צו זיך. — אין אויסערדעם, ביי אַן אַנדער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג — וועלכע מיז קומען, אויב מיר וועלען זיעגען — אַז דעם שלאָסער'ס טאָכטער וועט זיין מיינע, מוז מען ווי עס איז פטור ווערען פון מיגס'ן, אויב ניַשט, וועט זי זיכער ווען עס איז אַריינטהון גיפט אין מיין טהיי־קעסעל. פאַרוואָס זאָל איך איהם נישט התונה מאַכען מיט מיגס'ן? ער קאָן עס טהון, ווען מ'זאָל איהם גוט אָנשפּור'ן. יאָ, אַזוי וועט עס זיין. מ'דאַרף עס זיך פערצייכענען.

נישט האָבענדיג די מינדסטע אַהנונג וועגען דעם גליק, וואָס זיין געניאַלער קאָמאַנדיר גרייט פאַר איהם, איז יי אַוועקגעלאָפען ביז צו די „טעמפּעל־געביידען" אין האָט אָנגעקלאַפּט אָן אַ טהיר. אין גיכען האָט ער זיך געפונען אין דער וואוינונג פון סער דזשאָן טשעסטער.

סער איז געזעסען אויף אַ שטוהל נעבען אייווען. ער האָט זיך נישט געענדערט אפילו אויף אַ האָהר: דערזעלבער פרישער, געלאַסענער, שמייכלענדיגער דזשענטעלמען, דיזעלבע עלעגאַנטע קליידונג, דיזעלבע העפליכע האַלטינג. נישט מעהר, איצט שרייבט ער זיך שוין אונטער „מ. פּ". („מעמבער פּאַרלאַמענט" — פאַרלאַמענטס־מיטגליעד) און אַלע האָבען איהם טיטולירט „סער דזשאָן".

— איך האָב געמיינט, מײַן געשעצטער בעקאַנטער, — האָט סער דזשאָן געזאָגט, — אַז פֿון האַנען וועסטו געהן גלײַך אַהיים. איצט ביזטו ווידער געקומען. נו, ווי האָסטו פֿערבראַכט די דאָזיגע צײַט? וואו ביזטו געוועזן און וואָס פֿאַר אַ חורבונות האָסטו אָנגעמאַכט?

— קיינע חורבונות, מײַסטער, — האָט יי מיט הכנעה אַרויסגעבראָכט. — איך האָב ניר געטהון ווי איהר האָט מיר בעפֿוילען.

— ווי איך האָב — וואָס?

— נו, זאָל זײַן — ווי איהר האָט געראַטהען, — האָט יי אונרוהיג געזאָגט, — אָדער געזאָגט, אַז איך דאַרף, אָדער אַז איך מעג. אָדער אַז איהר וואָלט אַזוי געטהון, ווען איהר וואָלט געוועזן אויף מײַן אָרט. דריקט מיך נישט אַזוי, מײַסטער.

אַ נ׳אויסדרוק פֿון נצחון איבער דעם דאָזיגען גראָבען ווערקצײַג האָט אַ בליץ געטהון אין סער דזשאָנ׳ס אויגען אויף איין מאָמענט און איז גלײַך פֿערשוואונדען. פֿײַלענדיג זײַנע נעגעל, האָט ער געזאָגט:

— אַז דו זאָגסט, איך האָב דיר בעפֿוילען, מײַן וואוילער יונג, האָט עס אַ פּנים, ווי איך האָב דיר געהייסען עפּיס טהון פֿון מײַנעטוועגען, עפּיס אַזוינס, וואָס ברײַנגט מיר אַ וועלכען ניצען. בעט איך דיך צו זײַן פֿאָרזיכטיגער אין דײַנע רייד. הכלל, צי וואָס האָסטו זיך אומגעקעהרט אַהער?

— איהר ווייסט דאָך, מײַסטער, אַז איך האָב נישט געקאָנט דורכלעזען דאָס פּאַפּיר, וואָס איך האָב געפֿינען, האָב איך עס געבראַכט צו אײַך.

— האָסט נישט געקאָנט פֿרעגען עמיצען אַנדערס?

— איך האָב נישט קיינעם, וועמען איך זאָל קאָנען פֿערטרויען אַ סוד. זינט באַרנעבי ראָדזש איז פֿערשוואונדען — מיט פֿינף יאָהר צוריק — האָב איך מיט קיינעם נישט גערעדט, אויסער אײַך.

— דאָס איז, נאַטירליך, אַ גרויסער כבוד פֿאַר מיר.

— איך האָב אײַך אַלע מאָל געגעבען צו וויסען, ווען עס

האט פאסירט עפיס נייעס, ווייל איך האב געוואלט איך דיענען מיט וואס איך קאן, כדי איהר זאלט נישט זיין געגען מיר, און דאסמאל אויך צוליעב דעם.

— ביזט, האכט זיך, גאר אתם, — האט סער דזשאן געזאגט, — און דאך טראגסטו צוויי פנים'ער אינטער דיין שטרייםעל. האכטו מיר נישט אנגעגעבען ערשט היינט אנאנדער טעם? האסט אפשר נישט גערעדט וועגען דיין האס צו עמיצען, וועלכער בעהאנדעלט דיך די לעצטע צייט זעהר שלעכט און מיט פעראכטונג, פינקט ווי דו וואלסט געוועזען א הונד, נישט אזא מענש ווי ער אליין?

— געוויס האב איך געזאגט! — האט יו אויסגעשריען, וועהרענד זיין צארן האט זיך צובראכען. — און איך זאג עס נאכאמאל. איך וועל טהון אלצדינג, אבי זיך נוקם זיין אן איהם. און אז איהר האט מיר געזאגט, אז ער איז אלע קאטוילען וועלען ליידען פון די, וואס האבען זיך פעראייניגט אין דער דאזיגער אפישע, האב איך גלייך געזאגט, וואס איך קאן טהון, ווען די צייט וועט קומען. געוויסע מענשען, וועלכע איך קען, וואלטען זיך געמעגט ווינשען בעסער צו בעגעגנען א צעווילדעטען לייב, איידער מיך, ווען איך ווער צוהיצט.

סער דזשאן האט געקוקט אויף איהם מיט א בעזונדערן שמייכעל.

— ביזט היינט אין א בעריהמערישער שטימונג, — האט ער געזאגט, געבענדיג איהם א גלאז בראנפען.

— ניין, מייסטער! — האט יו אויסגעשריען, טרינקענדיג דעם בראנפען. — איך זאג נישט קיין העלפט פון דעם, וואס איך מיין. איך בין נישט קיין ריידער. פארדאן צווישען אונז אנדערע ריידער; איך וועל זיין פון די טהוער.

— האסטו זיך, הייסט עס, אנגעשלאסען אן יענע חברה? — האט סער דזשאן געפרעגט מיט א גלייכגילטיגער מינע.

— יא. איך בין אוועק אין דאס הויז, וואס איהר האט

מיר אַנגעװיזען, און זיך פערשריבען. געװען דאָרט נאָך אַ מענש, איינער אַ דענים —

— דענים, עה! — האָט סער דזשאָן לאַכענדיג געזאָגט. — אַ װאױלער יונג אודאי?

— אַ פייעריגער כלב! — ער איז מיר זעהר צום הארצען. ער איז אויך זעהר היציג אין דער זאַך.

— יאָ, כ'האָב געהערט װעגען דעם, — האָט סער דזשאָן געזאָגט. — װייסט מסתמא נישט, מיט װאָס ער פערנעהמט זיך?

— ער װיל נישט זאָגען, — האָט זי אויסגערופען. — ער בעהאַלט זיין פראָפעסיע פון אַלעמען.

— האַ־האַ! — האָט סער דזשאָן געלאַכט. — אַ מאָדנער קאַפריז — אַ חולאת ביי מאַנכע מענשען. װעסט זיך שוין װען ס'נים איז דערװיסען פון איהר, איך װאָלט געמעגט שװערען.

— מיר זענען שוין בעפריינדעט, — האָט זי געזאָגט.

— גאַנץ נאַטירליך! און מכתמא געטרינקען ציזאַמען, אַ? װאָו, זאָגסטו, זענט איהר געװען נאָך אייער אַװעקגאַנג פין לאָרד גאָרדאָנ'ס הויז?

זי האָט גאָרנישט געקלערט צו זאָגען, נאָר יענער האָט ביי איהם בּיסלעכװייז געצױגען װערטער, ביז ער האָט איהם אַלעס אויספיהרליך איבערגעגעבען.

— נו, װעסט שוין האָבען אַ געלעגענהייט זיך נוקם צו זיין אָן הערדייל'ן, — האָט סער דזשאָן געזאָגט צום סוף. — אָבער עס איז שוין שפעט, געה זיך דיר אַהיים. װאָס האָסטו געטהין מיט'ן פּאַפּיר?

— איך האָב עס ביי מיר.

— װאַרף עס ערגיץ אַװעק. אַזעלכע זאַכען איז גלייכער נישט צו האַלטען ביי זיך.

זי איז אַװעקגעגאַנגען.

— עס געהט װי געװונשען, — האָט סער דזשאָן געזאָגט, בלייבענדיג אַליין. — אין דער שטיל קאָן מען גיסען בּוימאייל אין'ן פייער, נישט אַרויסװייזענדיג זיך פאַר דער גאַנצער װעלט,

ווי דער דאָזיגער משוגע'נער גאָרדאָן טהוט. אַזוי אַרום קאָן מען נאָך בעקומען אַ שם פאַר אַנ'אָרענטליכען מענשען, זאָגענדיג עטליכע ווערטער געגען גאָרדאָנ'ען אין דער עפענטליכקייט. וואָס אָנבעלאַנגט פערזענליכע כוונות, בין איך זיך מודה, אַז מיר וועט שטאַרק הנאה טהון, אויב די שלעפער וועלען הערדיילי'ן אַ ביסעל אָנלערנען. דאָס וועט מיר זיין גאַנץ אַנגענעהם און וועט פערשאַפען גרויס פערגעניגען.

ער האָט געטראַכט אַ ביסעל און ווידער געזאָגט מיט אַ שמייכעל:

— איך האָב מורא, איך האָב זעהר מורא, אַז מיין יונגער פריינד פאָלגט האַסטיג נאָך די טריט פון זיין מיטער. זיין פריינדשאַפט מיט דעניס'ן איז אַ סאָרט נבואה. אָבער סוף כל סוף וואָלט עס סיי־ווי געמוזט דערצו קומען, דערין בין איך זיכער. אויב איך העלף איהם דאָ צו אַ ביסעל, איז עס אויך נישט קיין אומגליק: וועט ער אויסטרינקען ווייניגער מיט עטליכע גאַלאָנען אָדער מיט עטליכע קריגלאך אין זיין לעבען. נישט מיין זאַך. ס'איז איבערהויפט נישט וויכטיג.

ער האָט גענומען אַ שמעק טאַבאַק און איז געגאַנגען שלאָפען.

---

36. טינק, טינק, טינק.

טינק, טינק, טינק!

פון ווערקהויז אינטער'ן „גאָלדענעם שליסעל" זענען געשפרונגען אין גאַס אַריין דינע, זינגענדע קלאַנגען, אַזוי מונטער און לעבעדיג, אַז זיי האָבען אַרויסגעפיהרט אויפ'ן געדאַנק פון פרעהליכער אַרבייט און האָבען צוזאַמענגעשטעלט אַ גאַנץ אָנגענעהמע מוזיק. קיין מענש, וואָס האָט געהערט אונטער לאַנגווייליגער פליכט, האָט נישט געקאָנט אַרויסברינגען אַזעלכע לעבעדיגע קלאַנגען פון שטאָהל און אייזען; קיין אַנדערער, אויסער אַ געזונדטען, גוטהערציגען חברה־מאַן, וואָס נעהמט פון אַלעם דאָס

בעסטע און איז פריינדליך צו יעדען, וואלט עס נישט געקאנט דערגרייכען אפילו אויף איין אויגענבליק. וואלט ער געזעסען אויף א וואגען מיט שווערע אייזערנע פרענטעס, וואלט ער, האכט זיך, פון דארטען אויך א געוויסע הארמאניע ארויסגעבריינגט.

טינק, טינק, טינק — קלאר און לויטער, ווי א זילבערן גלעקעל, דייטליך צום הערען אין די פויזען צווישען די הארטערע קלאנגען פון גאס, ווי עס וואלט וועלען זאגען: „איך מאך מיך נישט דערין; קיינס וועט מיך פון טראפ נישט ארונבשלאגען; איך האב פעסט בעשלאסען צו זיין גליקליך". ווייבער האבען געפילדערט, קינדער געליארימט, שווערע פוהרען האבען געגרילצט אויפ'ן ברוק, די גאסען-הענדלער האבען פערהילכט די לופט מיט מורא'דיגע געשרייען — דער קלאנג פונ'ה וועקעהייז האט זיך געטהון זיינס, זיך אריינגעמישט אין טימעל נאכאמאל און ווידעראמאל, נישט העכער, נישט נידעריגער, נישט שוואכער, נישט שטארקער, נישט פאדערנדיג מיט געוואלט קיינעמ'ס אויפמערקזאמקייט — טינק, טינק, טינק, טינק.

ווי א שטילע, דריבנע שטים האט עס געקלונגען, נישט פערקוהלט, נישט היזעריג, נישט פערלעגט מיט וואס ס'ניט איז. פארביינגעהער האבען איינגעהאלטען זייערע טריט און געווען גענייגט צו פערבלייבען לענגער אין דער נאכבארשאפט; שכנים, וואס זענען אויפגעשטאנען פון שלאף אויף דער לינקער זייט, האבען געשפירט, ווי א בעסערע שטימונג גנב'עט זיך ביסלעכווייז אריין צו זיי אין די הערצער; מיטערס האבען זייערע פיצעלעך אונטערגעטענצעלט אויף זייערע הענד אינטער'ן דאזיגען קלינג. און דער כשוף'דיגער טינק-טינק האט זיך אלץ פרעהליך געריסען און געריסען ארויס, פונ'ם וועקעהייז אינטער'ן „גאלדענעם שליסעל".

ווער, אויסער גאבריעל'ן, וואלט עס געקאנט אנמאכען אזא מוזיק? א שטראהל פון דער זון איז אריינגעדרונגען אין וועקהויז, האט דורכגעשניטען א ברייטען ליכט-שטרייף אין דער לופט און ארויבגעפאלען אויפ'ן שלאסערס פיגור, ווי ציגעצייגען חירך זיין

זוניג האַרץ. אָט שטעהט ער דאָרט אין אַרבייט ביי זיין שמיעד־קלאָץ, זיין פּנים שיינט פון אָנשטרענגונג און פרעהליכקייט, די אַרבעל הויך פערקאַשערט, דער פּאַריק פערדרוקט אַהיף פון שטערן — דער מונטערסטער, פריילעכסטער, גליקליכסטער מענש אין דער גאַנצער וועלט. נעבען איהם זיצט אַ גלאַנציגער קאַטער, מריקעט און פינטעלט מיט די אויגען געגען דער שיין און פאַלט אַריין פון צייט צו צייט אין אַ לייכטען דרימעל פון וואוילטאָג. „טאַבי", דער ביער־קרוג אין געשטאַלט פון אַ דזשענטעלמען, קוקט פון אַ דערבייאיגער הויכער באַנק, אינגאַנצען איין שיינענדיגער שמייכעל, פון זיינע לאָקען אויפ'ן קאָפּ ביז די שפּיצען פון די שיך. קיין סימן פון אימעט אָדער זאָרגקייט איז נישט געווען אין דער גאַנצער סצענע. עס האָט אויסגעזעהן גאַנץ אונמעגליך, אַז אַ וועלכער פון די אינצעהליגע שליסלען, וואָס הענגען אַרום, זאָלען דינען צו פערשליסען אַן אייזערנע קאַסע אָדער אַ טהיר פון אַ תפיסה. וויין־אָדער ביער־קעלערס, צימערן, וואו עס איז פאַרהאַן אַ פרעהליך פייערל, ביכער, פלוידעריי, פרעהליך געלעכטער — אָט דאָס איז געווען די פּאַסענדע אומגעבינג פאַר זייער טהעטיגקייט. פלעצער פון אינטריגו, פון אכזריות, פון צוואַנג וואָלטען זיי איינמאָל פאַר אַלע מאָל פערשלאָסען אויף אייביג.

טינק, טינק, טינק. דער שלאָסער האָט ענדליך געמאַכט אַ פּויזע און אָבגעווישט דעם פערשוויצטען שטערן. פון דער שטילקייט האָט זיך דער קאַטער אויפגעכאַפּט, איז ווייך אַראָבגעשפּרונגען, איז צו צו דער טהיר און גענומען קוקען מיט טיגערשע אויגען אויף אַ פייגעל־שטייגעל אין אַ פענסטער געגענאיבער. גאַבריעל האָט אויפגעהויבען טאָבי'ן צום מויל און האָט גענומען אַ האַרציגען זיפּ.

אין יענעם אויגענבליק, בעת ער איז געשטאַנען אַזוי דעם קאָפּ פערוואָרפען אַהינטער און די ברוסט אַרויסגעשטעלט פאַראויס, האָט מען געקאָנט זעהן, אַז גאַבריעל'ס אונטערשטער מענש איז געווען אין מיליטער־קליידער. אַ קאָפּ־היטעל, אַ שווערד און אַ שאַרלאַך־רויט רעקעל. ווער עס האָט אַ ידיעה אין די דאָזיגע

קליידער, וואלט דא גלייך דערקענט די אוניפארם פון א סערזשאנט פון די „קעניגליכע לאנדאנער וואלאנטערען".

אויפגעשטעלט טאַבין, אליידיגען, צוריק אויף זיין פריערדיגען פלאץ, האט גאבריעל געווארפען אלאכענדען בליק אויף די דערמאהנטע חפצים אויף דער וואנד און האט געזאגט, אנלעהנענדיג זיך אויף זיין האמער:

— געוועזען א צייט, ווען איך בין שיער משוגע געווארען פון תאוה צו טראגען א רעקעל פון דעם קאליר. אויב עמיצער, אימער מיין פאטער, וואלט מיך אנגערופען נאר דערפאר, וואלט איך געווארען אן'אנגעצונדענער. אי, ס'איז א טפש איך האב עס דעמאלט געמוזט זיין, מאטעלעך!

— אך! — האט מיסעס הארדען ארויסגעזיפצט, ארייגקומענדיג פונקט אין דעם אויגענבליק. — נאך א מין טפש. א מענש אין דיינע יאהרען, הארדען, וואלט שוין, כ'לעבען געמעגט קלינגער ווערען.

— ס'איז א קאמישע פרוי די ביזט, מארטא, — האט גאבריעל געזאגט, ווענדענדיג צו איהר זיין ברייטען שמייכעל.

— נאטירליך, — האט מיסעס הארדען אנגענומען זייגע ווערטער פאר ליעב. — געוויס בין איך קאמיש, איך וויים עס, הארדען. אדאנק.

— איך האב געמיינט צו זאגען —

— יא, — האט זי איהם נישט געלאזען ריידען, — איך וויים, וואס דו האסט געמיינט. די רעדסט גאנץ אפען, הארדען, און ס'איז נישט שווער דיך צו פערשטעהן. ס'איז געוויס זעהר פיין פון דיין זייט, וואס די פאסט זיך צו צו מיין פערשטאנד.

— א סוף, א סוף, מארטא, — האט דער שלאסער געענטפערט, — געפין זיך נישט בעליידיגט פאר גארנישט. איך האב געוואלט זאגען, אז ס'איז זעהר מאדנע פון דיין זייט צו זיין האגעגען מיין דיענסט צווישען די וואלאנטערען, ווערענד דאס ווערט געטהון ספעציעל, כדי צו בעשיצען דיך און אלע אנדערע פרויען,

און אינזער הײמפּײער, װי אױך אַנדערע מענשען, אין אַ ניט־פּאַל.

— דאָס איז נישט קריסטליך, — האָט מיסעס װאַרדען געזאָגט, שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ.

— נישט קריסטליך! — האָט גאַבריעל אױסגעשריען. — װאָס, צום טײַװעל —

מיסעס װאַרדען האָט אַ קוק געטהון צום באַלקען, װי זי װאָלט זיך געריכט, אַז פּאַר אַזעלכע רײד װעט תיכּף אַראָבפּאַלען אױף זײַערע קעפּ דאָס פײַער־װײַלענדיגע בעט פון צוטיטען שטאָק, צוזאַמען מיט׳ן גאַנצען גאַסט־צימער פון ערשטען; אַזױ װי אָבער קײן מאָמענטאַלע שטראָף פון הימעל איז נישט געקומען, האָט זי אַרױסגעלאָזען אַ טיעפען זיפץ און געבעטען איהר מאַן צו רײדען װײַטער און שיטען מיט הפקרות װאָס מעהר, װײַל ער װײסט דאָך, אַז זי האָט עס ליעב.

אײן אױגענבליק האָט דער שלאָסער גרױס השק געהאַט צו ערפילען איהר װאונש, נאָר ער האָט זיך גובר געװען און מילד געזאָגט:

— איך האָב געװען געװאָלט זאָגען, פאַרװאָס האַלסטו עס פאַר נישט־קריסטליך? װאָס װאָלט געװען מעהר אונקריסטליך, מאַרטאַ — צונױפלעגען די הענד אין לאָזען אַ פרעמדע אַרמע צו־שטערען אונזערע הײַזער, אָדער זיך שטעלען אַנטקעגען, װי מענשען, און זײ פּעריאָגען פון דאַנען? עפּיס אַ שענער קריסט װאָלט איך געװען, װען איך באַהאַלט זיך אונטער׳ן אײװען אין קוק־צו פון דאַרטען, װי אַ באַנדע בערדיגע װילדע ברואים שלע־פּען אַװעק דאָלי׳ן — אָדער דיך — אַ?

בײַ די װערטער „אָדער דיך“ האָט מיסעס װאַרדען נישט װילענדיג אַ שמײכעל געטהון. אין דעם דאָזיגען געדאַנק איז געװען עפּיס אַזױנס שמײכעלהאַפטעס פאַר איהר.

— אָ, װען עס װאָלט האַלטען הערבײַ, איז עפּיס אַנדערש, — האָט זי אַרױסגעשטאַמעלט.

— הערבײַ! — האָט גאַבריעל װידערהאָלט. — עס װאָלט

שוין , ניושקשה, געהאלטען דערביי גאר אין גיכען. אפילו מיגם וואלט מיטגעגאנגען. עפּוס א שווארצער טאמבורין-שפּיעלער, מיט א גרויסען טורבאן איפ'ן קאפּ, וואלט זי אוועקגעטראסקעט אין וואלט שוין געהאט זיין ערליך איסקומעניש, סיידען ער וואלט געווען געפּאנצערט געגען בייסען און דראפּען. הא-חא-הא! איך וואלט איהם, בנאמנות, מוחל געווען. איך וואלט איהם נישט געלאזען שטערען פאר קיין פאל, דעם ארימען יונג.

און דא האט ער זיך ווידער אזוי פינאנדערגעלאכט, אז די טרעהרען האבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען — צום גרויסען פערדרוס פון מיסעס ווארדען, וועלכע האט אויפגעשוידערט ביים געדאנק, אז אזא פרומע פּראטעסטאנטין אין געשעצטע פער-זאן, ווי מיגס איז, קאן גענומען ווערען אין געפאנגענשאפט פון א געצענדיענערשען נעגער.

ווער ווייסט צו וואס דאס שרעקליכע בילד, וואס גאבריעל האט דא אבגעשילדערט, וואלט געקאנט פיהרען, נאר אין דער מינוט האט א פלינקער, לייכטער שריט זיך געלאזען הערען ביי דער שוועל, און דאלי איז אריינגעלאפען אין ארומגעכאפט דעם פאטער'ס האלז.

— קים אמאל! — האט גאבריעל אויסגעשריען. — ווי פיין די זעהסט אויס, דאלי, און ווי שפּעט די ביזט געקומען, מיין הארץ!

ווי פיין זי האט אויסגעזעהן? פיין איז ווייניג צו זאגען, און ווייניג וואלט געווען אפילו דאן, ווען ער וואלט אויסגעשעפּט אלע לויבענדע אייגענשאפטס-ווערטער פון א ווערטער-ביך. איז דען ווען געווען אויף דער וועלט נאך אזא קיילעכדיג, פערשייט, ברענענדיג, הנ'עוודיג ביז צום משוגע ווערען קעצעל מיט אזעלכע ליכטיגע אויגען, ווי די דאזיגע דאלי! וואס פאר א פנים האט געהאט די דאלי פון פאר פינף יאהרען געגען דער דאלי פון איצט! וויפיעל וואגענמאכער, זאטעלנייהער, טישלער און פרא-פעסארען פון אנדערע ניצליכע קינסטען האבען פערלאזען זייערע פאטערס, מוטערס, ברידער, שוועסטער און, דער עיקר, קוזינעס —

אוים ליעבע צו איהר! וויפיעל איינגעקאנטע דושענטעל-לייט — מסתמא מיט קרה'ם עשירות — האבען אבגעוואַרט אין די אוועגדען אויף דער גאס און זיך פריבירט איינטערצוקריפען די אריגענטליכע מיגס און איבערציישיקען דירך איהר א ליעבעס-בריעף מיט א פארשלאג פון זייער האנד! וויפיעל רעקריטען האט זי ציגעשטעלט אין קעניג'ס ארמעע, אויפ'ן ים ווי אויף דער יבשה, בריינגענדיג אין פערצווייפלונג זיינע פערליעבטע איינטערטאנען פין אכטצעהן ביז פינף און צוואנציג יאהר אלט! וויפיעל יונגע מיידלעך האבען עפענטליך ערקלערט, מיט טרעהרען אין זייערע אויגען, אז פאר זייער געשמאק איז זי צו-קורץ, צו-הויך, צו-היציג, צו-קאלט, צו-דיק, צו-דין, צו-בלאנד, צו-טונקעל — צו-אלץ, אויסער שען! און וויפיעל אלטע לייד'ס, נאך דויערנדע בעראטונגען צווישען זיך, האבען געדאנקט גאט, וואס זייערע טעכטער זענען נישט אזעלכע ווי זי, הלואי זאל זי נישט האבען קיין שלעכטען סוף, און צוגעגעבען, הלואי זאלען זיי ליגען זאגען, אבער קיין גוטען וועט זי זיכער נישט האבען, און געקומען צים בעשלוס, אז דער גאנצער טאראראם וועגען איהר שענקייט איז א טעות, א בבא-מעשה און אנ'איינגערעדטע זאך!

נישט אכטענדיג אויף דאס אלעס, איז דאלי ווארדען געבליבען דיזעלבע וואס פריהער, א קאפריז און אזא איבערקלייבערין, אז זי איז נאך אלץ געוועזען דאלי ווארדען, און וועגען די פופציג-זעכציג יינגע-לייט מיט די צובראכענע הערצער האט זי זיך געקימערט אזוי פיעל, ווי דאס וואלטען געוועזען א שטייגער אויסטערן, וואס האבען זיך פערליעבט איבער די אויערן און דערנאך האט מען זיי געעפענט צום מיטאג.

---

37. דאלי'ס טרעהרען.

צוקישט זיך מיט איהר פאטער און מוטער,* איז דאלי אוועק מיט זיי אין דאס קליינע עס-צימער, וואו דער טיש איז שוין געוועזען געגרייט צו מיטאג און וואו מיס מיגס — א טראפעלע זמא-

גערער און ביינעריגער ווי אַמאָל — האָט זי בעגעגענט מיט אַ מין היסטערישען שלוכערץ, וואָס האָט געוואָלט פאַרשטעלען אַ שמייכעל. אין די הענד פון דער דאָזיגער יונגער בתולה האָט זי איבערגעגעבען איהר היטעלע און איבער־ראָק (ביידע ציגעשניטען און געפּיצט מיט מעדערישער קינסט) און געזאָגט מיט אַ גע־לעכטער'ל, וואָס האָט געקאָנט קאָנקורירען מיט'ן שלאָסער'ס האַ־מער־מוזיק:

— אַך, ווי עס פרעהט מיך, צו זיין ווידער אין דער־היים!

— און זאָלסט וויסען, ווי עס פרעהט אינז דיך דאָ צו זעהן דאַלי, — האָט דער פאָטער געזאָגט, אַרומשאַרענדיג איהרע האָהר פון די ליכטיגע אויגען. — גיב מיר אַקוש.

ווען עמיצער פון די יונגע־לייט וואָלט געווען דערביי, וואָלט איך יענעם אודאי געווען אַגאַט'ס רחמנות.

— מיר געפעלט נישט דיין זיין אין דער „וואָרקען”, — האָט גאַבריעל געזאָגט. — ס'איז מיר שווער נישט צו האָבען דיך פאַר מיינע אויגען. נו, וואָס הערט זיך דאָרט עפּיס נייעס דאַלי?

— די דאָרטיגע נייעס ווייסט איהר שוין מסתמא, — האָט דאַלי געענטפערט.

— עה? — האָט דער שלאָסער אויסגערופען. — וואָס איז שוין ווידער?

— נו־ני, — האָט דאַלי געזאָגט, — איהר ווייסט עס זעהר גוט. איך וויל טאַקע, איהר זאָלט מיר זאָגען, וואוהין מיסטער העררדייל — און ווי זייער ער איז עס ווידער געוואָרען! — איז אַוועקגעפאָהרען זינט עטליכע טעג, און צי וואָס פאָהרט ער אַרום, נישט זאָגענדיג זיין פלימעניצע קיין וואָרט וועגען דעם?

— מיס עממאַ וויל עס גאָרנישט וויסען, דאָס קאָן איך שווערען, — האָט גאַבריעל געענטפערט.

— דאָס ווייס איך נישט, — האָט דאַלי געזאָגט, — אָבער איך, יעדענפאַלס, וויל עס וויסען. זאָגט מיר, איך בעט אייך. וואָס איז ער אַזוי שווייגענדיג, און וואָס איז דאָס פאַר אַגעשיכטע

מיט אמת, וואָס קיינער טאָר זי נישט דערצעהלען מיט עמעצ'ן און וועלכע האָט, קענטיג, אַ שייכות צו זיין אַוועקפאָהר? אָ, איצט זעה איך, אַז איהר ווייסט טאַקע: איהר זענט רויט געוואָרען.

— וואָס דאָס איז פאַר אַ געשיכטע און וואָס פאַר אַ שייכות זי האָט צו זיין רייזע, ווייס איך נישט מעהר ווי די, מיין קינד,— האָט גאַבריעל געענטפערט, — אויסער דעם, אַז דאָס איז דעם קליינעם סאָלאָמאָנס עפּיס אַנ'איבערשרעק, וואָס האָט מסתמא קיין שום זינען נישט. אין וואָס מיסטער הערדייל אַנבעלאַנגט, איז ער געפאָהרען, גלויב איך —

— יאָ? — האָט דאָלי אונטערגעשטיפּט.

— צוליעב געשעפט, דאָל, — האָט גאַבריעל געענדיגט, געבענדיג איהר אַ קניפּ אין בעקעל. — צוליעב וואָס פאַר אַ געשעפט — דאָס איז שוין אַנ'אַנדער זאַך. לייען דורך די מעשה מיט'ן „בלוי־באָרד" און זיי נישט נייגיריג, קעצעל. דאָס איז נישט דיין, נישט מיין עסק. אָט דערלאַנגט מען מיטאָג, און דאָס איז אַנ'ערך נישט מעהר צו דער זאַך.

דאָלי וואָלט אפשר פּראָטעסטירט געגען אַזאַ פערשווייגען דאָס, וואָס האָט זי אינטערעסירט, נאָר אין דער מינוט האָט זיך מיסעס וואַרדען אַריינגעמישט אין געשפּרעך, ערקלערענדיג, אַז זי קאָן נישט זיצען און שווייגען, בעת מ'ראַטה איהר טאָכ־טער אין איהר געגענוואַרט צו לעזען די געשיכטע פון עפּיס אַ טערק און אַ מיסעלמאַן. נאָך איהר מיינונג, איז אין אַזעלכע שטורמישע צייטען מעהר מצוה זיך צו אַבאָנירען אויפ'ן „דינער", וואו דאָלי קאָן געפינען אַלע רעדעס פון לאָרד דזשאָרדזש גאָרדאָן וואָרט ביי וואָרט, וועלכע וואָלטען איהר געבראַכט פיעל מעהר נוצען אין טרייסט פון הונדערט מיט פופציג „בלוי־בערד" צוזאַמען. זי האָט זיך געווענדט צו מיס מיגס נאָך מאָראַלישער שטיצע, און יענע האָט זיך מודה געווען, אַז, ווירקליך, די גייסטעס־רוה וואָס זי האָט געשעפּט פון דער אויבען־דערמאָהנטער צייטשריפט אים אַלגעמיין און בעזונדערס פון איין אַרטיקעל מיט'ן נאָמען: „גרויס־בריטאַניען צעוויקט אין בלוט", האָט איבערגעשטיגען אַלע

איהרע ערוואַרטונגען: דערזעלבער חבור, האָט מינס צוגעגעבען, האָט אַזוי גוט געווירקט אויף איהרע אַ שוועסטער, וועלכע וואוינט אין גאָלדען לייאָן קאָורט, נימער זיבען אין צוואַנציג, די צווייטע גלאָק רעכטס, אַז אַזוי ווי יענע איז געווען אין דעליקאַטע אומשטענדען אין האָט ערוואַרטעט אַ צוגאָב צו איהר משפחה, האָט זי גלייך נאָכ'ן לעזען דעם אַרטיקעל געקראָגען וועהען און פון דעמאָלט אָן רעדט זי פון הייך וועגען דער אינ-קוויזיציע.

דאָ איז מיסעס וואַרדען אַריינגעפאָהרען מיט אַנ'אַנדער טענה. אויפ'ן קאַמין איז געשטאַנען אַ סאָרט בלעכענע צדקה-פושקע אין דער פאָרם פון אַ הייזעל פון רויטע ציגעל, מיט אַנ'אויפשריפט: „די פראָטעסטאַנטישע אַסאָציאַציע"; אויפ'ן דאַך האָט עס געהאַט אַ קוי-מען, דורך וועלכען מ'פלעגט אַריינוואַרפען אין פושקע די נדבות. וואַרפענדיג אַ בליק אויף דאָס דאָזיגע הייזעל, האָט מיסעס וואַרדען געגעבען די אַרומיגע צו פערשטעהן, וואָס פאַר אַ שמערצען זי האָט דערפון, וואָס וואַרדען האָט נאָך קיינמאָל אַהין גאָרנישט אַריינ-געוואָרפען, אויסער איינמאָל בגנבה די שטיקלעך פון אַ צובראָ-כענע ליולקע, ווי זי האָט זיך נאָכדעם דערוואוסט, וואָס הלואי זאָל עס איהם נישט גערעכענט ווערען ביים יום-הדין. מיט וועה-טאָג מוז זי זאָגען, אַז דאָלי איז נישט פריינדליכער פון איהר פאָטער אין דער בעציהונג, אַז זי האָט, אַפנים, מעהר חשק צו סטענגעס און נאָך אַזעלכע שמאַכטעס, איידער צו שענקען עפיס אויף די הייליגע זאַך, וואָס געפינט זיך אין אַזאַ נויט. לסוף האָט זי זעהר געבעטען די טאָכטער נאָכצוטהון דעם ביישפיעל פון מיס מינס, וועלכע פלעגט אַהין אַריינוואַרפען אינגאַנצען איהר געהאַלט.

— אָ, מעם, — האָט מינס געזאָגט, — דערמאָהנט עס ניט. איך האָב נישט געוואָלט, מ'זאָל דערפון וויסען. די נדבות, מישטיינס געזאָגט, וואָס איך קאָן געבען, האָבען אַ שענע ממשות. דאָס איז מיין גאַנץ פערמעגען, — האָט זי פלוצים אויסגעבראָכען אין טרעהרען, — אָבער עס ווערט מיר בעצאָהלט כפל כפלים.

דאָס איז געווען גאַנץ ריכטיג, הגם אפשר נישט אין דעם זין, אין וועלכען מיגם האָט עס געזאָגט: אַזוי ווי די האָט געוואוסט, ווי זיך אינטערעסירט צו איהר מיסעס, פלעגט די יענע בעשיטען מיט מתנות, ווי היטעלעך, קאָפטעלעך, קליידלעך און אַנדערע מלבושים, — אַזוי אַז דאָס הייזעל פון רויטע ציגעל איז אפשר געווען די בעסטע באַנק, וואוהין מיגס האָט געקאָנט אַריינלעגען איהר קאַפּיטאַל, און האָט איהר געצאָהלט זיבען — אַכט הונדערט פּראָצענט אין געלד און ווענינסטענס פופציג אין דער פאָרם פון ציטרוי און גוטער רעפּוטאַציע ביי איהר מיסעס.

— ווייז נישט, מיגס, — האָט מיסעס וואַרדען געזאָגט, אַליין אין טרעהרען, — האָסט זיך ניט וואָס צו שעמען דערמיט, הגם דיין אומגליקליכע מיסעס האַלט מיט דעמזעלבען צד.

דאָ ערשט האָט זיך מיגס צוקלאָגט אין געזאָגט, זי ווייסט, אַז דער מייסטער האָסט זי; אַז ס'איז אַ שרעקליכע זאַך צו דיענען אין הייזער, וואו מ'האָט זי פיינט און מ'איז איהר נישט צופריעדען; אַנמאַכען מחלוקת אין אַ פאַמיליע — דאָס קאָן זי נישט, איהרע געפיהלען דערלאָזען עס נישט; אויב דעם מייסטער'ס וואונש איז, זיי זאָלען זיך שיידען, איז גלייכער, אַז דאָס זאָל געשעהן וואָס פריהער, און הלואי זאָל ער זיין גליקליך און געפינען אַנאַנדערע, וואָס זאָל איהם בעסער געפעלען; זי גלויבט נישט, אַז זי זאָל אימשטאַנד זיין לאַנג צו לעבען נאָכ'ן שיידען זיך פון אַזאַ מיסעס, נאָר אַזוי ווי מ'האָט זי פיינט, איז איהר טויט אפשר דער בעסטער אויסוועג פאַר אַלע צדדים. ביי דעם דאָזיגען רעדענדיג שלום האָט מיגס זיך פון דאָס ניי בעגאָסען מיט טרעהרען און זיך צו־הליפּעט נאָך שטאַרקער.

— קאָנסטו דאָס איבערטראָגען, וואַרדען? — האָט מיסעס וואַרדען געזאָגט מיט אַ פייערליכער שטים, אַוועקלעגענדיג איהר מעסער און גאָפּעל.

— ס'איז נישט זעהר לייכט, מיין טייערע, — האָט דער שלאָסער געענטפערט, — אָבער איך האַלט זיך איין מיט אַלע קרעפטען.

— איך בעט אייך, מעם, — האָט מיגס אַרויסגעהליפּעט, —

מאַכט ניִשט קיין איבּערדרייַ צוּליעבּ מיר. איך וועל דאָ ניִשט בּלייבּען מעהר קיין איין טאָג, פאַר קיינע אוצרות אין דער וועלט.

אום דער לעזער זאָל זיך ניִשט וואונדערן, וואָס מיגס׳עס גע־פיהלען האָבּען זיך פּלוצים אַזוי צושפּיעלט, וועלען מיר אידם אַרויס־זאָגען דעם סוד, אַז זי האָט אונטערגעהערט הינטער דער טהיר, ווי איהר שטיפגער איז געווען, דאָס געשפּרעך צווישען איהר מייסטער און מיסעס אין דעם שפּאַס, וואָס גאַבּריעל האָט זיך געמאַכט, ווע־גען אַ שוואַרצען טאַמבּורין־שפּיעלער, וואָס קאָן נאָך אויסהאַפּען מיגס׳ן. די גאַנצע צייט האָט עס אין איהר געקאָכט, בּיז זי האָט גע־פונען אַ געלעגענהייט צו עקספּלאָדירען. און אַזוי ווי די לאַגע איז שוין געוואָרען זעהר קריטיש, האָט גאַבּריעל, ווי זיין שטיפגער איז געווען, זיך אונטערגעגעבּען מפּני דרכי שלום.

— וואָס ווייַנסטו, מיידעל? — האָט ער געזאָגט. — וואָס רעדסטו דאָ וועגען האָס? איך האָס דיך ניִשט; איך האָס איבּערהויפּט קיינעם ניִשט. וויש אויס דיינע אויגען, אום גאָטעס ווילען, זיי פריעהליך, און לאָמיר אַלע זיין גליקליך אַזוי לאַנג ווי מיר קאָנען.

די פּערזענליכע מעכטע האָבּען געפונען פאַר טאַקטיש צו בּענוצען זיך דאָסמאָל מיט דער דאָזיגער ענטשולדיגונג פונ׳ם שונא און האָבּען אויסגעווישט די אויגען. מיגס האָט געמאַכט אַ בּעמער־קונג, אַז זי איז ניִשט קיין נוקם ונוטר און ווינשט ניִשט קיין שלעכטס אפילו איהר גרעסטען שונא, פערקעהרט, זי האָט אידם נאָך מעהר ליעבּ, וואָס מעהר פערפאָלגט זי ווערט. מיסעס וואַרדען פון איהר זייט האָט געלויבּט אַזעלכע געפיהלען מיט זעהר הויכע ווערטער און אגב אורחא האָט זי געמעלדען דעם עולם, אַז דאַלי מוז זי היינט אָווענד בּעגלייטען צו אַ מיטינג פון דער פּראָטעסטאַנ־טישער ליגע. דאָס איז געווען אַ גוטער בּעווייז פון איהרע דיפּלאָ־מאַטישע פעהיגקייטען: דערצו האָט זי געציעלט פון אָנהויבּ אָן, נאָר אַזוי ווי אונזער שלאָסער האָט שטענדיג אַרויסגעוויזען גענוי דרייסטקייט בּעת עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דאָלי׳ן, האָט זי פריהער רעכט צעוואָרימט מיגס׳ן, כדי צו אַטאַקירען איהר מאַן דע־מאָלט, ווען ער וועט זיין אָבּגעשוואַכט פון דער פריהערדיגער שלאַכט.

דער מאַגעוור האָט זיך איינגעגעבען אַזוי גוט, אַז גאַבריעל האָט נור געמאַכט אַ זויערע מינע, אָבער נאָך דער באָד, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געהאַט, האָט ער מורא געהאַט צו זאָגען אַ וואָרט דאַגעגען.

דער אינצידענט האָט זיך געענדיגט מיט מתנות פאַר מיגס'ן, — אַ קליידעל פון איהר מיסעס אין אַ האַלבקרוין*) פון דאָלי'ן. מיסעס וואַרדען האָט נאָך צוגעגעבען אַ פּאָר ווערטער מוסר פאַר איהר מאַן, און אַזוי ווי דער מיטאָג איז דערווייל פערקיהלט געוואָרען און אַלע האָבען פערלאָרען דעם אַפּעטיט בעת דעם פריהערדיגען איבערדייך, האָבען זיי דאָס עסען פערענדיגט, ווי מיסעס וואַרדען האָט זיך אויסגעדריקט, „ווי אמת'ע קריסטען".

דעם טאָג האָט בעדאַרפט פאָרקומען אַ פּאַראַד ביי די „קעניגליכע מורה־לאַנדאָנער וואָלאָנטערען", דעריבער האָט שוין וואַרדען נאָך מיטאָג נישט געאַרבייט, איז זיך געזעסען ביים פייער מיט דער ליולקע צווישען די ציינער, זיין אָרעם אַרום דאָלי'ס טאַליע און דאָס שמייכלענדע פּנים מיט ליעבשאַפט געווענדט צו זיין פרוי. שפּעטער, אַז פאַר איהם איז געקומען די צייט אַרויפצוציהען אויף זיך זיין אוניפאָרם, האָט דאָלי גענומען טאַנצען אַרום פאָטער און איהם געהאָלפען זיך אָנטהון.

— ס'איז אַ מזיק אַ שיקסעל דאָס איז! — האָט גאַבריעל געזאָגט וועגען דער טאָכטער צו מיסעס וואַרדען, וועלכע האָט אין דער טיעפעניש פון איהר האַרצען שטאָלצירט מיט איהר מאַנ'ס פיינער פיגור אין מונדיר. — זאָלסט אָבער נישט הייראַטען קיין זעלנער, דאָלי מיין האַרץ.

דאָלי האָט נישט געפרעגט, פאַרוואָס נישט; זי האָט איבערהויפּט גאָרנישט געזאָגט און זיך אָנגעהויבען אָנצובינדען די שייד פון זיין שווערד.

— טהו איך ניר אָן אָט די קליידער, — האָט גאַבריעל געזאָגט, — דערמאָהן איך זיך גלייך אָן דעם אָרימען דושאָו ווילעט. איך האָב איהם ליעב געהאַט; ער איז שטענדיג געווען מיינער

---

*) אַ מאָנעטע פון צוויי מיט אַ האַלבען שילינג.

אַליעבלינג. אַרימער דזשאָ! — אוי, טאָכטערשי, ציה מיך נישט אין אַזוי שטייף!

דאַלי האָט אַלאַך געטהון — כלל נישט איהר געוועהנליכער לאַך — עפּיס אַ מאָדנע געלעכטער׳ל — און זיך אָנגעבויגען נאָך נידעריגער. מיגס איז געשטאַנען אָן אַ זייט און געהאַלטען זיין שווערד מיט דער האַנד אויסגעצויגען ווייט פון זיך, ווי אויס מורא, דאָס שווערד זאָל נישט אַריין עמיצען אין קערפּער פון זיך אַליין.

— אָרימער דזשאָ! — האָט דער שלאָסער פאַרטגעזעצט פערטראַכטערהייד. — הלואי וואָלט ער געקומען צו מיר. איך וואָלט שוין ווי עס איז שלום געמאַכט צווישען זיי. אַ, דער אַלטער דזשאָן האָט געמאַכט אַ פעהלער אין זיין בעגעהן זיך מיט׳ן יונג — אַ גרויסען פעהלער. האָסט נאָך אַלץ נישט צוגעבינדען די שייד, טאָכטער?

די שייד האָט להלוטין געטויגט אויפ׳ן פייער! אָט איז זי שוין ווידער לויז און שלעפּט זיך איבער דער ערד. דאַלי איז געוועזען געצוואונגען זיך אַראָבצובלאָזען אויף די קניה און אָנהויבען פון דאָס ניי.

— לאָז געמאַך דעם יונגען ווילעט, וואַרדען, — האָט זיין ווייב געזאָגט און זיך פערקרימט. — קאָנסט געפינען עמיצען אַנדערס, וואָס איז מעהר ווערטה די רייד.

מיגס האָט געגאָסען — אַלס ראיה צו איהר מיסעס מיינונג.

— ניין, מאַרטאַ, — האָט גאַבריעל אויסגערופען, — לאָמיר נישט זיין אַזוי שטרענג צו איהם. אויב דער בחור איז ווירקליך געשטאָרבען, דאַרף מען זיין פריינדליך צו זיין אָנדענקען.

— אַן אַנטלאָפענער שלעפּער! — האָט מיסעס וואַרדען געזאָגט.

— אַן אַנטלאָפענער יאָ, אָבער נישט קיין שלעפּער, — האָט וואַרדען געענטפערט. — ער האָט זיך אויפגעפיהרט פיין, דער דאָזיגער דזשאָ, שטענדיג פיין. רוף איהם נישט שלעפּער, מאַרטאַ.

מיסעס וואַרדען האָט אַ הוסט געטהון — מיגס אויך דאָס נעמליכע.

— ער האָט זיך נעביך גוט בעמיהט דיר צו געפעלען, מאַרטע, — האָט דער שלאָסער מיט אַ שמייכעל געזאָגט. — נאָך אַ מין בעמיהען זיך! איך געדענק נאָך, ווי עס וואָלט נעכטען געשעהן,

ווי ער איז מיר נאָכגעגאַנגען דרויסען צום גאַנעק פון דער „מיי-פּאָל" איינמאָל ביי-נאַכט און מיך געבעטען, איך זאָל נישט אויס-זאָגען, אַז מ'בעהאַנדעלט איהם ווי אַ יונגעל, — נישט זאָגען דאָ, ביי אונז, האָט ער געמיינט. „און וואָס מאַכט מיס דאָלי, סער?" זאָגט ער אַזוי, — האָט גאַבריעל פערטראַכט גערעדט. — אַך, אָרימער, אָרימער דזשאָו!

— זעהט'ס נור, זאָלט איהר מיר געזונד זיין! — האָט מיגס אויסגעשריען. — אוי, אַ דונער האָט מיך געטראָפען!

— וואָס איז שוין ווידער, האַ? — האָט גאַבריעל געזאָגט און זיך שאַרף אומגעווענדט צו איהר.

— סטיטש! — זאָל איך נישט דערלעבען ביז מאָרגען, אויב מיס דאָלי גיסט נישט מיט טרעהרען! אוי, סער! אוי, מעם! — האָט די געפיהלפולע מאַדמואזעל געפּולדערט, לעגענדיג איהר האַנד אויף די ברוסט. — דער קאָפּ האָט זיך מיר אַזוי פערדרעהט, אַז איהר קאָנט מיך אומוואַלגערן מיט אַ פעדער.

דער שלאָסער האָט געוואָרפען אויף איהר אַזאַ בליק, ווי ער וואָלט זיך געוואונשען, מ'זאָל די מינוט ברינגען אַ פעדער, און אויסגעגלאָצט זיינע אויגען, זעהענדיג, ווי דאָלי לויפט אַרויס פון צימער אין דער בעגלייטונג פון דער מיטפיהלענדער מיגס. הערנאָך האָט ער זיך שטאַמלענדיג געווענדט צו זיין פרוי:

— וואָס איז דאָלי'ן געשעהן? זי איז קראַנק, צי וואָס? דאָס האָב איך דאָ עפּוס אָנגעמאַכט?

— צי דו! — האָט מיסעס וואַרדען אויסגעריפען. — געה שוין בעסער, געה!

— וואָס האָב איך דאָ געטהון אַזוינס? — האָט דער אָרימער גאַבריעל געפרעגט. — מ'האָט אָבגערעדט, מ'זאָל נישט דערמאָהנען מיסטער וואַרדען'ס נאָמען, האָב איך איהם, דאַכט זיך, נישט דערמאָהנט!

מיסעס וואַרדען האָט געענטפערט, אַז זי האָט צו איהם קיין געדולד נישט, און איז אַוועק נאָך יענע צוויי. דער אומגליקליכער

שלאָסער האָט אונטערגעבינדען זיין שווערד, אָנגעטהון זיין הוט און איז אַרויס אויף די גאַס.

ער האָט געשפּאַנט מיט אַ שיינענדיג פּנים, שמייכלענדיג צו די שכנים און שיטענדיג אַרום זיך מיט פריינדליכע גרוסען, ווי אַ מילדען פריהלינגס-רעגען.

38. דריי יונגענד-פריינד.

וואַרדען איז געקומען אַהיים פּינ׳ם פּאַראַד שפּעטליך און האָט געטראָפען ביי זיין טהיר אַ קאַרעטע, און וועלכער ער האָט דערזעהן מיסטער הערדייל׳ס געזיכט.

— גוטען אָווענד, סער, — האָט דער שלאָסער געזאָגט. — עס פרעהט מיך אייך צו זעהן. קומט אַריין אין הויז.

— קיינער איז ביי אייך נישטאָ אין דער-היים, — האָט מיסטער הערדייל געענטפערט. — אויסערדעם, וואָלט איך וועלען, קיינער זאָל מיך נישט זעהן.

— הם... — האָט וואַרדען אַרויסגעברומט. — אַוועק מסתמא מיט טאַביאָנ׳ען צו דער דאָזיגער ליעבהאַרציגער ליגע.

מיסטער הערדייל האָט פערבעטען דעם שלאָסער צו זיך אין די קאַרעטע, און אַז זיי זענען אָבגעפאָהרען אַ שטיקעל וועגס, האָט ער געזאָגט:

— איהר וועט מסתמא ערשטוינט ווערען, וואַרדען, צו הערען, און וואָס איך בין איצט אַריינגעשטהון; עס וועט אייך פאַרקומען זעהר מאָדנע.

— איך צווייפעל נישט, מיין הער, אַז איהר ווייסט, וואָס איהר טהוט, — האָט גאַבריעל געענטפערט. — דאָס זענט איהר נאָר-וואָס צוריקגעקומען אין שטאָדט אַריין?

— מיט איין האַלבער שטונדע צוריק.

— און מסתמא זיך גאָרנישט דערוואוסט וועגען באַרנעבי׳ן אָדער זיין מוטער? איהר פערשפּאָרט עס מיר זאָגען, סער. איך האָב פריהער געוואוסט, אַז אייער טרחה איז אומזיסט. איהר האָט

גענוג געזיכט באַלד נאָך זייער פערשווינדען. אָנהויבען איצט, אין אַ לאַנגער צייט אַרום, אויפס׳ניי — איז האָפנונגסלאָז.

— אָבער וואו פאָרט זענען זיי אַהינגעקומען? — האָט מיסטער הערדייל אונגעדולדיג געזאָגט, — אין דרערד זענען זיי דאָך נישט אַריין!

— גאָט ווייסט, — האָט גאַבריעל געענטפערט. — פיעל מענשען, וועלכע איך האָב געקענט מיט פינף יאָהר צוריק, ריהען שוין לאַנג דאָרטען. אויסערדעם, איז די וועלט גרויס. אומזיסט אייער טרחה, סער, גלויבט מיר. דאָס דאָזיגע געהיימניש, ווי אַלע אַנדערע, מוזען מיר לאָזען דער צייט, דעם צופאַל און גאָט׳ס רצון.

— מיין ליעבער פריינד, — האָט מיסטער הערדייל געזאָגט, — מיין איצטיגער וואונש זיי צו געפינען האָט אַ טיעפערן מיין ווי איהר שטעלט זיך פאָר. דאָס איז נישט קיין קאַפּריז; איך האָב דערביי אַן ערנסטע כונה, וועלכע לאָזט מיך נישט רוהען נישט ביי־טאָג, נישט ביי־נאַכט.

זיין טאָן איז אַזוי געענדערט געוואָרען, אַז גאַבריעל האָט איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינען.

— פרעגט ביי מיר נישט קיין ערקלערונג, — האָט מיסטער הערדייל פאָרטגעזעצט. — ווען איך וואָלט זי אייך געגעבען, וואָלט איהר מיך געהאַלטען פאַר פערריקט. אָבער טהון מוז איך — טהון דאָס, וואָס ווערט אייך פאָרקומען אינפערשטענדליך.

— זינט ווען טראָגט איהר זיך אַרום מיט דעם, וואָס איהר ווילט האַלטען בסוד? — האָט גאַבריעל געפרעגט נאָך אַ פּויזע.

— זינט דער שטורמדיגער נאַכט. זינט דעם לעצטען נייַנצעהנטען מערץ. איהר ווייסט, וואוהין איך פאָהר איצט? אין מיסעס ראָדזשעס הייזעל.

— מיט וואָס פאַר אַ צוועק?

— צו פערברייַנגען דאָרט די נאַכט. און נישט נור איינע — אַ סך נעכט. דאָס איז אַ סעקרעט, וועלכען איך פערטרוי אייך איינ׳ן פאַל, טאָמער מאַכט זיך עפּיס אַזוינס אומגעריכט. קומען צו

מיר זאָלט איהר נישט אַנדערש זיי ווען עס וועט קיין אַנדער ברירה נישט זיין. עממא און אייער מאַכטער מיינען, אַז איך בין נישט אין לאָנדאָן. זאָלען זיי בלייבען ביי דער מיינונג. איך ווייס, אַז איך קאָן זיך אויף אייך פערלאָזען.

און אַזוי ווי ער וואָלט וועלען ענדערן דאָס געשפּרעך, האָט ער פערפיהרט אַ רייד וועגען יענער נאַכט, מיט עטליכע יאָהר צוריק, ווען עדוואַרד טשעסטער איז בערויבט געוואָרען, וועגען דעם רויבער, וועלכען גאַבריעל האָט געזעהן ביי מיסעס ראָדוש אין הויז, פרעגענדיג ביים שלאָסער, מיט אַ נאַכלעסיגער מינע, ווי יענער האָט אויסגעזעהן, ווי הויך ער איז געווען, און דעסגלייכען. אַז זיי האָבען דערגרייכט דאָס היזעל, זענען זיי אַריין אינווייניג, וואו מיסטער הערדייל האָט אַרויסגענומען אַ פּאָר פּיסטאָלעטען און אַוועקגעלעגט אויפ׳ן טיש.

די צימערן זענען געווען מעבלירט פּונקט אַזוי, ווי בעת מיסעס ראָדוש האָט זיי בעוואוינט, נאָר זעהר אָבגעלאָזען און טרויעריג אויפ׳ן העכסטען גראַד. הינטער די ווענד און אויפ׳ן בוידעם זענען אַרומגעלאָפען מייז און האָבען מיט זייער בעוועגונג און גערויש דעם שטיבעל קיין פרעהליכקייט נישט צוגעגעבען.

זיי האָבען נאָך געשמועסט אַ ביסעל, דערנאָך האָט דער שלאָסער געזאָגט „גוט־נאַכט" און איז אַוועק אַהיים צוטומעלט און פערקלערט, נישט קאָנענדיג פערשטעהן, וואָס מיסטער הערדייל איז דאָ אויסען מיט זיין מאָדנער אויפפיהרונג.

מיסטער הערדייל איז געבליבען אַליין. ער האָט פערשלאָסען די טהיר, האָט גוט דורכגעקוקט אַלע צימערן און דערנאָך זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש אין אונטערשטען שטאָק. אויפ׳ן טיש נעבען איהם זענען געלעגען די פּיסטאָלעטען און אַ בוך, אין וועלכעס ער האָט זיך בעמיהט אַריינצוקוקען, אָבער ביים מינדסטען גערויש, ערגיץ אין דער נאָהנט, פלעגט ער אויפשפּרינגען, האַפּען די פּיסטאָלעטען און שטיל זיך צוהערען צו דער טהיר. און יעדעס מאָל, ווען דאָס גערויש האָט אויפגעהערט

און קיינער האט זיך נישט בעוויזען, האט זיין פנים אויסגעדריקט ביטערע ענטטוישונג. אבער זיין געדולד האט זיך נישט אויסגעשעפּט. און ער האט זיך ווידער געזעצט ווארטען אויף עמיצן און געזעסען אזוי ביז'ן ווייסען טאג.

אזוי האט ער פערבראכט פיעל, פיעל נעכט. ער פלעגט קומען פאר-נאכט אין אוועקגעהן מיט'ן טאג. געוועהנליך האט ער געהאט ביי זיך א פוטער-ברויט אין א פלעשעל וויין; דעם וויין פלעגט ער מישען מיט וואסער און דארשטיג טרינקען פון צייט צו צייט, ווי ביי איהם וואלט טריקענען אין האלז פון איבערעגונג אין ערווארטונג. אבער דאס ברויט פלעגט ער כמעט קיינמאל נישט אנריהרען. און די גאנצע צייט האט זיין פנים אויסגעדריקט שטרענגען און פעסטען בעשלוס.

ער האט זיך געדונגען א וואוינונג אין וואקסהאל, וואו ער פלעגט פערברייינגען דעם טאג און זיך אבריהען פון דער נאכט. פאר-נאכט פלעגט ער נעהמען א שיפעל און פאהרען מיט'ן טייך צו „לאנדאנער בריק", כדי אויסצומיידען די רוישיגע גאסען, און פון דארטען געהן צו-פוס צו זיין וואך-פונקט.

אין א געוויסען פאר-נאכט איז ער זיך געגאנגען איבער'ן ברעג פון טייך, מיט דער דעה הירכצושניידען דעם וועסטמינסטער-האל און נעהמען א שיפעל ביי פעלעס-יארד, ווי זיין שטייגער איז געוועזען. ארום ביידע הייזער פון פארלאמענט איז געשטאנען א היבשער עולם מענשען. מ'האט געקוקט אויף די פארבייגעהענדע דעפוטאטען אין גאנץ רוישיג ארויסגעוויזען זייער סימפאטיע אדער אנטיפאטיע צו דעם אדער יענעם פון זיי, לויט זייערע בעוואוסטע אנזיכטען און איבערצייגונגען. הירכשלאגענדיג זיך א וועג צווישען עולם, האט מיסטער הערדייל א פאר מאל געהערט דעם אויסגעשריי: „נא פאפערי!", וועלכער האט זיך צו יענער צייט נעלאזט הערען אלץ עפטער און עפטער. האלטענדיג עס פאר נישט וויכטיג און זעהענדיג דערצו, אז דער אדמיגער המון איז פון דעם נידריגסטען סארט, האט ער זיך ווענען דעם ווענינ געקימערט און איז גלייכגילטיג געגאנגען זיין וועג.

אין דעם אונגעהויערן וועסטמינסטער-זאל האבען זיך ארומגעדרעהט פערשידענע, גרעסערע און קלענערע גרופען מענשען. מיסטער הערדייל איז שוין באלד דורכגעגאנגען די גאנצע געביידע, ווי צוויי פערזאנען האבען פלוצים געצויגען אויף זיך זיין אויפמערקזאמקייט. אן עלעגאנט-געקליידעטער הערר האט שפאצירט אין א ווינקעל, דרעהענדיג א שטעקעלע צווישען זיינע פינגער; א לאנגע פיגור, געבויגען אין דרייען, מיט גרויסע פלאכע אויערן האט זיך נאכגעשלעפט נעבען איהם מיט א זייטעל, האט מיט הכנעה געשאקעלט מיט'ן קאפ און פון צייט צו צייט אריינגעשטעלט א ווארט אין דעם ערשטענ'ס רייד. עפיס אזוינס איז געווען אין די דאזיגע צוויי פיגורען, וואס האט הערדייל'ן פערשאפט אן אונאנגענעהם געפיהל. ער האט זיך שוין געוואלט פערדרעהען אין א זייט און ארויס פון זאל, נאר אין דעם אויגענבליק האבען זיך יענע צוויי אויסגעקעהרעוועט און זיך אנגעשטויסען גלייך אויף איהם, איידער ער האט בעוויזען זיי אויסצומיידען.

דער הערר מיט'ן שטעקעלע האט אויסגערופען:

— הערדייל, ווי איהר זעהט מיך לעבען! דאס איז מערקווירדיג!

דאס איז געווען סער דזשאן טשעסטער.

מיסטער הערדייל האט געוואלט אוועקגעהן. יענער האט איהם פערהאלטען, אויסרופענדיג:

— ליעבער פריינד, וואס איילסטו זיך אזוי? איין מינוט, הערדייל, אין נאמען פון אונזער אלטער בעקאנטשאפט!

— איך האב נישט קיין צייט, — האט מיסטער הערדייל געזאגט. — מיר האבען נישט געזוכט איינער דעם צווייטען. גוט-נאכט!

— פע, ווי גראב! — האט סער דזשאן געזאגט. — מיר האבען גערעדט וועגען דיר. גראד דערמאהנט דיין נאמען — האסט אפשר געהערט? ניין? א שאד. קענסט דאך אט דעם פריינד אונזערן? ווירקליך א מערקווירדיג בעגעגעניש!

דער פריינד האט זיך, קענטיג, געפיהלט נישט זעהר בעקוועם און האט איהם א ציה געטהון ביים ארבעל, אבער סער דזשאן האט זיך געמאכט נישט בעמערקענדיג און אנגעוויזען אויף איהם מיט דער האנד. יענער האט חאן קיין אנדער ברירה נישט געהאט, ווי אויסשטרעקען זיין האנד צו מיסטער הערדייל׳ן. דער האט זי נישט גענומען, און דאס האט זיין לאגע נישט געמאכט פיעל בעקוועמער.

— מיסטער גאשפארד! — האט הערדייל קאלט געזאגט. — עס איז, הייסט עס, ריכטיג, וואס איך האב געהערט. איהר האט פערלאזען די פינסטערניש צוליעב דער ליכטיגקייט און האסט איצט יענע, ביי וועמעס אנזיכטען איהר האט זיך אמאל געהאלטען, מיט דער פערביטערטקייט פון א רענעגאט. איהר זענט א כבוד פאר יעדע אמונה, סער. איך ווינש דער, וועלכע האט געהאפט די מציאה, אז עס זאל איהר וואויל בעקומען.

דער סעקרעטאר האט א רייב געטהון די הענד, ווי ער וואלט וועלען ענטוואפנען הערדייל׳ן מיט זיין הכנעה. סער דזשאן האט ווידער פרעהליך אויסגערופען: „א מערקווירדיגע צוזאמענטרעפונג!“ און האט מיט פערגעניגען גענומען א שמעק טאבאק.

דער סעקרעטאר האט אויפגעהויבען די אויגען, נאר בעגעגנענדיג הערדייל׳ס בליק, האט ער זיי ווידער אראבגעלאזען און געזאגט:

— מיסטער הערדייל איז צו־געוויסענהאפט, צו־עהרליך, צו־מוטהיג צו צושרייבען אונווירדיגע מאטיווען צו אנעהרליכער ענדערונג פון אנזיכטען, אפילו ווען עס געדט געגען זיינע אייגענע. מיסטער הערדייל האט צו־פיעל יושר, איידעלקייט און מאראלישע קלארזיכטיגקייט, אום צו —

— נו, סער? — האט הערדייל איינטערגעהאפט מיט א סארקאסטישען שמייכעל, זעהענדיג, אז יענער איז געבליבען שטעהן אין מיטען. — זאגט איהר, הייסט עס?..

גאשפארד האט א דריק געטהון מיט די אקסלען און געשוויגען.

— ניין, בערעכענט נור, וואס פאר א מאדנע בעגעגעניש דאס איז, — האט זיך מער דזשאן אריינגעמישט. — דא זענען זיך צוזאמענגעקומען, גאנץ ציפעליג, דריי חברים פון שול, דריי שילער פון א פראנצויזישען סעמינאריום, וואו איהר ביידע האט געלערנט איך נים, אלס קאטוילען, וואס טארען נישט בעקומען קיין בילדונג אין ענגלאנד, און איך, אלס יונגער פיעל-פערשפרעכענדער פראטעסטאנט, האב דארט שטודירט די פראנצויזישע שפראך!

— צו דער מאדנעקייט דארף מען נאך צוגעבען, — האט מיסטער הערדייל געזאגט, — אז מאנכע פון אייערע פיעל-פערשפרעכענדע פראטעסטאנטען האבען זיך פעראייניגט אט אין יענער געביידע צו קעמפפען געגען דער איינערהערטער פריווילעגיע, וואס מ׳וויל אונז, קאטוילען, געבען: מיר זאלען מעגען בילדען אונזערע קינדער דא אין לאנד, וואו טויזענדער פון אונז געהען אריין אין אייער דיענסט און שטארבען ביי דער פערטיידיגונג פון דער פרייהייט פון לאנד. גיב נאך צו, אז אט דער דאזיגער גאשפארד העצט-אויף טויזענדער פון אייערע פראטעסטאנטען צו בעטראכטען מענשען פון מיין גלויבען ווי ווילדע חיות. גיב נאך צו דעם פאקט אליין, אז דער דאזיגער מענש לעבט צווישען מענשען, געהט ארום פראנק און פריי איבער די גאסען — איך האב נאך געוואלט זאגען: „האלט דיך דעם קאפ“, אבער דאס טהוט ער דוקא נישט — וועל איך דיר צוגעבען, אז עס איז ווירקליך מאדנע, זעהר מאדנע.

— א, דו ביזט צו-שטרענג צו אונזער פריינד! — האט מער דזשאן מיט א שמייכעל געזאגט. — כ׳לעבען, ביזט צו-שטרענג צו אונזער פריינד.

— זאל ער ריידען, מער דזשאן, — האט גאשפארד געזאגט, קנייטשענדיג זיינע הענטשקעס. — מיך ארט נישט, אז ער רעדט. פאר מיר איז גענוג עהרע אייער גוטע מיינונג וועגען מיר, מעג איך זיך פערגינען נישט צו קימערן זיך וועגען מיסטער הערדייל׳ס מיינונג. מיסטער הערדייל ליידט אליין פון די בעגרענצונגען, קאן איך פון זיין זייט קיין סימפאטיע נישט ערווארטען.

— איך סימפּאַטיזיר מיט אייך אויף אַזוי פיעל, סער, — האָט הערדייל געזאָגט, וואַרפענדיג פון דער זייט אַ פערביטערטען בליק אין סער דזשאָן'ס זייט, — אַז מיך פרעהט צו זעהן אייך אין גוטער געזעלשאַפט. איהר אַליין זענט די עסענץ פון אייער גרויסער אַסאָציאַציע.

דאָ ביזטן זיך שוין טועה, — האָט סער דזשאָן געזאָגט, — דאָ האָסטו געמאַכט אַ טעות, הערדייל, אין דאָס וואונדערט מיך אויף דיר. איך געהער נישט צו דער קער־פּערשאַפט. איך רעספּעקטיר זעהר איהרע מיטגליעדער, אָבער איך אַליין געהער נישט צו איהר, הגם איך בין פאַר די בע־גרענצונגען. איך האָב דערפון גרויס עגמת־נפש, אָבער דאָס איז מיין פליכט.

— בעט איך אייך ענטשולדיגונג, סער דזשאָן, — האָט הערדייל געזאָגט, — דערפאַר, וואָס איך האָב אייך אַריינגעשטעלט צווישען די איינפאַכע ווערקצייג, וואָס שטעלען זיך אַרויס פאַר דער גאַנצער וועלט. איך האָב בעדאַרפט בעסער אָבשאַצען אייערע פעהיגקייטען. מענשען פון אייער שניט אינטריגירען אין דער פינסטער און לאָזען די נאַראָנים זיך ענטפּלעקען פאַר אַלעמען.

— ענטשולדיג זיך נישט, מיין ליעבער, — האָט סער דזשאָן געענטפערט. — אַזעלכע אַלטע פריינד, ווי מיר זענען, מעגען זיך ערלויבען געוויסע פרייהייטען, אויב נישט, איז די וועלט גאָר קיין וועלט נישט.

גאַשפּאָרד, וועלכער האָט זיך געפיהלט זעהר שלעכט, האָט זיך אָנגעהויבען געזעגנען, נאָר מיסטער הערדייל האָט געזאָגט:

— איהר דאַרפט זיך נישט מטריח זיין, מיין גוטער הערר: איך געה אַוועק און לאָז אייך צו־רוה.

ער האָט שוין געוואָלט אַזוי טהון, נאָר אין דעם אוי־גענבליק איז אין זאַל געוואָרען אַ געדויש, און לאָרד גאָרדאָן האָט זיך בעוויזען ביים אַרויסגאַנג פון פּאַרלאַמענט.

איד. ארב. ביבליאטעק
נאם קיט זינגער
מאנטרעאל

39. דער ערשטער שטיין.

די בליקען פון נצחון, הגם פערשידענע איסגעדריקט, וואס האבען זיך בעוויזען אויף די פנימ'ער פון זיינע ביידע מיט־שפרעכער, האבען הערדייל'ן בעוואויגען נישט אבצוטרעטען אהינטער פאר'ן דאזיגען אנפיהרער און בלייבען אויף זיין פלאץ, ביז יענער וועט פארבייגעהן. ער האט זיך איסגעגלייכט אויף זיין גאנצען וואוקס, פערלעגט די הענד אהינטער און געקוקט שטאלץ און פערעכטליך, וועהרענד לארד דזשארדזש האט זיך דערנעהנטערט צום פלאץ, וואו זיי זענען געשטאנען.

ער האט נאר־וואס פערלאזען די דעפוטירטען־קאמער, פון וואנען ער האט, ווי זיין שטייגער איז געווען, געבראכט די לעצטע נייעס וועגען דעם, וואס ווער עס האט געזאגט בנוגע צו די פאפיסטען, ווער עס איז פאר און ווער געגען זיי, ווען דער בעזיץ־בראכע הענגען די ערלייכטערונגען יעצט פארגעבראכט ווערען און ווען איז די בעסטע צייט צו דערלאנגען זייער אייגענע פעטיציע. געענדיגט האט ער מיט א פאר איפהעצענדע פראזען. דער המון ארום האט זיך צוגעריקט נעהנטער און זיך איסגעפידערט ווי יעדער המון — געפילדערט און געטומעלט.

וועהרענד דער המון האט בעגריסט זיינע ווערטער, האט ער זיך ארויסגעריסען פון דער איינגשאפט און איז צוגעטראטען צו גאשפארד'ס זייט. דער סעקרעטאר ווי אויך סער דזשאן זענען געווען דעם עולם בעקאנט, אלע האבען זיך דעריבער אבגערוקט און געלאזען די פיער צוזאמען.

— מיסטער הערדייל, מיסטער דזשארדזש, — האט סער דזשאן פארגעשטעלט, זעהענדיג, אז דער לארד קוקט אויפ'ן פרעמדען מיט א פראגע. — א קאטוילישער דזשענטעלמאן, צום בעדויערן — צום אומגליק, א קאטויל — אבער א געשעצטער בעקאנטער מיינער, ווי אויך מיסטער גאשפארד'ס א געוועזענער. מיין ליעבער הערדייל, דאס איז לארד דזשארדזש גארדאן.

— איך וואלט זיך עס סיי־ווי אנגעשטויסען, ווען אפילו

איך וואָלט זיין לאָרדשאַפט קיינמאָל פריהער נישט געזעהן, — האָט העררייל געזאָגט. — איך האָף, אין ענגלאַנד איז נישטאָ מעהר ווי איין מענש, וואָס ריידענדיג צו אַ אינגויסענדען, אויפגערעגטען המון, זאָל ער זיך ערלויבען זיך אויסצודריקען אַזוי בעליידיגענד וועגען אַ גרויסען טייל פון זיינע מיטבירגער. אַ חרפה און אַ בושה, מילאָרד!

— איך קאָן מיט אייך נישט ריידען, סער, — האָט דער לאָרד הויך געענטפערט, מאַכענדיג געררוועד מיט דער האַנד. — איך האָב מיט אייך קיין געמיינשאַפטליכעס נישט.

— מיר האָבען פיעל געמיינשאַפטליכעס — אַ סך זאַכען — אַלץ, וואָס דער אַלמעכטיגער האָט אונז געגעבען, — האָט העררייל געזאָגט. — גאַנץ געוועהנליכע מענשליכקייט — פון געזונדטען פערשטאַנד און אָנשטענדיגקייט איז שוין אָבגערעדט — וואָלטען אייך בעדאַרפט אָבהאַלטען פון אַזאַ העצעריי. אפילו ווען אַט די מענשען דאָ אַרום וואָלטען אַלע געהאַט געוועהר אין זייערע הענד, ווי זיי האָבען עס אין זייערע קעפּ, וואָלט איך דאָן אייך נישט פערלאָזען דעם דאָזיגען פּלאַץ, אײדער איך זאָג אייך אַז איהר זענט אַ שאַנד פאַר אייער שטאַנד.

— איך הער נישט, וואָס איהר זאָגט, — האָט דער לאָרד געענטפערט רויק, ווי פריהער. — עס קימערט מיך נישט, וואָס איהר זאָגט. ניין, גאַשפּאַרד, נעהמט זיך נישט אָן פאַר מיר, — האָט ער צוגעגעבען, ווייל דער סעקרעטאַר האָט עפּיס געוואָלט געמאַכט אַ בעוועגונג. — מיט געצענדיגנער האָב איך איבערהויפּט קיינע געשעפטען נישט.

— ער וועט זיך אָננעהמען! — האָט העררייל אויסגעשריען. — הערט זיך איין, מילאָרד: קענט איהר דעם דאָזיגען מענשען?

דער לאָרד האָט אַרויפגעלעגט זיין האַנד אויף גאַשפּאַרדס אַקסעל און געענטפערט מיט אַ שמייכעל פון צימרוי.

— אָט דער נפש, — האָט העררייל געזאָגט, בעקוקענדיג איהם פון קאָפּ ביז די פיס, — איז געוועזען אַ גנב נאָך אין זיין קינדהייט און איז געבליבען ביז היינטיגען טאָג אַ פאַלשער, נידער-

פּרעכטיגער אונטערלעקער; אַז דער פּאַרשוין האָט געפּרוּווט דורך דאָס לעבען, ווי אַ חאָרים, און האָט געביסען די הענד, וועלכע ער האָט געלעקט, ווי אַ שלאַנג; דער דאָזיגער פּאַראַזיט, וועלכער האָט אין זיין לעבען נישט געוואוסט, וואָס עהרע, אויפריכטיגקייט אָדער מוטה זענען אַזוינס, האָט אַוועקגעריבט די עהרע פון זיין וואוילטהעטער׳ס טאָכטער, האָט מיט איהר חתונה געהאַט און צובראָכען איהר האַרץ, און געטהין האָט ער עס מיט שמיין אין בריבאַליטעט; אַז דאָס בעשעפעניש האָט געבעטעלט ברויט אונטער קיך-פענסטער און נדבות ביי די טהירען פון אונזערע געבעט-הייזער; דעם דאָזיגען היילוגען אַפּאָסטעל׳ס צאַרטעס געוויסען האָט נישט געקאָנט פערליידען די אַלטאַרען, וואו מ׳האָט איהם עפענטליך געמוסר׳ט פאַר זיין פערדאָרבענער אויפפיהרונג — קענט איהר דעם דאָזיגען מענשען, מילאָרד?

— אָ, בוזט, כילעבען צו-שטרענג צו אינזער ברינד! — האָט טער דושאָן פרעהליך אויסגערופען.

— לאָזט מיסטער הערדייל רידען, — האָט באַשפאָרד געזאָגט, וועהרענד אַ שווייס איז אין פלעקען אַרויסגעטראָטען אויף זיין אונגעזינד געזיכט. — עס אַרט מיך ווי דעם באַר-אַ-יאָהריגען שניי. עס איז מיר אַלץ איינס, וואָס ער זאָל נישט זאָגען, פונקט ווי עס איז פאַרן לאָרד. אַז ער זידעלט אַזוי זיין לאָרד-שאַפט, ווי קאָן איך ערוואַרטען עפּיס בעסערס?

— איך איז נאָך וועניג, מילאָרד, — האָט הערדייל ווייטער געזאָגט, — וואָס איך, פונקט אַזאַ דושענטעלמען ווי איהר, בין געצוואונגען צו האַלטען מיין אייגענטום מיט שווינדעל און קונצען, ווייל די שטרענגע געזעצען ערלויבען אינז נישט צו בעזיצען לאַנד; וועניג, וואָס מיר האָבען קיין רעכט נישט צו לערנען אונזערע קינדער אין שולען די געוועהנליכסטע פּרינציפען פון גיט און שלעכט, — ניין, מיר מוזען נאָך געדולד׳ט און געזידעלט ווערען פון אַזעלכע מענשען ווי דער איז! יאָ, איהר האָט דאָ דעם רעכטען אָנפיהרער פאַר אייער נאָ-פּאָפּערי-

אײנגעשרײ, מילאָרד. שעמען מעגט איהר זיך! איהר מעגט זיך שעמען!

דער פערפיהרטער אַריסטאָקראַט האָט נישט אײנמאָל געװאָרפען בליקען אויף סער דושאָן טשעסטער, װי ער װאָלט פרעגען, צי דאָס אַלעס איז אמת, אויף װאָס יענער האָט צוריק געענטפערט מיט בליקען און מינעס, װי אײנער רעדט: „הײט איך װאָס: עס הויבט זיך נישט אָן!" דער לאָרד האָט דעריבער געענטפערט אַזױ הויך און אויפגערעגט װי פריהער:

— איך האָב אײַך גאָרנישט װאָס צו ענטפערן, מײַן הערר, און װיל מעהר נישט הערען. איך בעט אײַך, איהר זאָלט נישט פאָרטזעצען דאָס געשפּרעך און די פערזענליכע אַנפאַלען אויף מיר. מיט אַזעלכע זאַכען װעט מען מיך נישט אָבשרעקען פון ערפילען מײַן פליכט צו מײַן לאַנד און צו מײַנע לאַנדס־לײַט. מעגען די דאָזיגע אַנפאַלען קומען פונ'ם פּאַבסטס שלוחים אָדער נישט, איהר מעגט מיר גלויבען. קומט, גאַשפּאַרד.

די זענען אָבגעגאַנגען אַ פּאָר טריט װײַטער, רײדענדיג צװישען זיך, און זענען שוין געװען בײַ דער טהיר; מיסטער הערדיל, נישט װענדענדיג זיך מיט קײנעם, האָט זיך אָבגעקעהרט צו די שטיגען, װאָס פיהרען צום טײַך, און אַרויף געטהון דאָס אײנציגע שיפעל, װאָס איז דאָרט געשטאַנען אין יענער מינוט.

צװישען המון אָבער האָט זיך דערװײַל פערשפּרײט דער קלאַנג, אַז דער פרעמדער איז אַ פּאַפּיסט און אַז ער װיל דעם לאָרד גאָרדאָן פאַר זײַן אָננעהמען זיך פאַרן פאָלק. די רײד האָבען דערגרײכט ביז הרויסען, און פון דאָרט האָט אַ פלײץ געטהון אין זאַל אַרײַן אַ מאַסע מענשען, װעלכע האָבען פערהאַפט מיט זיך דעם לאָרד און זײַן סעקרעטאַר און זענען צוגעטראָטען בײַ'ן פלאַץ, װאו הערדיל איז געשטאַנען, װאַרטענדיג אויף דאָס שיפעל.

געטהון האָבען זײ נאָך דערװײַל גאָרנישט, נאָר געשװיגען האָבען זײ אויך נישט. אײנער האָט אַ זאָג געטהון: „נידער מיט די פּאַפּיסטען!" אין אַ װײַלע אַרום האָט עמיצער אויסגע-

דופען: „פערשטיינט איהם!“, א צווייטער: „אין וואסער אריין“, א דריטער: „נא פאפערי!“ דעם לעצטען געשריי האט אונטערגעהאפט די גאנצע מאסע, אנ'ערך צוויי הונדערט מענשען.

מיטטער הערדייל איז זיך רוהיג געשטאנען אויף דער איבערשטער טרעפ, בעת זיי האבען געמאכט די דאזיגע דעמאנסטראציע. דערנאך האט ער געווארפען ארום א פעראַכטליכען בליק און האט זיך לאנגזאם געלאזען אראבגעהן פון די שטיגען. ער איז שוין געווען נעבען דעם שיפעל, נאר אין דעם אויגענבליק האט זיך גאשפארד אומגעקיקט אהינטער, כלומר'שט סתם אזוי. גלייך דערויף איז פון דער מאסע ארויסגעפליען א גרויסער שטיין און דערלאנגט הערדיילן א שווערען זעץ אין קאפ, פון וועלכען ער האט זיך א שאקעל געטהון ווי א שכור'ער.

דאס בלוט האט א שפריץ געטהון פון קאפ און גענומען פליסען איבער זיין ראק. ער האט זיך אויסגעקעהרעוועט און איז ארויפגעלאפען צוריק אויף די שטיגען אזוי דרייסט אין הויז, אז זיי אלע האבען זיך ארוק געטהון אהינטער.

— ווער האט עס געטהון? — האט ער אויסגעשריען. — ווייזט מיר יענעם, וואס האט געווארפען דעם שטיין?

קיינער האט זיך נישט גערוהרט פון ארט, אויסער אין די הינטערשטע רייהען האט זיך עמיצער אוועקגערוקט אן א זייט.

— ווער האט עס געטהון? — האט הערדייל נאכאמאל געזאגט. — ווייזט מיר דעם דאזיגען מענשען. הונד, דאס האסט דו געטהון? דאס איז דיין ארבייט, איך אפילו נישט דיין האנד— איך קען דיך.

מיט די ווערטער איז ער ארויפגעפאלען אויף גאשפארד'ן און האט איהם אנידערגעשלידערט אויף דער ערד. אין דער מאסע איז פארגעקומען א בעוועגונג, אין הענד האבען זיך אויף איהם געלעגט, נאר ער האט ארויסגעהאפט זיין שווערד, וועגען זיי ווידער אלע אבגעטראטען..

— מילארד! סער דושאן! — האט ער אויסגעשריען. — ציהט ארויס אייער שווערד, עמיצער פון אייך — איהר זענט פער-

אגמהארטליך פאר אט די געמיינהייט. אייער שוייערד אַרויס, אויב איהר זענט דושענטעל־לייט!

דערבײַ האָט ער אַ קלאַפּ געטהון סער דושאָנען אין ברוסט מיט דער פּראַך פון זיין שווערד און געבליבען שטעהן מיט געוועהר אין דער האַנד, מיט אַ ברענענדיג פּנים און פינקלענדע אויגען, איינער געגען זיי אַלעמען.

איין אויגענבליק, די קלענסטע צייט, וואָס אַ מענש קאָן זיך פאָרשטעלען, האָט סער דושאָנ'ס גלאַט געזיכט געוויזען אַזאַ ענדערונג, וועלכע קיינער האָט נאָך דערויף נישט געזעהן. אין אַ סעקונדע אַרום איז ער אַרויסגעטראָטען פאָראויס, האָט אַוועקגעלעגט איין האַנד אויף הערדייל'ס אָרעם, בעמיהענדיג זיך מיט דער צווייטער צו בערוהיגען דעם המון.

— מיין ליעבער פריינד, מיין גוטער הערדייל, די ביזט פערבלענדעט פון צאָרן — ס'איז גאַנץ נאַטירליך — אָבער די אונטערשיידעסט נישט פריינד פון פיינד.

— איך קען זיי אַלע, סער, איך אונטערשייד זעהר גוט, — האָט הערדייל געענטפערט, כמעט ווילד פון גרימצאָרן. — סער דושאָן — מילאָרד — איהר הערט, צי ניין? זענט איהר פייגלינגען?

— לאָזט געמאַך, סער, — האָט עמיץ אַ מענש געזאָגט, דורכשטופענדיג זיך דורכ'ן עולם און רוקענדיג איהם מיט פריינדליכער געוואַלט צום שיפעל. — לאָזט געמאַך מיט דער דאָזיגער פראַגע. טראָגט זיך אָב, אום גאָטעס ווילען. וואָס קאָנט איהר טהון געגען אַזאַ מאַסע? אין באַלד וועלען אָנקומען נאָך פון גאַס (אין טאַקע תוך כדי דבור האָבען נייע מחנות אָנגעהויבען אַריינצופליסען), און איהר וועט באַלד אָבגעשוואַכט הערען מיניב האַק, וואָס איהר האָט געקראָגען. געהט אַוועק, סער, איך בעט אייך, אויב נישט, וועט איהר, אויף מיין עהרען־וואָרט, בעהאַנדעלט ווערען ערגער, ווי ווען זיי אַלע וואָלטען געוועזען פרייען און יעדע פרוי — אַ בלוטיגע מערי. קומט, סער, אַזוי שנעל ווי מעגליך.

מיסטער הערדייל, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען צו פיהלען

שלעכט פון דער וואונד, האט איינגעזעהן, אז יענער איז גערעכט. און איז אראב פון די טרעפ מיט זיין אינבעקאנטען פריינד'ס הילף. דזשאן גרובי (דאס איז געוועזען ער) האט איהם געהאלפען איינשטייגען אין שיפעל און האט דעם געגעבען א זאץ שטופ מיט זיין האנד, אז עס איז פערפלויגען אויף דרייסיג פוס הייט אין די מיט פון טייך. דערנאך איז ער זיך געלאזען ארויף צוריק אויף די טרעפ.

דער המון האט אפילו געווען געוואלט זיך אפרעכענען מיט איהם פאר זיין ארייבמישען זיך, נאר אזוי ווי דזשאן גרובי האט אויסגעזעהן זעהר שטארק און גאנץ קאלטבליטיג און דערצו האט ער נאך געטראגען דעם לארד'ס ליוורעע, האבען זיי איהם מפקיר געווען און זיך בעגנוגט מיט נאכווארפען דעם שיפעל עטליכע שטיינדלעך, וועלכע האבען קיינעם נישט געטראפען.

פון דער דאזיגער סעהווילינג זיינען זיי איבערגעגאנגען צו פראטעסטאנטישע קלעפ אין די טהירען פון פריוואט-הייזער, האבען צובראכען א פאר לאמטערנס און געמאכט אנאנפאל אויף א צווי פאליס-לייט. באלד אבער איז ארויס א קלאנג, אז מ'האט געשיקט נאך אנאפטיילונג שיץ-לייט; דער עולם האט היכף געמאכט ביס און געלאזען די גאסען פריי.

איין מענש נאר איז געבליבען אויף דער גאס נאך א ווייל: דאס איז געוועזען גאשפארד, א צוקלאפטער פון זיין פאל און ווילד פון כעס און פון דארשט נאך נקמה. אז דער עולם האט זיך גענומען פונאנדערגעהן, האט דער סעקרעטאר גענומען נאכפאלגען צוויי מענשען, וועלכע ער האט בעמערקט פון דער ווייטען. דאס זיינען געוועזען דעניס דער הענקער און הו פון דער „מייפאול". אין גאס האט ער זיך נישט געוואלט פאר זיי בעווייזען, נאר אז זיי זיינען ענדליך אריין אין א קליין שטיבעל, וואס איז געשטאנען אין א הינטער-געסעל, האט ער גלייך נאך זיי אנגעקלאפט אן טהיר.

— מאסטער גאשפארד! — האט דעניס געזאגט, עפענענדיג

די בחור, אין גרױסער איבּערראַשונג. — װער װאָלט זיך עס
ריכטען אױף אַזאַ כּבֿוד! קומט אַרײַן, מאַסטער גאַשפּאַרד, קומט
אַרײַן, סער!

הגם עס איז שױן געװען שפּעט אין פרילינג, זענען די
נעכט פונדעסטװעגען געװען קאַלטע, און הינטער דער גראַטע
האָט געבּרענט אַ פײַער, בּײַ װעלכען עס איז געזעסען אױף אַ באַנק
אין געדױכערט אַ ליליקע. דענים האָט פאָרגעלעגט גאַשפּאַרד'ן
זײַן אײנציגען שטוהל און אַלײן זיך אױסגעזעצט נעבּען איהם
אױף דער באַנק.

— װי האַלט עס איצט, מאַסטער גאַשפּאַרד? — האָט דער
הענקער געפרעגט, קוקענדיג אױף איהם. — פאַרהאַן אַ װעלכע
בּעפעהלען פון דער הױפּט-קװאַרטיר? דאַרפען מיר שױן אפשר
אָנפאַנגען?

— אָ, גאָרנישט, גאָרנישט! — האָט דער סעקרעטאַר גע-
ענטפערט, מיט אַ פרײַנדליכען טױן צו איהם. — פונדעסטװעגען,
דאָס איז האָבּען מיר דורכגעבּראַכען. געװיס אַ שטיקעל אױס-
בּרױט היינט, אָ, דענים?

— זעהר אַ קלײנינקער, — האָט דער הענקער אַרױסגעבּרומט. —
קלעקט מיר נישט אױף אַ האַלבּען צאָהן.

— און מיר אױך נישט! — האָט ער אױסגעשריען. — ניט
מער צו טהון עפּיס אַזױנס מיט לעבּען דערין — מיט לעבּען דערין,
מײַסטער, האַ-חאַ!

— װי? — האָט דער סעקרעטאַר געזאָגט מיט זײַן ערנסטען
אױסדרוק אױף'ן פּנים און אין זײַן מילדעסטען טאָן. — איהר
װאָלט נישט װעלען עפּיס אַזױנס מיט — מיט טױט דערין?..

— איך װיל נישט װיסען, — האָט ער געענטפערט. — איך
האָב אױף בּעפעהלען. נישט מײַן דאגה.

— נישט מײַנע אױך! — האָט דענים אונטערגעהאַלטען.

— בּראַװע יונגען! — האָט דער סעקרעטאַר געזאָגט מיט
אַ גלײכגילטיגער מינע, פּונקט װי ער װאָלט זיך פאָרגעלעגט אַ העכסט
פײַנע און מיטהיגע מהות. — יאָ, מחשבֿות'ן, — דאָ איז געבּלי-

בען שטעהן אַװײַלע, האָט אַװאָרים געטהון די הענד אין דער־
נאָך פּלוצים אױסגעהױבען די אױגען: — װער האָט עס געװאָרפען
יענעם שטײן?

דעניס האָט אָבגעװוסט אין אַ שאָקעל געשטהין מיט׳ן קאָפּ, װי אײנער רעדט: „װער װײסט?" ער האָט געשװיגען אין גע־הױבערט.

— דאָס איז געװעזען גוט געטהון! — האָט דער סעקרע־טאַר געזאָגט. — איך װאָלט קענען דעם מענשען.

— װירקליך? — האָט דעניס געפרעגט, קוקענדיג, צי ער רעדט ערנסט. — איהר װאָלט איהם װירקליך װעלען קענען?

— איך װאָלט זעהר װעלען.

— אױב אַזױ, — האָט דער הענקער געזאָגט מיט אַ הײזע־ריגען לאַך, צײגענדיג אױף זיך, — אָט זיצט ער. אָט דאָס איז דער בחור. איז דאָס אַ הײציגער יונג, מאָסטער גאַשפּאַרד: איך זאָל איהם הײנט נישט געװעזען צוריקהאַלטען, װאָלט ער דאָרט אױפגעלעגט אָט יענעם קאַטױל און געמאַכט אַ פּאָגראָם.

— און פאַרװאָס דען נישט? — האָט זי אױסגעשריען. — װאָס פּױג אַלץ אָבלעגען? שמיעד, אַזױ לאַנג דאָס אײזען איז הײס, אַזױ איז מײן מײנונג.

— אַ! — האָט דעניס געענטפערט מיט אַ שאָקעל פון קאָפּ. — און װי איז, ברידער, אױב דאָס אײזען איז נאָך נישט הײס? פריהער דאַרף מען זעהן אױפקאָכען דעם עולם׳ס בלוט. הײנט זענען זײ נאָך נישט געװעזען פאַרטיג; װאָלסט נאָר געקאָנט פער־דאַרבען דעם עסק און אונז מאַכען אומגליקליך.

— דעניס איז גערעכט! — האָט גאַשפּאַרד געזאָגט. — דע־ניס קען די װעלט.

— איך מוז זי שױן קענען, — האָט דער הענקער אַרױס־געמורמעלט צו איהם מיט אַ שמײכעל, — װײל איך האָב אַזױ פיעל מענשען געהאָלפען אַװעקצוגעהן פון איהר, אַ, מאַסטער גאַשפּאַרד?

דער סעקרעטאַר האָט איהם אָבגעלאַכט פאַר זײן הײן אַזױ־

פּיעל, װיפיעל יענער האָט געקאָנט פערלאַנגען, און האָט זיך געװענדעט צו זיין:

— איך האַלט אַזױ װי דעניס, װי איהר האָט געקאָנט בעמערקען. צום בײשפּיעל, הײנט, בעת יענער איז איך מיר אָנגעפאַלען. איך האָב אפילו קײן װידערשטאַנד נישט געשטעלט.

— נײן, װי אַ מענש איך בין! — האָט דעניס מיט אַ גערעכטער איבערגעשריען. — איהר האָט זיך אַװעקגעלײגט גאַנץ רוהיג אין גאַנץ פלאַך, האַ-האַ! איך האָב געמײנט, עס איז שוין נאָך איך. יענער פּאַפּיסט איז אַ ביטערער יונג, דאָס איז אמת.

בעת די צװײ האָבען דאָ געלאַכט, האָט דעם סעקרעטאַר'ס פּנים געקאָנט דיענען אַלס אַ סקיצע פאַר'ן טײװעל'ס בילד. ער האָט געשװיגען, ביז זײ האָבען זיך בערוהיגט, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— אַלזאָ, דעניס, מיר איז דאָ װעדער אַנגענעהם, נאָר איך מוז שוין אַװעקגעהן. געקומען בין איך אַהער צוליעב געשעפט, אַ קלײן געשעפטיל. די זאַך איז אַזױ: מיר קאָנען נישט זוכען, װאָס עס הערט זיך מאַכען; אויב מיר זאָלען זײן געצװאונגען, געגען אינזער װילען, זיך װענדען צו געװאַלט-טהאַטען, האָט דער לאָרד, לױט מײן רעקאָמענדאַציע, איך בנוגע בעשטימט צו בעשטראָפען דעם דאָזיגען הערדײלין. איהר מעגט טהון מיט איהם אָדער מיט די זײניגע װאָס איהר װילט, אָבער איהר זאָלט נישט איבערלאָזען פון זײן הויז קײן אײנציגען שטײן אויף זײן אָרט. צוטראָגט עס, פערברענט עס, אָבער ער און זײן פאַמיליע זאָלען בלײבען אָהן אַ דאַך איבער זײערע קעפּ. איהר פערשטעהט?

— אויב מיר פערשטעהען, מײסטער! — האָט יז איבערגעשריען. — איהר רעדט איצט קלאָרע דבורים. אָט דאָס איז װאויל!

— איך האָב געװאוסט, אַז איך װעט עס געפעלען, — האָט גאַשפּאָרד געזאָגט, טרײסלענדיג זײן האַנד. — אַלזאָ, גוט-נאַכט. איך מוז געהן.

אז זיי זענען געבליבען אליין, האבען זיי א קוק געטהון איינער אויפ'ן צווייטען.

— דאס איז שוין אביסעל מעהר טאנג! — האט דעניס געזאגט.

— יא, יא! — האט זי געענטפערט. — דאס שמעקט מיר.

— איך האב געהערט זאגען, — האט דער הענקער פער־טראכט געזאגט, — אז מיסטער גאשפארד האט א וואונדערבארען זכרון און א פעסטען הארַאקטער — ער פערגעסט קיינמאל נישט און פערגיבט קיינמאל נישט. — לאמיר אויסטרינקען פאר זיין געזונד.

זי האט מסכים געווען מיט פערגעניגען, און טרינקענדיג פאר'ן סעקרעטאר'ס געזונד, האט ער נישט פערגעסען, אויף די פאר־לאגע, ווען גאשפארד איז די צוויי געהערטע חברים געווען זעהר צום הארצען.

40. דער בלינדער גאסט.

וועהרענד די ערגסטע ליידענשאפטען פון די ערגסטע מענשען האבען דא געארבייט אין דער פינסטער און זיך געקליבען צו צושטערען דעם פריעדען פון דער געזעלשאפט אונטער דער פרימע־מאסקע פון רעליגיאן, האט א נייער פארפאל ווידער געענדערט די לאגע פון צוויי העלדען פון אינזער געשיכטע, פון וועלכע מיר האבען זיך שוין לאנג געשיידט און צו וועלכע מיר מוזען זיך איצט אומקעהרען.

אין א קליינעם ענגלישען פראווינץ־שטעדטיל, אונטער א פרעמדען נאמען האבען געוואוינט בארנעבי און זיין מוטער אין פריעדליכער ארימקייט. אהן שמחות און תעניגים, אבער אויך אהן בעזונדערע דאגות און שוויריגקייטען, אויסער דער טעגליכער אר־בייט פאר'ן ביסען ברויט, האבען זיי פערבראכט די פינף יאהר, זינט זיי זענען אוועק פון לאנדאן און איבערגעריסען אלע פריערע אמאליגע פערבינדונגען. די אלמנה האט אבגעגעבען איהר לעבען טאג פאר טאג פאר איהר ארימען זוהן, און אויב מ'קאן רעדען

פון גליק אינטער אזעלכע אומשטענדען, איז זי געווען צופרידען און גליקליך. באַרנעבי, פון זיין זייט, איז געווען דערזעלבער ווי פריהער — זיין פערשטאנד איז נישט קלערער געווארען און זיין ליעבע צו דער מוטער האט זיך נישט פערקלענערט. מייסטענס פלעגט ער איהר ארויסהעלפען אין איהר ארבייט — פלעכטען און פארבערייטען שטרוי, וואס געהט אויף זומער-היטלען; נאר פון צייט צו צייט פלעגט אנקומען אויף איהם אגעוויסע אונרוהיגקייט, און דאן פלעגט ער פערפאלען ווערען פון הויז אויף אטאג אדער צוויי, זיך ארומיאגען איבער די פעלדער און וועלדער און אין לעבען איין לעבען מיט דער נאטור. דערנאך פלעגט ער קומען אמיעדער צוריק און ווידער פערברינגען רוהיג זיין צייט נעבען זיין מוטער.

גריפ איז פאר קיין מאל נישט געווען קיין אומזיסטער עסער אין דער פאמיליע. אדאנק זיינע וואונדערבארע פעהיגקייטען, איז זיין שפראך מיט דער צייט געווארען נאך רייכער און דערצו האט ער זיך אויסגעלערנט צו בעווייזען פערשיעדענע קונצען. פיעל פון די ארימע איינוואוינער פלעגען קומען קוקען אויף דאס חדוש און אויב ער האט נור בעוויליגט צו געבען אפארשטעללונג — וואס עס פלעגט טרעפען נישט שטענדיג, דער זשעני האט זיינע קאפריזען, — האט קיינער נישט געלאזט זיין מיה אונבעלוינט. אזוי אז זיינע פערדיענסטען האבען געשפיעלט נישט קיין קליינע ראָליע אין דעם בודושעט פון דער פאמיליע. — אזוי האט זיך עס געצויגען יאהרען נאכאנאנד.

זייער שטיבעלע איז געשטאנען ביים סאמע ברעג פון שטעדטיל און האט געהאט ארום זיך אקליין גערטעל. אין דעם דאזיגען גערטעל האבען זיי זיך געפינען אין אגעוויסען זומערדיגען פאר-נאכט די מוטער — מיט איהר ארבייט נאך אויף די קניה, באַרנעבי — קוקענדיג אויפ'ן גאלדענעם זון-אונטערגאנג אין מערב-זייט.

— אפיינער אָוועגד, מאמע! — האט ער געזאגט. — וואלטען מיר געהאט האטש אפאר שטיקלעך פון יענעם גאלד, וואס ליעגט

הימענווייז דאָרט אויפ'ן הימעל, וואָלטען מיר שוין רייך געווען אויף דאָס גאַנצע לעבען אונזערס.

— פאַר אונז איז בעסער אָט אַזוי, ווי עס איז, — האָט די אַלמנה געענטפערט מיט אַרוהיגען שמייכעל. לאָמיר זיין צופריעדען. מיר דאַרפען עס נישט פערלאַנגען, אפילו ווען עס זאָל גלאַנצען ביי אונזערע פיס.

— יאָ, — האָט באַרנעבי געזאָגט, — אַזוי איז גאַנץ גוט, נאָר געלד איז אויך נישט קיין שלעכטע זאַך. איך וואָלט וועלען וויסען, וואו מ'געפינט עס. גרינג אין איך וואָלטען פיעל געקאָנט אויפטהון מיט געלד.

— וואָס וואָלסטו געטהון?

— אָ, אַ וועלט! מיר וואָלטען זיך פיין געקליידעט — דו און איך, מיין איך, נישט גרינג; מיר וואָלטען געהאַלטען פערד, הינד, געלעבט גוט און נישט געאַרבייט שווער. איך וואָלט זעהר וועלען וויסען, וואו מ'קאָן עס געפינען.

— דו ווייסט נישט, — האָט זי געזאָגט, אַרויפלעגענדיג איהר האַנד אויף זיין אַקסעל, — וואָס מענשען האָבען זיך ערלויבט צו טהון, כדי עס צו בעקומען, און דערנאָך ערשט האָבען זיי אויסגעפונען, אַז עס גלאַנצט אַם העלסטען פון דער וויטענס, און ווערט דונקעל אין העסליך פון דער נאָהנט.

— אַזוי זאָגסט דו, אַזוי דענקסט דו, — איך וואָלט אָבער פונדעסטוועגען וועלען עס האָבען.

— זעהסטו דען נישט, ווי רויט דאָס איז? — האָט זי געזאָגט. — קיין זאַך אין דער וועלט האָט נישט אויף זיך אַזוי פיעל בלוט-פלעקען, ווי געלד. זאָלסט אפילו נישט אַקלער טהון וועגען דעם. עס האָט געבראַכט גענוג אומגליקען אויף דיין און מיין קאָפּ, מיין טייערער. הלואי זאָלען מיר בעסער ליגען אין קבר, איידער דו זאָלסט אָנהויבען קלערען דערפון.

באַרנעבי האָט זי אָנגעקוקט פערוואונדערט. דערנאָך האָט ער אַפיהר געטהון זיין בליק פון דער רויטקייט אויפ'ן הימעל צו דעם רויטען צייכען אויף זיין האַנד און האָט געוואָלט עפּעס פרעגען,

נאר א נייער געגענשטאנד האט אין דעם אויגענבליק געצויגען אויף זיך זיין אויפמערקזאמקייט.

א מענש, פערשטויבט פון קאפ ביז די פיס, איז געשטאנען נעבען פלויט, וואס האט אבגעטיילט זייער גערטעל פון דעם וועג, און האט ווי געווארט אויף א געלעגענהייט זיך אריינצומישען אין זייער געשפרעך. ער האט געקוקט אויף די זון, און אידרע שטראהלען האבען בעלויכטען זיין געזיכט און געוויזען, אז ער איז בלינד.

— א ברכה אויף די דאזיגע שטימען, — האט דער פארבייגעהער געזאגט. — די זענען ווי אויגען פאר מיר. אפשר וועלען זיי ווידער ריידען און דערפרעהען דאס הארץ פון אן ארימען פוסגעהער.

— אידר האט גאר קיין פיהרער נישט? — האט די אלמנה געזאגט.

— קיין אנדער פיהרערין, אויסער יענער דארט, — האט ער געענטפערט, ווייזענדיג מיט׳ן שטעקען אויף די זון. — און צייטענווייז א מילדערע ביי־נאכט, אבער יענע ארבייט איצט נישט.

— פון ווייט געהט אידר?

— א ווייטער וועג, — האט ער געזאגט, שאקלענדיג מיט׳ן קאפ, — און א שווערער, זעהר א שווערער. וועט אידר אפשר זיין אזוי פריינדליך מיר צו געבען א טרינק וואסער, ליידי?

— פארוואס רופט אידר מיך „ליידי“? איך בין אזוי ארים ווי אידר, — האט די אלמנה געזאגט.

— אייער שפראך איז מילד און איידעל, — האט ער געענטפערט, — אורטייל איך אויף דעם גרונד. אייערע קליידער זעה איך נישט.

— קום דא ארײם, — האט בארנעבי געזאגט, ארויסגעהענדיג פון גערטעל און דערנעהנטערנדיג זיך צום פרעמדען. — גיב מיר דיין האנד. ביזט בלינד און שטענדיג אין דער פינסטער, א? האסט מורא אין דער פינסטער? זעהסטו פנימ׳ער, א? זיי לאכען, זיי קרימען זיך?

– ליידער, זעה איך גארנישט, נישט וואכענדיג, נישט אין שלאף.

— ווי אזוי האט איהר געפונען דעם וועג אזוי ווייט אין אליין? — האט די אלמנה געפרעגט.

— די נויט איז א גוטער לעהרער.

— איהר האט טאקע גוט אראפגעבלאזשעט, — האט זי מיט רחמנות צוגעגעבען.

— מעגליך, זעהר מעגליך, — האט דער בלינדער געענטפערט מיט א זיפץ און אין דערזעלבער צייט מיט עפיס א מין שמייכעלע. — בין איך אייך נאך מעהר דאנקבאר פאר'ן אברוה און פאר'ן טרונק.

דאס וואסער איז געווען קאלט און פריש. פינדעסטוועגען האט ער קוים צוגערידערט דעם קרוג צו זיינע ליפען און איהם גלייך אוועקגעשטעלט.

— קאן איך בעטען א קליינע טובה?

ער האט ארויסגענומען א מטבע און געבעטען בארנעבי'ן קויפען פאר איהם א ברויט אין וועג אריין. בארנעבי האט גענומען דאס געלד און איז פערשוואונדען.

— פארוואס פערשיידענע סארטען און שטופען פון בלינדקייט, — האט דער פרעמדער גענומען ריידען, ווען בארנעבי איז אוועק. — פארוואס א היראטס-בלינדקייט, וועלכע איהר האט אפשר געהאט די געלעגענהייט אליין צו שטודירען, מעם; די קומט כמעט מיט'ן מענשענ'ס אייגענעם ווילען. פארוואס די בלינדקייט פונ'ם פארטיי-מאן און פאליטיקער, — דאס איז די פערבלענדעניש פון אנ'אקס צווישען א גאנצען סקאדראן סאלדאטען אין רויטע מונדירען. פארוואס אויך געוועהנליכע פיזישע בלינדקייט, פאר וועלכע איך קאן דיענען אלס גלענצענדעס ביישפיעל, געגען מיין אייגענעם חשק און ווילען. צו די אלע דארף מען נאך צוגעבען א סארט בלינדקייט פון שכל, פון וועלכער מיר האבען א מוסטער אין אייער אינטערעסאנטען זוהן; אזא בלינדקייט ווערט אפטמאל געשטערט פון געוויסע פונקטען און בליצען און קאן נישט אנגענומען ווע-

דען פאר א פאלשטענדיגע פינסטערניש. הערינער, מעם, האב איך מיר גענומען די פרייהייט צו דערוויטערן אידם פון דאנען אויף א קורצע צייט, ביז מיר ביידע וועלען זיך דא דירכשמועסען א ביסעל, און אזוי ווי איך האב עס געטהון אום איידעלקייט געגען אייך, וועט איהר מיר זיכער ענטשולדיגען, מעם.

ער האט ארויסגענומען פון אינטערן ראק א שטיינערנע פלאש, האט ארויסגעצויגען דעם קארק, צוגעמישט א היבש ביסעל בראנפען צו א גלאז וואסער און העפליך אויסגעטרונקען פאר איהר געזונד און דאס געזונד פון אלע לייטים. דערנאך האט ער זיך בעלעקט מיט פערגעניגען און ווידער אנגעהויבען:

— איך בין א בירגער פון דער וועלט, מעם, און אויב איך פיהר מיך אויף א ביסעלע פריי, איז עס שוין אזא גאנג ביי דער וועלט. איהר וואונדערט זיך, מעם, און פרעגט זיך, ווער איך בין. איך קאן געניג די וועלט אויף צו בערשטעהן עס, הגם איך זעה דאס נישט מיט מיינע אויגען אויסגעדריקט אויף אייער געזיכט. איך וועל תיכף צופריעדענשטעלען אייער נייגיריגקייט, מעם, תיכף ומיד.

ער האט ארונטערגעשטופט זיין פלאש צוריק אונטערן ראק און זיך בעסער איינגעארדענט אויפ'ן שטוהל און זיך מכין געווען צו ריידען ווייטער.

זיין האלטונג האט זיך געענדערט אזוי פלוצים, אזוי אומגעריכט, און די דאזיגע ענדערונג האט זי אזוי דערשראקען, אז זי איז געבליבען זיצען שטום אויף איהר ארט.

— מעם, מיין נאמען איז סטעג, — האט דער בלינדער געזאגט. — מיינער א פריינד, וואס האט זעהר געוואונשען אייך צו זעהן און פערלויף פון די לעצטע פינף יאהר, האט מיר איבערגעגעבען צו מאכען אייך א בעזיך. איך וואלט מיט פערגעניגען געזאגט אייך און אויער אריין יענעם דזשענטעלמענ'ס נאמען. — צום טייוועל, מעם, איהר זענט טויב, צו וואס? איהר הערט דען נישט, אז איך וויל אייך זאגען מיין פריינד'ס נאמען אין אויער אריין?

— איהר פערשפּאַרט זאָגען, — האָט זי געענטפערט מיט אַ פערשטיקטען קרעכץ. — איך זעה שוין, פון וועמען איהר קומט.

— איך בין אָבער אַן'עהרען־מאַן, מעם, און אום איהר זאָלט נישט צווייפלען אין מיינע פאָלמאַכטען, מוז איך אייך זאָגען זיין נאָמען. זייט אַזוי פריינדליך און קומט אַהער.

זי האָט זיך אָנגעבויגען צו איהם, און ער האָט איהר עפּיס אַ מורמעל געטהאָן אין אויער אַריין. זי האָט פערבראָכען די הענד און גענומען אַרומגעהן אויף און אָב איבער'ן צימער. דער בלינדער האָט ווידער צוגעמישט בראַנפען צו אַ גלאָז וואַסער, האָט עס געמיטליך אויסגעטרונקען און גענומען איהר נאָכקוקען מיט זיינע בלינדע אויגען.

— איהר זענט זעהר לאַנגזאַם אין אַ שמועס, מעם, — האָט ער נאָך אַ פּויזע געזאָגט. — אונז וועט אויסקומען צו רעדען אין אייער זוהנ'ס אָנוועזענהייט.

— וואָס דאַרף איך טהון? — האָט זי געפרעגט. — וואָס ווילט איהר פון מיר?

— מיר זענען אָרים, אלמנה, מיר זענען אָרים, — האָט ער געזאָגט, אויסשטרעקענדיג זיין האַנד און דרעהענדיג מיט אַ פינגער פון דער צווייטער אויף איהר פלאַך.

— אָרים! — האָט זי אויסגערופען. — און וואָס בין איך?

— וואָס טויג מיר דער פערגלייך? — האָט דער בלינדער געענטפערט. — איך ווייס נישט. איך וויל נישט וויסען. איך זאָג, אַז מיר זענען אָרים. מיין פריינד'ס אומשטענדען זענען נישט פייגעלדיג, מיינע אויך. מיר וועלען פּראָקלאַמירען אונזערע רעכט, אלמנה, אויב איהר וועט נישט בעצאָהלען פאַר זיי. איהר ווייסט עס אַזוי גוט ווי איך, היינט צו וואָס ניצען די אַלע דבורים?

זי האָט שווייגענדיג אַרומגעשפּאַנט אַ ווײַלע איבער'ן צימער, דערנאָך געבליבען שטעהן:

— ער איז ערגיץ דאָ נישט ווייט?

— אונטער דער האַנד.

— אויב אַזוי, בין איך פערלוירען!

— נישט פערלירען, אלמנה, — האט דער בלינדער געלאַכען געזאגט. — פערקעהרט, איהר זענט געפונען. אַריינגעמען איהם?

— פאַר קיין זאַך אין דער וועלט! — האט זי איבערגעריסען מיט א שוידער.

— זעהר גוט. ווי איהר ווילט, אלמנה. זיין אנוועזענהייט איז דא נישט נויטיג. אבער מיר ביידע מוזען לעבען. צום לעבען דארף מען האבען עסען און טרינקען; צום עסען און טרינקען דארף מען געלד. מעהר זאג איך גארנישט.

— איהר ווייסט דען, ווי אָרים איך בין? — האט זי געזאגט. — איהר זאלט האבען אויגען און וואַרפען א בליק אַרום זיך אין צימער, וואלט איהר געזעהן, אין וואס פאר א דחקות מיר לעבען און וואלט רחמנות געהאט אויף מיר. א, פריינד, זאל אייער אייגען אומגליק ווייך מאכען אייער הארץ געגען מיינעם!

דער בלינדער האט א קנאַק געטהון מיט צוויי פינגער.

— פערשטעהט אַנ'עסק, מאַחאַם, פערשטעהט מיך נאר גוט. איך האב דאס ווייכסטע הארץ אין דער וועלט, איך קאן אָבער דערפון נישט לעבען. א היבש ביסעל פארשוינען לעבען פון א ווייכען קאפ, אבער א ווייך הארץ וואלט געוועזען פאר זיי א גרויסע מניעה. הערט מיך אויס. געשעפט איז געשעפט, און געפיהלען מיט סימפאטיעס האבען דאהער קיין שייכות נישט. אַלס פריינד, וויל איך דא דעם ענין ברייננען אין ארדנונג, אויב מעגליך. אין האלטען האלט עס אט ביי וואס: אויב איהר זענט איצט זעהר אָרים, איז עס אייער אייגענע שולד; איהר האט פריינד, וואס זענען שטענדיג בערייט אייך ארויסצוהעלפען אין א נויט. מיין פריינד איז אין דער ערגסטער לאגע, וואס קאן נור געבען, און אזוי ווי ער איז פערבינדען מיט אייך אין א געוויסען פרט, ערווארטעט ער, נאטירליך, שטיצע פון אייך. ער איז געוועזען ביי מיר אויף קעסט אַלאַנגע צייט, און איך בין איינפערשטאנען מיט דער דאזיגער מיינונג וועגען. איהר האט שטענדיג געהאט א דאך איבער'ן קאפ — ער איז א פערשטויסענער; איהר

האָט אַ זוהן, וואָס שטיצט אײַך אין טרײסט אײַך — ער האָט קײנעם נישט. אַלע פּריווילעגיעס זאָלען בלײַבען בײַ אײן צד — דאָס איז קײן יושר נישט.

זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, נאָר ער האָט נישט געלאָזען, רײדענדיג ווײַטער:

— איהר מוזט, אלזאָ, איהם געבען פון צײַט צו צײַט אַ ביסעל געלד. דאָס איז מײַן עצה. ער טראָגט אויף אײַך קײן האַס נישט, מאַחאַם, אויף אַזוי ווײַט, אַז האָטש איהר האָט איהם זעהר שלעכט בעהאַנדעלט, זאָרגט ער פאַר אײַך זעהר פיעל, און אויב אפילו איהר וועט איהם איצט אויך ענטזאַגען, איז ער פונדעסטוועגען מסכים צו נעהמען אײַער זוהן צו זיך און מאַכען פון איהם אַ מענשען.

די לעצטע ווערטער האָט ער שטאַרק בעטאָנט און געוואַרט אויף אַן ענטפער. איהר אײנציגער ענטפער זענען געווען טרעהרען.

— ער איז אַ פעהיגער בחור, אײַער זוהן, — האָט ער געזאָגט, — און וואָלט געטויגט צו פיעל זאַכען; און ווי איך פערשטעה פון אײַער געשפּרעך, וואָס איך האָב געהערט אָט דאָ פריהער, איז ער גאַנץ געניגט צו פּראָבירען זײַן גליק אויף אַן אַנדער אופן. — מיט אײן וואָרט, אלמנה, מײַן פרײַנד נויטיגט זיך שטאַרק אין צוואַנציג פונט *). אַז איהר האָט געקאָנט אַוועקוואַרפען אַ יעהרליכע שטיצע, קאָנט איהר קריגען פאַר איהם אַזאַ קלײנע סומע. איהר ווײסט שוין, וואוהין זיך צו ווענדען. — אײַלט זיך נישט צו ענטפערן: איהר קאָנט נאָך נאָכדעם חרטה האָבען. בעקלערט זיך אַ ביסעל, אַ צוואַנציג מינוט. פאַר יעדען פונט — אַ מינוט ישוב הדעת. צוואַנציג פונט — פון פרעמדען געלד — וואָס קאָן זײַן לײַכטער! — איך וועל דערווײַל שעפּען אַ ביסעלע פרישע לופט: זי איז זעהר מילד און אַנגענעהם אין דער דאָזיגער געגענד.

*) אַן ערך 200 רובל.

מיט די ווערטער האט ער צונעשלעפט זיין שטוהל צו דער טהיר, האט זיך אויפגעזעצט אזוי, אז קיינער זאל נישט קאנען אריין אדער ארויס אהן זיין וויסען, און זיך געמיטליך גענומען רויכערן זיין ליולקע. אין אזוי איז ער זיך געזעסען גאנץ רוהיג, ווי ביי זיך אין דער־היים, ווארטענדיג אויף דער אלמנה'ס ענטפער און אויף בארנעבי'ס צוריקקומען.

41. ווידער אין גלות

אז בארנעבי איז געקומען מיט'ן ברויט, האט דער בלינדער עס א ווארף געטהון אויפ'ן טיש אין ארויסגענומען זיין פלאש.

— איך האב עפּיס בעסערס, — האט ער געזאגט. — פערזוך נור א ביסעל. — גוט, הא?

ביי בארנעבי'ן זענען די טרעהרען געשטאנען אין די אויגען פונ'ם זופ, בעת ער האט געענטפערט: יא.

— נעהם נאך א ביסעל, — האט סטעג געראטהען. — האב נישט קיין מורא. נישט אפט פערזוכסטו עפּיס אזעלכעס, הא?

— אפט? — האט בארנעבי אויסגעשריען. — קיינמאל ניט!

— ארים? — האט דער בלינדער ארויסגעזיפצט. — דאס טויג נישט. דיין מוטער וואלט געווען גליקליכער, ווען איהר וואלט זיין רייכער.

— אט דאס טאקע האב איך איהר געזאגט, — האט בארנעבי געענטפערט, קוקענדיג אויף איהם גיריג. — זאג מיר, פארהאן א מיטעל צו ווערען רייך?

— א סך מיטלען! הונדערט מיטלען!

— אזוי? וועלכע זענען זיי? — ניין, מאמע, דאס פרעג איך צוליעב דיר, נישט צוליעב זיך! — וואס פאר א מיטלען?

דער בלינדער האט געענטפערט מיט א שמייכעל פון נצחון:

— ביי דער מאמעס פארטוך קאן מען זיי נישט געפינען, מיין ליעבער פריינד.

— ביי דער מאמע'ס פארטוך! — האט בארנעבי אויסגעשרי־

פּען. — איך זיץ ניט שטענדיג ביי דער מאמע'ס מארטוך. אמט־מאל געה איך ארוים פון הויז נאך איידער די זון געהט אייך און קיב צוריק, ווען זי איז שוין לאנג געגאנגען שלאפען. איך פערקריך אין וואלד און טרוים וועגען גאלד, וועגען א סך גאלד, און קלער, וואו געפינט מען עס, וואו גראבט מען עס אוים, ווייל איך וויים, אז איהר וואלט געוועזען בעסער, ווען איך ברייננ אהיים א היבש ביסעל. זאג מיר, וואו איז עס?

— אין דער וועלט, דריימטער בארנעבי, אין דער לוסטיגער, ווישיגער וועלט, ניעמט אין שטילע, פערוואָרפענע ווינקעלעך. צווישען די גרויסע מאסען, אין טומעל אין געדרענג.

— גוט! — האט בארנעבי אויסגעשריען. — הערסט, מאמע? צו וואס הארעוועסטו אזוי שווער פון פריה ביז נאכט, אז מ'קאן געפינען אזוי פיעל גאלד?

— געווים, — האט דער בלינדער געזאגט. — פארוואס ענט־פערט איהר נישט, אלמנה? האט איהר זיך נאך נישט בעשלאסען?

— איך וועל מיט אייך ריידען אונטער פיער אויגען, — האט זי געזאגט.

— נעהמט מיך פאר אנארבעל, — האט סטעג געענטפערט, אויפשטעהענדיג, — און פיהרט מיך וואוהין איהר ווילט. קוראַזש, בארנעבי, מירן נאך ריידען דערפון. דו געפעלסט מיר. ווארט ביז מירן צוריקקומען. נו, אלמנה!

זי האט איהם ארויסגעפיהרט אין גערטעל.

— איהר זענט א פאסענדער שליח, — האט זי געזאגט, קוים האַפּענדיג דעם אטעם, — און פערטרעט גוט יענעם, וואס האט אייך אהער געשיקט.

— איך וועל איהם איבערגעבען אייער מיינונג, — האט סטעג געענטפערט. — ער רעספּעקטירט אייך שטארק, וועט ער מיך נאך מעהר שעצען צוליעב אייער ליעב־ווארט. מיר מוזען קריגען וואס אונז קומט, אלמנה.

— וואס אייך קומט! — האט זי געזאגט. — אין דאס וויסט איהר, אז איין ווארט מיינס...

— נו, וואָס זאָגט איהר געבליבען אין מיטען? — האָט זי נאָך אַ לאַנגער פויזע רוהיג געזאָגט. — צי ווייס איך, אַז אײן וואָרט אייערס קאָן מאַכען אַ סוף פון מיין פריינדס לעבענס-טאָגען? יאָ, איך ווייס. נו, איז וואָס, אַז איך ווייס? דאָס דאָזיגע וואָרט וועט קיינמאָל נישט געזאָגט ווערען.

— איהר ווייסט עס אויף זיכער?

— פאָלשטענדיג — אַזוי זיכער, אַז איך וויל גאָר דערפון נישט רעדען. מיר מוזען זיך בעניצען מיט אונזערע רעכט, אָדער קריגען בעצאָהלט פאַר זיי. געהט נישט אַראָב פון דעם דאָזיגען פונקט, אָדער לאָזט מיך געהן צוריק צו מיין יונגען פריינד און איהם געבען אַ לעקציע, ווי אַזוי ער קאָן זיך ערווערבען אַ פערמעגען. ניין, רעדט נישט! — האָט ער האַסטיג צוגעגעבען. — איך ווייס, וואָס איהר ווילט זאָגען: צי איך האָב מיט אייך קיין מיטלייד נישט, זענענדיג בלינד? — ניין, איך האָב נישט. פאַר-וואָס דענקט איהר עפּיס, אַז איך אין דער פינסטער דאַרף זיין בעסער פון אַנדערע, וועלכע זעהען? זעהט זיך דען גאָט'ס האַנד מעהר אין מיין נישט האָבענדיג גאָר קיין אויגען, איידער אין אייער האָבען צוויי מיט אַמאָל? אַזאַ געוועהנהייט האָט איהר שוין אַלע — צו ווערען נתפעל, ווען אַ בלינדער רויבט אָדער גנב'עט. וואָס איז, קראַנק איז ער צו לעבען פון די פּרוטות, וואָס בארמ-הערציגע מענשען גיבען איהם?.. אַ פלוך אויף אייך אַלע! איהר מיט אַלע אייערע חושים מעגט זיין לימפען, און מיר, וואָס עס פעהלט איינער — און דער וויכטיגסטער הערצי — זענען מחויב צו זיין צדיקים. דאָס איז דער שטענדיגער יושר פון די רייכע געגען די אָרימע, איבער דער גאַנצער וועלט!

ער איז פּלוצים אַנטשוויגען געוואָרען, הערהערענדיג דעם קלונג פון געלד ביי איהר אין האַנד.

— אַהאַ! — האָט ער אויסגערופען. — דאָס שמעקט שוין מיט עפּיס. וואָס איז דער שפּיל, אַלמנה?

— ענטפערט מיר פריהער אויף איין פראַגע, — האָט זי

געזאָגט. — איהר זאָגט, ער איז דאָ נאָהנט. איז ער אַוועק פון לאָנדאָן?

— אַזוי ווי ער איז דאָ נאָהנט, הייסט עס, האָט זיך, אַז ער איז פון דאָרט אַוועק.

— איך מיין — אויף שטענדיג?

— יאָ, אויף שטענדיג. דעם אמת גערעדט, וואָלט ער דאָרט פאוס אָבגעשניטען, ער זאָל נישט געווען אַוועק.

— צעהלט, — האָט זי געזאָגט, אַרויסלעגענדיג געלד אויף אַ באַנק.

— זעקס, — האָט ער איבערגעצעהלט. — מעהר נישטאָ?

— דאָס איז אָבגעשפּאָרט אין פערלויף פון פינף יאָהר צייט. זעקס פונט.

ער האָט זיך אַוועג געטהון אויף דער האַנד, פּריבירט מיט די צייהן און געקלינגען מיט זיי אָן די באַנק.

— דאָס איז צונויפגעקראַצט געוואָרען פּרוטות־ווייז, — האָט זי פאַרזיכערט, — אויפ'ן מאָל, טאָמער רייסט אַ קראַנקהייט אָדער דער טויט מיך אָב פון מיין זוהן. דאָס קאָסט אַסך הונגער און מיה. אויב איהר קאָנט עס נעהמען — נעהמט, גאָר בּתנאי, אַז איהר זאָלט די מינוט פערלאָזען דעם פּלאַץ און זיך נים אומקעהרען צוריק אין הויז, וואו מיין זוהן וואַרט אויף אייך.

— זעקס, — האָט ער געזאָגט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, — זענען נאָך ווייט פון צוואַנציג, אלמנה.

— נאָך אַזאַ סומע, ווי איהר ווייסט, מיז איך דאָך ערשט שרייבען. דערויף דאַרף איך האָבען צייט.

— צוויי טאָג?

— מעהר.

— פיער?

— אַוואָך. קומט צוריק אין אַוואָך אַרום, אין דערזעלבער צייט. אָבער נישט צו מיר אַהיים. וואַרט אין עק גאַס.

— וועל איך אייך דאָרט געפינען?

— וואו נאָך קאָן איך זיך בעהאַלטען?

— הם . . . — האָט דער בלינדער נאָך אַ ביסעל נאָכגעקלערט און געזאָגט. — שטעלט מיך מיט'ן פּנים צום פלאַץ, פון וועלכען איהר רעדט. אָט דאָ איז עס?

— יאָ.

— אין אַ וואָך אַרום, אַלזאָ, ביי זון־אונטערגאַנג. פערגעסט נישט אָן יענעם, וואָס איז איצט ביי אייך אין הויז. דערוויייל, אַ גוטע נאַכט.

זי האָט נישט געענטפערט, און ער האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער. זי האָט איהם נאָכגעקוקט, ביז ער איז פער־שוואונדען. דאַן איז זי האַסטיג אַריין צו זיך אין הויז און האָט פערשלאָסען די טהיר און די פענסטער.

— וואָס איז געשעהן? — האָט באַרנעבי געפרעגט. — וואו איז דער בלינדער?

— אַוועקגעגאַנגען.

— אַוועקגעגאַנגען! — איז ער אויפגעשפרונגען. — וואוהין? איך מוז מיט איהם רייטען.

זי האָט איהם אַרומגענומען און צוגעהאַלטען.

— איך ווייס נישט וואוהין. געה ניט אַרויס, דרויסען זענען היינט פאַרהאַן גייסטער.

— עה? — האָט ער דערשראָקען און שטיל איבערגעפרעגט.

— ריהר זיך נישט פון אָרט. מאָרגען פערלאָזען מיר דעם פלאַץ.

— דעם פלאַץ! דאָס הייזעל און דאָס גערטעל, מאַמע!

— יאָ! מאָרגען פאַר־טאָג. מיר'ן געהן קיין לאָנדאָן, דאָרט וועט מען אונזערע שפּורען פערליערען, וועלען מיר אויסזוכען אַ־נ־אַנדער פלאַץ.

נישט שווער געווען איינצורייהדען באַרנעבי'ן צו דער נסיעה: יעדע ענדערונג איז איהם פאַרגעקומען זעהר אָנציהענד. אין אַ מינוט אַרום איז ער שוין געווען ווילד פון שמחה.

ביי די ערשטע שטראַהלען פון דער זון האָבען מוטער און זוהן פערלאָזען זייער הייזעל. גריפ איז געזעסען אין אַ

קאַרב ביי נערבין אויף דער פּליצע. איינער פון די שכנישע הינט, מיט וועלכע באַרנעבי פלעגט זיך שפּילען, איז זיי געקומען אנטקעגען. באַרנעבי האָט איהם געמוזט הייסען אוועקגעהן מיט אַ זויערע מינע, און דאָס האָט איהם דערביי זעהר וועה געטהון. דער הינט איז אָבגעטראָטען; דערנאָך האָט ער זיך אויסגעקערעוועט און געקוקט אויף איהם מיט אַ נעבעט. באַרנעבי האָט עס נישט געקאָנט פערטראָגען, און אַז ער האָט צום לעצטען מאָל אַמאָך געטהון צו זיין שפּיעל-קאַמעראַד מיט דער האַנד, האָט ער זיך בעגאָסען מיט טרעהרען.

— אָ, מאַמע, מאַמע, בערעכען גאָר, ווי טרויעריג ער וועט זיין, אַז ער וועט קראַצען דער טהיר און זי געפינען שטענדיג געשלאָסען!

אין דעם געדאַנק איז געווען אַזוי פיעל וואַרים הערץ-געפיהל, אַז הגם איהרע אויגען זענען אויך פייכט געוואָרען, וואָלט זי עס פאַר קיין געלד נישט וועלען אויסמעקען פון זיין זכרון.

זייער נסיעה האָט געדויערט אַ היבשע צייט. מעהרסטענטהיילס זענען זיי געגאַנגען צו-פוס און זיך גענעהרט פון גריפ'ס פאָרשטעלונגען, וועלכע ער פלעגט געבען כמעט אין יעדען דאָרף. נאָר צו-ביסלעך האָבען זיי זיך ערלויבט אינטערציפאָהרען אויך, ווען דער ראָב האָט געמאַכט גאָר גוטע געשעפטען.

— מאַמע, — האָט באַרנעבי איינמאָל געזאָגט, — דו האָסט געזאָגט, אַז צום אַלעם ערשטען געהען מיר קיין לאָנדאָן. וועלען מיר דאָרט זעהן דעם בלינדען?

זי האָט געוואָלט זאָגען: „גאָט בעהיט!“, נאָר זי האָט זיך פערכאַפּט און געזאָגט ניין, זי ווייסט נישט; אַנטגעגען. וואָס פרעגט ער עס?

— ער איז אַ קלוגער מענש, — האָט באַרנעבי פערקלערט געענטפערט. — איך וואָלט איהם וועלען זעהן. וואָס האָט ער עס געזאָגט וועגען מאַסען מענשען און וועגען געלד, וואָס מ'קאָן צווישען זיי געפינען? איך דענק, מיר'ן איהם טרעפען אין לאָנדאָן.

— אָבער וואָס דאַרפסטו איהם?

— ער האָט גערעדט וועגען גאָלד, וועלכעס איז אַ זעלטענע זאַך, און — וואָס דו זאָלסט נישט זאָגען — וואָלסט געווען צופריעדען, ווען דו האָסט עס. ער האָט מיר געזאָגט, ער וועט צוריקקומען. פאַרוואָס האָט ער נישט געהאַלטען וואָרט?

— אָבער, טייערער בארנעבי, פריהער פלעגסטו קיינמאָל נישט קלערען וועגען רייכטום אין לוקסוס. ביזט שטענדיג געווען צופריעדען פון אונזער לאַגע.

ער האָט זיך צולאַכט אין געזאָגט: „אָ, יאָ!" נאָר דאָ האָט עפּיס אַנאַנדער זאַך פאַרנומען זיין געדאַנק, אין ער האָט זיי פערגעסען אָן דאָס טעמא פון זייער געשפּרעך.

זי האָט אָבער איינגעזעהן, אַז דער געדאַנק וועגען רייכטום האָט בעהערשט זיין מח אין וועט זיך נאָך אומקעהרען צו איהם נישט איינמאָל, און די אָרימע מוטער איז זעהר אונרוהיג געוואָרען.

ענדליך האָבען זיי דערגרייכט די לעצטע סטאַנציע צעהן מייל פון לאָנדאָן. דאָרט האָבען זיי אָבגעמאַכט מיט אַ פוהרמאַן, וועלכער האָט זיך אויף מאָרגען פיניף אַ זייגער פאַר־טאָג בעדאַרפט אומקעהרען אין שטאָדט אַריין, ער זאָל זיי פאַר אַ קליינגקייט מיטנעהמען אויף זיין פוהר. איבערגענעכטיגט די נאַכט, זאָלען זיי אַרויסגעפאָהרען אין דער בעשטימטער צייט און זיעבען אַ זייגער אין דער־פריה זענען זיי שוין אַראָבגעקראָכען פון דער פוהר נעבען דער וועסטמינסטער־בריק. דאָס איז געווען פריטאָג, דעם 2־טען יוני, 1780.

U. J. P. O. LIBRARY
MONTREAL